STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06987

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גי דע מאָפּאַסאַנ׳ס

געזאַמעלטע ווערק

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

IV.

צווייטע אויסגאבע

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס“
1918

צאָהל פון
פּיידזשעס

פרוי באַפּטיסט	10
דאָס פערשאָלטענע ברויט	8
ראזאליע פרודען	6
אויפ׳ן וואַסער	8
הוטא פּאַטער און הוטא זוהן	19
פּאַרלאָרען	5
דער סוף	10
דער פאַטער	14
דאָס גאַסט הויז	22
דעניס	10
דאָס ציערונג	13
אונפאַרזיכטיגקייט	10
אין דער היים	38
שפּילקעס	8
צימער נומער 11	11
מאַדאַם ליונא׳ס פּראָצעס	7
א פאַמיליע	8
קעניגין האָרטענזע	11
דער גט	9
בערטהא	14
דער יונג	6
דאָס שטיקעל שטריק	11
א פיינדלינג	12
די וואַנצעס	5
דער נסיון	14
דער פּיק ניק	18
אַנדרע׳ס קראַנקהייט	9
דער דערטרונקענער	10

פּרוי באַפּטיסט.

ווען איך בין אריין אין ווארט־צימער פון לובענסקען וואקזאל, האָב איך די ערשטע זאַך א קוק געטהאָן אויף דעם זייגער. ביז דעם אָבגעהן פון פאריזער שנעל צוג, האָב איך געהאַט צו ווארטען נאָך צוויי שטונדען מיט צעהן מינוטען.

איך האָב זיך פּלוצים דערפיהלט אזוי מיעד, ווי איך וואָלט צעהן מאָהל צופוס געגאַנגען. איך האָב זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, זוכענדיג א מיטעל, ווי אריבערצושטופּען די צייט דערנאָך בין איך ווידער פון וואקזאל ארויס און זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר, טראַכטענדיג, וואָס אזוינס צו טהאָן.

די גאַס, ענהליך צו א בולוואר, איז פון ביידע זייטען פערפלאַנצט געוועזן מיט מאָגערע אקאציען־בוימער. צוויי רייהען אונרעגעלמעסיגע, קליינשטעדטעלדיגע הייזלאַך זיינען געגאַנגען בארג ארויף. פון אויבען אויפ'ן בארג האָט זיך געזעהן א וועלדעל, ווי די גאַס וואָלט זיך אין א פּארק געענדיגט.

פון צייט צו צייט איז א קאַץ געלאָפען איבער'ן וועג, פאַרזיכטיג אריבערשפּרינגענדיג איבער די רינשטאָקען. א הונד האָט איילענדיג זיך ארומגעשמעקט דעם צופוסען פון די בוימער, זוכענדיג עפּעס צו פרעסען. קיין מענש איז ניט געוועזן צו זעהן.

מיך האָט אָנגעכאַפּט א שרעקליכער אומעט! וואָס טהוט מען? וואָס מאַכט מען? איך האָב זיך שוין פאַרגעשטעלט דאָס לאַנגע—לאַנגע, אונפערמיידליכע ווארטען אין א קליינעם וואקזאל־רעסטאָראַן, ביי א גלאָז ביער, וואָס מען קען אין מויל ניט נעהמען, צו ביי א לאָקאַלע צייטונגעל, וואָס נודיעט צו לעזען. ערשט פּלוצים האָב איך

דערזעהן א לויה, וועלכע איז אנגעקומען פון אנאנדער ראג גאס און זיך אריינגעקיערעוועט אין דער גאס וואו איך בין געשטאנען.

זעהן דעם טויטען וואגען איז פאר מיר געווען א שטיקעל טרייסט. עס האט בעדייטעט, אמווענינגסטענס צעהן מינוטען צייט געוויגען.

אבער באלד איז מיין אויפמערקזאמקייט פערדאפעלט געווארען. דעם טויטען האבען בעגלייט נור אכט העררן, פון וועלכע איינער האט געוויינט. די איבעריגע האבען זיך פריינדליך אונטערהאלטען. קיין גלח איז ניט נאכגעגאנגען. איך האב א טראכט געטהאן: אהא, הפנים א לויה פון א פריידענקער, וואס האט זיך אבגעזאגט פון דער קירכע! דערנאך האב איך מיר די זאך איבערגעלעגט און געקומען צום שלום, אז אין אזא שטאדט ווי לובעז, מוזען זיך געפינען אמווענינגסטענס א הונדערט פריידענקער, וועלכע וואלטען געהאלטען פאר זייער פפליכט צו געהן צו דער לויה אלס צייכען פון סימפאטיע. וואס, אלזא, בעדייטעט עס פארט? די שנעלקייט, מיט וועלכע דער צוג האט זיך בעוועגט, איז געווען נאך א סמן, אז מען האט דעם טויטען אהן שום פייערליכקייטען און אויך אהן רעליגיעזע צערעמאניעס צו קבורה געפיהרט.

איך האב זיך פארגעשטעלט די פערשיעדענסטע מעגליכקייטען. אזוי ווי די לויה איז גראד פערבייגעגאנגען פערביי מיר, איז מיר איינגעפאלען א מאדנער געדאנק: איך זאל זיך אנשליסען אן די אכט העררן. דאס וועט פערנעהמען אמווענינגסטענס א שטונדע צייט, און איך בין אוועק נאך די אנדערע מיט אן אומעדיגער מינע.

די צוויי מענער, וועלכע זיינען געגאנגען צום לעצטען, האבען זיך ערשטוינט אומגעקוקט און גענומען אין דער שטיל ריידען צווישען זיך. הפנים זיי האבען געפרעגט איינער בייים אנדער'ן, צו איך בין א היגער. דאן האבען זיי זיך געווענדעט צו די צוויי העררן וועלכע זיינען געגאנגען פאר זיי, און יענע פון זייער זייט האבען זיך איצט אומגעדרעהט און מיך אנגעקוקט. די דאזיגע פארשענדרע בליקען זיינען מיר געווען אונאנגענעהם און אום צו מאכען דערצו א סוף, בין איך צוגעגאנגען צו מיינע שכנים, פערנייגט זיך און געפרעגט:

— ענטשולדיגט מיר, מיינע הערךן, וואס איך שטער אייער אונ־טערהאלטונג, אבער אזוי ווי איך האב געזעהן א ניט רעל גיעזע לויה האב איך מיך אויך אנגעשלאסען אן צוג, הגם איך קען ניט דעם טויטען, וועמען איהר גיט איצט זיין לעצטע עהרע.

איינער פון די הערךן האט געענטפערט:

— דאס איז א טויטע!

איך האב פערוואונדערט געפרעגט:

— אבער דאס איז דאך א בירגערליכע לויה?

דער אנדערער הערר, וועלכער האט מיר, קאנטיג, געוואלט אלס־דינגג ערקלעהרען, האט געזאגט:

— אי יא, אי ניין. די גייסטליכע האבען זיך ענטזאגט צו האבען עפעס צו טהאן מיט דער דאזיגער בעערדיגונג.

ניט ווילענדיג האט זיך ביי מיר ארויסגעריסען א פערוואונ־דערטע „אך“. איך בין געוועזן ערשטוינט און האב איצט שוין גאר־נישט פערשטאנען.

מיין פריינדליכער שכן האט געזאגט צו מיר אין דער שטיל:

— אך, דאס איז א גאנץ לאנגע געשיכטע. די יונגע פרוי האט זיך אליין דאס לעבען גענומען — דערפאר האט מ׳ן דאס ניט געקענט אויספיהרען, אז זי זאל קריגען א קריסטליכע בעערדיגונג. דער ערשטער דארט אין פראנט, וועלכער וויינט, איז איהר מאן.

איך האב א ווילע געטראכט, דאן האב איך געזאגט:

— איהר האט מיך זעהר פערוואונדערט און פעראינטערע־סירט, מיין הערר. וועט עס ניט זיין אונפאסענד, ווען איך וועל אייך בעטען מיר די דאזיגע געשיכטע דערצעהלען? אויב דאס איז אייך אונאנגענעהם — דאן טהוט, ווי איך זאל אייך גארניט האבען געפרעגט...

דער הערר האט מיך פערטרויליך גענומען אונטערן ארעם:

— אך ניין! ניט א האאר. ווארט אויס, לאמיר אביסעל צו־ריקבלייבען. איך וועל אייך די געשיכטע דערצעהלען. זי איז זעהר א טרויעריגע. מיר האבען גענוג צייט ביז צום בית עולם. איהר זעהט דארט אויבען די בוימער? דאס איז דער בית עולם. עס איז א שעהן שטיקעל וועג ביז דארט ארויף!

און ער האט אנגעהויבען:

שטעלט זיך פאר, די דאזיגע יונגע פרוי איז געווען די טאכ־טער פון איינעם פון די רייכסטע סוחרים פון אונזער געגענד. ער הייסט פאנטאנעלל. ווען זי איז געווען א קינד עלף יאהר אלט, האט א שרעקליכער אונגליק מיט איהר געטראפען: א דיע־ער האט זי געשענדעט. זי איז שיער ניט געשטארבען א צוקאליעטשעטע פון דעם דאזיגען אונמענש. עס האט זיך אנגעהויבען א שרעק כער פראצעס, וואו עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס ארימע קינד איז שוין זייט דריי מאנאטען געווען דאס אפפער פון דע[illegible] חיה רעה. די ווילדע בעשעפעניש איז צו לעבענס לייגגליכער צוואנגס־ארבייט פעראורטהיילט געווארען.

דאס קליין מיידעלע מיט דעם שאנד פלעק אויף זיך, איז גע־וואקסען איינזאם, עלענד, אהן חבר'טעס, זעלטען ווען געלאסטשעט פון די ערוואקסענע, וועלכע האבען מורא געהאט זיך די ליפען צו פערשמוצען, ווען זיי האבען איהרע ליפען בעריהרט.

זי איז געווארען עפעס א מין סטראשידלע, א בייז וואונדער פאר דער גאנצער שטאדט. שטיל אויפן אויער האט מען געזאגט איינער צום אנדער'ן: „איהר ווייסט דאך... די קליינע פאנטא־נעלל". אויף דער גאס האבען זיך אלע אומגעדרעהט, ווען זי איז פארביינעגאנגען. עס איז נעווען שווער צו קריגען א קינדער מיי־דעל, וואס זאל וועלען געהן מיט איהר שפאצירען, ווייל די דיענסטמיידלאך פון אנדערע פאמיליעס האבען פון איהר געוויכט, ווי פון א צרעת, וועלכע קלעבט זיך צו יעדען, וואס געהט צו נאהענט צו איהר.

עס איז א רחמנות געווען צו קוקען אויף דער ארעמער עופה'לע שפאצירענדיג אויף דער הויפטגאס, וואו אלע קינדער זייינען יעדען נאכמיטאג צוזאמענגעקומען שפיעלען זיך. איינע אליין איז זי געשטאנען נעבען איהר דיענערין און מיט טרויעריגע אויגען צו־געקוקט, ווי עס שטיפען און שפילען זיך די פרעהליכע קינדער. פון צייט צו צייט פלעגט זיך איהר פערוועלען זיין צוזאמען מיט די איבעריגע קינדער. ניט דרייסט, מיט אונזיכערע טריט, ווי בע־וואוסט פון איהר אייגענער אונווירדיגקייט, פלעגט זי זיך פער'־

גנב'עט צורוקען און צונעהן צו די קינדער. אבער אין דעם זעלבען אויגענבליק זיינען פון אלע בענק אויפגעשפרונגען מוטערס, קינדער־מיידלאך, טאנטעס, געכאפט ביי די הענד די מיידלאך, וועלכע האבען זיך געפונען אונטער זייער השגחה, און זיי מיט געוואלד אוועקגעשלעפט. די קליינע פאנטאנעלל פלעגט בלייבען אליין, צו־שראקען, צומישט, ניט פערשטעהענדיג וואס דא טהוט זיך; טרעה־רען האבען זי געשטיקט און דאס הארץ איהר איז שיער ניט צוריי־סען געווארען פאר וועהטאג. דאן פלעגט זי צופאלען צו דער דינ־נערין און שלוכצענדיג בעהאלטען דאס פנים'ל אין איהר שירץ.

ווען זי איז אונטערגעוואקסען איז געווארען נאך ערגער. ווי פון א פעסט־קראנקער האט מען די יונגע מיידלאך געהאלטען ווייט פון איהר. א קאטאוועס, א מיידעל פאר וועלכער עס איז נישטא קיין שום געהיימנים... וועלכע האט פערלארען איהר רעכט אויף דעם סימבאלישען פאמעראנצען־קראנץ, וועלכע נאך כמעט איידער זי האט לעזען געקענט, האט זי שוין דעם שלייער פון יענעם גע־היימנים געהאט ארונטערגעריסען, וועלכע אלע איבעריגע מיידלאך דערוויסען זיך ערשט אין דעם טאג פון זייער חתונה...

ווען זי איז אויף דער גאס געגאנגען — אלע מאל בעגלייט פון איהר גובערנאנטין, עפעס ווי מען וואלט זי שטענדיג געמוזט בעוואכען, אז א נייער אונגליק זאל זי ניט טרעפען — האט זי די אויגען צו דער ערד געהאלטען אראבגעלאזט, געדריקט פון דער גע־היימער שאנדע וואס איז אויף איהר געלעגען. די אנדערע יונגע מיידלאך, וועלכע זיינען א סך וויינינגער אונשולדיג, ווי מען דענקט פון זיי, האבען זעהענדיג זי געשושקעט זיך, געשמייכעלט, זי אנ־געקוקט און אבגעקעהרט דעם קאפ, ווען יענע האט צופעליג אויף זיי א קוק געטהאן.

מען האט זי קוים בעגריסט. נור איניגע הערען האבען פאר איהר די הוט ארונטערגענומען. די מוטערס האבען זיך געהאלטען ווי זיי וואלטען זי ניט בעמערקט. א פאאר קליינע גאסען יונגען האבען זי גערופען „פרוי באפטיסט" נאך'ן נאמען פון דעם דיענער, וועלכער האט זי פערגוואלדיגט.

קיינער האט ניט געוואוסט וויפיעל זי האט אין דער שטיל

אויסגעליטען, דען זי האָט וועניג גערעדט און קיין מאָל ניט גע־לאַכט. אפילו איהרע עלטערען האָבען זיך אויך געפיהלט ניט בע־קוועם אין איהר געגענוואַרט, אזוי ווי זי וואָלט זיי שטענדיג דער־מאָנט אָן איהר אייביגער שולדיגקייט.

אָן עהרליכער מענש וועט ניט געבען די האַנד א בעפרייטען אַרעסטאַנט, וועט יענער זאָל זיין אפילו זיין אייגענער זוהן, ניט אמת? העדר און פרוי פאַנטאַנעלל האָבען געקוקט אויף זייער טאָכטער, ווי זיי וואָלטען געקוקט אויף א זוהן, וועלכער זאָל האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק פון געפענגניס.

זי איז געווען שעהן, בלאַס, שלאַנק, אַנציהענד. ווען ניט יענע געשיכטע וואָלט זי מיר זעהר גוט געפעלען.

און אַט, מיט אַנדערהאַלבען יאָהר צוריק, ווען צו אונז איז אַנגעקומען דער נייער פּרעפעקט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט זיין פּריוואַט סעקרעטער, א קאָמישען יונג, וועלכער האָט, ווי עס שיינט, זיין יוגענד פערבראַכט אין דעם פרעהליכען סטודענטען־קוואַרטאַל.

ער האָט דערזעהן פרייליין פאַנטאַנעלל און זיך אין איהר פער־ליעבט. מען האָט איהם אַלעס דערצעהלט. ער אָבער האָט בלויז געענטפערט:

— אַך, ווען נעמען אַרט עס, דאָס איז גראַד א גוטע פערזיכע־רונג פאַר דער צוקונפט. עס איז מיר ליעבער יואָס דאָס האָט גע־טראָפען פריהער, איידער עס זאָל פּאַסירען שפּעטער. מיט אזא פרוי וועל איך האָבען רוה.

ער איז מיט איהר בעפריינדעט געוואָרען, האָט פאַרגעשלאָגען איהר צו הייראַטען מיט איהם און מיט איהר געהייראַט. דערנאָך, זייענדיג א מענש מיט א פעסטען כאַראַקטער, האָט ער מיט איהר געמאַכט חתונה וויזיטען, ווי עס וואָלט מיט איהר קיינמאָל גאָר־נישט געשעהן. אייניגע האָבען אָבגעענטפערט אויף די וויזיטען, אַנדערע ניט. קורץ, מען האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פער־געסען איהר פאַרגאַנגענהייט און די יונגע פרוי האָט פערנומען א געוויסע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט.

איך מוז אייך זאָגען, אז אויף איהר מאַן האָט זי געקוקט, ווי

אויף א גאט. ער האט דאך איהר די עהרע צוריקגעגעבען, זי, אזוי צו זאגען, מיט לייטען גלייך געמאכט, געגען דער עפענטליכער מיינונג ארויסגעטראטען, איהרע בעליידיגונגען אויף זיך גענומען און צום סוף אלעם בעזיעגט. קורץ, ער האט געהאנדעלט אזוי מוטהיג, ווי גאנץ ווייניג אנדערע מענער וואלטען געוואגט צו האנדלען. און זי האט איהם געליעבט היים, בעגייסטערט, ליידענשאפטליך.

ווען מען האט זיך אין שטאדט דערוואוסט, אז זי איז שוואנגער, דאן האבען אפילו די פיינסטע דאמען פאר איהר זייער הויז געעפענט, אזוי ווי די מוטערשאפט וואלט זי אין גאנצען ריין געמאכט. דאס איז מערקווירדיג, אבער אזוי איז עס שוין...

אלסדינג איז געגאנגען אויסגעצייכענט ביז דא ניט לאנג, ווען די מוזיק פעראיינען פון אונזער געגענד האבען אבגעהאלטען א פעסט. אויף דעם דאזיגען פעסט זיינען אנוועזענד געווען די מאכט־האבער פון אונזער שטאדט און דער פרעפעקט אלס פארזיצענדער ארומגערינגעלט פון זיינע בעאמטע האט געזאלט פארטהיילען פערשיעדענע פרייזען און מעדאליען צו די מוזיק און געזאנג פעראיינען. ער האט נור וואס געענדיגט זיין רעדע און עס האט זיך אנגעהויבען די פערטהיילונג פון די מעדאליען, וועלכע זיין פריוואט סעקרעטער, פאול האמאט, האט דערלאנגט צו די זיעגער.

ווי איהר ווייסט, איז אין אזעלכע זאכען אימער פאראן קנאה, אייפערזוכט, קאנקורענץ, וועלכע ברענגען די מענשען ארויס פון זייער גלייכגעוויכט.

אויף דער טריבונע זיינען געזעסען אלע דאמען פון שטאדט.

עס איז געקומען די רייהע פאר דעם קאפעלמייסטער פון דער שטאדט מאקמיליאן ארויסצוטרעטען. זיין קאפעליע האט ערהאלטען בלויז א צווייטע קלאסע מעדאל. אלע קענען דאך ניט קריגען קיינע ערשטע קלאס מעדאלען, ניט אמת?

ווען דעם פרעפעקט׳ס סעקרעטער האט איהם זיין פרייז דערלאנגט, האט ער עס א ווארף געטהאן צוריק איהם אין פנים אריין און א געשריי געטהאן:

— דיין מעדאל קענסטו בעהאלטען פאר באפטיסטען. יענער

פערדינט זאגאר בעלוינט צו ווערען מיט אן ערשטער קלאס פרייז !..

דא האבען א מאסע מענשען זיך צולאכט. דער המון איז ניט בעזאנדערס מענשען־פריינדליך און פון ערעלקייט וויס ער ווע־ניג; אלע בליקען האבען זיך איצט געווענדעט צור דער אונגליק־ליכער פרוי.

— אה, מיין גאט, האט איהר, מיין הערר, שוין אמאל געזעהן א פרוי וועלכע ווערט משוגע? — ניין? — מיר האבען דאס ביי־געוואהנט. דריי מאל איז זי אויפגעשטאנען און איז צוריק אויף איהר שטול געפאלען, ווי זי וואלט וועלען אנטלויפען, און גלייך איינגעזעהן, אז עס איז אונמעגליך זיך צו מאכען א וועג צווישען דעם עולם ארום איהר.

פון ערגעץ־וואו צווישען פובליקום האט א שטימע אויסגערו־פען:

— העי, פרוי באפטיסט!

דאן איז געווארען א גרויסער גערודער אין וועלכען דער גע־לעכטער האט זיך צונויפגעגאסען מיט דער ענטריסטונג.

א שרעקליכער טומעל. אלעס ארום האט זיך גענומען בעווע־גען ווי די כוואליעס אין צייט פון שטורעם. דאס בעליידיגענדע ווארט איז געגאנגען פון מויל צו מויל. מען האט זיך אויסגעצוי־גען אין דער גאנצער לענג, צו זעהן, וואס פאר א פנים די אונגליק־ליכע מאכט. מענער האבען גענומען זייערע ווייבער אויף די הענד, זיי אויפגעהויבען הויך אין דער לופטען, אום זיי זאלען זי קענען זעהן. מען האט געפרעגט איינער דעם אנדערען:

— וועלכע איז עס דען? יענע אין דעם בלויען קלייד?

עטליכע לאבוסען האבען גענומען קרעהען ווי די העהנער, א הילכענדיג געלעכטער האט אויסגעבראכען און זיך פערשפרייט אין אלע טהיילען פון דעם זאאל.

זי איז געבליעבען זיצען אויף איהר שטוהל א צומישטע, א צושראקענע און האט זיך ניט גערוהרט מיט קיין גליעד, אזוי ווי זי וואלט דא אויסגעשטעלט געווארען אויף בייז וואונדער, אז די גאנצע וועלט זאל אויף איהר קוקען. זי האט ניט געקענט פער־שווינדען, ניט געקענט ריהרען זיך, ניט געקענט דאס פנים בע־

האלטען. איהרע אויגען האבען געהאלטען אין איין פינקלען און זי האט געאטהעמט שווער, ווי א פערד בעת ער קריכט בארג ארויף.

עס האט צוריסען דאס הארץ אויף איהר קוקענדיג.

הערר האמאט, איהר מאן, האט א כאפ געטהאן דעם גראבען יונג פאר׳ן גארגעל און זייביידע האבען זיך גענומען ראנגלען, קייקלענדיג זיך אויף דער ערד צווישען א מורא׳דיגען טומעל.

דאס פעסט איז אונטערגעבראכען געווארען.

אין א שטונדע ארום זיינען הערר און פרוי האמאט געגאנגען אהיים. די יונגע פרוי האט זייט דער בעליידיגונג נאך ניט אויס־גערעדט קיין ווארט, זי האט נור געטרייסעלט זיך פון קאפ ביז די פיס, אזוי ווי עפעס א פרוזשינקע וואלט אלע איהרע נערוועז אין בעוועגונג געבראכט. און פלוצים, נאך איידער איהר מאן האט צייט געהאט זי צוריקצוהאלטען, האט זי א שפרונג געטהאן איבער דעם בריק אין טייך אריין.

דאס וואסער איז דארט טיעף. ערשט אין צוויי שטונדען ארום האט מען זי ארויסגעצויגען פון טייך. זי איז געווען טויט.

דער ערצעהלער איז אנשווייגען געווארען. דאן האט ער צו־געלעגט:

— אפשר איז דאס געווען דאס בעסטע, וואס זי האט גע־קענט טהאן אין איהר לאגע. עס זיינען דא זאכען, וועלכע מען קען בשום אופן ניט פערגלעטען.

איצט פערשטעהט איהר שוין, פאר וואס די גלחים האבען זיך ענטזאגט צו געבען איהר א קריסטליכע בעערדיגונג. אה, ווען די קירכע וואלט זיך ניט ענטזאגט אנטהייל צו נעהמען, וואלט די גאנ־צע שטאדט געקומען צו איהר לויה. איהר פערשטעהט דאך, אז איצט, ווען צו דער אלטער געשיכטע איז נאך צוגעקומען דער זעלבסט מארד, האבען די בכבוד׳יגע פאמיליע מענשען זיך געמוזט האלטען פון דער וויטענס. דערצו איז ביי אונז איבערהויפט א שווערע זאך צו בעגלייטען א טויטען אהן א גלח.

מיר זיינען אריינגעקומען אין די טויערען פון בית עולם, און טיעף גערירט, האב איך געווארט ביז מען האט דעם טויטען־קאס־טען אין קבר ארונטערגעלאזט. דאן בין איך צוגעגאנגען צו דעם

אַרימען פערטרויערטען מאַן און האָב איהם שטאַרק א דריק גע־טהאָן די האנד.

פערוואונדערט האָט ער אויף מיר א קוק געטהאָן מיט זיינע פערוויינטע אויגען און געזאָגט:

— איך דאנק אייך, מיין הערר.

און איך האָב ניט חרטה געהאַט, וואָס איך בין נאָכגעגאנגען נאָך דער דאָזיגער לוים.

דאָס פערשאָלטענע ברויט.

דער אלטער טאייל האָט געהאַט דריי טעכטער. אננאַ, די עלטסטע, וואָס איהר נאָמען האָט אין שטוב מעהר ניט געטאָרט דערמאָנט ווערען. ראָזאַ, די צווייטע, אכטצעהן יאָהר אַלט. און קלאַרע די איינגסטע, פונפצעהן יאָהר אַלט.

דער אלטער טאייל איז געווען אַ אלמן און האָט געארבייט אלס מאַשיניסט אין דער קנאָפּ־פּאבריק פון הערר לעברומען. ער איז געווען אַ בראווער, זעהר געאַכטעטער, זעהר אָפּענהערציגער מאַן, דאָס מוסטער פון אַן עהרליכען ארבייטער. ער האָט געוואָהנט אין האוור, אויף רו דע אנגולעם.

ווען אַננאַ איז אוועק אויף'ן שלעכטען וועג, וואָס מען רופט, איז דער אלטער געווען אויסער זיך. ער האָט געסטראשעט דעם פערפיהרער, אַ יונגער מאַן, וואָס האָט געארבייט אַי אַ קאָנדיטעריי, צו דער'הרג'ענען אויף טויט. דערנאָך האָט ער גענומען הערען פון אלע זייטען, אַז זיין טאָכטער איז אָרענטליך געוואָרען, שפּאָרט אָב געלד אין דער באַנק, טרייבט זיך מעהר ניט ארום אויף די גאַסען, האָט איצט אַ פערהעלטניס נור מיט איינעם אַ בכבוד'ען, געזעצטען מאַן, מיט דעם האַנדעלס־ריכטער דוביאַ. און דער פאָטער האָט זיך בערוהיגט.

ער האָט אפילו זיך נאָכגעפרעגט ביי איהרע אמאָליגע פריינדינען, וואָס פלעגען צו איהר אַמאָל אריינקומען, וואָס זי מאַכט און ווי זי לעבט זיך. און אַז מען האָט איהם געזאָגט, אַז זי וואָהנט אין אַ שעהנעם הויז מיט בילדער אויף די ווענד און מיט טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע, מיט וואַזאַנען און אַנדערע בעפּוצונגען,

דאָן האָט זיך אַ צופריעדענער שמייכעל צוגאָסען איבער זיין פּנים. ער האָט גאַנצע דרייסיג יאָהר געמוזט אַפּאַרבייטען ביז ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פינף-זעקס טויזענד פראַנק! דאָס מיידעל איז גאָר ניט קיין נאַר!

און ווען איז אַ שעהנעם פריהמאָרגען איז דער יונגער טושאר געקומען צו איהם און איהם ערקלעהרט אַז ער וויל חתונה האָבען מיט זיין צווייטער טאָכטער ראָזאַ'ן, איז ער געווען אויסער זיך פאַר שמחה. די טושאַרס זיינען געווען רייכע, בכבוד'ע געשעפטס-לייט. ער האָט געהאַט אמת'ן מזל מיט זיינע טעכטער.

מען האָט בעשטעלט ווען די חתונה זאָל זיין און מען האָט אָפּגעמאַכט, אַז אַ חתונה זאָל מען פּראַווען אַ גרויסאַרטיגע. זי האָט געזאָלט פּאַרקומען אין אַ בעוואוסטען רייכען רעסטאָראַן. אמת טאַקע, אַ פערמעגען האָט דאָס געדאַרפט אָפּקאָסטען, אבער ניט אַלע טאָג איז דאָך אַזאַ יום טוב.

און דאָ אין אַ שעהנעם טאָג, ווען דער אַלטער איז געקומען צו מיטאָג אַהיים און האָט זיך געזעצט מיט זיינע צוויי טעכטער צום טיש, האָט זיך די טהיר פּלוצים געעפענט און אַננאַ איז אַריינ-געקומען. זי איז געווען זעהר עלעגאַנט אָנגעטהאָן, האָט געטראָ-גען רינגען און אַ הוט מיט פעדערען. דערביי איז זי געווען זעהר פריינדליך און ליעב, האָט זיך געוואָרפען אויף'ן האַלז דעם טאַ-טען, וועלכער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט דעם אָטהעם אָפּ-צוכאַפּען, און אַרומגענומען דערנאָך ווייגענדיג איהרעביידע שוועסטער. נאַכדעם האָט זי זיך אָבגעווישט די אויגען, געזעצט זיך און געבעטען אַ טעלער, כדי מיט דער פאַמיליע צו עסען. און האָט אַזוי צונומען דעם אַלטען טאַטען, דאָס זיינע אויגען זיינען מיט טרעהרען פערלאָפען און ער האָט גענומען מורמלען:

— אָט אַזוי טאָכטערל! אָט אַזוי! אָט אַזוי!

דערנאָך האָט זי זיי געזאָגט ווענען וואָס זי איז געקומען. זי האָט ניט געוואָלט, אַז ראָזאַ'ס חתונה זאָל געפּראַוועט ווערען אין דעם רעסטאָראַן, נור ביי איהר אין הויז. דאָן וועט דער טאַ-טע איינשפּאָרען געלד. זי האָט שוין אַלסדינג בעשטעלט, אַלס-דינג בעזאָרגט. זיי מוזען איהר דאָס נאָכגעבען.

דער אלטער איז נאָך מעהר געריהרט געוואָרען און האָט גע־מורמעלט:

— אַט אזוי, טאָכטער'ל! אַט אזוי! אַט אזוי!

אָבער דאָ איז איהם איינגעפאַלען: וועלען די טושארם דאָס ווע־לען? ראזא, די כלה, האָט אויף דעם געענטפערט:

— פאַרוואָס עפּעס זאָלען זיי ניט וועלען. איך'ל שוין זעהן, אַז זיי זאָלען יאָ וועלען. איך וועל איבעררעדען מיט פּהיליפּ'ן.

און נאָך דעם אייגענעם טאָג האָט זי אָבגערעדט מיט איהר חתן און ער האָט איהר ערקלעהרט, אַז ער איז צופריעדען די חתונה זאָל געפייערט ווערען ביי איהר שוועסטער. זיין פאָטער און מוטער זיינען אויך צופריעדען געווען, וואָס זיי וועלען קענען גוט אָפּעסען און נישט דאַרפען צאָהלען. זיי האָבען געזאָגט:

— דאָרט וועט שוין ניט פעהלען פון פייגעל־מילך, וואָרום הערר דוביא באָדט זיך דאָך אין גאָלד.

זיי האָבען נור געוואָלט, מען זאָל זיי ערלויבען איינצולאַדען אַ פּריינדין, פּריילין פלאָרענס, די קעכין וואָס האָט געאַרבייט אויף'ן ערשטען שטאָק אין זייער הויז. אננאַ האָט זיי דאָס אויך ערלויבט.

און דעם לעצטען דיענסטאָג אין מאָנאַט איז געווען די חתונה.

פון דער קירכע זיינען אלע אַוועק צו אננאַ'ן אַהיים. טאָיל האָט פון זיין צד נאָך מיטגעבראַכט אַ פעטער, הערר סאַוואַנע. ער איז געווען אַן עלטערער מענש, וואָס האָט זיך געהאַלטען גע־לאַסען און מיט ווירדע, מעשה פילאָזאָף. אויסער איהם איז פון דער כלה'ס צד נאָך געווען אַן אַלטע מוהמע, מאַדאַם לאַמאַנדוא.

הערר סאַוואַנע האָט געפיהרט אננאַ'ן אונטער'ן אָרם, ווייל מען האָט איהם כבוד אָבגעגעבען.

פאַר איהר טהיר האָט אננאַ אַרויסגעלאָזט דעם אָרם פון סאַוואַנען, אַ וואָרף געטהאָן זיך אין פאָראויס מיט די ווער־טער:

— איך וועל אייך דעם וועג ווייזען!

זי האָט גענומען לויפען אויף די טרעפּ, וועהרענד די געסט האָבען זיך לאַנגזאַם געשלעפּט נאָך איהר.

זי האָט געעפענט די טהיר און אריינגעלאָזט די אַנדערע, וועל־כע האָבען מיט גרויסע אויגען זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, פערוואונדערט פון דעם געהיימען לוקסוס, וואָס זיי האָבען דאָרט געזעהן.

אין סאַלאָן איז געשטאַנען דער טיש געדעקט. דאָס עס־צי־מער איז ניט גענוג גרויס געוועזען פאַר אַלע געסט. א רעסטאָ־ראַטאָר פון דער נאַכבאַרשאַפט האָט דאָס אַלסדינג צוגעגרייט און אין די פלעשער האָט דער וויין געפינקעלט, פון א זונען־שטראַהל בעלייכטעט, וואָס איז דורך א פענסטער געפאַלען.

די דאַמען זיינען אריין אין שלאָף־צימער און האָבען דאָרט זייערע הימ און מאַנטלען אויסגעטהאַן. און דער אַלטער טושאַר, וועלכער איז אויף דער שוועל געבליבען שטעהן, האָט דערזעהן דאָרט דאָס ברייטע, ניעדריגע בעט און גענומען ווינקען צו די מע־נער מיט א ציניזשען שמייכעל. טאַייל אַליין האָט אויסגעזעהן זעהר וואזשנע און מיט פערבאָרגענעם שטאָלץ בעטראַכט דאָס רייכע הויז פון זיין טאָכטער. ער איז געגאַנגען פון צימער צו צי־מער, מיט דער הוט אין דער האַנד. האָט געקוקט און בעטראַכט מיט א מינע פון גרויס דרך ארץ, אזוי ווי ער וואָלט א קירכע בע־קוקט.

אננא איז געוועזען פערהאָוועט, האָט זיך יעדע ווײַלע בעוויזען אין סאַלאָן און איז באַלד ווידער אַנטלאָפען אין די קיך אריין.

צום סוף האָט זי זיך בעוויזען אויף דער שוועל פון עס־צימער און אויסגערופען:

— קומט אַלע צום טיש!

די צוועלף איינגעלאַדענע זיינען צוגעגאַנגען צו א רונדען טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געשטאַנען צוועלף גלעזער, אָנ־געפיהלט מיט מאַדעראַ־וויין.

ראָזא און איהר מאַן האָבען זיך געהאַלטען ארומגענומען און האָבען זיך געקושט. העררר סאַווטאַנען האָט די אויגען ניט אַרונטערגענומען פון אננאַ׳ן, אויפגערעגט פון יענעם געפיהל, וואָס מיידלאַך פון אננאַ׳ס סאָרט וועקען אויף אפילו ביי אַלטע און העסליכע מענער.

דערנאָך האָט מען זיך געזעצט צום טיש. די מחותנים האָבען זיך געזעצט אויף איין זייט טיש, דאָס יונגע פּאָארל אנטקעגען. אננאַ האָט אכטונג געגעבען, אַז די גלעזער זאָלען זיין אנגעגאָסען און אויף די טעלער זאָל עטוואָס ליגען. די געסט האָבען פיעל גע־געסען און געטרונקען, אָבער מען האָט זיך געהאַלטען מיט „שטאָט". מען האָט ניט געשריען און ניט געליאַרעמט, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך אויף א חתונה. מען האָט דרך ארץ געהאַט פאַר דאָס שעהנע הויז. די אַלטע טושאַר האָט געוואָלט מאַכען פרעהליכער דעם עולם, האָט זי זיך געווענדעט צו איהר זוהן:

— הער נור, פּיליפּ, זינג עפּעס!

איהרע שכנים האָבען בעהויפּטעט, אַז איהר זוהן האָט איינע פון די שעהנסטע שטימען אין האָוור.

גלייך איז דער יונגער מאַן אויפגעשטאַנען מיט א שמייכעל און האָט זיך געווענדעט גאַלאַנט און העפליך צו זיין שוועגערין. ער האָט געוואָלט זינגען עפּעס ערנסטעס, אַנשטענדיגעס, וואָס זאָל זיך פּאַסען צו דער פייערליכער שטימונג פון דעם דאָזיגען מאָמענט.

אננאַ האָט געמאַכט א צופריעדענע מינע, אַבגעוואָרפען דעם קאָפּ אויף דאָס ווענטעל פון איהר שטוהל און געוואַרט, ער זאָל אָנ־הויבען צו זינגען. אַלע האָבען זיך א קעהר געטהאָן צו איהם און געוואַרט מיט א מינע פון אויפמערקזאַמקייט אויף די פּנים'ער.

— איך'ל זינגען „דאָס פערשאָלטענע ברויט". — האָט ער ערקלעהרט, אויסגעדרעהט דעם ארם אַזוי, דאָס דער קראַגען אויף'ן האַלז האָט זיך הויך אויפגעהויבען, און אנגעפאַנגען:

„געבענשט איז דאָס ברויט, וואָס פון דער קאַרגער ערד
קריגען מיר ארוים מיט ביטערען שוויים
דאָס ברויט פון דער הייליגער ארבייט, וואָס
דער ארבייטער ברענגט אהיים צו זיך
נאָך א טאָג עהרליכער פּראַצע.
אָבער קינדער, עס איז דאָ א גרינג ברויט,
וואָס פערבלענדעט אונזערע אויגען;
אויף א פערשאָלטענעם פעלד האָט דער גיהנום,

אליין איהם פערזעהט. קינדער, ריהרט איהם ניט אָן!
דאָס איז דאָס ברויט פון שאַנד!
אה, קינדער, ריהרט איהם ניט אָן!"

די גאַנצע געזעלשאפט האָט גענומען ליאַרמען און קלאַפּען בראוואָ. טושאר האָט אויסגעשריען: „אַ, גוט!" די איינגעלאַדענע קעכין האָט געדרעהט צווישען די פינגער אַ קייקעלע פון ברויט און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. הערר סאַווטאַנען האָט געמורמעלט: „זעהר גוט!" און די מוהמע לאַמאַנדרוא האָט שוין געווישט מיט דער סערוועט די אויגען.

דער יונגער מאַן האָט גענומען זינגען דעם צווייטען קופּליעט נאָך מיט מעהר קראַפט:

„עהרט דעם אָרעמאַן, וואָס פון יאָהרען געבראָכען,
וואַרט אויף אייער נדבה, פון נויט געטריבען;
אבער אַ גנב איז דער, וואָס פעראַכטענדיג די ארבייט,
אַ געזונטער, אַ יונגער, שטרעקט אויס די האַנד צו אייך.
דו האָסט בע'גנב'עט יענעם, וואָס האָט זיינע כוחות
פערלאָרען
דו האָסט בע'גנב'עט יענעם, וואָס איז דיין אונגליקליכער
ברודער,
אה, ריהרט ניט אָן יענעם ברויט, דאָס איז ברויט פון שאַנד.
אה, קינדער, ריהרט ניט אָן יענעם ברויט פון שאַנד!"

אַלע, אַפּילו, די צוויי דיענסטען וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנד, האָבען אונטערגעכאַפּט דאָס ליעד. די קוויטשענדיגע, הויכע שטימען פון די פרויען האָבען אריבערגעשריען די שטימען פון די מענער.

די מוהמע און דאָס יונגע ווייבעל האָבען זיך צוּאָמערט אויף'ן קול. דער אַלטער האָט געפּייפט מיט דער נאָז און טושאר האָט פאַר בעגייסטערונג געכאַפּט אַ גאַנצען לאַבען ברויט און געפּאַבעט מיט איהם איבער'ן טיש, די פריינדליכע קעכין האָט שטילערהייט בעגאָסען מיט טרעהרען דאָס קייקעלע ברויט, וואָס זי האָט נאָך אַלץ געדרעהט צווישען די פינגער.

הערר סאַווטאַנען האָט זיך אָנגערופען אין מיטען פון דער

אַרומיגער בעגייסטערונג: „אט דאס הייסט אמת'ע ווערטער, ניט די נארישע שפּאַסען".

אננא, טיעף גערירהט, האט מיט דער האנד געשיקט א קוש איהר שוועסטער און מיט א וואונק אָנגעוויזען אויף איהר מאן, אזוי ווי זי וואָלט איהר וועלען זאגען: „דו מעגסט זיין שטאָלץ, וואס דו האסט אזא מאן!".

און פיליפּ, פער'שיכור'ט פון זיין ערפאָלג, האט געזונגען ווייטער:

„אַה, ליעבע נייהטעריןּ, אין דיין איינפאכען שטיבעל,
האסטו ניט איינמאָל געהערט פון'ם שטן דעם רוף.
אַה, ארעם קינד, ניט פערלאָז דיין נאדעל,
דיינע עלטערין ניט פערלאָז, — דו שיין פון זייערע אויגען.
אין דעם גלאַנץ פון לאסטער וועסטו קיין גליק ניט געפינען,
ווען דיין פאטער וועט אויסגעהן, פלוכענדיג דיך;
אויף דעם אונעהרליכען ברויט וועט דיין פאטער'ס קללה שוועבען.
אַה, קינדער, ריהרט ניט אַן יענעם ברויט פון שאַנד!"

נור טושאר און די צוויי דיענסטען האבען איצט אונטערגע־כאפּט דעם לעצטען קופּליעט, די איבריגע האבען געשוויגען. אננא איז בלייך געווארען און האט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. דער זינ־גער האט זיך אומגעקוקט צומישט, ניט פערשטאנען, ווארום דער עולם איז מיט אמאָל אנשוויגען געווארען. די קעכין האט ארויסגע־לאָזט דאס קייקעלע פון צווישען די פינגער.

הערר סאַווטאנען האט זיך אָנגערופען מיט א וואזשנער מינע:

— דער לעצטער קופּליעט איז געווען גאַנץ איבעריג!

טאייל איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען און האט גע־קוקט ארום זיך מיט אויגען, פול רציחה.

דא האט זיך אננא אָנגערופען מיט א שטימע, אין וועלכער טרעהרען האבען געקלונגען, צו איהרע דיענסטען:

— ברענגט אריין דעם שאַמפּאַניער.

און גלייך זיינען די געסט ווידער פרעהליך געווארען. די פּנים'ער האבען ווידער געשיינט. און ווען דער אַלטער טושאר,

וועלכער האָט גאָר נישט בעמערקט און גאָר נישט פֿערשטאַנען, האָט ווידער אנגעהויבען צו פּאַכען מיט'ן לאַבען ברויט איבער'ן טיש, זינגענדיג: „אה, קינדער, ריהרט ניט אַן יענעם ברויט פֿון שאַנד" — האָבען אַלע געסט, דערזעהן פֿאַר זיך פֿלעשער שאַמפּאַניער מיט די זילבערנע קעפּלאַך, אונטערגעכאַפּט מיט בעגייסטערונג:

„אה, קינדער ריהרט ניט אַן יענעם ברויט פֿון שאַנד!"

ראָזאַליע פּרודען.

עס האָט געשמעקט עפּעס א געהיימניס אין דעם, וועלכען ניט די געשוואָרענע, ניט דער פּרעזידענט און ניט אפילו דער פּראָקוראָר אליין האָבען געקענט פערשטעהן.

די אונפערהייראַטע ראָזאַלע פּרודען, א דיענסטמיידעל ביי דעם פּאָאַר פּאַלק פּאראַמבאָט אין מאָנטעס, וועלכע איז שוואַנגער געוואָרען אָהן דעם, אז איהרע בעל הבתים זאָלען עפּעס בעמערקען, האָט אין מיטען נאַכט געבאָרען א קינד, עס געטויטעט און אין גאָרטען בעגראָבען.

עס איז געוועזען א געוועהנליכע געשיכטע ווי ביי אַלע קינדערמאָרדען דורך דיענסטמיידלאַך. אָבער איין זאַך איז דאָ געבליבען אונערקלעהרליך. די אונטערזוכונג פון ראָזאַליעס צימער האָט געוויזען, אז דאָס מיידעל האָט אָנגעגרייט א גאַנצע אויסשטאַטונג פאַר דאָס צוקונפטיגע קינד, דריי מאָנאַטען איז זי געזעסען דורך די נעכט און געשניטען און געניהט די דאָזיגע אַלע זאַכען.

דער קרעמער, ביי וועלכען זי האָט פאר איהרע אויגענע געלד געקויפט ליכט פאר איהר ביינאַכטיגער ארבייט, איז אויפגעטראָטען אלס עדות. און דאן איז געוועזען א בעוואוסטער פאקט, אז די העבאם, ווען די מיידעל האָט וועגען איהר צושטאַנד דערצעהלט, האָט איהר געגעבען עצות וואָס צו טהאָן אין פאַל ווען זי וועט נעהמען געהן צו קינד אין אזא צייט, ווען יענע וועט זיין פערנומען. אויסער דעם האָט ראָזאַליע, וועלכע האָט ערוואַרט, אז מען זאָל איהר אָבזאָגען פון איהר שטעלע, ווייל

דאס פאאר פאלק פאראמבאט איז געווען שטרענג אין דער היג־זיכט, זיך שוין פארזארגט מיט אן אנדער פלאץ אין פאים.

פאר'ן געריכט זיינען איצט געשטאנען מאן און ווייב, קליינע הויז בעזיצער פון דער פראווינץ, מלא רציחה אויף דער מיידעל, וועלכע האט זייער הויז בעשמוצט. פון זייערט וועגען האט מען איהר געדארפט דעם קאפ ארונטערהאקען גאר אהן די אלע איבעריגע טענות. זיי האבען זי פערווארפען מיט בייזע, שטעכיגע אויסזאגונגען, וועלכע האבען אין זייער מויל ווי אן אנקלאגע געקלונגען.

די שולדיגע, א הויכע, שעהנע מיידעל פון דער ניעדער־נאָרמאנדיע, וועלכע איז פאר איהר שטאנד געווען גאנץ געבילדעט, האט גאבאנאנד געוויינט און ניט געענטפערט.

עס איז געבליבען בלויז די מעגליכקייט, אז זי האט איהר שרעקליכע טהאט בעגאנגען אין א מינוט פון פערצווייפלונג, פון משוגעת, ווייל אלעם האט אנגעוויזען אויף דעם, אז זי האט געהאפט איהר קינד זאל לעבען און עס אויפצוהאָדעווען.

דער פרעזידענט האט נאך אמאל פרובירט איהר צו מאכען רעדען, זיך מודה צו זיין. נאכדעם ווי ער האט צו איהר גערעדט מיט גוטע, ווייכע רייד, האט ער איהר ערקלעהרט, אז די אלע מענער, וואס זיינען דא פערזאמעלט איהר צו משפט'ן, זוכען בשום אופן ניט איהר טויט, אדרבה זיי האבען זאגאר מיטלייד מיט איהר.

דאן האט זי זיך ענטשלאסען צו רעדען.

ער האט געפרעגט:

— אלזא איצט זאגט אונז אויס, ווער איז דער פאטער פון דעם קינד? — ביז אהער האט זי עס געהאלטען פערבארגען.

זי האט געענטפערט פלוצים און אנגעקוקט איהרע בעל הבתים, וועלכע האבען זי נור וואס אזוי בעפאלען:

— דאס איז דער יונגער מאסיע זשאזעף, דער פלימעניק פון מאסיע פאראמבאט.

דער מאן און די פרוי זיינען אויפגעשפרונגען און אויסגערופעןביידע אין איין קול:

— דאס איז ניט אמת, דאס איז א ליגען! דאס איז א אונ־פערשעהמטהייט!

דער פרעזידענט האט זיי געהייסען שווייגען און געזאגט:

— דערצעלט רוהיג ווייטער און זאגט אונז ווי אזוי דאס איז געשעהן.

און דא האט זי פּלוצים גענומען דערצעהלען מיט א מאדנער רעדעוודיגקייט, ווי זי וואלט זיך דערמיט געוואלט גרינגער מא־כען אויף איהר איינזאם, צובראכען הארץ, האט אויסגעגאסען איהר ביטער געמיטה, אלע איהרע קוואלען און וועהטאגען פאר די דאזיגע ערנסטע מענער, וועלכע זי האט ביז אהער געהאלטען פאר איהרע שונאים און שטרענגע ריכטער:

— יא, מאסיע זשאזעף פאראמבאט איז עס געווען, ביי זיין לעצטען בעזוך פערגאנגענעם יאהר.

— וואס טהוט מאסיע זשאזעף פאראמבאט?

— ער איז א אונטעראפיציער אין דער ארטילעריע, העררּ פרעזידענט. ער האט גענומען אטפּוסק און איז געבליבען אין הויז צוויי מאנאטען, צוויי זומערדיגע מאנאטען. איך האב פון קיין זאך ניט געדענקט, ווען ער האט מיך אנגעקוקט און מיר שעהנע קאמפּלימענטען געמאכט, און דאן האט ער מיך גאנצענע טעג פערפאלגט און איך האב זיך געלאזט בענארישען, העררּ פרעזי־דענט. ער האט געזאגט, אז איך בין א שעהן מיידעל, א געראָ־טענע, א ליעבע... איך געפעהל איהם... און מיר איז ער אודאי געפעלען... יא, וואס קען מען זיך העלפען? מען הערט זיך צו צו אזעלכע רייד, ווען מען איז עלענד, גאנץ אליין אזוי ווי איך. איך בין א עלענדע, העררּ פרעזידענט, גאנץ אליין בין איך אין דער גאנצער וועלט, איך האב קיינעם ניט, מיט וועמען אויסצורעדען א ווארט, קיינעם פאר וועמען מיין הארץ אויסצורעדען. איך האב קיין מוטער, קיין פאטער, קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין מענ־שען ניט. און ער איז געווען צו מיר ווי א ברודער, ווען ער האט אזוי צו מיר גערעדט. און דאן האט ער מיר איין מאל איין אבענד געזאגט, איך זאל מיט איהם אראבגעהן צום טייך, וואו מיר וועלען זיך קענען אביסעל אונטערהאלטען, זיך דורכרעדען.

אז קיינער זאל ניט הערען. נו, בין איך געגאנגען. יא, און איך ווייס ניט, איך ווייס ניט ווי אזוי, אבער ער האט מיך ארומגע־כאפט... איך האב עס געוויס ניט געוואלט, ניין, ניין, זיכער ניט. איך האב זיך ניט געקענט העלפען... איך האב געוואלט וויינען, די לופט איז געווען אזוי שטיקענד... די לבנה האט גע־שיינט... איך האב ניט געקאנט, איך שווער אייך, איך האב ניט געקאנט העלפען. דאן האט ער געטהאן, וואס ער האט געוואלט... דאס האט געדויערט דריי וואכען, אזוי לאנג ווי ער איז דא געווען... איך וואלט איהם נאכגעלאפען ביז עק וועלט... ער איז אנטלאפען... איך האב ניט געוואוסט, אז איך האב א קינד... דאס האב איך בעמערקט ערשט א מאנאט ארום.

זי האט זיך פארגאנדערגעוויינט אזוי שטארק, אז מען האט איהר געמוזט לאזען א ווײַלע, זי זאל צו זיך קומען. דאן האט דער פרעזידענט געזאגט מילד ווי דער פריסטער, ווען מען איז זיך פאר איהם מתודה:

— בערוהיגט זיך, דערצעהלט ווייטער.

און זי האט פארגעזעצט:

— ווען איך האב בעמערקט, אז איך בין שוואנגער, האב איך פרוי באודיז, די הייבאם, געפרעגט וואס איך זאל טהאן, ווען דאס קינד וועט געבארען ווערען און זי וועט ניט קענען זיין דערביי. און דאן האב איך נאכט און נאכט ביז איינס אין דער פריה די אויס־שטאטונג געמאכט. דאן האב איך א'ן אנדער שטעלע געזוכט, ווייל איך האב דאך געוואוסט אז זיי וועלען מיך אוועקשיקען, אבער איך האב געוואלט ביז צו דער לעצטער מינוט בלייבען אין הויז, אום אנצוקלייבען אביסעל געלד, ווייל איך האב דאך גארנישט און איך דארף האבען אזוי פיעל פאר דאס עופה'לע.

— איהר האט עס אלזא ניט געוואלט טויטען?

— אבער ניין, הערר פרעזידענט.

— טא פארוואס זשע האט איהר דאס געטהאן?

— יא, אט דאס איז דאך טאקע מיין אונגליק. עס האט פריהד־ער פאסירט, ווי איך האב ערווארטעט. ווען איך האב אין קיך געשיר געוואשען איז עס פלוצים געקומען.

מיינע בעלי הבתים האבען שוין געשלאפען. איך שלעפ זיך

אלזא ארויף, שווער גענוג איז עס מיר אנגעקומען, האלט זיך אן אן פארענץ, דערשלעפ זיך צו מיין צימער און לעג זיך אויף דער ערד, אום מיין בעט צו שאנעווען. עס האט אפשר געדויערט א שטונדע, אפשר צוויי, אפשר דריי, איך ווייס ניט, אזוי ווען האט עס מיר געטהאן. דאן האב איך אלע קרעפטען צוזאמענגענומען און דער־פיהלט, אז דאס קינד איז דא און האב עס ארויסגענומען.

אך, איך בין געווען אזוי גליקליך! אזוי גליקליך! איך האב געטהאן אלעס וואס פרוי באודין האט מיר געהייסען, דאן האב איך עס אויף מיין בעט געלייגט. און דא האב איך פלוצים ווידער גע־קריעגען וועהען, אבער אזעלכע, אז איך האב געמיינט איך שטארב. ווען איהר וואלט וויסען וואס פאר יסורים דאס זיינען, וואלט איהר זיך שוין געהיט. איך בין אויף די קניע געזונקען, דאן געפא־לען צו דער ערד אויף דעם רוקען און דאן האט עס מיר ווידער א כאפ געטהאן א שטונדע, אפשר צוויי. און איך בין איינע אליין. און דערנאך האב איך געבארען נאך איינס, נאך א'ן עופה'לע... צוויי, יא צוויי קינדער, א צווילינג, דאן האב איך עס גענומען ווי דאס ערשטע און האב זיי ביידע געלייגט אויף'ן בעט איינס נע־בען אנדערען. און איצט זאגט אלייז, איז עס דען מעגליך אויפצו־ציהען צוויי קינדער? איך מיט מיינע צוואנציג פראנק א מאנאט. זאגט אדרבה, איז דאס מעגליך? איין קינד, מילא, נו, וואלט איך נאך ווי עס איז געקענט אויסקומען מיט מיינע ארעמע פאאר פראנק... אבער צוויי, דאס האט מיך משוגע געמאכט, איך האב ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט איך בין. נו זאגט אלייז, האב איך זיך געקענט אן עצה געבען?

איך ווייס ניט ווי דאס איז געשעהן, איך האב געמיינט אז די וועלט עקט זיך מיט מיר. איך האב געכאפט די קישען און עס ארויפגעלייגט אויף זיי, אליין ניט ווייסענדיג וואס איך טהו. דאן האב איך זיך ארויפגעלעגט דארויף, זיך ארומגעשליידערט ווי א משוגע'נע אין בעט און געוויינט, געוויינט, ביז איך האב דורכ'ן פענסטער דערזעהן, אז ס'איז טאג געווארען. זיי זיינען אונטער'ן קי־שען געשטארבען, זיכער. איך האב זיי גענומען אונטער'ן ארעם און בין ארונטער פון די טרעפ אין גארטען אריין. דאן האב איך דעם

נערטנער'ס האק גענומען און האב זיי בעגראבען אזוי טיעף ווי איך האב נור געקענט, איינעם דא, איינעם דארט, ניט צוזאמען, כדי זיי זאלען ניט רעדען איבער זייער מוטער, אויב די קליינע טויטע קענען רעדען...

און דערנאך, ווען איך האב זיך אריינגעלעגט אין בעט, איז מיר געווארען אזוי שלעכט, אז איך האב מעהר ניט געקענט אויפ־שטעהן. זיי האבען גערופען דעם דאקטאר און ער האט אלעס גע־זעהן. דאס איז דער אמת, הערר פרעזידענט, טהוט מיט מיר וואס איהר ווילט, מיר איז אלץ איינס.

א העלפט פון די געשווארענע האבען געשמארעט מיט די נע־זער, אום ניט צו וויינען.

פרויען אין געריכטס זאאל האבען געשלוכצעט.

דער פרעזידענט האט געפרעגט:

— וואו האט איהר בעגראבען דאס צווייטע קינד?

זי האט געפרעגט:

— וועלכע האט איהר דען געפונען?

— די, וואס אין די גרינס.

— נו, און דאס אנדערע ליגט אין די יאגדעס ביי דעם ברונעם.

און זי האט גענומען שלוכצען אזוי רחמנות'דיג, אז עס האט דאס הארץ צוריסען אויף איהר קוקענדיג.

און ראזאליע פרודען איז פרייגעשפראכען געווארען.

אויף'ן וואַסער.

פאַר־אַ־יאָהרען זומער האָב איך געדונקען אַ דאַטשע נעבען דעם טייך סיין, עטליכע מייל פון פּאַריז. יעדען אָבענד בין איך געפאָהרען אהין נעכטיגען. אין אַ פּאָר טעג ארום האָב איך זיך בעקענט מיט איינעם פון מיינע שכנים, אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג־פערציג. דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען האָב איך געטראָפען אזא אינטערעסאַנטען מענשען. דאָס איז געווען אַן אַלטער שיפמאַן, אַ ליידענשאַפטליכער שיפמאַן. זיינע אַלע יאָהרען האָט ער פאַרבראַכט אויף'ן וואַסער, געטאָגט און גענעכטיגט דאָרט. ער איז מסתמא געבאָרען געוואָרען אין אַ שיף און וועט זיכער אַמאָל שטאַרבען אויך אין אַ שיף.

איינמאָל פאַר נאַכט האָבען מיר געשפּאַצירט ארום דער סיין. איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר דערצעהלען עטוואָס פון זיין לעבען אויף'ן וואַסער. דער מענש איז פשוט לעבעדיג געוואָרען, זיין פּנים האָט זיך עפּעס אין גאַנצען פערענדערט, מיט אַ מין דיכטערשער בעגייסטערונג זיך אָנגעצונדען. ער איז געוואָרען זעהר רעדעוודיג, כמעט פּאָעטיש. אין זיין האַרצען האָט ער געטראָגען אַ גרויסע ליידענשאַפט, אַ פייערדיגע ליידענשאַפט — דעם טייך.

— אַך — האָט ער אויסגעשריען — וויפיעל עראינערונגען איך האָב וועגען דעם טייך, וואָס איהר זעהט. איהר שטאָדט־לייט, איהר קענט גאָר ניט האָבען קיין בעגריף, וואָס הייסט אַ טייך. אָבער ער הערט זיך גוט איין, ווי אַ פישער רעדט אויס אָט דעם דאָזיגען וואָרט. פאַר אַ פישער איז דער טייך דאָס וואונ־

דערליכסטע, טיעפסטע, דאס געהיימניספולסטע, וואס עס קען נור געבען. א לאנד פון מיראזשען און נעבעל־בילדע, וואו מען זעהט ביינאכט אזוינע מינים זאכען, וואס עקזעסטירען נישט, וואו עס כאפט אן א פחד פונקט ווי אויף א בית עולם. און אין דער אמת'ן, איז דאס איינער פון די שרעקליכסטע בית עולם'ס, א בית עולם, וואו עס איז נישטא קיין קברים.

פאר'ן פישער האט די ערד איהרע גרענעצען, אבער דער טייך אין דער פינסטערניש, ווען די לבנה איז נישטא, איז אהן א גרע־נעץ, אהן א סוף.

מען פיהלט דאס ניט אויפ'ן ים. דער ים איז אפטמאל דעס־פאטיש און בייז; אבער ער שרייט, ברומט, יאמערט און ווארענט דערמיט די מענשען. דער טייך אבער איז שטיל, רוהיג און בע־פאלט זיי הינטער ארום. ער בייזערט זיך נישט. ער פליסט שטענ־דיג אהן רעש, אהן טומעל, און דיזע אויביגע בעוועגונג פון'ם וואַ־סער, דאס שטילען פליסען איז פאר מיר פיעל מורא'דיגער ווי דער אקעאן מיט זיינע טהורם־הויכע וועללען.

די פאנטאזיארען האבען אויסגעטראכט, אז אין'ם ים געפינען זיך גרויסע, בלוי־דעמערענדע לענדער, וואו די דערטרונקענע קייק־לען זיך צווישען מורא'דיגע פישען, דורך ווילדע וועלדער אין קרים־טאלענע גראטען אריין.

אויף דעם טייך אבער הערשט נור זיין שווארצע טיעפקייט און מען ווערט נור פערשימעלט אין זיין זומפ.

און דאך איז ער שעהן אין דער צייט פון זונען־אויפגאנג, ווען ער פליסט שטילערהייד צווישען זיינע ברעגען, וועלכע זיינען בע־דעקט מיט לאזען, וואס רוימען זיך איינער דעם אנדערען סודות.

און איך דענק, אז די דאזיגע סודות, וואס די לאזען דערצעה־לען זיך מיט פוילע, זיסע שטימען, זיינען א סך שרעקליכער, ווי די טרויעריגע דראמען, וואס די ים־וועלען שרייען ארוים.

נור הערט אויס, אט וועל איך אייך דערצעהלען עטוואס פון מיינע עראינערונגען, א מעשה, וואס האט מיר געטראפען א יאהר צעהן צוריק:

איך האב געוואהנט דאן אין דעם איינענעם הויז, וואס איצט.

איינער פון מיינע בעסטע חברים, לודוויג בערנעט, האט דאן גע־וואהנט צוויי מייל פון מיר אין דארף ס. (איצט האט ער שוין פער־לאזען דעם טייך און איז געווארען מיטגליעדער אין רייכס־ראט). אלע טאג האבען מיר ביידע צוזאמען געגעסען מיטאג, אמאל ביי מיר און אמאל ביי איהם. קעהר איך זיך אמאל פארנאכט אום צוריק אהיים אויף מיין שיף גאנץ אליין. איך בין זעהר מיעד. שטעל איך זיך אפ אברוהען נעבען א קוסט פון לאזען, צוויי מייל פון אן אייזער־נעם בריק. דאס וועטער איז אויסגעצייכענט. די לבנה שיינט אזוי מילד. דער טייך בלישצעט. די לופט איז שטיל און ווייך. די דא־זיגע שטילקייט הויבט מיך אין דער לופטען. איך פאררויכער א סיגאר און לאז ארונטער דעם אנקער אין טייך אריין. זיץ איך אזוי אויף'ן שיף און קוק. שטיל, מען הערט נישט קיין פיפס. נור פון צייט צו צייט ווייזט זיך מיר אויס, איך הער ווי דאס וואסער פליעסקעט זיך אן ברעג. מיט אמאל נעהמען אן די לאזען וואונדער־ליכע געשטאלטען און ריהרען זיך פון די ערטער...

דער טייך איז אונגעוועהנליך רוהיג. די ארומיגע שטילקייט מאכט מיך נערוועז. מען הערט נישט קיין פראש, קיין זשאבע, אלס־דינג איז שטום. מיט אמאל הער איך, ווי נעבען מיר האט א פראש א קוואקע געטהאן. איך טהו זיך א צאפעל. מעהר אבער הערט מען נישט דעם פראש, קיינעם און גאר נישט הערט מען מעהר.

איך נעהם ארויס א סיגאר, פעררויכער איהם. נור באלד הויבט מיר אן דאס הארץ צו קלאפען. איך ווארף אוועק דעם סיגאר און הויב אן צו זינגען. נור מיר איז שווער צו הערען מיין קול. לעג איך זיך אוועק אין שיפעל און קוק אויף'ן הימעל. א צייט לאנג ליעג איך אזוי. מיט אמאל הויבט זיך אן מיין שיפעל צו וויעגען. מיר ווייזט זיך אויס, אז א בעשעפעניש, אדער א געהיימער כוח ציהט דאס שי־פעל אין וואסער אריין, הויבט עס און ווארפט עס, אזוי ווי אין א שטורם. איך דערהער א געשריי... איך טהו זיך א כאפ, דאס וואַ־סער בלישצעט. דאס וואסער איז שטיל.

פערשטעהע איך אז מיינע נערוועז זיינען זעהר צורודערט און איך בעשליס, צו פאהרען אהיים. איך טהו א שלעפ די קייט, וויל דעם אנקער ארויסציהען, נור ער ריהרט זיך ניט פון ארט. טהו איך א

רוק אביסעל דאָס שיפעל, ציה ווידער די קייט, נור אומזיסט: דער אַנקער האָט זיך דאָרט אפנים פערטשעפּעט אַז עפּעס א שווערע זאַך און איך קען איהם בשום אופן ניט אויפהויבען.

ווער איך איז כעס און טהו א שלעפּ די קייט מיט אַלע מיינע כוחות, עס העלפט ניט. ווער איך ביי זיך זעהר אבהענדיג. איך וויים ניט פּאָרט וואָס צו טהאָן. נור אַזוי ווי דאָס וועטער איז זעהר א גוטער, בעשליס איך צו וואַרטען, טאָמער וועט פאָרבייפאָהרען א פישער, וועלכער וועט מיר העלפען ארויסנעהמען דעם אַנקער. איך פערדרויכער ווידער א סיגאַר, טרינק אוים א פּאָר גלעזלאַך ראָם און דאָס בערוהיגט מיך אביסעל.

די נאַכט איז זעהר א וואַרעמע און איך ליעג מיר אזוי אונטער׳ן בריימען הימעל און מיר איז וואַרעם.

פּלוצים האָט זיך מיין שיפעל אַז עפּעס אַנגעשלאָגען. איך האָב זיך א כאַפּ געטהאָן און א קאַלטער שוויים האָט מיך בעגאָסען. דער קלאַפּ איז אפנים געווען פון א שטיקעל האָלץ, וואָס האָט פאָרביינגע־שוואומען און זיך אַז מיין שיפעל אַנגעשטויסען. נור דאָס איז גע־ווען גענוג, איך זאָל זיך ווידער אויפרעגען. איך האָב א שלעפּ גע־טהאָן ווידער די קייט, נור דער אַנקער האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון׳ם אָרט.

דער טייך איז געווען בעדעקט מיט א ווייסען, געדיכטען נעבעל, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער׳ן וואַסער. אַז איך האָב זיך אויפ־געהויבען, האָב איך לחלוטין גאָר נישט געזעהן — נישט דעם טייך, נישט מיין שיף, נישט מיינע פים; איך האָב נור בעמערקט די שפּי־צען פון די לאָזען און נאָך ווייטער — א גרויסע פעלד, בלייך פון לבנה־שיין.

איך בין געווען ווי פערזונקען ביז׳ן גאַרטעל אין א קלאָר־ווייסען לייללאַך, מיין מוח איז מיט אמאָל אינגאַנצען פול געוואָרען מיט אַלערליי פאַנטאַסטישע געשטאַלטען. מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אימיצער וויל ארייננקריכען אין מיין שיפעל. און דער טייך, וואָס איז בעהאַלטען אין נעבעל, איז פול מיט משונה׳דיגע חיות, וועלכע

שווימען מחנות־ווייז ארום מיר. איך בין געווען אין זעהר א שרעק־ליכען צושטאנד; אין די שלייפען האט געדריקט, דאס הארץ האט מיר געקלאפט ווי מיט א האמער. איך האב דעם קאפ פערלארען, זיך שוין געוואלט לאזען שווימען, נור אין א רגע ארום האט מיך שוין געטרייסעלט פון דעם דאזיגען געדאנק. איך האב זיך שוין גע־זעהן א פערפאלענעם, א דערטרונקענעם אין דעם געדיכטען נעבעל, ראנגלענדיג זיך מיט די גראז און די לאזען, וועלכע האבען מיך אין גאנצען ארומגעטשעפעט, ציטערענדיג פאר שרעק, נישט זעהענדיג דעם ברעג, נישט געפינענדיג מעהר מיין שיפעל, און מיר האט זיך אויסגעוויזען, דאס מען שלעפט מיך פאר די פיס אט אין דעם שווארצען טיעפען זומפ.

און אין דער אמת'ן, איז געווען גיין שאנסען געגען צעהן, איך זאל דעם וועג נישט געפינען אין דעם נעבעל און איך זאל דער־טרונקען ווערען, מעג איך אפילו זיין דער בעסטער שווימער.

איך האב זיך געפרובט בערענקען. איך האב פעסט בעשלאס־סען נישט מורא צו האבען. נור אין מיר איז געזעסען נאך עפעס חוץ מיין ווילען, און אט דאס „עפעס" האט מורא געהאט. און קיין מאל אויף מיין לעבען האב איך נישט געפיהלט ווי יענעם אבענד דעם אונטערשייד צווישען די צוויי „איך'ס", וואס געפי־נען זיך אין אונז, איינער וואס וויל, דער אנדערער, וואס איז דא־געגען.

דער דאזיגער טירישער, אונפערשטענדליכער פחד איז אלץ געוואקסען און איז אריבער אין אן אימה. איך בין אזש פער־שטיינט געווארען. די אויגען ווייט געעפענט, די אויערען אנ־געשטעלט. איך האב זיך צוגעהערט.

צו וואס?

איך האב אליין נישט געוואוסט. איך האב גאר נישט גע־הערט. נור דאס איז געווען שרעקליך. איך דענק, ווען א פיש וואלט דאן א שפרונג געטהאן אין וואסער, ווי עס טרעפט זיך

אמאָל, איז קיין ספק נישט, אז איך וואָלט געווים ארויסגעשפרונ־גען פון שיפעל.

איך האָב צונויפגענומען אלע מיינע קרעפטען, אום נישט צו פערלירען דעם זינען, אויסגעטרונקען ווידער אביסעל ראַם און דערנאָך איז מיר געקומען א געדאנק און איך האָב גענומען שריי־ען מיט אלע מיינע כוחות, ווענדענדיג זיך אין אלע פיער זייטען פון האָריזאָנט.

אז איך בין שוין געוואָרען הייזעריג, בין איך אנשווייגען געוואָ־רען. איך האָב זיך צוגעהערט: א הונד האָט געוואויעט זעהר ווייט.

איך האָב ווידער גענומען אביסעל ראַם און האָב זיך אין גאנצען אויסגעצויגען אין שיפעל. איך בין אזוי געלעגען אפשר א שעה, אפשר צוויי, נישט געשלאָפען, מיט אָפענע אוי־גען, און א קאָשמאַר האָט מיך געפייניגט.

מיר האָט זיך זעהר פערוואָלט אויפשטעהן. נור איך האָב בשום אופן זיך ניט געקענט א ריהר טהאָן. איך האָב פשוט מורא געהאָט.

שפּעטער א ווײַלע האָב איך זיך פּאַוואָליע אויפגעהויבען, אקו־ראַט ווי מיין לעבען וואָלט געווען געווענדעט פון דעם מינדעסטען ליאַרם, וואָס איך האָב געקענט מאַכען. איך האָב זיך ארומגע־קוקט.

איך בין געוואָרען ערשטוינט. פאַר מיינע אויגען האָט זיך אויסגעשפּרייט א וואונדערבאַרע, צויבערליכע פּאַנאָראַמע. איך האָב געזעהן יענע לופט־בילדער פון א פעען־לאַנד, א פאַטאַ מאָר־גאַנאַ, פון וועלכע די רייזענדע אין די ווייטע לענדער דערצעהלען.

דער נעבעל, וואָס איז א צוויי שטונדען אויף'ן וואַסער גע־לעגען, האָט צוריקגעטראָטען צו די ברעגען. יעדער ברעג האָט אויסגעזעהן פונקט ווי א באַרג פון זעקס־זיבען מעטער אין דער הויך, וואָס האָט געפינקעלט אונטער דער לבנה ווי שנעע.

מען האט געקענט זעהן בלויז דעם טייך צווישען צוויי הויכע ווייסע בערג, און ווייטער אין דער הויך איבער מיין קאפ, האט גע־וואנדערט א גרויסע, פולע לבנה אין דעם מילכיג בלויען הימעל.

אלע וואסער־חיות האבען זיך אויפגעכאפט. די פרעש האַ־בען געקוואקעט און צייטענווייז האט זיך געהערט א קורצער, טרוי־עריגער, מעטאלענער טאָן פון די זשאבעס.

און מאדנע! איך האב שוין מעהר נישט מורא געהאט. איך האב זיך געפונען פאר אזא אונגעוועהנליכען נאטור־בילד, דאס אלע איבעריגע זאכען האבען אויף מיר שוין נישט געקענט האַ־בען קיין גרויסע ווירקונג. וויפיעל צייט דאס האט געדויערט ווייס איך ניט, ווייל איך בין ענדליך איינגעשלאפען. אז איך האב דער־נאך געעפענט די אויגען, איז די לבנה שוין ניט געווען, דער הי־מעל איז געווען אין גאנצען בעדעקט מיט וואלקענס, דאס וואסער האט אומעטיג געפליעסקעט, דער ווינד האט געבלאזען, עס איז געווען שרעקליך קאלט, די פינסטערניש איז געווען א מורא'דיגע. איך האב אויסגעטרונקען די לעצטע פאאר גלעזלאך ראם און קלאַ־פענדיג א צאהן אין א צאהן, האב איך זיך צוגעהערט צו דעם פייַ־פען פון ווינד צווישען די לאזען און צו די געהיימניספולע שטימען פון דעם טייך. עס איז געווען אזוי פינסטער, דאס איך האב נישט געקענט דערקענען נישט מיין שיף, נישט אפילו, מיין אייגענע האַנד, ווען איך האב זי צו די אויגען צוגעטראגען.

אבער ביסלעכווייז איז העלער געווארען. מיט אמאל האָב איך דערפיהלט א שאטען נעבען מיר. איך האב א געשריי גע־טהאן און א שטימע האט אבגעענטפערט. דאס איז געווען א פישער.

איך האב איהם ארוף געטהאן. ער איז צוגעפאהרען. איך האב איהם דערצעהלט די געשיכטע. ער האט אוועקגעשטעלט זיין שיף נעבען מיינעם, און ביידע צוזאמען האבען מיר גענומען שלעַ־פען די קייט. דער אנקער האט זיך נישט געריהרט. דערווייל האט אנגעהויבען טאגען. דער פריהמארגען איז געקומען, פינס־טער, גרוי, רעגענדיג, קאלט, איינער פון יענע פריהמארגענס וואס

ברענגען שטענדיג מיט זיך נור צרות און אומגליקען. מיר האבען דערזעהן נאך א שיף. מיר האבען א רוף געטהאן; איז צו געקו־מען נאך א דריטער מענש.

און זאלבע־דריט האבען מיר גענומען שלעפען די קייט, און דער אנקער האט זיך געריהרט. ער האט זיך געהויבען זעהר לאנג־זאם, פאמעלאך און שווער.

צום סוף האבען מיר דערזעהן א שווארצע מאסע. מיר האבען זי צוגעשלעפט נעהנטער. דאס איז געווען א טויטער קערפער פון אן אלטע פרוי. א גרויסער שטיין איז געווען אנגעבונדען אויף איהר האלז.

הוטאָ פאָטער און הוטאָ זוהן.

.1

פאַר דער טהיר פון'ם הויז, וואָס איז געווען האַלב פויערשער הויף, האַלב פּריצישער שלאָס, איינס פון יענע גיטער, וואָס זיינען אַ־מאָל געווען אין די הענד פון פּריצים און וועלכע געהערען איצט צו פויערים, האָבען הינט, אָנגעבונדען אָן עפּעל־בוימער, געבולען, קוקענדיג אויף די יאַגד־טאַשען, וואָס דער פעלד־היטער און אַ פּאָאר אינגלאך האָבען פארבייגעטראָגען. אין דער קיך, ווי אַ זאַל די גרויס, זיינען געזעסען הוטאָ פאָטער, הוטאָ זוהן, הערר בערמאָנט, דער ציגזען קאָלעקטאָר, און הערר מאַנדאַרו, דער נאָטאַריאוס, האַבען געגעסען פּאשטעטען און געטרונקען אַ גלעזעל וויין, איידער זיי זיינען אַוועק אויף געיעג, וועלכער האָט זיך היינט געזאָלט אָנהויבען.

הוטאָ פאָטער איז געווען שטאָלץ מיט אַלסדינג, וואָס ער האָט פערמאָגט. ער האָט זיך שוין בעריהמט מיט די חיות וואָס זיינע געסט וועלען אויף געיעג אין זיינע וועלדער דערשיסען. ער איז געווען אַ הויכגעוואַקסענער נאָרמאַנער, איינער פון יענע ריעזיגע קרעפטיגע, שטאַרקע מענער, וועלכע קאָנען מיט איין אָקסעל אַ גאַנצען וואָגען מיט פרוכט אויפהייבען אין דער הויך. האַלב פויער, האַלב פּריץ, רייך, אָנגעזעהן, ניט אָהן איינפלוס, האָט ער זיין זוהן צעזאָר הוטאָ געלאָזט געהן אין שוהלע ביז צום דריטען קלאַס, אום איהם צו געבען אַ „בילדונג". דאַן אָבער האָט ער איהם פון דער שוהלע אָבגענומען, דען דער פאָטער האָט מורא געהאַט, זיין זוהן זאָל חלילה ניט וועלען ווערען אַ שטאָדט־מענש און זאָל זיך ניט אָברייסען פון דער לאַנד ווירטשאַפט.

צעזאר הוטא איז געווען כמעט אזוי גרויס ווי זיין פאטער, נור עטוואס ווייניגער בעלייבט. ער איז געווען א גוטער יונג, א געהארכזאמער זוהן, מיט אלסדינג צופריעדען. זיין פאטער האט ער בעוואונדערט, געאכטעט און געהאט דרך ארץ פאר זיין וואונש און ווילען.

הערר בערמאנט, דער צינזען קאלעקטאר, איז געווען א קליי־נער, דיקער חברה־מאן, אויף וועמעס באקען עס האט זיך געזעהן א גאנצער געוועב פון דינע בלויע אדערן, עהנליך צו די פלוסען און טייכלאך אויף א לאנדקארטע. ער האט געפרעגט:

— נו, און האזען? טרעפט מען האזען אויך?

הוטא פאטער האט געענטפערט:

—אזוי פיעל ווי איהר ווילט.

— אלזא געהן מיר? — האט געפרעגט דער נאטאריוס, א דיקער, בלייכער, בעלייבטער מאן, אנגעטהאן אין א שפאגעל נייעם יאגד־אנצוג, וועלכען ער האט ערשט לעצטע וואך אין רוען גע־קויפט.

— יא, לאמיר געהן.

און הוטא פאטער איז אויפגעשטאנען. די אנדערע האבען געפאלגט זיין ביישפיעל, האבען גענומען זייערע געוועהר, וואס זיי־נען געשטאנען אין די ווינקלאך, זיי אונטערזוכט און דאן א קלאפ געטהאן א פאאר מאל מיט די פיס אן פאל, אום זיך צו דערווארעמען אין די גרויסע שווערע שטיוועל. דאן זיינען זיי ארויסגעגאנגען; די הינד האבען זיך א ריעס געטהאן פון זייערע רימענס, גענומען בילען אין דער הויף און געשפרונגען מיט די פאדערשטע לאפעס אין דער לופטען.

און זיי זיינען אוועק אויפ'ן וועג צו העוויער. דאס איז גע־ווען א טיעפער טהאל, אדער, בעסער געזאגט, א גרויסער, ניט גליי־כער, וועללען־פארמיגער שטיק לאנד, וועלכער איז צוליעב זיין ניט גלייכקייט געבליבען ניט פערקויפט. דער טהאל איז געווען דורכ־געריסען פון עטליכע שלוכטען, וואס זיינען בעוואקסען געווען מיט ווילדע קרייטיכער. דאס איז געווען א ליעבלינגס־פלאץ פון די חיות.

די יעגערס האבען זיך פערטהיילט: הוטא פאטער איז אוועק רעכטס, הוטא זוהן לינקס, אוןביידע געסט אין מיטען; דער פעלד־היטער און די יונגען, וואס האבען געטראגען די יאגד־טאשען, האבען נאכגעפאלגט. עס איז געוועזען דער פייערליכער אויגענבליק, ווען מען ערוואַרט מיט א קלאפענדיגען הארצען דעם ערשטען שאס, בעת דער פינגער טאפט יעדען אויגענבליק נערוועז דעם אבדריקער פון ביקס.

פלוצים האט א קנאל געטהאן דער דאזיגער ערשטער שאס. הוטא פאטער האט אויסגעשאסען. אלע זיינען געבליבען שטעהן און האבען דערזעהן א רעב־הוהן ארייגלויפענדיג אין די געדיכטע בושעס און דאן ארייגלויפענדיג אין איינער פון די שלוכטען. דער שיסער איז אין גרוים אויפרעגונג געלאפען נאך איהר מיט איילענדיגע טריט, האט אויסגעריסען די דערנער, וועלכע האבען זיך אן איהם געטשעפעט, און איז פערשוואונדען צווישען די געדיכטע ביימער.

כמעט אין דעם זעלבען אויגענבליק איז געפאלען א צווייטער שאס.

— דאס איז א יונג מיט ביינער! — האט אויסגערופען הערר בערמאנט — ער האט ווארשיינליך דארט אונטען געכאפט א האז אויך.

זיי האבען אלע געוואַרט, מיט די אויגען אויף די געדיכטע צווייגען און בלעטער אויסגעשטעלט.

דער נאטאריוס האט צוגעלייגט די האנד צום מויל, ווי א רעהר, און האט א געשריי געטהאן:

— האט איהר עס געכאפט?

הוטא פאטער האט ניט געענטפערט. דאן האט זיך צעוואר־געוועענדעט צום פעלד־היטער און געזאגט:

— געה, יאזעף, העלף דארט. מיר מוזען אין דער זעל־בינער ליניע ווייטער טרייבען. מיר וועלען דא דערווייל ווארטען.

און יאזעף, א בייזערדיגער מאן, א פערטריקענטער ווי א שטאם פון א בוים, וועמענס אלע ביינער האבען ארויסגעשטארטשעט פער־שפיצט פון אונטער זיינע קליידער, איז רוהיג אוועק אהין, איז

אַרונטערגעגאַנגען אין די שלוכט, זוכענדיג דערביי מיט דער פּאָר־זיכטיגקייט פון אַ פוקס אין די לעכער אַ גאַנגבאַרען וועג. ער האָט גלייך אַ געשריי געטהאָן:

— קומט אהער, קומט אהער, אַ'ן אונגליק איז געשעהן!

זיי זיינען אַלע צוגעלאָפען און האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן צווישען די דערנער. הוטאָ פּאָטער איז געלעגען אויף אַ זייט, אַ גע'חלש'טער, ביידע הענד אויף דעם בויך געפּרעסט, פון וועלכען דאָס בלוט האָט אין צוויי לאַנגע שטראָמען דורך דעם לייוועגטענעם רעקעל, אויף דאָס גראָז אַרונטערגערונען. ווען ער האָט אָוועק־געשטעלט זיין געוועהר, אום די געשאָסענע הוהן אויפצוהויבען, איז ער אומגעפאַלען, פון דעם שטויס האָט עס אַליין פון זיך אויסגע־שאָסען און איהם אין בויך געטראָפען. מען האָט איהם אַרויסגע־שלעפּט פון דער שלוכט, און ווען מען האָט איהם אויסגעטהאָן, האָט מען ערשט דערזעהן אַ שרעקליכע וואונד, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטאָרטשעט די איינגעווייידען. נאָכדעם ווי מען האָט איהם, אַזוי גוט ווי מעגליך, די וואונד פערבונדען, האָט מען איהם אָוועק־געטראָגען אַהיים און געוואָרט אויף דעם דאָקטאָר. זיי האָבען גע־שיקט אי נאָך איהם אי נאָך דעם פּריסטער.

ווען דער דאָקטאָר איז אָנגעקומען, האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן ערענסט דעם קאָפּ, זיך געווענדעט צו הוטאָ זוהן, וועלכער איז גע־זעסען שלוכצענדיג אויף אַ שטוהל, און געזאָגט:

— עס איז שלעכט מיט איהם!

אָבער נאָכדעם ווי מען האָט איהם פערבאַנדאַזשירט, האָט דער פערוואונדעטער אָנגעהייבען צו בעוועגען מיט די פינגער, געעפענט דאָס מויל, דערנאָך די אויגען און גענומען וואַרפען אַרום זיך פער־שטערטע, בלאָנזשענדיגע בליקען. עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אין זיין געדעכעניש, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען, עפּעס בעגרייפען. ער האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— צום טייפעל, ס'איז נאָך אַלעמען!

דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען זיין האַנד:

— אָבער ניין, ניין, נור אַ פּאָאַר טעג רוה. ווייטער איז עס גאָרנישט.

הוטא האט געענטפערט:
— ס'איז נאך אלעמען... דער בויך האט געפלאצט... איך ווייס דאס.
דאן האט ער פלוצים אויסגערופען:
— איך וויל רעדען מיט מיין זוהן אזוי לאנג ווי איך האב נאך צייט.
הוטא זוהן האט זיך צוקלאגט, ווי א קליין אינגעל:
—פאפא! פאפא, מיין ארימער פאפא!
אבער דער פאטער האט געזאגט עטוואס זיכערער:
—נו, קלאג ניט, דערצו איז איצט קיין צייט ניטא. איך מוז מיט דיר רעדען. זעץ זיך אוועק... דא... גאנץ נאהענט. מיר זיינען גלייך פערטיג און דאן בין איך רוהיגער. איך בעט אייך, לאזט מיר אן אויגענבליק מיט איהם אליין.
זיי זיינען אלע ארויסגעגאנגען און געלאזען פאטער און זוהן צוזאמען. אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווען אליין, האט ער געזאגט:
—הער אויס, צעזאר, דו ביזט פיער און צוואנציג יאהר אלט און מען קען מיט דיר רעדען אפען...און דאן איז עס אין גאנצען ניט אזוי געפעהרליך... דו ווייסט אז דיין מוטער איז זייט זיעבען יאהר טויט, ניט אמת? און איך בין נור פינף און פיערציג יאהר אלט, וויייל איך האב צו נײנצעהן יאהר חתונה געהאט. ניט אמת?
דער זוהן האט געשטאמעלט:
— יא, דאס איז ריכטיג.
— אלזא, דיין מוטער איז זייט זיעבען יאהר טויט און איך בין געווען אן אלמן. נו, א מאן ווי איך, קען ניט פערבלייבען קיין אלמן צו זיעבען און דרייסיג יאהר! איז דאס ניט ריכטיג?
דער זוהן האט געענטפערט:
— יא, דאס איז ריכטיג.
דער פאטער, אבכאפענדיג שווער דעם אטהעם, א בלייכער, מיט א צוקרימטען פנים, האט גערעדט ווייטער:
— גאט, אך גאט, ווי עס טהוט וועה! נו, דו פערשטעהסט. דער מענש איז ניט בעשאפען אזוי, דאס ער זאל קאנען זיין אליין... אבער נאך דיין מאמען האב איך ניט געוואלט חתונה האבען מיט

אַ צווייטער, ווייל אַזוי האָב איך איהר פערשפּראָכען און חוץ דעם... פערשטעהסטו?

יאָ, פּאָטער.

— נו, אַלזאָ, איך האָב אַ קליינע פריינדין אין רוען, רו דער־לאַ עפּערלאַן נומער אַכטצעהן, דריטער שטאָק, די צווייטע טהיר. איך בעט דיך, פערגעס עס נישט; אַ קליינע וועלכע איז צו מיר געווען זעהר גוט, פערליעבט, אויפאָפּפערענד, ווי אַ ריכטיגע פרוי, פערשטעהסטו, מיין אינגעל?

— יאָ, פּאָטער.

— אַלזאָ, ווען איך מוז אַוועקגעהן אויף דער רייזע, דאַן בין איך איהר עפּעס שולדיג, אָבער עטוואָס פערנינפטיגעס, אַזוי, דאָס זי זאָל שפּעטער ניט ליידען קיין נויט. פערשטעהסטו?

— יאָ, פּאָטער.

— איך זאָג דיר, זי איז אַ וואוילע מיידעל, אַ'ן אמת וואוילע, בראַווע מיידעל... און ווען דו וואָלסט ניט געוועזען און ניט דיין מוטער און ניט דאָס הויז וואו מיר האָבען אַלע דריי געלעבט, וואָלט איך זי וואהרשיינליך אהער געבראַכט און דאַן מיט איהר געהייראַט, גאַנץ בעשטימט! אַלזאָ, הער צו... הער צו... מיין אינגעל, איך האָב געקאָנט מאַכען אַ צוואה, איך האָב עס אָבער ניט געוואָלט... ווארום עטוואָס אַזוינס דאַרף מען ניט אויפשרייבען אויף אַ פּאַ־פּיער... דאָס שאַדעט געוועהנליך דער פאַמיליע, עס ווערט אַ רעדעריי און עס איז פאַר קיינעם ניט גוט. געשטעמפּעלטע פּאַפּיער, ווייסטו ברענגט קיין מאָל קיין נוצען ניט, דו מוזט זיך דערפון היטען, מיין אינגעל, איך בין רייך געוואָרען, נור דערפאַר, ווייל איך האָב קיין מאָל אין לעבען עטוואָס אַזוינס ניט בענוצט. פאַרשטעהסטו, מיין זוהן?

— יאָ, פּאָטער!

— הער ווייטער... הער זיך גוט צו... אַלזאָ, איך האָב קיין צוואה ניט געמאַכט... איך האָב עס ניט געוואָלט... און דאַן קאָן איך דיך, דו האָסט אַ גוט הארץ און ביזט ניט גייציג, דו שטעלסט זיך ניט אוועק אויף אַזעלכע קלייניגקייטען, ניט אמת? און האָב געזאָגט צו זיך אַליין, ווען עס וועט אַמאָל האַלטען ביים סוף, דער־

צעהל איך דיר אלעס און וועל דיר בעטען, — דו זאלסט די קליינע ניט פערגעסען... קאראלינע דאנעט, רו דע־לא־עפערלאן נומער אכטצעהן, דריטער שטאק, צווייטע טהיר. פארגעס ניט! און דאן נאך עפעס. ווען עס וועט זיין שוין נאך מיר, זאלסטו געהן גלייך אהין... און בעהאנדעל זי אזוי, דאס זי זאל וועגען מיר ניט דארפען טראכטען מיט וועהטאג. דו האסט דאך גענוג געלד, דו קאנסט עס טהאן, איך לאז דיר איבער גענוג... הערסטו?... א גאנצע וואך איז זי נישטא אין דערהיים, זי ארבייט ביי פרוי מארען דו־בעוואזין. נעה דאנערשטאג אהין, דאן ערוואַרטעט זי מיך, דאס איז מיין טאג זייט זעקס יאהר. ארימע קליינע! ווי זי וועט קלאגען!.. איך זאג דיר דאס אלעס, ווייל איך קאן דיך גוט, מיין זוהן. אזעלכע זאכען צוקלינגט מען ניט איבער דער שטאדט, מען זאגט זיי ניט פאר קיין נאטאריוס און ניט פאר קיין פריסטער. אזעלכע זאכען פאסירען, דאס ווייס יעדער, אבער מען רעדט ניט דערפון, ווען עס איז ניט זעהר נויטיג. דא איז קיין פרעמדער מענש ניט פערמישט, קיינער ווייס דערפון גארנישט און אונזער פאמיליע איז דאך פער־בליבען אזוי ווי דיין מוטער האט עס פערלאנגט. פערשטעהסטו?

— יא, פאטער.

— פערשפרעכסטו מיר מיין וואונש צו ערפיעלען?

— יא, פאטער.

— שווערסטו עס?

— יא, פאטער.

— איך בעט דיך, איך בעט דיך זעהר, מיין קינד, פארגעס עס נישט. הערסטו?

— יא,פאטער.

— און געה אהין אליין. איך וויל אז דו זאלסט אליין אלעס בעזארגען.

— יא, פאטער.

— און דו וועסט שוין אליין זעהן, וואס זי וועט דיר זאגען... איך קען ניט מעהר... דו האסט געשווארען.

— יא, פאטער.

— גוט, מיין זוהן. גיעב מיר אַ קוש און לעב גליקליך. איך געה אוים, איך וויים דאַס... דו קאָנסט זיי אַריינרופען.

הוטאַ זוהן האָט שלוכצענדיג אַרומגענומען זיין פּאַטער, דאַן, אַ געהאַרכזאַמער ווי אימער, האָט ער געעפענט די טהיר און עס איז אַריין דער גייסטליכער אין ווייסען פּריסטער געוואַנד מיט דעם הייליגען אויל.

אָבער דער שטערבענדער האָט די אויגען געשלאָסען און זיי ניט געוואָלט ווידער עפענען. ער האָט זיך געווייגערט צו ענטפערן און ניט געוואָלט אפילו דורך אַ צייכען לאָזען דערקענען, אַז ער פערשטעהט, וואָס מען רעדט צו איהם.

ער האָט גענוג גערעדט, און מעהר האָט ער ניט געקענט. דערצו האָט ער איצט זיין הארץ ערלייכטערט און האָט געוואָלט שטאַרבען אין פריעדען. צו וואָס זאָל ער נאָך פאַר דעם שטעל־פערטרעטער פון גאָט זיך מודה זיין, ווען ער האָט זיך נור וואָס אָנפערטרויט זיין זוהן, וועלכער איז זיין אייגען פלייש און בלוט געווען.

ער האָט געקראָגען די לעצטע אוילונג, וועהרענד זיינע פריינד און דיענער זיינען געשטאַנען ארום איהם, און האָט דערביי מיט דער קלענסטער בעוועגונג ניט ארויסגעוויזען צו לעבט ער נאָך צו ניט.

ער איז געשטאָרבען ארום האַלבע נאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פיער שטונדען נאָכאַנאַנד אָפּגעמאַטערט אין די שרעקליכסטע קאָנוואולסיעס.

2.

דיענסטאָג איז ער צו קבורה געקומען. די געיעג האָט זיך זונטאָג גלייך געשלאָסען. נאָך דער לויה איז דער זוהן געקומען אהיים פון׳ם בית עולם און האָט דעם גאַנצען טאָג געוויינט. די נאַכט האָט ער זעהר וועניג געשלאָפען און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער זיך געפיהלט אזוי טרויעריג, דאַס ער האָט זיך געפרעגט, ווי אזוי זאָל ער איבערהויפּט נאָך ווייטער לעבען.

ביז אין אָבענד האָט ער נור געטראַכט וועגען דעם, אַז אום צו ערפיהלען דעם פּאַטערס לעצטען וואונש, מוז ער אויף מאָרגען נאָך

רוען פאהרען און יענע קאראלינע דאנעט אויסגעפינען, וועלכע וואהנט אין דער רו דע לא עפערלאן נומער אכצעהן, דריטען שטאק צווייטע טהיר. שטיל, ווי א געבעט, האט ער דעם דאזיגען נאמען און אדרעס געמורמעלט פאר זיך פיעל, פיעל מאהל, אום איהם ניט צו פערגעסען.

אויף מארגען ארום אכט א זייגער אין דער פריה האט ער גע־הייסען איינשפאנען זיין בעסטען פערדעל און איז איבער דער לאנד־שטראסע פון אונוויל אוועק נאך רוען. ער איז געווען אנגעטהאן אין זיין לאנגען שווארצען ראק, א גרויסער זיידענער הוט און דערצו האט ער געטראגען הויזען מיט ספראנטשקעס. צוליעב דער וויכ־טיגקייט פון זיין מיסיאן האט ער איבער זיין שעהנעם אנצוג ניט אנגעטהאן די געוועהנליכע בלויע בלוזע, וועלכע פערהיט די קליידער פון שטויב און פון פלעקען און וועלכע מען טהוט אויס אזוי גיך ווי מען קומט אן אויף אן ארט.

ווען דער זייגער האט געשלאגען צעהן, איז ער אנגעקומען קיין רוען, האט אויסגעשפאנט זיין פערד אין א בעקאנטען האטעל, האט אויסגעהערט דאס בעדויערען פון דעם בעל הבית, דער בעל הבית׳טע און זייערע פינף זיהן, ווארום דארט האט מען שוין געוואוסט דעם אונגליק, און האט זיך פון זיי אלעמען געלאזט אומארמען, ווי דער מנהג איז ביי די נארמאנען. דאן האט ער נאך אמאל געמוזט דער־צעהלען אלע איינצעלהייטען פון דעם אונגליקספאל, דערביי האט ער זיך ווידער צואוויינט. וויסענדיג, אז ער איז רייך, האבען די לייטע ארום איהם ארומגעטאנצט, אבער ער האט זיך אבגעזאגט פון אלע זייערע געפעליגקייטען און האט דארט אפילו ניט געוואלט עסען פריהשטיק, וואס דאס האט שטארק געקרענקט די בעל הבתים פון האטעל.

אבגעווישט דעם שטויב פון זיין הוט, אבגעפוצט זיין ראק און אויסגערייניגט די שטיוועל, איז ער דערנאך אוועק זוכען די רו דע־לא־עפערלאן. ער האט אבער ביי קיינעם ניט געוואגט צו פרעגען וואו דאס געפינט זיך, ווייל ער האט מורא געהאט, טאמער דערקענט מען איהם און עס וועקט זיך אויף א פערדאכט.

ווען ער האט נאך לאנגען זוכען פארט ניט געקענט געפינען

יענע גאַס, האָט ער בעמערקט א פריסטער און גלויבענדיג אין די פערשוויגענהייט פון די דאָזיגע הייליגע מענשען, האָט ער איהם געפרעגט וואו יענע גאַס געפינט זיך.

ער איז געווען א הונדערט טריט ווייט פון דאָרט: גראָדע די צווייטע גאַס רעכטס.

דאַן ערשט האָט ער זיך אָנגעהויבען צו קווענקלען. ביז אהער האָט ער נור געפאָלגט דעם ווילען פון זיין פאָטער; איצט אָבער האָט ער זיך דערפיהלט פארשעהמט, ערנידעריגט ביי דעם געדאנק, זיך צו ווייזען פאר דער מיידעל, וועלכע איז געווען די געליעבטע פון זיין פאָטער. די גאַנצע מאָראַל, וועלכע שלומערט אין אונז און וועלכע איז דורך דער ערציהונג פון הונדערטער יאָהרען איבערגע־גאַנגען צו אונז בירושה, אַלעס וואָס ער האָט פון קינדהייט אויף גע־הערט איבער געפאַלענע פרויען, די אינסטינקטיווע פעראַכטונג, וואָס יעדער מאַן פיהלט צו זיי אין זיין הארצען, אפילו דאַן, ווען ער האָט איינע פון זיי געהייראַט, זיין גאַנצע שטומפּפזיניגע, פּויערשע עהרע האָט זיך פּלוצים אין איהם אויפגעהויבען, זיינע טריט שווער גע־מאַכט, איהם מיט שאַנדע ערפילט און דאָס בלוט אין די באַקען איהם אריינגעטריעבען.

„אָבער, האָט ער געטראַכט, איך האָב עס דעם פאָטער צוגעזאָגט און מוז עס טהאָן". דאַן האָט ער א שטויס געטהאָן די טהיר, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען דער נומער אכטצעהן, האָט דערזעהן איין טהיר, א צווייטע דערביי, געפונען דעם גלעקעל און אָנגע־קלונגען.

און ווען עס האָט זיך פון צווייטען צימער דערהערט דער בים־בים פון'ם גלעקעל, איז א שוידער איבער זיין גאַנצען לייב אריבער. די טהיר האָט זיך געעפענט, און ער האָט דערזעהן פאר זיך א יונגע, זעהר שעהן געקליידעטע דאַמע מיט א געזונטער געזיכטס פארב, וועלכע האָט איהם צושראָקען אָנגעקוקט.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס איהר צו זאָגען און זי, וועלכע האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט און האָט אָן אנדערען ערוואַרט, האָט איהם ניט געבעטען אריינצוגעהן. אזוי האָבען זיי זיך כמעט א מינוט צייט אָנגעקוקט איינער דעם צווייטען.

צום סוף האט זי געפרעגט:

— וואס פערלאנגט איהר, מיין הערר?

ער האט געפליסטערט:

— איך בין הוטא זוהן.

זי האט זיך א צאפעל געטהאן, איז בלייך געווארען און גענומען שטאמלען, ווי זי וואלט איהם געקאנט שוין פון לאנג:

— הערר צעזאר?

— יא.

— און ווי קומט איהר אהער?

— איך מוז מיט אייך רעדען אין מיין פאטער'ס נאמען.

זי האט אויסגערופען:

— א, מיין גאט! — און האט אבגעטראטען צוריק אום איהם אריינצולאזען. ער האט פערמאכט די טהיר און איז איהר נאכ־גאנגען.

דאן האט ער בעמערקט א קליין אינגעל פון א יאהר פיער־פינף, וואס האט זיך געשפיעלט מיט א קאץ נעבען אויווען, פון וועלכען עס האט זיך געטראגען א לייכטע פארע. פון די שפייזען וואס זיי־נען דארט אויף'ן פייער געשטאנען.

— זיצט! — האט זי געזאגט.

ער האט זיך געזעצט. זי האט געפרעגט:

— אלזא?

ער האט ניט געוואגט צו רעדען. זיין בליק איז געווען געריכ־טעט אויף'ן טיש אין מיטען צימער, וועלכער איז געווען געדעקט פאר דריי פערזאן, צווישען זיי אויך פאר א קינד. ער האט געזעהן דעם שטול, וועלכער איז מיט'ן רוקען אנטקעגען פייער געשטאנען, דעם טעלער, די סערוועטקע, די גלעזער, די געעפענטע פלאש רויט וויין און די פולע פלאש וויים וויין. דער דאזיגער פלאץ מיט'ן רו־קען אנטקעגען פייער, איז געווען זיין פאטער'ס פלאץ... מען האט איהם דא היינט ערווארטעט. און דארט האט ער דערזעהן זיין ברויט ליעגענדיג לעבען גאפעל. ער האט עס דערקאנט און דעם, וואס צוליעב די שלעכטע צייהן פון הוטא פאטער האט מען די סקארניקעס פון זיין ברויט אראבגעשניטען. און ווען ער האט זיינע

אויגען אויפגעהויבען, האט ער אויף דער וואנד דעם פאטער׳ס בילד דערזעהן, א גרויסע פאטאגראפיע, וועלכע איז געמאכט געווארען אין פאריז, די אייגענע, וואס הייננט אין דער היים אין שלאף צימער איבער׳ן בעט.

די יונגע פרוי האט נאך אמאל געפרעגט:

— אלזא, הערר צעזאר?

ער האט אויף איהר א קוק געטהאן. זי איז געווען בלאס ווי דער טויט פאר מורא, איהרע הענד האבען זיך געטרייסעלט און אין איין שרעק האט זי אויף אן ענטפער געווארט.

צום סוף האט ער זיך אנגענומען מיט מוט און האט ארויסגערעדט:

— אלזא, פריילין, פאפא איז זונטאג ביי דער ערעפנונג פון דעם נעיעג געשטארבען.

זי האט זיך אזוי דערשראקען, דאס זי איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. אין א פאאר מאמענטען ארום האט זי ארויסגעשעפצעט מיט א קול, וואס מען האט קוים געקענט הערען:

— אך, דאס איז אונמעגליך!

דאן האבען זיך פלוצים א גאס געטהאן טרעהרען פון איהרע אויגען, זי האט אויפגעהויבען איהרע הענד, פארשטעלט דעם פנים און גענומען שלוכצען.

דער קליינער האט זיך ארומגעקוקט, און ווען ער האט דערזעהן, אז די מוטער וויינט, האט ער אויך גענומען קלאגען. און ווען ער האט זיך געכאפט, אז אין דעם דאזיגען פלוצים׳דיגען קומער איז שולדיג דער פרעמדער מאן, האט ער זיך אווארף געטהאן אויף צעזאר׳ן, אנגעכאפט איהם מיט איין האנד פאר די הויזען און א זעץ געטהאן מיט אלע זיינע קרעפטען אין פוס. און צעזאר איז געבליבען שטעהן צושמעטערט, צומישט צווישען דער דאזיגער פרוי, וועלכע האט זיין פאטער בעוויינט און דעם דאזיגען קינד, וואס האט זיין מוטער פערטהיידיגט. ער האט געפיהלט, ווי ער אליין ווערט גאנץ ווייך. פון דאס פיעל וויינען, זיינען ביי איהם די אויגען געשוואלען געווען און אום זיינע אייגענע טרעהרען צוריקצוהאלטען האט ער גענומען רעדען.

— יא — האָט ער געזאָגט — דאָס אומגליק איז געשעהן זונ־טאג אין דער פריה, ארום אכט א זייגער. — און ער האָט דערצעהלט אלסדינג אזוי ווי זי וואָלט זיך צו איהם צוגעהערט, האָט ניט פער־געסען קיין איין קלייניגקייט, האָט דערמאָנט די קלענסטע, די אונ־וויכטיגסטע איינצעלהייטען מיט פויערשער פינקטליכקייט. און דאָס קינד האָט איהם ניט אויפגעהערט צושלאָגען בעת דעם מיט די ענדטלאך און צייטענווייז אויך מיט די פיסלאך.

— ווען ער איז אין זיין ערצעהלונג געקומען צו דער שטעלע, וואו זיין פאָטער האָט וועגען איהר געפרעגט און זי האָט דערהערט איהר נאָמען, האָט זי אראָבגענומען איהרע הענד פון די אויגען און געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר, איך האָב ניט געקענט הערען, וואָס איהר זאָגט... איך וואָלט זעהר וועלען אלעס וויסען... אויב עס איז אייך ניט שווער הויבט אָן ווידער פון אָנהויב.

און ער האָט אָנגעהויבען איבער א נייעס מיט פונקט די אייגע־נע ווערטער: — דאָס אונגליק איז געשעהן זונטאג אין דער פריה, ארום אכט אזייגער...

ער האָט אלסדינג דערצעהלט לאנג און ברייט, האָט זיך אָפט אָבגעשטעלט און פון צייט צו צייט זיינע אייגענע בעמערקונגען אריינגעשטעלט. זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, האָט גע־ציטערט פאר שרעק און אלע ווילע אויסגערופען: „אַה, מיין גאָט!“ דער קליינער, וועלכער האָט געמיינט, אז זי האָט זיך בערוהיגט, האָט צעזאר'ן אויפגעהערט צו שלאָגען, און אָנעהמענדיג זיין מוטער פאַר אַ האַנד, האָט ער זיך איצט אויך צוגעהערט, ווי ער וואָלט פערשטאַנען, וואָס דאָ געהט פאָר.

ווען הוטאַ זוהן איז פערטיג געוואָרען מיט'ן דערצעהלען, האָט ער געזאָגט:

— און איצט פריילין, לאָמיר זיך דורכרעדען. לויט דעם וואונש פון מיין פאָטער מוז איך זעהן, וואָס איך קען טהאָן פאר אייך. הערט אקאָרשט אויס, ער האָט מיר גענוג איבערגעלאָזען, מיר פעהלט קיין זאך ניט... און איך וואָלט ניט וועלען, אז איהר זאָלט זיך האָבע צו בעקלאָגען.

אבער זי האט איהם גלייך אונטערבראכען:

— אה הערר צעזאר, הערר צעזאר, איך בעט אייך... ניט היינט! מיין הארץ איז צוריסען. אן אנדערש מאל, אן אנדער טאג... ניין, ניין, נור ניט היינט. און ווען איך וועל פון אייך עפעס אננעהמען, דאן איז עס ניט פאר מיר, ניין, ניט פאר מיר, דאס שווער איך אייך, נאר פאר דאס קינד... אויף זיין נאמען מוז עס אנגעשריבען ווערען.

דאן ערשט האט דער צומישטער צעזאר געגומען בעגרייפען, וואס דא טהוט זיך און האט ארויסגעשטאמעלט:

— דאס איז אלזא זיין קינד, אט דער קליינער?

— נו געוויס! — האט זי געענטפערט.

און הוטא זוהן האט מיט א זעהר אונאנגענעהמען געפיהל אנגעקוקט זיין ברודער.

נאך א לאנגען שווייגען האט צעזאר, וועלכער האט שוין איצט גאר נישט געוואוסט, ניט וואס צו זאגען און ניט וואס צו טהאן, זיך אנגערופען:

— אלזא פריילין דאנעט, איך וועל אוועקגעהן. ווען ווילט איהר דערפון רעדען?

זי האט א געשריי געטהאן:

— ניין, ניין, געהט ניט אוועק, געהט ניט אוועק! לאזט מיך מיט עמיל'ן ניט איבער אליין, איך וועל שטארבען פאר קומער. איך האב קיינעם ניט, קיין איין מענשען ניט אויסער דעם קינד. אך, אזא אונגליק, אזא אונגליק, הערר צעזאר! זעצט זיך, איך בעט אייך. איהר מוזט מיר דערצעהלען! וואס האט ער געטהאן די גאנצע וואך אין דער היים?

און געוואהנט צו פאלגען, האט זיך צעזאר אוועקגעזעצט.

זי האט זיך געזעצט אין א שטוהל נעבען איהם, גענען אויווען, וואו דאס עסען האט געדאמפפט, געגומען עמיל'ן אויף'ן שויס און געשטעלט צעזאר'ן טויזענד פראגען וועגען זיין פאטער, געפרעגט טויזענד אינטימע זאכען, פון וועלכע ער האט גלייך דערפיהלט, אז זי האט הוטא פאטער ליעב געהאט מיט איהר גאנצען מיידעלשען הארצען.

און ער האָט ווידער גענומען רעדען וועגען אונגליק און אויף זיין בעשרענקטען אופן ווידער גענומען דערצעהלען מיט אלע איינצעלהייטען.

ווען ער האָט געזאָגט: „ער האָט געהאַט אזא גרויסע לאָך אין בויך, אז מען האָט אהין געקאָנט צוויי פויסטען אריינשטעקען" — האָט זי ארויסגעלאָזט א געשריי און איהרע אויגען זיינען ווידער מיט טרעהרען פערלאָפען. דאָס האָט צעזאר'ן אָנגעשטעקט און ער האָט זיך אויך צואוועהנט. און אזוי ווי טרעהרען מאַכען אימער ווייכער די הערצער, האָט ער זיך אָנגעבויגען צו עמיל'ן און איהם א קוש געטהאָן אויף'ן שטערען.

די מוטער האָט טיעף אָבגעצויגען דעם אָטהעם און ארויסגעשעפּצעט:

— אָרימער אינגעל, איצט איז ער נעבאָך א יתום געבליעבען.

— איך אויך! — האָט געזאָגט צעזאר.

און זיי זיינען אנשוויגען געוואָרען.

אָבער פּלוצים האָט ביי דער יונגער מוטער ערוואכט דער פּראקטישער פערשטאנד און זי האָט זיך א כאפּ געטהאָן:

— איהר האָט נאָך היינט אודאי גאָר נישט געגעסען, הערר צעזאר?

— ניין, פריילין.

— דאַן זייט איהר דאָך הונגעריג. איהר מוזט דאָ עפּעס א ביס טהאָן.

— א דאַנק — האָט ער געענטפערט — מיר ווילט זיך ניט עסען, איך האָב צופיעל קומער געהאַט.

זי האָט געזאָגט:

— פון דעסטוועגען, לעבען מוז מען. איהר דאַרפט מיר ניט אָבזאָגען און דאַן וועט איהר דאָ נאָך בלייבען א ווייל... ווען איהר געהט אוועק ווייס איך ניט וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן.

נאָך א קורצען קווענקלען זיך, האָט ער נאָכגעגעבען, זיך געזעצט אנטקעגען איהר מיט דעם רוקען צום פייער, אויפגעגעסען א פולען טעלער מיט קישקעס און דערצו געטרונקען א גלאָז רויט-וויין.

ער האט אבער ניט צוגעלאזט, זי זאל פון זיינטוועגען עפענען די פלאש וויס־וויין.

א פאאר מאל, ווען דער אינגעל האט זיך פערגאסען מיט סופ, האט ער איהם מיט זיין סערוועטקע דעם מויל אבגעווישט.

ווען ער איז אויפגעשטאנען אוועקצוגעהן, האט ער געפרעגט:

— ווען זאל איך קומען רעדען מיט אייך וועגען אונזער געשעפט, פריילין דאנעט?

— אויב איהר קאנט, קומט נעכסטען דאנערשטאג, הערר צעזאר, ווייל דאן בין איך פריי און פערליר ניט אומזיסט קיין צייט. דאנערשטאג איז מיין איינציגער פרייער טאג.

— גוט, אלזא נעכסטען דאנערשטאג.

— איהר וועט דאך זיין דא צום פריהשטיג, ניט אמת?

— ניין, ווייסט איהר, דאס קען איך אייך איצט ניט פערשפרעכען.

— איך דענק,ביים עסען רעדט זיך נאר בעסער און דאן האט מען מעהר צייט.

— גוט, זאל זיין אזוי.

און ער איז אוועק, נאכדעם ווי ער האט דעם קליינעם עמיל א קוש געטהאן און פריילין דאנעט די האנד געדריקט.

3.

די וואך האט זיך פאר צעזאר הומא'ן געצויגען זעהר לאנג. ער איז נאך קיין מאל ניט געוועזען אליין און די איינזאמקייט איז איהם געווען אונערטרעגליך. ביז אהער האט ער געלעבט נעבען זיין פאטער, ווי זיין שאטען, איז מיט איהם געגאנגען אין פעלד, האט געזעהן, אז אלע זיינע בעפעהלען זאלען אויסגעפיהרט ווערען, און ווען זיי האבען זיך אפילו אויף א פאאר שעה צושיידט, זיינען זיי צום עסען זיך ווידער צוזאמענגעקומען. אין אבענד זיינען זיי געזעסען איינער אנטקעגען אנדער'ן, גערויכערט זייערע פיפקעס, גערעדט פון פערד, קיה אדער שאף; און ווען זיי האבען זיך אין דער פריה ביים אויפשטעהן געגריסט און איינער דעם אנדער'ן די הענד

געדריקט, האט זיך אין דעם געפיהלט א טיעפע, א הארציגע צור־נייגונג.

און איצט איז צעזאר געוועזן אליין. ער האט ארומגעבלאנדזשעט איבער די יעסענדיגע פעלדער און עס האט זיך איהם אלץ אויסגעדוכט, אז אט־אט וועט זיך וואו עס איז אויף'ן וועג בעוויזען די הויכע געשטאלט פון זיין פאטער. אום די צייט צו פערטרייבען, איז ער צו די שכנים געגאנגען, האט אלעמען פון דעם אונגליק דער־צעהלט, אי די, וואס האבען נאך דערפון ניט געוואוסט, אי יענע, וואס האבען עס שוין געהערט. און נאכדעם, אז ער האט שוין ניט געוואוסט מעהר וואס צו זאגען, וואו צו געהן און וואס צו טהאן, האט ער זיך אין מיטען גאס געזעצט און זיך געפרעגט, אויב דאס דאזיגע לעבען וועט נאך לאנג אזוי אנהאלטען.

ער האט אפט געטראכט וועגען פריילין דאנעט. זי איז איהם זעהר געפעלען, ער האט אויסגעפונען, אז זי איז אן ארענטליכע, וואוילע, אנשטענדיגע מיידעל, ווי דער פאטער האט איהם געזאגט. יא, אן אנשטענדיגע מיידעל, גאנץ געווים אן אנשטענדיגע; און ער האט ביי זיך אבגעמאכט זי צו בעהאנדלען זעהר גרויסמוטהיג. ער וועט איהר געבען א רענטע פון צוויי טויזענד פראנק א יאהר און דאס קאפיטאל וועט ער אבשרייבען אויף דאס קינד. דער געדאנק אז דעם קומענדען דאנערשטאג וועט ער זי ווידער זעהן און וועט מיט איהר רעדען וועגען געשעפט זאכען, האט איהם זאגאר פער־געניגען פערשאפט. עס האט איהם נור געפלאגט דער געדאנק ווע־גען דאס קליין פינף יאהריגען אינגעל, וואס איז געוועזן דער זוהן פון זיין פאטער. עס איז איהם געוועזן אי פיינליך, אי לאנגווייליג און דאך האט עס איהם אין דער זעלבער צייט דאס הארץ געווא־רעמט. א דאנק דעם דאזיגען אונגעזעצליכען ווערימעל, וועלכער וועט קיין מאל ניט הייסען מיט'ן נאמען הומא, האט ער פארט גע־האט, אזוי צו זאגען, א פאמיליע... א פאמיליע, וועלכע ער קאן, יוען ער וויל, בעזוכען אדער פערנאכלעסיגען, וועלכע וועט איהם אימער אן זיין פאטער דערמאנען.

און ווען ער האט זיך דאנערשטאג אין דער פריה אויף זיין פייערדיגען פערדיל איבער די גאסען פון רוען געטראגען, איז איהם

אויפ'ן הארצען געווען לייכטער און ער האט זיך געפיהלט רוהיגער ווי ווען עס איז נאך דעם אונגליק.

ווען ער איז אריין צו פריילין דאנעט, האט ער דערזעהן פאר זיך דעם אייגענעם געדעקטען טיש ווי פאראכטאגען דאנערשטאג, מיט דעם איינציגען אונטערשייד וואס די סקארניקעס פון ברויט איז ניט געווען אראבגעשניטען.

ער האט געדריקט דער יונגער מוטער די האנד, האט א קוש געטהאן עמיל'ן אויףביידע באקען און זיך געזעצט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז געווען אין דערהיים און דאך איז ער געווען זעהר פערטרויערט. פריילין דאנעט האט אויסגעזעהן אויסגעמאטערט און עטוואס בלייך, זי האט געמוזט א סך וויינען. זי האט זיך איצט אנטקעגען איהם געהאלטען עטוואס פערלעגען, ווי עס וואלט איהר קלאהר געווארען איהר לאגע, וועלכע זי האט פאראכטאגען אונטער דעם ערשטען איינדרוק פון איהר אונגליק ניט געפיהלט. זי האט איהם בעהאנדעלט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, האט ריהרענד ארומגעטאנצט ארום אים, ווי זי וואלט איהם וועלען אבדאנקען פאר זיין גוטסקייט צו איהר. זיי זיינען לאנג געזעסען ביים עסען און האבען גערעדט פון דעם געשעפט, וואס האט איהם אהער געבראכט. זי האט ניט געוואלט נעהמען ביי איהם אזוי פיעל געלד; עס איז צופיעל, זעהר, זעהר פיעל. זי פערדיענט גענוג אויף איהר לעבען און זי האט נור איין וואונש, אז עמיל זאל עפעס פערמאגען, ווען ער וועט אמאל אויפוואקסען. אבער צוזאר איז געבליעבען ביי דאס זייניגע און ער האט נאך זאגאר צוגעלייגט א געשענק פון טויזענד פראנק פאר איהר אליין אויף טרויערקליידער.

נאכדעם ווי ער האט אויסגעטרונקען זיין קאפע, האט זי איהם געפרעגט:

— רויכערט איהר?

— יא, איך האב מיין פיפקע מיט זיך.

ער האט א טאפ געטהאן אין זיין קעשענע: צום טייפעל, ער האט זי פערגעסען אין דערהיים. דאס האט איהם שמארק פערדראסען, אבער זי האט איהם דערלאנגט דעם פאטערס פיפקע, וועלכע

איז געשטאַנען אין שאַפע. ער האָט ניט געזאָגט ניין, האָט זי גע־נומען, זי דערקענט, געגוי בעטראַכט און מיט אַ בעוועגטער שטימע זי געלויבט, דאַן האָט ער זי אָנגעשטאָפּט פול מיט טאַבאַק און זי פערדרויכערט. דאַן האָט ער גענומען עמיל'ן צו זיך אויף'ן שויס, געלאָזט איהם רייטען אויף זיינע קניע, וועהרענד זי האָט אויפגע־ראַמט פון טיש און דאָס שמוציגע געשיר אין בופעט אריינגע־שטעלט, אום שפּעטער, ווען ער וועט אוועקגעהן, צו צואוואַשען.

ארום דריי אזייגער איז ער אונגערן אויפגעשטאַנען, אויף'ן הארצען איז איהם געווען אומעדיג, וואָס ער מוז אוועקגעהן, און ער האָט געזאָגט מיט אַ בעוועגטער שטימע:

— נו, פריילין דאַנעט, זייט מיר געזונד. עס האָט מיך זעהר געפרעהט אייך צו זעהן.

זי איז געבליבען שטעהן פאר איהם, טראַכטענדיג וועגען זיין פאָטער.

— מיר וועלען זיך וואהרשיינליך שוין מעהר ניט זעהן? — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געענטפערט איינפאַך:

— נו, פריילין, ווען עס איז אייך אָנגענעהם... יאָ.

— געווים הערר צעזאר! קענט איהר אפשר קומען נעכסטען דאָנערשטאַג?

— יאָ, פריילין דאָנעט.

— דאַן קומט צום פריהשטיק! אָבער בעשטימט.

— אָבער...! נו, גוט, ווען איהר ווילט דורכאויס, איך זאָג ניט ניין!

— אלזאָ אָבגעמאַכט, הערר צעזאר, נעכסטען דאָנערשטאַג צוועלף אזייגער, אזוי ווי היינט.

— דאָנערשטאַג צו פריהשטיק, פריילען דאנעט.

פאַרלאָרען!

לעבע איז שטאַרקער ווי דער טויט און פאַלגליך אויך שטאַרקער פון׳ם גרעסטען אונגליק.

א אידישער גאַנץ שעהנער יונגער מאַן, איינער פון די גרויסע אין דער גהעטטאָ, וועלכער האָט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אויף דער בירזשע, פלעגט אָפט בעזוכען די וועלט אויסשטעלונג אין וויען אין 1873, כדי אויסצודריקען זיינע געדאַנקען און בעטראַכטען די פיעלע אינטערעסאַנטע סצענעס און מענשען, וועלכע ער האָט דאָרט געטראָפען. אין א געוויסען טאָג האָט ער אין דער רוסישער אָבטהיילונג געטראָפען א יונגע פּאָאר פאָלק פון גרויסען יחוס אָבער מיט גאַנץ קליינע מיטלען צום לעבען.

דער לעצטער אומשטאַנד האָט געמאַכט מוטה דעם רייכען בירזשען מעקלער און ער האָט זיך אָפט ערלויבט צו מאַכען חנ׳דעלאַך צו דער שעהנער יונגער פרוי; חנ׳דעלאַך וועלכע וואָלטען געמאַכט אַן איינדרוק אויף געוויסע וויענער אַקטריסען, אָבער פאַר א עהרענהאַפטער פרוי זיינען זיי געווען א בעליידיגונג. די באַראָנעססע, וועמעס נאָמען עס איז געדרוקט געווען אין דעם „אַלמאַנאַך דער גהעטטאָ“ וואו נור די גרעסטע יחסנים האָבען די זכיה אריינצוקומען, האָט דערפיהלט א האַס צו דעם מאַן פון דער גהעטטאָ און א לאַנגע צייט איז איהר שעהנער קליינער קאָפּ געווען פול מיט פערשיעדענע פּלענער ווי אַזוי איהם נקמה צו נעהמען.

דער בירזשען מעקלער, וועלכער איז געווען אויך אַן אמת שטאַרק פאַרליעבט אין איהר, איז איינמאָל אין א געוויסען טאָג

צוגעקומען גאנץ נאהענט צו איהר אין דער געביידע פון דער אויס־
שטעלונג. עס האט זיך איהם לייכט איינגעגעבען, ווייל דער
יונגער פרוי׳ס מאן האט זיך אבגעטראגען, ווען ער האט דערזעהן,
ווי זי איז צוגעגאנגען צו א שוי פענסטער פון א רוסישען פוטער־
ווארג הענדלער, וואו זי האט זיך אבגעשטעלט בעטראכטען די
פוטערס.

— מהוט א קוק אויף דעם וואונדערשעהנעם פעלץ — האט
געזאגט די באראנעססע, בשעת איהרע דונקעלע אויגען האבען
אויסגעדריקט א פערלאנג — איך מוז איהם האבען !

אבער זי האט א קוק געטהאן אויף דעם קליין ווייס צעד־
טעלע וואו דער פרייז איז געווען אנגעצייכענט און זי האט צו־
געלייגט פערצווייפעלט:

— פיער טויזענד רובעל, דאס איז אריבער זעקס טויזענד
פלארינס.

— געוויס — האט ער זיך א כאפ געטהאן — אבער וואס
מאכט עס אויס? דאס איז א סומע פון וועלכער עס איז ניט
ווערטה צו רעדען אין דער געגענווארט פון אזא רייצענדער דאמע.

— אבער מיין מאן איז ניט אימשטאנד...

— זייט כאטש איין מאל ניט אזוי שלעכט ווי געוועהנליך —
האט דער מאן פון דער נהעטמא געזאגט צו דער יונגער פרוי. אין
דער שטיל — און ערלויבט מיר צו לייגען דעם דאזיגען סייבעל
פעלץ צו אייערע פיס.

— אפנים איהר מאכט א שפאס.

— ניין, ניט איך.

— עס מוז זיין א שפאס, ווייל איך קען זיך ניט פארשטעלען,
אז איהר ווילט מיך בעליידיגען.

— באראנעססע, איך ליעב אייך.

— דאס איז נאך א אורזאכע, פארוואס איהר זאלט מיך ניט
ארייינברענגען אין כעס.

— אבער...

— דאס איז שענדליך — האט אויסגערופען די יונגע פרוי,
— איהר זייט ווערט מען זאל אייך שמייסען, ווי די וועגנוס אין

איינע פון זאכאר מאזאך'ס ערצעהלונגען האט געשמיסען איהר שקלאף.

— לאזט מיר זיין אייער שקלאף — האט דער בירזשען מעקלער געזאגט מיט היץ — און איך וועל מיט פערגעניגען אננעהמען פאר ליעב אלעס וואס וועט קומען פון אייך. און ווירקליך, אין דיעזען סייבעל מאנטעל מיט א בייטש אין די הענד וואלט איהר געקענט מיט זיך פארשטעלען די שעהנע העלדין פון יענער ערצעהלונג.

די באראנעססע האט א קוק געטהאן אויף דעם מאן מיט א בעזונדערען שמייכעל, דאן האט זי א ווײלע ארום געפרעגט:

— אויף אזא אופן הייסט עס וואלט איהר פון מיר אנגענומען שמיץ אויך?

— מיט פערגעניגען.

— זעהר גוט — האט זי שנעל געענטפערט — איהר וועט מיר לאזען אייך געבען פינף און צוואנציג שמיץ און נאך דעם פינף און צוואנציגסטען וועל איך זיין אייערע.

— איהר מיינט עס ערנסט?

דער בירזשען־מעקלער האט גענומען איהר האנד און עס ליידענשאפטליך צו די ליפען צוגעדריקט.

— ווען קען איך קומען?

— מארגען אבענד אום אכט אוהר.

— און איך קען ברענגען מיט זיך דעם סייבעל מאנטעל און דעם קאנטשיק?

— ניין, דאס וועל איך אליין בעזארגען.

אויף מארגען אין אבענד איז דער פערליעבטער בירזשען מעקלער געקומען אהיים צו דער רייצענדער באראנעססע און האט זי געפונען אליין, ליגענדיג אויף א זאפע איינגעוויקעלט אין א דונקעלען פעליץ און האלטענדיג אין איהר קליין הענטעל א בייטש, וועלכען דער מאן פון דער גהעטטא האט א קוש געטהאן.

— איהר ווייסט אונזער אבמאך — האט זי געזאגט.

— געוויס ווייס איך — האט ער געענטפערט — איך מוז אייך ערלויבען מיר צו געבען פינף און צוואנציג שמיץ מיט'ן

בייטש און נאכדעם פינף און צוואנציגסטען וועט איהר מיך אויס־הערען.

— יא, אבער פריהער פאר אלץ וועל איך אייך בינדען די הענד.

דער פארליעבטער מאן האט איהר געלאזט זיך צובינדען די הענד אהינטער, דאן האט ער זיך אראבגעלאזט פאר איהר אויף די קניע און זי האט אויפגעהויבען דעם בייטש און איהם שטארק א שמיץ געטהאן.

— אה! דאס טהוט שרעקליך וועה! — האט ער א געשריי געטהאן.

— איך האב געוואלט אייך וועה טהאן — האט זי געזאגט אין א אבלאכענדיגען טאן און איהם גענומען ווייטער קאטעווען אהן רחמנות, צום סוף האט דער ארימער נאר גענומען קרעכצען פאר יסורים אבער ער האט זיך מיט אלע קרעפטען געסטארעט איינצוהאל־טען און האט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז יעדער שמיץ ברענגט איהם נעהנטער צו זיין גליק.

צו דעם פיער און צוואנציגסטען שמיץ, האט זי אוועקגעווארפען דעם בייטש.

— דאס איז בלויז פיער און צוואנציג — האט דער צושלא־גענער דאן זשואן בעמערקט.

דעם פינף און צוואנציגסטען וועל איך אייך מאכען א פרע־זענט — האט זי געזאגט מיט א געלעכטער.

— אבער איצט זייט איהר מיינע, אין גאנצען מיינע — האט ער אויסגערופען מיט היץ.

— וואס פאלט אייך איין?

— האב איך אייך ניט געלאזט מיר שלאגען?

— געוויס; אבער איך האב צוגעזאגט צו געהערן צו אייך נאכדעם ווי איהר וועט קריגען פינף און צוואנציג שמיץ און איהר האט געקריגען בלויז פיער און צוואנציג — האט געזאגט די בייזע טוגענדהאפסטע פרוי — און איך האב עדות עס צו בעווייזען.

מיט די דאזיגע ווערטער האט זי א ציה געטהאן א פארהאנג

וועלכער איז געהאנגען איבער א טהיר, און איהר מאן מיט נאך צוויי אנדערע מענער זיינען ארויסגעקומען פון צווייטען צימער שמייכלענדיג.

א מאמענט איז נאך דער בירזשען מעקלער געבליבען ליגען אויף די קניע, צומישט, פערשעהמט און אהן לשון. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, האט א טיעפען זיפץ געטהאן און טרויעריג ארויסגעמורמעלט בלויז איין ווארט:

— פארלארען!



דער סוף.

דער גראף ד'ע-לארמערען האט נור וואס געענדיגט מאַכען זיין טואלעט און זיך בעטראכט מיט א צופריעדען שמייכעל אין דעם גרויסען שפיעגעל, וואס האט פערנומען א גאנצע וואנד אין זיין קאבינעט.

ער האט זיך באמת נאך געקאנט רעכענען פאר א „פארשוין" ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער איז שוין גרוי געווען. הויך און שלאנק האט ער נאך דערצו געהאט א צארט געזיכט, אין זיין גאנצער פיגור איז געלעגען ערעלקייט, עלעגאנץ און יענער בעזונדערער מין „שיק", וואס מאכט צווישען מענשען א גרעסערען אונטערשיעד ווי מיליאנען.

ער האט ביי זיך א טראכט געטהאן:

— לארמערען איז נאך גאר א נישקשה'דיגער יונג!

ער איז אריינגעגאנגען אין זיין ארבייטס-צימער, וואו עס איז געווען צוגעגרייט פאר איהם די פאסט. אויף זיין שרייב-טיש האט יעדע זאך געהאט איהר בעשטימט ארט. דאס איז געווען אן „ארבייט-טיש" פון א מענשען, וועלכער ארבייט קיינמאל ניט. אויפ'ן טיש זיינען געלעגען דריי צייטונגען פון פערשיעדענע ריכטונגען און א צעהן בריף. מיט א געאיבטער בעוועגונג האט ער אויסגעלעגט אלע בריעף אין די פארם פון פאכער, ווי א קארטען-שפילער, וואס לעגט אויס די קארטען, אום אויסצוקלייבען איינע. דערנאך האט ער זיך אנגעהויבען צוצוקוקען צו די האנדשריפטען, ווי ער פלעגט עס טהאן יעדען טאג, איידער ער האט די בריעף געעפענט.

די דאזיגע מינוטען, בעת ער פלעגט עפענען די בריעף, זיינען

פיר איהם געווען פול ערוואַרטונג און אויפרעגונג. — וואָס וועלען איהם ברענגען די דאָזיגע פערמאַכטע געהיימניספולע בלעטלאַך? וואָס ענטהאַלטען זיי אין זיך?...

ער האָט געוואָרפען אויף זיי אַ שנעלען בליק און דערקענט איינינגע האַנדשריפטען, האָט ער זיי גענומען סאָרטירען אויף דריי גרופּעס: בריעף פון גוטע פריינד, בריעף פון מענשען, צו וועלכע ער האָט זיך פערהאַלטען גלייכגילטיג, און שליסליך, בריעף פון אונבעקאַנטע. די לעצטע פלעגען איהם שטענדיג אַביסעל צומי־שען. וואָס ווילען זיי פון איהם? ווער האָט געשריעבען די דאָזי־גע אונבעקאַנטע שורות? וואָס פיר אַ געדאַנקען, סטראַשונקעס און פערשפּרעכונגען ענטהאַלטען זיי?

אין דעם פריהמאָרגען האָט איהם איין בריעף שטאַרק פעראינטע־רעסירט. אויסערליך האָט דער דאָזיגער בריעף מיט גאָרנישט בע־זונדער זיך אויסגעצייכענט און דאָך האָט ער מיט האַרץ־קלאַפּע־ניש געקוקט אויף איהם. פון וועמען איז ער? די האַנדשריפט איז איהם בעקאַנט געווען און דאָך... קלאָר וועמענ׳ס האַנדשריפט דאָס איז, האָט ער זיך ניט געקענט דערמאָנען.

ער האָט גענומען דעם בריעף, געהאַלטען איהם צווישען צוויי פינגער געגען דעם שיין און געקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט זיך דערוויסען דעם אינהאַלט, ניט עפענדיג דעם קאָנווערט. ער האָט געפּרובט טרעפען דערנאָך האָט ער גענומען פון׳ם טיש אַ פערגרע־רונגס־גלאָז, אום גוט צו בעטראַכטען די בוכשטאַבען. זיין אויפ־רעגונג איז אַלץ געוואַקסען.

— פון וועמען איז עס? די האַנדשריפט אַ בעקאַנטע... ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו לעזען די דאָזיגע האַנדשריפט... נור אַפנים שוין זעהר לאַנג צוריק... דאָך פון וועמען איז עס? דער רוח זאָל עס נעהמען, אַפנים ווענען אַ נדבה...

ער האָט אויפגעריסען דעם קאָנווערט און איבערגעלעזען פאָל־גענדעס:

„טהייערער פריינד! איהר האָט געוויס מיך פערגעסען, ווייל עס איז שוין 25 יאָהר ווי מיר האָבען זיך ניט געזעהן, דעמאָלט בין איך נאָך יונג געווען, היינט אָבער בין איך אַלט. אַבגעזעגענט

זיך מיט איהר, ביז איך דעמאלט אוועקגעפאהרען פון פאריז אין דער פראווינץ מיט מיין מאן, מיט מיין אלטען מאן, וועל־כען איהר פלעגט רופען מיין „שפיטאל“. געדענקט איהר עם?... ער איז געשטארבען מיט פינף יאהר צוריק און איצט האב איך בעשלאסען צוריקקעהרען קיין פאריז, אום חתונה צו מאכען מיין טאכטער.

„יא, איך האב א טאכטער, א רייצענד־שעהן מיידעל פון 18 יאהר וועלכע איהר האט קיינמאל ניט געזעהן. ווען זי איז געבא־רען געווארען, האב איך אייך געשריבען, נור, קאנטיג, איהר האט דאמאלט ניט געהאלטען פיר וויכטיג אזא קלייניגקייט.

„איהר — זאגט מען — זייט נאך אלץ דער אייגענער שעהנער לארמערען. מעגליך, אז איהר געדענקט נאך די קליינע ליזא, וועל־כע איהר פלעגט רופען „ליזאק“. אויב אזוי קומט היינט צו איהר אויף מיטאג צו דער אלטער באראנעסע דע־וואנס, צו אייער אמת'ן פריינד... זי שטרעקט אייך אוים די האנד מיט א לייכטען צי־טער און מיט פערגעניגען... יענע האנד, וועלכע טויג היינט נור צום דריקען, אבער ניט צום קושען זי, מיין אונגליקליכער זשא־קעלע.

„ליזא דע־וואנס“

לארמערענ'ס הארץ האט אנגהויבען שטארקער צו קלאפען. ער איז געזעסען אין א טיפען פאטעל מיט'ן בריעף אויף די קניע. זיין בליק איז געווען אויסגעגלאצט אויף א געוויסען פונקט. די דאזיגע אונערווארטע אויפרעגונג האט ארויסגערופען אין זיינע אויגען טרעהרען. אויב ער האט וועמען עס ליעב געהאט אין זיין לע־בען, איז עס געווים געווען די קליינינקע ליז דע־וואנס, וועלכע ער פלעגט רופען „אש־בלימעל“, צוליעב דעם מערקווירדיגען קאליר פון איהרע האאר און איהרע העל־גרויע אויגען.

וואס פיר א גראציעזע, ליעב בעשעפעניש איז געווען אט די דא־זיינע עדעלע, קליינינקע באראנעסע, די פרוי פון'ם קראנקען אלטען באראן מיט'ן מיאוס'ן פנים. ער האט זי פלוצים צוגענומען, אוועקגעפיהרט אויף דער פראווינץ אין א פערווארפען ווינקעל און זי געהאלטען צווישען פיער ווענד, מחמת ער איז געווען אייפער־

זיכטיג צו איהם, דעם שעהנעם לארמערען. יא, ער, לארמערען, האט זי געליעבט און אויך זי האט איהם היים געליעבט... אזוי ווע־ניגסטענס ווייזט זיך איהם אוים איצט... זי פלעגט איהם רופען „זשאקעלע" און עס ארויסגערעדט מיט אזא ליעבען טאן... טויזענדע פערגעסענע עראינערונגען, וויטע, צערטליכע, ריהרענד־טרויעריגע האבען זיך דורכגעטראגען אין זיין זכרון. איינמאל אין אן אבענד איז זי געקומען צו איהם גלייך פון א באל און זיי זיינען צוזאמען שפאציערען אוועק אין דעם בולאנער וואלד — זי אין א דעלקארטירט קלייד און ער אין א רעקעל. דאס איז געווען אין פריהלינג. אין דער וויכער, ווארעמער לופט האט זיך געטראגען א דופטענדיגער גערוך פון איהר קלייד, פון איהר קארסעט, פון איהר לייב... וואס פאר א פער'כישוף'טער אבענד! זיי זיינען צו־געגאנגען צום טייכעל... די לבנה האט דורך די גערדיכטע בוימער דאס וואסער געזילבערט... דע־וואנס האט אנגעהויבען וויינען. ער האט פערוואונדערט זי געפרעגט, פארוואס זי וויינט און זי האט געענטפערט:

— איך ווייס ניט. אויף מיר ווירקט די נאטור, דאס וואסער, די לבנה... יעדעס מאל, ווען איך קוק אויף אזא בילד, פערקלעמט מיר דאס הארץ און איך הויב אן צו וויינען.

ער האט א שמייכעל געטהאן, ענטציקט און אויפגערעגט פון דער דאזיגער קינדערשער, נור טיעף־ריהרענדיגער נאאיוויטעט פון דער אונגליקליכער קליינער פרוי, וועלכע האט ניט געקענט בע־הערשען איהרע געפיהלען.

— ליזאק, מיין ליעבסטע — האט ער גערעדט צו איהר און זי בעדעקט מיט ליידענשאפטליכע קושען — דו ביזט רייצענד, דו בעצויבערסט!

וויפיעל רייץ איז עס געווען אין יענעם בלעטעל ליעבע וועל־כע איז צושטערט געווארען אין איהר פולען בליהען און איז פל־צים איבערגעריסען געווארען איבער דעם נארישען אלטען באראן, וועלכער האט זי אוועקגעפיהרט וויים־וויים פון אלעמען!

ער האט זי נאכדעם מעהר ניט געזעהן.

לארמערען האט זי פערגעסען אין צוויי־דריי וואכען. אין

פּאַריז ווערט אַזוי שנעל פערביטען איין פרוי אויף אַ צווייטער, בעזאָנדערס ביי אַן אונפערהייראַטען און דאָך איז פיר איהר אין זיין הארצען אַ ליכטיג ווינקעל פערבליבען, ווייל אמת ליעב געהאַט האָט ער נור זי אַליין; איצט איז ער אין דעם איבערצייגט גע־ווען...

— געוויס וועל איך נאָך היינט געהן צו איהר אויף מיטאָג — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, זיך אומגעדרעהט אינסטינקטיוו צום שפּיעגעל און זיך בעקוקט פון'ם קאָפּ ביז צו די פיס — זי איז געוויס שטאַרק פערעלטערט געוואָרען. מעהרער ווי איך.

און איהם איז זעהר אַנגענעהם געווען זיך צו בעוויזען פיר איהר אַ שעהנער און אַ יונגער, איבעראַשען זי, אויפרעגען, צווינגען זי חרטה צו האָבען אויף די פערגאַנגענע טעג. אויף די לאַנג־לאַנג פערגאַנגענע...

ער האָט זיך גענומען צו די איבעריגע בריעף, נור זיי האָבען פיר איהם קיין אינטערעס ניט געהאַט.

אַ גאַנצען טאָג האָט ער דערנאָך געטראַכט וועגען דער פרוי, וועלכע איז צוריקגעקומען אַזוי אונגעריכט. ווי זעהט זי אויס?

ווי מאָדנע ס'איז זיך צו בעגעגענען נאָך פינף און צוואַנציג יאָהר! וועט ער זי דערקענען?

ער האָט זיך גענומען צו זיין טואַלעט, ווי אַ קאָקעטישע פרוי. אַנגעטהאָן אַ ווייסע וועסט, עס זאָל איהם בעסער קליידען צום שוואַרצען אַנצוג. אַ פריזירער האָט איהם אַנגעקרויזט זיינע גע־דיכטע האָאר און דערנאָך איז ער אוועק צו דער באַראָנעסע אַביסעל פריהער, אום אויסצודריקען איהר זיין איבערגעבענהייט.

אַריינגעקומען אין אַ בעקוועם, ניי־אויסגעמעבלירט גאַסט צי־מער, איז זיין בליק גלייך געפאַלען אויף אַ פּאָרטרעט, איינגע־פאַסט אין אַ זעהר שעהנער ראַהם פון אַלטען זיידען־שטאָף. דאָס איז געווען זיינס אַ בילד פון די גליקליכע יוגענדס־יאָהרען.

ער האָט זיך געזעצט און געוואַרט. פּלוצים האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט. ער איז אויפגעשפּרונגען, האָט אַרומגעקוקט זיך און דערזעהן אַ גרויע פרוי, וועלכע האָט צו איהם ביידע הענד אויסגעשטרעקט.

ער האט איהרע הענד מיט לאנגע קושען בעדעקט. דערנאך האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ און א קוק געטהאן אויף זיין פריינדין.

יא, דאס איז געווען א גאנץ אלטע פרוי... מיט א גאנץ אונבעקאנטען פנים.

און זי האט זיך שיער ניט צו־וויינט, כאטש זי האט געשמייכעלט.

— איהר זייט עס, ליז? — האט זיך ביי איהם נישט ווילענדיג ארויסגעריסען.

— יא, איך... איך אליין — האט זי געענטפערט — איהר וואלט מיך ניט דערקאנט... אט וואס פון מיר איז געווארען!... פיעל צרות האב איך געהאט. זיי האבען מיך אויסגעמאטערט... אבער איהר... ווי שעהן איהר זייט פערבליבען... און ווי יונג! איך זאל אייך צופעליג אויף דער גאס דערזעהן, וואלט איך זיך ניט איינגעהאלטען און וואלט אייך א רוף געטהאן: „זשאקעלע!" מילא, זעצט זיך...צוערשט ווילען מיר זיך אליין אביסעל דורכשמועסען, דערנאך וועל איך מיין טאכטער אריינרופען. זי איז שוין אן ערוואקסענע... איהר וועט זעהן, ווי עהנליך זי איז צו מיר... דאס הייסט, ווי עהנליך איך בין געווען צו איהר... ניין, כ'מיין... זי איז אן אויסגעגאסען בילד פון מיר אין די פריהערדיגע יאהרען... איהר וועט אליין זעהן... נור מיר האט זיך געוואלט צוערשט מיט אייך אליין אביסעל פערבלייבען... איך האב מורא געהאט פאר אונזער בעגעגעניש, איך האב געמיינט, אז איך וועל אויפגערעגט ווערען... אבער נישקשה... פאראיבער... זעצט זיך, מיין פריינד!

ער האט זיך געזעצט נעבען איהר און זי אנגענומען פאר א האנד, האט אבער ניט געוואוסט וועגען וואס אנצוהויבען צו רעדען מיט דער אלטעטשקער... זי האט איהם אויסגעזעהן אי, גאנצען פרעמד, ווי ער וואלט זי נאר קיינמאל פריהער ניט געזעהן... נאך וואס איז ער געקומען אהער?... וואס קען ער איהר זאגען?... רעדען וועגען אמאל?... אין דער געגענווארט פון דער דאזיגער אלטיטשקע קען ער זיך גארנישט דערמאנען...

די אלע זיסע, טהייערע עראינערונגען וועלכע האבען נור־וואס אויפגערעגט זיין הארץ, בעת ער האט זיך דערמאַנט אַז זיין קליי־נער „ליזאַק", זיין „אש־בלימעלע", זיינען פון זיין זכרון ווי מיט א האנד אפגעווישט געווארען. וואו איז זיין פריהערדיגע גע־ליעבטע?! וואו איז דער טרוים פון זיין פערגאנגענער יוגענד — די רייצענדע בלאנדע ליזע מיט די גרויע אויגען, וועלכע פלעגט מיט אזוי פיעל חן ארויסריידען דאס ווארט „זשאַקעלע".

זיי זיינע געזעסען איינע נעבען אנדערן שטיל, אונבעוועג־ליך,ביידע ווי פערשעהמט, און זיי ביידע האבען געפיהלט, ווי ס'האט זיך ניט גערעדט.

צום סוף איז זי צום גלעקעל צוגעגאנגען און אנגעקלונגען. זי האט געזאגט:

— דאס רוף איך, רענע! קום אריין!

ס'האט זיך דערהערט א גערויש פון א געעפענטער טיר, א שארך פון א קלייד, דערנאך א קלינגענדיג קול:

— איך בין דא, מאמא!

לארמערען האט זי דערזעהן און איז ערשטוינט געווארען. ער האט ארויסגערעדט צומישט:

—גוטען מארגען, פריילען!

דערנאך האט ער אויסגעשריען, צו דער מוטער זיך געווענ־דעט:

— אה... דאס זייט... איהר דאך!

יא, דאס איז געווען זי... די פריהערדיגע, די אמאליגע, וועלכע איז פערשוואונדען געווארען און איז אין פינף און צוואנ־ציג יאהר ארום צוריקגעקומען. זי האט איהם אויסגעזעהן נאך יונגער, נאך פרישער און נאך שעהנער.

ס'האט זיך ערוועקט אין איהם אז אונזיניגער פערלאנג, זי ארומצונעהמען, אין זיינע ארעמס זי צו דריקען און איהר שטיל זאגען אין'ם אויער אריין:

— וואס מאכסטו, ליזאק מיינע?

דער לאקיי האט געמעלדעט:

—דער טיש איז געגרייט!

וואס האט זיך מיט איהם ביים עסען געטהאן? וועגען וואס האט מען מיט איהם גערעדט? וואס האט ער געענטפערט?

ער האט זיך אין עפּעס א פער׳חלום׳טער וועלט געפונען. געפרעגט: וועלכע פון זיי איז די אמת׳ע. די מוטער האט מיט א שמייכעל איהם געפרעגט: צו גערענקט ער דאס און דאס?... דאן האט ער אין דעם קלארען בליק פון איהר יונגער טאכטער זייגע עראינערונגען געשעפּט...

אמאל צוואנציג האט ער זיך געריסען איהר זאגען: „איהר גערענקט, ליזאק?" — פערגעסענדיג אין גאנצען אז דער אלטער פרוי, וועלכע האט געקוקט אויף איהם מיט אזא צערטליכקייט.

עס זיינען געווען מינוטען, ווען ער האט זיך ניט געקענט אפּגעבען קיין קלאהרען חשבון, וואס דא איז פארגעקומען. עס האט זיך איהם גערדאכט, אז ער ווערט משוגע. אין דער אייגענער צייט האט ער בעמערקט, אז דאס יונג מיידעל איז ניט אין גאנצען ווי די אמאליגע. ביי יענער איז אין דער שטימע, אין די מאנירען, אין׳ם בליק געווען עפּעס אזוינס, וואס ער האט ניט געפונען אין דער איצטיגער און ער האט אנגעווענדעט אונמענשליכע כוחות, פארצושטעלען זיך זיין פריהערדיגע פריינדין, אום צו זעהן אין דעם, וואס איז שוין אייביג פערלארען געגאנגען, דאס בילד, וועלכעס האט פון דאס־ניי פיר איהם ערוואכט אין דער פערזאן פון רענע...

די באראנעססע האט זיך אנגערופען:

— מיין פריינד, איהר האט אנגעווארען אייער פריהערדיגע לוסטיגקייט.

— איך האב אנגעווארען נאך א סך מעהר — האט ער שטיל געזאגט און דערפיהלט, אז אין זיין אויפגערעגט הארץ האט ערוואכט די בענקעניש פון דער פריהערדיגער ליעבע.

דאס מיידעל האט זיך געהאלטען גאנץ פריי און אין איהר שטימע, אין איהרע אויסדריקען, אין איהר דענקונגס־ארט האט ער בעמערקט יענע מערקווירדיגע עהנליכקייט פון דער נשמה און קערפּער, וועלכע מיר קענען געפינען ביי צוויי מענשען, וואס האבען א לאנגע צייט געלעבט צוזאמען.

א אונפערשטענדליכע שרעק האט לארמערען אנגעכאפט, ער האט איין גאנצען געציטערט, ווי ער וואלט זיך פלוצים צוגע־ריהרט צו אן אפענער וואונד. די פריהערדיגע ליידענשאפט האט זיך אין זיין הארצען אנגעצונדען...

ער איז פון זיי פריה אוועקגעגאנגען און האט געשפאצירט איבער'ן בולוואר. נור דאס בילד פון דער מיידעל האט איהם נישט אויפגעהערט צו פערפאלגען און דאס האט אויפגערעגט זיין הארץ און געצונדען זיין בלוט.

ביידע פרויען האבען זיך פאר איהם צונויפגעגאסען אין איין בילד... ער האט געזעהן נור איינע... די פריהערדיגע געליעבטע, וועלכע איז נאך פינף און צוואנציג יאהר צוריקגעקומען און אויפ־געוועקט אין איהם דאס פריהערדיגע געפיהל ביז צו דער גרעס־טער מדרגה...

ער איז אחיים געקומען און האט געזוכט, אבצוגעבען זיך רע־כענונג אין דער דאזיגער מערקווירדיגער פאסירונג, אום צו קו־מען צו א געוויסען בעשלוס.

ער איז דורכגעגאנגען מיט א ליכט נעבען גרויסען שפיעגעל, נעבען דעם אייגענעם, אין וועלכען ער האט ערשט היינט אין דער פריה, איידער ער איז אוועקגעגאנגען צו זיין פריינדין, אזוי אנגע־קוואלען פון זיך — און פלוצים האט ער אין איהם דערזעהן אן עלטערען מאן מיט גרויע האאר.

און דא האט מיט אן אונגעוועהנליכער קלארקייט זיך פאר־געשטעלט פאר זיינע אויגען זיין פערגאנגענע יוגענד און ער האט זיך דערזעהן אלס א יונגען, א שעהנעם, א בעצויבערענדען, אזוי ווי ער איז געווען אמאל, ווען ס'האט איהם געקענט און ליעב גע־האט די קליינע ליז דע־וואנס.

ער האט צוגעטראגען דאס ליכט נעהנטער צום פנים און בעטראכט זיך מיט אזא אויפמערקזאמקייט, ווי מען קוקט דורך א פערגרעסערונגס־גלאז אויף עפעס א זעלטענע זאך. ער האט

דערזעהן אויף זיין פּנים קנייטשען — סמנים פון אַ היבשע ביי־
סעל פערגאַנגענע יאָהרען; ער האָט דערזעהן אַ סך אַזוינס,
וואָס עס איז איהם פריהער ניט אויסגעקומען צו זעהן, דאָס,
וואָס ער האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט גערייכט צו זעהן אויף זיך...
און ער האָט זיך הילפלאָז אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטול פאַר
זיין אייגען בילד און ארויסגעמורמעלט:
— לאַרמערען, דאָס איז דער סוף!..

דער פֿאָטער.

ער איז געווען א בעאַמטער פֿון בילדונגס־מיניס־טעריום און אזוי ווי ער האָט געוואוינט אין באַטיגנאָלס, האָט ער יעדען אין דער פֿריה געמוזט נעהמען א אָמניבוס, אום צו פֿאָהרען אין ביוראָ; און יעדען פֿריהמאָרגען איז ער דעם גאנצען וועג ביז אין צענטער פֿון פּאריז געזעסען אנטקעגען א יונג מיידעל, אין וועלכער ער האָט זיך באַלד פֿערליעבט.

זי איז יעדען טאָג אין דערזעלבער צייט געפֿאָהרען צו דער ארבייט אין א קראָם. זי איז געווען א קליינע ברונעטין מיט פּעך־שווארצע אויגען און א געזיכטס־פֿארב ווי פֿון עלעפֿאנט ביין.

זי האָט זיך אימער בעוויזען אויף'ן ראָג פֿון איין און דער זעלבער גאס און דאָן האָט ער געזעהן, ווי זי איז געלאָפֿען נאָך'ן שווערען וואָגען, אום איהם אָנצויאָגען. זי איז געלאָפֿען שנעל, גראַציעז און איז יעדעס מאָל ארויפֿגעשפּרונגען אויף דער פּלאטפֿאָרמע נאָך איידער די פֿערד האָבען זיך אין גאנצען אָבגעשטעלט.

דאָן איז זי א פֿערסאָפּעטע אריין אינעווייניג אין אָמניבוס און, ווען זי האָט זיך געזעצט, האָט זי געוואָרפֿען א בליק ארום זיך.

ווען פֿראנץ טעססיער האָט זי דערזעהן דעם ערשטען מאָל, איז איהם איהר פּנים זעהר שטאַרק געפֿעלען געוואָרען. מען בעגעגנט אָפֿט פֿרויען, וועלכע מאַכען אזא איינדרוק, אז הגם מען קען זי ניט, וואָלט מען זיי גלייך אויף'ן אָרט וועלען אומאַרמען. דאָס דאָזיגע יונג מיידעל איז געווען ווי אָנגעמאָסטען פֿאַר זיינע שטילע פֿערלאַנגען, זיינע געהיימע ערוואַרטונגען, יענעם אידעאַל

פון דער ליעבע, וואס ער האט אליין ניט וויסענדיג טיעף אין הארצען געטראגען.

ער האט ניט געקענט אבּרייסען פון איהר זיינע אויגען און האט זי געגען זיין אייגענעם ווילען נאכאנאנד אנגעקוקט. דאס האט זי צומישט. זי האט זיך געפיהלט אונבעקוועם און איז אפט רויט געווארען. ער האט עס בעמערקט און געוואלט קוקען אויף עפּעס אנדערש; אבער וויפיעל ער האט זיך ניט געמאטערט אב־צוציהען זיינע אויגען אויף אן אנדער זאך, האבען זיי זיך שטענ־דיג אומגעדרעהט צוריק.

אין א פּאאר טעג ארום האבען זיי זיך שוין געקאנט, הגם זיי האבען איינער מיט'ן אנדערען נאך ניט אויסגערעדט קיין ווארט. ווען דער אמניבוס איז געווען פול, האט ער איהר אב־געגעבען זיין פּלאץ און איז אליין אוועק אויבען, אויף'ן אויבער־דעק פון אמניבוס, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס איהם איז דארט זעהר אומעדיג געווען.

איצט האט זי איהם שוין יעדעס מאל בעגריסט מיט א לייכ־טען שמייכעל, און הגם זי האט אונטער זיין שטענדיגען בליק איה־רע אויגען געמוזט ארונטערלאזען, דאך האט זי שוין ניט אויסגע־זעהן אזוי צומישט ווי פריהער.

צום סוף האבען זיי פערפיהרט א געשפּרעך און צווישען זיי האט זיך פערבונדען א מין נאהענטקייט, וועלכע האט געדויערט בלויז איין האלבע שעה אין טאג אבער די דאזיגע האלבע שעה איז געווען די שעהנסטע אין זיין לעבען.

די גאנצע איבעריגע צייט פון טאג האט ער געטראכט נור פון איהר און אין די לאנגע ארבייטס־שטונדען אין ביורא האט ער זי אימער געזעהן פאר זיינע אויגען. איהר בילד האט איהם ניט אויפגעהערט צו פערפאלגען און אויף קיין איין מינוט איהם ניט אבגעלאזען.

עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ווען ער וואלט זי גע־וואונען, וואלט ער געווען אזוי גליקלאך, אזוי גליקלאך, ווי נאך קיין אנדערער מענש אויף דער וועלט.

איצט האט זי איהם שוין יעדען פריהמארגען געדריקט די

האנד און ביז אין אבענד האט ער נאך געפיהלט די דאזיגע בע־ריהרונג, און די עראינערונג אן דעם שוואכען דרוק פון די קליינע פינגער האט זיך אין זיין געדעכעניש איינגעקריצט.

די גאנצע איבעריגע צייט פון טאג האט ער שטארק גע־בענקט נאך דער קורצער אמניבוס־רייזע און די זונטאגען זיינען פאר איהם געווען א קללה. זי האט איהם קענטיג אויך ליעב גע־האט, ווייל איין מאל א שבת, דאס איז געווען אין פריהלינג, האט זי אנגענומען זיין איינלאדונג מיט איהם אויף מארגען צו פריה־שטיקען אין מאסאן־לאפיט.

זי איז שוין געווען אויף'ן באהן־הויף און האט אויף איהם גע־ווארט. ער איז געווען ערשטוינט, אבער זי האט געזאגט:

— איידער מיר פאהרען, מוז איך מיט אייך עפעס רעדען. מיר האבען צוואנציג מינוט צייט, דאס איז מעהר ווי גענוג.

זי האט געציטערט, ווען זי האט זיך אויף זיין ארעם אנגע־שפארט און ארונטערלאזענדיג די אויגען איבער די בלייכע באַ־קען האט זי געזאגט:

— איך וואלט וועלען, אז איהר זאל זיך וועגען מיר ניט לייגען קיין פויגעלאך אונטער'ן בוזים. איך בין אן אנשטענדיגע מיי־דעל און פאהר מיט אייך אונטער איין בעדינגונג: פערשפרעכט מיר, אז איהר וועט מיר קיין זאך נישט טהאן. קיין זאך וואס... עס... איז... ניט... רעכט.

זי איז פלוצים געווארען רויט ווי פייער און איז אנשווייגען געווארען. ער האט ניט געוואוסט, וואס צו ענטפערען און איז געווען אי גליקליך אי נידערגעשלאגען פון איהרע ווערטער. אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה איז איהם אפשר ליעבער געווען, וואס זי איז א ריין, אנשטענדיג מיידעל און דאך... דאך... האט ער לעצטע נאכט פון זאכען גע'חלום'ט, וועלכע האבען זיינע אדערן מיט פייער אנגעגאסען.

ער וואלט זי געוויס ווייניגער ליעב געהאט, ווען ער זאל ווי־סען, אז זי איז א לייכטזיניגע בעשעפעניש, אבער דאן וואלט ער דאך פערבראכט די צייט מיט איהר אזוי שעהן. אזוי אנגענעהם.

און אַלע עגאָאיסטישע געדאַנקען, וואָס מענער האָבען פון דער ליע־בע, האָבען איהם גענומען פּלאָגען.

און אַזוי ווי ער האָט גאָרנישט געענטפערט, האָט זי גענו־מען רעדען מיט אַ בעוועגטער שטימע, וועהרענד טרעהרען האָ־בען זיך אין איהרע אויגען־ווינקלען בעוויזען.

— אויב איהר פערשפּרעכט מיר ניט צו בענעהמען זיך גע־גען מיר גאַנץ אַנשטענדיג, קעהר איך זיך גלייך אום צוריק אהיים.

ער האָט איהר צערטליך אַ דריק געטהאַן דעם אָרעם און געענטפערט:

— איך פערשפּרעך עס אייך.

איהר איז, קענטיג, געוואָרען לייכטער אויף'ן האַרצען און זי האָט געפרעגט שמייכלענדיג:

— אָבער וועט איהר האַלטען אייער פערשפּרעכען?

ער האָט איהר אַריינגעקוקט אין די אויגען:

— מיין עהרען וואָרט!

— גוט, לאָמיר נעהמען די בילעטען! — האָט זי געזאָגט.

אויף' וועג האָבען זיי זיך וויניג וואָס געקענט אונטערהאַל־טען, ווארום דער וואַגאָן איז געוועזען פול. ווען זיי זיינען אָנגע־קומען אין מאַסאָן־לאַפיט, זיינען זיי גלייך אַוועק צו דעם טייך סיין.

די וואַרימע לופט איז געווען אַ מחיה פאַר'ן קערפּער און פאַר'ן גייסט. די זון האָט געשטראַהלט אויף'ן טייך, אויף די בלעטער, אויף די וואַסער־פלאַנצען און האָט אַרויסגערופען טויזענדער ליכ־טיגע און פרעהליכע געדאַנקען אין קאָפּ און אין דער נשמה.

האַנד אין האַנד זיינען זיי געגאַנגען אויף'ן ברעג און זיך צוגעקוקט, ווי מחנות קליינע פישלאַך האָבען זיך איבער'ן וואַסער געשפּיעלט.ביידע האָבען זיך געפיהלט איבערגליקליך און זיי־נען געגאַנגען ניט פיהלענדיג די ערד אונטער זייערע פיס. צום סוף האָט זי געזאָגט:

— איהר מוזט מיך אוודאי האַלטען פאַר אַ משוגע'נע!

— פאַרוואָס עפּעס?

זי האָט געענטפערט:

— עס איז אַ משוגעת צו פאָהרען מיט אייך אהער איינע אליין.

— וואָס פאַלט אייך איין? דאָס איז דאָך גאַנץ נאַטירליך!

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, דאָס איז גאָרניט נאַטירליך, ניט פאַר מיר. איך וויל ניט בעגעהן קיין נאַרישקייט און אויף אַזאַ אופן פאַלט מען שטענדיג אריין. אבער ווען איהר זאָלט וויסען, ווי טרויעריג די טעג געהן אוועק, איינער ווי דער אנדער־רער, יעדער טאָג אין מאָנאַט, יעדער מאָנאַט אין יאָהר. איך בין איינע אליין מיט מיין מוטער, און זי האָט געהאַט אַזוי פיעל צרות אויף איהר לעבען, אַז זי קען ניט זיין פרעהליך. איך קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך אויף דער וועלט, אבער דאָך ווילט זיך אַמאָל אַ לאַך טהאָן. ווייסט איהר, עס איז דאָך ניט רעכט, וואָס איך בין אהער געקומען, נור איהר דאַרפט אויף מיר ניט זיין בייז דער־פאַר.

אנשטאָט אַן ענטפער האָט ער זי שנעל אַ קוש געטהאָן אויף'ן אויער, אבער זי האָט מיט אַ היציגער בעוועגונג זיך פון איהם אַ ריס געטהאָן און איז פּלוצים געוואָרען בייז:

— הערר פראַנץ, דערמאָנט זיך אָן אייער וואָרט!

און זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין מאַסאָן־לאַפיט. זיי האָבען געפריהשטיקט אין „קליינעם האַפען" אַ ניעדעריג הויז, וואָס איז אין גאַנצען פערשטעלט געוועזען פון די פּאַפּעל־בוימער.

די פרישע לופט, די וואַרימקייט, אַ פּאָאַר גלאָז וויין און דאָס געפיהל, אַז זיי געפינען זיך נאָהענט איינער נעבען צווייטען, האָט זיי דאָס בלוט אין פּנים אריינגעטריבען און זיי שווייגענ־דיג געמאַכט. אבער נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעטרונקען זייער קאַפּע, איז אויף זיי פּלוצים אַנגעפאַלען אַ פרעהליכקייט. זיי זיינען אוועק צו דער סיין און האָבען ווידער שפּאַצירט איבער'ן ברעג פון טייך צום דאָרף לאַפרעט צו. פּלוצים האָט ער געפרעגט:

— ווי הייסט איהר?

— לואיזע.

ער האָט איבערגע'חזר'ט:

— לואיזע?

דאַן איז ער אַנשווייגען געוואָרען.

פון אַ צווייטען ברעג האָט זיך געזעהן אַ רייהע ווייסע הייזלאַך וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין דעם וואַסער מיט'ן קאָפּ אַראָפּ.

דאָס יונגע מיידעל האָט געריסען פעלד־בלומען און געמאַכט אַ גרויסען בוקעט פון זיי, און ער האָט געזונגען הויך אויפ'ן קול פול מיט לעבענס פרייד, ווי אַ יונגער זשערעבעץ.

לינקס פון זיי האָבען זיך אַרום טייך געצויגען בערג, מיט וויינטרויבען בעקראַנצט. און פראַנץ איז פּלוצים געבליבען שטעהן און האָט ערשטוינט אויסגערופען:

— אַה, טהוט נאַר אַ קוק!

די וויין־בערג האָבען זיך געענדיגט און דער גאַנצער אָבהאַנג איז געוועזען מיט פליעדער בעדעקט, ווי מיט אַ וואַלד פון ליליעס. אַ גרויסער, גרויסער בלומען־טעפּיך האָט זיך איבער דער גאַנצער ערד אויסגעשפּרייט און זיך געצויגען אַזש ביז צום דאָרף צו.

אויך זי איז געבליעבען שטעהן בעוועגט און האָט געזאָגט מיט בעגייסטערונג:

— אַה, ווי שעהן דאָ איז!

זיי זיינען דורכגעגאַנגען איין פעלד און דערנאָך זיינען זיי צו־געקומען צו יענעם מערקווירדיגען בערגעל, וואָס ליפערט פאַר פאַ־ריז דעם גאַנצען פליעדער, וועלכען הענדלער פערקויפען דאָרט אויף זייערע קליינע האַנד־וועגעלאַך.

אַ שמאָלע וועג האָט זיך פערלאָרען צווישען די ביימער, זיי זיינען אַוועק איבער דעם דאָזיגען וועג, דערנאָך האָבען זיי זיך דאָרט געזעצט אויפ'ן גראָז. מיליאָרדען פליעגען האָבען אַרום זיי געזשומעט און אין דערלופטען האָט זיך נאָכאַנאַנד געטראָגען אַ לייכטער הוזשען. און די זון, די הייסע זון פון אַ נים־ווינדיגען טאָג, איז געלעגען אויף דעם בליהענדען ברעג פון דעם טייך און האָט אַרויסגעצויגען פון דעם אַרומיגען בליהענדיגען וואַלד אַ שטאַרקען בלומען־גערוך.

און דאָ, פּלוצים, האָבען זיי זיך גענומען קושען, האָבען זיך

ארומגענומענ, ליגענדיג אויסגעצויגענ אויפ'ן גראז, און האבענ שוין איצט געטראכט נור וועגענ זייער ליעבע.

זי האט צוגעמאכט די אויגענ, האט זיך אז איהם אנגעקלאמערט, געדריקט איהם צו זיך און, ציטערענדיג פונ קאפ ביז צו די פיס פאר ליעבע, פאר ליידענשאפט, האט זי אין גאנצענ דעם קאפ פערלארענ... זי האט זיך איהם אבגעגעבענ ניט וויסענדיג וואס זי טהוט, כמעט אליין ניט פערשטעהענדיג, אז זי האט עס געטהאנ.

זי האט זיך א כאפ געטהאנ פערצווייפעלט, האט גענומענ וויינענ, קרעכצענ פאר וועהטאג און פערשטעלט דעם פנים מיט ביידע הענד. ער האט געפרובט זי טרויסטענ, אבער זי האט ניט געוואלט הערענ, האט געוואלט אוועק, אוועק פונ דאנענ גלייך אהיים. און בעת זי איז אינ גרויס איילעניש פונ דארט אוועקגעלאפענ, האט זי אלץ ניט אויפגעהערט צו קלאגענ:

— מיינ גאט! מיינ גאט!

ער האט איהר גערופענ:

— לואיזע, לואיזע, ווארט דאך א ווײלע, איך בעט דיך, איך בעט דיך!

איהרע אויגענ זיינענ איינגעפאלענ, די באקענ האבענ געברענט פלאם-פייער און אזוי גיך ווי זיי זיינענ געקומענ אין פאריז אויפ'ן באהנ-הויפ, איז זי אנטלאפענ, ניט געזעגענט זיך אפילו מיט איהם.

* *
*

ווענ ער האט זי אויפ'ן צווייטענ טאג געטראפענ אין אמניבוס, האט זי איהם אויסגעזעהן פערענדערט, אויסגעמאגערט און זי האט געזאגט:

—איך מוז מיט אייך רעדענ, לאמיר אראבגעהן אויפ'ן בולוואר.

אזוי שנעל ווי זיי זיינענ געווענ אליין אויפ דער גאס, האט זי געזאגט:

— מיר מוזען זיך צושיידען. נאָך דעם וואָס האָט געכטען פּאַסירט קען איך אייך מעהר קיינמאָל ניט זעהן.

ער האָט אויסגעשטאַמעלט:

— אָבער וואָרום דען?

— איך קען ניט; איך האָב געזינדיגט און איך וויל עס מעהר קיין מאָהל נישט טהאָן.

ער האָט זי גענומען בעטען, זי איינרעדען, געמאַטערט פאַר ליידענשאַפט און פערריקט פון דעם פערלאַנג, זי צו בעזיצען...

אָבער זי האָט געענטפערט איינגעשפּאַרט:

— ניין, איך קען ניט! איך קען ניט! איך וויל ניט!

ער האָט זיך אויפגערעגט, איז געוואָרען אַלץ היציגער און פערשפּראָכען זי צו הייראַטען. זי אָבער האָט אַלץ גע'ענטפער'ט:

— ניין!

און זי האָט איהם פערלאָזען.

אַכט טעג נאָכאַנאַנד האָט ער זי נישט געזעהן, ער האָט זי בשום אופן ניט געקענט אויסגעפינען, און ניט וויסענדיג איהר אַדרעס, האָט ער שוין געמיינט, אַז זי איז פאַר איהם פערלאָרען.

אויף'ן ניינטען טאָג אין אָבענד האָט מען ביי איהם אָנגעקלונגען, ער האָט געעפענט... דאָס איז געווען זי. זי האָט זיך אַוואַרף געטהאָן אין זיינע אָרעמס און זיך שוין מעהר נישט געוועהרט.

דריי מאָנאַטען האָט געדויערט זייער ליעבע און זי האָט איהם שוין אָנגעהויבען אָביסעל צו דערעסען, ווען זי האָט איהם מיטגעטהיילט, אַז זי ווערט אַ מוטער... דאַן האָט ער געקראָגען בלויז איין געדאַנק, איין וואונש: אונטער אַלע אומשטענדען פון איהר פּטור צו ווערען.

אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען הויבט עס אָן צו טהאָן, ווי אַזוי מען זאָגט עס איהר, און די פערצווייפלונג און די מורא פאַר איהר באַלדיגען קינד־בעט האָט איהם רוהען ניט געלאָזט, האָט ער געפאַסט אַ פערצווייפעלטען ענטשלוס: איין מאָל ביינאַכט איז ער אַוועק פון זיין וואָהנונג און איז פערשוואונדען.

דער קלאַפּ איז געווען אַזאַ מורא'דיגער, דאָס זי האָט דעם געליעבטען, וועלכער האָט זי פערלאָזען, אפילו ניט געזוכט. זי האָט זיך געוואָרפען די מוטער צו די פיס און זיך פאַר איהר מודה געווען אין איהר אונגליק.

אין אַ פּאָאר מאָנאַטען ארום האָט זי געבאָרען אַ אינגעל.

*　*

*

יאָהרען זיינען אװעק, פראַנץ טעססיער איז עלטער געוואָרען, אבער אין זיין לעבען האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט. ער האָט נאָך אַלץ געפיהרט דעם איינטאָניגען, טרויעריגען לעבען פון אַ בעאַמטען, וועלכער האָט ניט קיין האָפנונג און קען קיין זאַך נישט ערוואַרטען.

ער איז געווען איינער אליין אויף דער וועלט, אליין ביי טאָג צווישען זיינע גלייכגילטיגע קאָלעגען, אליין ביינאַכט אין זיין וואָהנונג פון אַן אַלטען בחור. יעדען מאָנאַט האָט ער אבגעלייגט צעהן פראַנק אויף זיינע אַלטע טעג.

יעדען זונטאָג איז ער געגאַנגען שפּאַצירען אין די שאַמפּ־עליסעעס, האָט געזעהן פאַרבייפאָהרענדיג די עלעגאַנטע וועלט, די עקיפּאַזשען און די שעהנע פרויען און אויף'ן צווייטען טאָג האָט ער געזאָגט צו זיינע קאָלעגען ביים שרייב־טיש:

— נעכטען אויף די שאַמפּ־עליסעעס איז געווען זעהר אַן עלעגאַנטער עולם.

און איין מאָל אַ זונטאָג איז ער צופעליג אַוועק מיט אַן אַנדער וועג און איז אריין אין דעם פּאַרק מאָנסאָ. עס איז געווען אַ וואונדערבאַרער זומערדיגער פריהמאָרגען. די קינדער־מיידלאַך און די מוטערס זיינען געזעסען אין די אַלעען און האָבען אַכטונג געגעבען אויף די קינדער, וועלכע האָבען זיך געשפּיעלט דערביי.. אבער פּלוצים האָט פראַנץ טעססיער זיך אַ צאַפּל געטהאָן. אַ פרוי איז פאַרביי געגאַנגען, זי האָט געפיהרט צוויי קינדער פאַר די הענד, אַ קליין אינגעל פון אַ יאָהר צעהן און אַ קליין מיידעלע אַ יאָהר פיער. דאָס איז געווען זי!

ער איז אבגעגאנגען הונדערט טריט ווייטער, דאן איז ער געפאלען אויף א באנק, ציטערענדיג פון דעם איינדרוק. זי האט איהם נישט דערקענט. ער איז אוועק צוריק אויף יענעם ארט, אום נאך א מאל אויף איהר א קוק צו טהאן.

זי האט זיך נור וואס געזעצט, דער אינגעל איז געבליעבען שטעהן ארטיג נעבען איהר. דאס קליין מיידעלע האט געמאכט בערגלאך פון זאמד אויף דער ערד. זי איז עס געווען, יא זיכער, זי!

זי האט אויסגעזעהן ווי אן אמת'ע דאמע, איז געווען נעט געקליידעט און האט געהאט אין זיך עטוואס ווירדיגעס און איינ־פאכעס. ער האט זי אנגעקוקט פון ווייטען און ניט געוואגט צוגעהן צו איהר נעהנטער.

דער אינגעל האט אויפגעהויבען דעם קאפ און פראנץ טעס־סיער האט גענומען ציטערען... עס איז אהן צווייפעל געווען זיין זוהן, זיין קינד. ער האט איהם גענומען בעטראכטען און פראנץ'ן האט זיך געדאכט, אז ער זעהט זיך אזוי געגוי, אין דעם דאזיגען אינגעל, ווי יענער וואלט געווען אן אלטע פאטאגראפיע פון איהם אליין.

ער איז געבליעבען שטעהן בעהאלטען אונטער א בוים און געווארט, ביז זי איז אוועק, אום איהר נאכצוגעהן. יענע נאכט האט ער ניט געקענט שלאפען, פריהער פאר אלעם האט איהם געמאטערט דער געדאנק אן קינד. זיין זוהן! אך, ווען ער וואלט עס געוואוסט בעשטימט! און דאן, וואס וואלט ער דאן געטהאן?

ער האט זיך אנגעמערקט דאס הויז, וואו זי איז אריין. האט זיך גענומען נאכפרעגען. ער האט זיך דערוואוסט אז א שכן, אן אנשטענדיגער, בכבוד'יגער מאן, האט מיט איהר חתונה גע־האט. דער דאזיגער מאן האט געוואוסט פון איהר אונגליק אבער ער האט איהר מוחל געווען און אוים מיטלייד זאגאר דאס קינד אנערקענט, זיין קינד, פראנץ טעססיער'ס קינד!

אלע זונטאג איז ער איצט אין יענעם פארק געגאנגען, יעדען זונטאג האט ער זי געזעהן און יעדעס מאהל איז אויף איהם אנגע־פאלען א משוגענער פערלאנג א כאפ צו טהאן זיין זוהן אין זיינע

אַרעמס, אויסקושען איהם יעדעס גליעד און איהם צו נעהמען צו זיך, איהם גנב'ענען.

ער האָט מורא'דיג געליטען פון זיין אַלט בחור'שער עלענד־קייט און איינזאַמקייט. און איהם האָט גענומען נאַכאַנאַנד קווע־לען און פּייניגען דער פערלאַנג נאָך זיין קינד. פּאַטערליכע ליע־בע געמישט מיט געוויסענביסע, מיט אייפערזוכט. און אַ בעדערפע־ניש צו ליעבען אַזאַ מין קליין בעשעפעניש, וועלכע די נאַטור האָט דעם מענשען געשענקט, האָט פּלוצים אין איהם ערוואַכט.

צום סוף האָט ער געמאַכט אַ פערצווייפעלטען פערזוך. איין טאָג, ווען זי איז אַריין אין פּאַרק, האָט ער זיך איהר געשטעלט אין מיטען וועג און געזאָגט אַ בלייכער מיט ציטערענדע ליפּען:

— דערקענט איהר מיך נישט?

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט איהם אַנגעקוקט און אַרויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי. דאַן האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן איהרע ביידע קינדער פאַר די הענד און שלעפּענדיג זיי נאָך זיך, האָט זי מיט אַלע קרעפטען גענומען לויפען פון דאָרט.

ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים און געוויינט.

ווידער זיינען מאָנאַטען אַוועק, ער האָט זי מעהר נישט גע־זעהן, אָבער טאָג און נאַכט האָט איהם געמאַטערט די פּאַטער־ליכע ליעבע. ער וואָלט געוועז בערייט צו שטאַרבען אַבי נור איין מאָל זיין זוהן אַ קוש צו טהאָן, ער וואָלט אימיצען ערמאָרדעט, די שווערסטע יסורים וואָלט ער צוליעב דעם זיך גענומען.

ער האָט צו איהר געשריעבען. זי האָט ניט געענטפערט. נאָכדעם ווי ער האָט צו איהר געשיקט אוודאי צוואַנציג בריעף, האָט ער איינגעזעהן, אַז ער האָט קיין שום האָפנונג ניט, זי וועט צו מאַכען.

דאַן האָט ער געפאַסט אַ פערצווייפעלטען ענטשלוס, וו־סענ־דיג, אַז ער קען קריעגען דערפאַר מיט אַ קויל אין האַרצען. ער האָט געשיקט צו איהר מאַן אַ בריעף מיט די עטליכע ווערטער:

„זעהר געעהרטער העררו!

מיין נאָמען מוז ביי אייך זיין אַ געגענשטאַנד פון פער־אַכטונג, אָבער איך בין אַזוי טרויעריג, אַזוי אונגליק־

ליך, דאָס איך האָב נור נאָך אויף אייך. איך בעט אייך,
ערלויבט מיר אייך צו זעהן נור אויף צעהן מינוט.
מיט אכטונג,
פראַנץ טעססיער".
אויף דעם צווייטען טאָג איז אַנגעקומען אַן ענטפער:
„זעהר געעהרטער הערר!
איך ערוואַרט אייך דיענסטאָג אום פינף אוהר".

*   *
*

ווען פראַנץ טעססיער איז ארויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, האָט זיין האַרץ אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, דאָס ער האָט זיך גע־מוזט אָבשטעלען אויף יעדען טרעפּעל, עפּעס ווי אַ ווילדע חיה וואָלט זיך אין זיין ברוסט געיאָגט און דאָרט אַ דומפּען און העפּ־טיגען ליאַרעם אַנגעמאַכט.

ער האָט קוים געקענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם און האָט זיך געמוזט אַנהאַלטען אַן פּאַרענץ, אום נישט ארונטערצופאַלען. אויף'ן דריטען שטאָק האָט ער אַנגעקלונגען. אַ מיידעל האָט גע־עפענט די טהיר, ער האָט געפרעגט:

— איז הערר פלאַמעל אין דערהיים?

— געוויס, קומט אריין. זייט אַזוי גוט!

מען האָט איהם אריינגעפירט אין אַ בעל הבתיש מעבליר־טען זאַאַל. ער איז געבליבען אַליין און געוואַרט אַ פערצוויי־פעלטער אַזוי ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף אַן אומגליק.

די טהיר האָט זיך געעפענט, אַ מאַן איז אריין. ער איז גע־ווען הויך, ערנסט, עטוואָס בעלייבט און האָט געטראַגען אַ שוואַר־צען אויבער־ראָק. ער האָט אַנגעוויזען מיט דער האַנד אויף אַ שטוהל. פראַנץ טעססיער האָט זיך געזעצט און דאַן האָט ער ארויסגעשטאַמעלט:

— הערר פלאַמעל... הערר פלאַמעל... איך וויים ניט... אויב איהר קענט מיך... אויב איהר ווייסט...

הערר פלאַמעל האָט איהם איבערגעשלאַגען די רייד:

— אומזיסט אייער מיה. איך ווייס אַלעס, מיין פרוי, האָט מיר וועגען אייך דערצעהלט.

ער האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַ גוטען מענשען, וועלכער וויל זיין שטרענג. פראַנץ טעססיער האָט געענטפערט.

— אַלזאָ, הערר פלאַמעל, איך בין געקומען אהער, ווייל איך געה אויס פאר קומער, פאר געוויסענביסע און שאַנדע. און איך וואָלט וועלען איין מאָל, נור איין איינציג מאָל דאָס קינד ארומ־נעהמען.

הערר פלאַמעל האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צום קאַמין און האָט אָנגעקלונגען. דאָס מיידעל איז אריין, ער האָט געזאָגט:

— רופט אריין לודוויג'ן!

זי איז פערשוואונדען. שטום וואַרטענדיג, וואָרום זיי האָ־בען זיך ניט געהאַט מעהר וואָס צו זאָגען, זיינען זיי געבליעבען שטעהן איינער אַנטקעגען צווייטען. און פּלוצים האָט אַ קליין צעהן יאָהריג אינגעל אריינגעשטורעמט אין צימער אריין און איז צוגעלאָפען צו דעם, וועמען ער האָט פאַר זיין פאָטער געהאַלטען, אָבער, דערזעהענדיג אַ פרעמדען מענשען, איז ער געבליעבען שטעהן צומישט.

הערר פלאַמעל האָט איהם אַ קוש געטהאָן אויף'ן שטערען, דאַן האָט ער געזאָגט:

— הער, מיין ליעבלינג, טהו אַ קוש יענעם הערר!

דאָס קינד איז אַרטיג צוגעגאַנגען צום פרעמדען און איהם אָנגעקוקט. פראַנץ טעססיער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, האָט ארויסגעלאָזט זיין הוט פון האַנד און איז שיער אַליין ניט אומ־געפאַלען. ער האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין זיין זוהן.

הערר פלאַמעל האָט זיך פון העפליכקייט וועגען אָבגעקעהרט און ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער אין גאַס ארויס. דאָס קינד האָט געוואַרט אַ פערוואונדערטער, ער האָט אויפגעהויבען דעם הוט און איהם דערלאַנגט דעם פרעמדען. דאַן האָט פראַנץ אַ הויב געטהאָן דעם קליינעם אין זיינע אָרעמס און גענומען איהם

ווילד קושען איבער'ן גאַנצען פּנים, אויף די אויגען, אויף די באַ־קען, אויף'ן מויל, אויף דאָס האָאר.

דער אינגעל האָט זיך דערשראָקען פון דעם דאָזיגען האַגעל פון קושען, האָט פּרובירט זיך ארויסצורייסען, האָט געדרעהט מיט'ן קאָפּ און זיך געוועהרט אַנטקעגען דעם מאַן מיט זיינע קליינע הענטלאַך.

אָבער פראַנץ מעססיער האָט דאָס קינד שנעל אַראָבגעלאָזט צוריק אויף דער ערד, האָט אַ געשריי געטהאָן:

— אַדיע! אַדיע!

און ווי אַ גנב זיך געלאָזט לויפען פון דאָרט.

דאס גאסט הויז.

דאס גאסט הויז פון שווארענבאך איז געווען ווי אלע אנדערע הילצערנע גאסט הייזער, וואס געפינען זיך דארט אויבען הויך אויף די אלפען ביי די פיס פון די אייז בערג אין די פעלזיגע, נאקעטע טהאלען וועלכע ליעגען צווישען די ווייסע שפיצען פון די בערג.

זעקס מאנאטען נאכאנאנד איז עס אפען און ווערט אין יענער צייט בעוואהנט פון יאהאן האוזער און פאמיליע. אזוי שנעל ווי דער שנעע ווערט הויך, דער טהאל פילט זיך אן און דער אראבגאנג קיין לענק הויבט אן ווערען פערשטעלט, דאן געהען די פרויען, דער פאטער און די דריי זיהן אוועק פון דער אכסניה און לאזען אלס וועכטער פון הויז: דעם אלטען קאספאר האריז און דעם יונגען פיהרער אולריך קונזי מיט דעם גרויסען בארג-הונדסעם.

די ביידע מענער מיט'ן הונד פערבלייבען ביז צום פריהלינג דארט אויבען אין דעם אייזיגען געפענגענים. פאר די אויגען זעהען זיי קיין זאך ניט אז, אויסער דעם ריעזיגען אבהאנג פון דעם ווייסען פארשנעעטען פעלז ארום וועלכען עס לייכטען בלייכע שפיצען פון די ארומיגע בערג. איינעשלאסען און בעגראבען איז'ם שנעע, וועלכער קלייבט זיך מאסענווייז אן ארום זיי, וויקעלט זיי איין, רינגעלט זיי ארום, צודריקט אזש דאס קליינע הייזעל, לעגט זיך אן אויף'ן דאך, באדעקט די שויבען און פארבאריקאדירט די טהירען.

עס איז געווען אין דעם טאג, ווען האוזער'ס פאמיליע האט

זיך צוריקגעקעהרט קיין לענק, ווייל דער ווינטער האט זיך אָנ־גערוקט און דאָס אַראָבשטייגען אונטען האט גענומען ווערען גע־פעהרליך.

דריי קעמלען זיינען געגאַנגען אין פאָראויס מיט קליידער און פעק בעלאָדען, געפיהרט פון די דריי זיהן. דאן איז די מוטער יאָהאַנאַ האוזער און איהר טאָכטער לואיזע ארויף אויף אַ פערטען קעמעל און האבען זיך אַוועקגעלאָזען אין וועג אריין.

דער פאָטער האט זיי נאָכגעפאָלגט און דיביידע היטער פון דער הויז האבען זיי בעגלייט. זיי האבען געוואָלט ברייגנען די פאַ־מיליע ביז צו דעם וועג, וועלכער פיהרט פון דער פעלזינער וואנט אַרונטער.

צוערשט זיינען זיי פאַרביייגעגאַנגען ארום דעם טייך, וועלכער איז איצט געלעגען א פערפראָרענער אין דעם הויכען טהאָל, וואס האט זיך געצויגען פאַר דעם גאַסט־הויז. דאן זיינען זיי אַרונטער אין טהאָל, וועלכעס איז געווען ווייס, ווי מיט א טישטוך צוגע־דעקט און פון אלע זייטען האבען שנעע־שפּיצען ארויסגעשטאַרצט.

די זון האט אַרונטערגעשטראַהלט אויף דער דאָזיגער בלי־סטשענדיגער, מיט שנעע בעדעקטער ווילדעניש און זי בעשאָטען מיט איהר בלענדענדע, קאַלטע ליכט. אין דער אונענדליכער ווייטקייט פון די בערג איז, דאַכט זיך, דאָס גאַנצע לעבען אויס־געשטאָרבען. קיין זאַך זיך האט זיך ניט געריהרט אין דער אַרומיגער איינזאַמקייט, קיין טאָן האט ניט אונטערבראָכען די טיעפע שטיל־קייט.

ביסלאַכווייז האט דער יונגער פיהרער אולריך קונזי, א הויך געוואַקסיגער שווייצאַר, גענומען געהן שנעלער און באַלד זיינען דער אלטער האוזער און קאַספּאַר האַרי געבליעבען הינטער איהם. ער האט אַנגעיאָגט דעם קעמעל, וועלכער האט געטראָגען אויף זיך די ביידע פרויען.

די איינגערע האט איהם געזעהן קומענדיג און האט איהם עפּעס ווי גערופען מיט איהר טרויעריגען בליק. זי איז געווען א קליינע בלאָנדינקע, וועמעס העלע געזיכטס־פאַרב און בלאָנ־

דע האָאר האָבען אויסגעזעהן ווי אָבגעבליאַקירט פון דעם לאַנגען אויפהאַלטען זיך צווישען די אייזבערג.

ווען ער האָט זיי אַנגעיאָגט, האָט ער אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף דעם קעמעל, וועלכער האָט זיי געטראָגען און האָט פּאַרקירצט זיינע טריט. פרוי האָוזער האָט גענומען מיט איהם רעדען, און איהם נאָך אַמאָל אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַלעס, וואָס ער האָט צו־טהאָן בעת'ן ווינטער אין די אייז בערג. ער איז צום ערשטען מאָל געבליבען דאָרט אויבען, בעת דער אַלטער האַרי האָט שוין פער־צעהן ווינטערן פערבראַכט צווישען אייז און שנעע אין דעם דאָ־זיגען גאַסט־הויז פון שוואַרענבאַך.

אולריך קונזי האָט זיך צוגעהערט צו איהרע רייד, אָבער עס איז קענטיג געווען, אַז זיי קריכען איהם אין קאָפּ ניט אַריין און ער האָט נאָכדעם געקוקט אויף דאָס יונגע מיידעל. פון צייט צו צייט האָט ער געזאָגט:

— יאָ, פרוי האָוזער! — אָבער זיינע געדאַנקען האָבען גע־שיינט צו זיין ווייט אַוועק פון דאַנען און אויף זיינע רוהיגע גע־זיכטס שטריכען האָט זיך ניט געזעהן קיין שום בעוועגונג.

זיי זיינען צוגעקומען צו דעם דויבענזעע, וועמעס לאַנגע, גע־פראָרענע אָבערפלעכע איז געלעגען אַ גלאַטע און אַ גלייכע אונ־טען אין טהאָל. רעכטס האָבען זיך געטורעמט שוואַרצע פעלזען נעבען די ריעזיגע אייז־בערג.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו דער אַראָב־שטייג נאָך לענק הויבט זיך אָן, האָט זיך פּלוצים פאַר זיי ענטפּלעקט די ריעזיגע קייט פון די וואַליזער אַלפּען, פון וועלכע דער טיעפער, ברייטער רהאָנען טהאָל האָט זיי אָבגעשיידעט.

דאָרט אין דער ווייטקייט האָט זיך אויפגעהויבען אַ גאַנצע מחנה בערג פון אַלע פערשיעדענסטע פאָרמען, הויכע, ברייטע, שפּיציגע, וועלכע האָבען אַלע אויף דער זון געבליסטשעט. דאַן האָבען זיי אונטער זיך, ווי אין אַ ריעזיגער לאָך, דערזעהן לענק, וועמעס הייזער האָבען אויסגעזעהן ווי די זאַמד קערנדלאָך, וועלכע מען וואַרפט פון אַ טיעפען אָבגרונד אַרונטער.

דער קעמעל איז געבליעבען שטעהן ביים ראַנד פון וועג, וועל־

כער האָט געפֿיהרט ארונטער, דרעהענדינג זיך ווי א שלאַנג ארום דעם משופּע'דיגער פעלדוואַנט. עפּעס מאָדנע פאַנטאַסטיש און וואונדערבאר זעהט אויס דער דאָזיגער וועג, ער פיהרט ארונטער ביז צו דעם כמעט אונזיכטבארען דאָרף אונטען צו זיינע פיס. די פרויען זיינען אראָבגעשפרונגען אין שנעע.

די ביידע אַלטע לייט האָבען זיי דעריאָגט.

— נאָ, — האָט געזאָגט דער אַלטער האוזער — איצט זייט מיר געזונד און מונטער, מיינע ליעבע פריינד. צום ווידערזעהן — איבער א יאָהר!

דער אַלטער האַרי האָט געענטפערט:

— איבער א יאָהר!

זיי האָבען זיך ארומגענומען, דערנאָך האָט איהם פרוי האָר־זער אויסגעשטרעקט איהר באַק א קוש צו טהאָן און נאָך איהר דאָס יונגע מיידעל.

ווען אולריך קונזי האָט זיך מיט זיי געזעגענט, האָט ער א שושקע געטהאָן לואיזען אויף'ן אויער:

— פאַרגעסט ניט אָן אונז דאָרט אויבען.

זי האָט געענטפערט אַזוי שטיל „ניין“, אז ער האָט עס קוים געקענט הערען, אבער ער האָט דערפיהלט.

— נאָ, איצט זייט מיר געזונד! — האָט נאָך אַמאָל געזאָגט יאָהאַן האוזער — מיר זאָלען זיך זעהן געזונדערהייד.

דאַן איז ער אוועק פאַראויס פאַרביי די פרויען און גענומען אראָבגעהן איבער דעם אראָבשטייג.

באַלד זיינען זיי אלע דריי פערשוואונדען ביי דעם ערשטען דרעה פון וועג.

און ביידע מענער האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט צו דעם גאַסט־הויז פון שווארענבאַך.

זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם איינער נעבען דעם אנדערן ניט רעדענדיג א וואָרט. איצט איז אַלעס געוועזן אויס, איצט וועלען זיי ביידע צוזאַמען בלייבען אליין, פיער אָדער פינף מאָנאַטען לאַנג.

דאַן האָט קאַספּאַר האַרי גענומען דערצעהלען פון'ם לעבען אין

די פריהערדיגע ווינטערן. ער איז דעמאלסט געווען אויבען מיט מיכל קאנאל, וועלכער איז איצט צו אלט געווארען פאר דעם; ווייל אין די לאנגע מאנאטען פון איינזאמקייט קען אמאל פאר־סירען ווער ווייסט וואס פאר אן אונגליק. אגב איז זיי ניט געווען זעהר לאנגווייליג, ווייל צו יענעם לעבען מוז מען זיך צוגע־וואהנען פון דעם ערשטען טאג אן. אויסערדעם האבען זיי זיך אויסגעפונען אלערליי צושטרייאונגען, שפיעלען און מאנכען צייט פערטרייב.

אולריך קונזי האט איהם געהערט מיט ארונטערגעלאזענע אויגען. זיינע געדאנקען זיינען געווען ביי יענע, וועלכע זיינען איבער דעם זיג־זאג וועג אראבגעשטיגען אין דארף ארונטער.

באלד האבען זיי פון ווייטען דערזעהן דאס גאסט־הויז. מען האט עס אבער קוים געקענט דערקענען, אזוי קליין האט עס אויס־געזעהן, ווי א שווארץ פינטעלע אויף א ריעזינער, הויך פארשנעע־טער לאנקע.

ווען זיי האבען די טהיר געעפענט, האט ארום זיי גענומען ארומשפרינגען סעם, דער גרויסער בעוואקסענער הונד.

— זוהן מיינער — האט געזאגט דער אלטער קאספאר — איצט האבען מיר ניט מעהר קיין פרויענצימער דא אויבען, און דו מוזט איצט מאכען דאס עסען. נא שייל אקארשט אב די קארטאפעל.

ביידע האבען זיך געזעצט אויף הילצערנע בענקלאך און גענו־מען צורעכט מאכען די זופ.

דער פאלגענדער טאג האט זיך פאר אולריך קונזי געצויגען זעהר לאנג. דער אלטער הארי האט געראויכערט, געשפיעגען אין פייער אריין, בעת דער יונגער מאן האט געקוקט דורך'ן פענסטער אויף די שנעע בערג אנטקעגען הויז.

נאך מיטאג איז ער ארויסגעגאנגען פון הויז און איז אוועק מיט דעם זעלבען וועג ווי מיט א טאג צוריק. ער האט אויף דער ערד געזוכט די שפורען פון די פאדקאוועס פון דעם קעמעל, וועל־כער האט ביידע פרויען געטראגען. און ווען ער איז צוגעקומען צום ברעג פון דעם אראבגאנג, האט ער זיך אוועקגעלעגט אויף דעם

ראנד פון דעם אבגרונד און האט ארונטערגעקוקט אויף לענק.

דער דארף דארט אונטען און זיין פעלזען לאך איז נאך ניט געווען בעגראבען אונטער דער שנעענער דעקע, הגם זי האט זיך שוין גאנץ נאהענט צו איהם צוגערוקט. די ארומיגע וועלדער האבען איהם נאך בעשיצט. פון אויבען האבען די ניעדעריגע הייזלאך אויסגעזעהן ווי ברוקיר־שטיינער אויף א לאנקע.

דארט אונטען אין איינער פון די דאזיגע גרויע הייזלאך האט זיך געפונען די קליינע לואיזע האוזער. אין וועלכער? צו ווייט אוועק איז דער דארף פון איהם געלעגען, אז ער זאל קענען אונטערשיידען כאטש איין איינציגע הייזעל. אך, ווי עס האט זיך איהם געוואלט ארונטערגעהן, איצט ווען עס איז נאך מעגליך געווען.

אבער די זון איז הינטער דעם הויכען שפיץ פון איינעם פון די בערג פערשוואונדען און דער יונגער מאן האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים. דער אלטער הארי האט גערויכערט. ווען ער האט דערזעהן זיין בעגלייטער צוריקקומענדיג, האט ער איהם פארגעשלאגען צו שפיעלען אין קארטען און זיי האבען זיך געזעצט איינער אנטקעגען אנדערן ביים טיש.

זיי האבען א לאנגע צייט געשפיעלט א איינפאכע שפיעל, וועלכע רופט זיך די צעהנטעל און די עזעל. דאן האבען זיי געגעסען וועטשערע און זיך געלייגט צו בעט.

די פאלגענדע טעג זיינען געווען ווי דער ערשטער, קלאהר און קאלט. קיין נייער שנעע איז ניט געפאלען. דער אלטער קאספאר האט נאכמיטאג געקוקט אויפ'ן הימעל און דארט געזוכט אדלערס אדער די עטליכע אנדערע פויגעל, וועלכע פארבלאנזשען אפטער אין די אייז־וויסטענישען, בעת אולריך איז רעגעלמעסיג געגאנגען צום ארבשטייג, אום אויף דעם דארף צו קוקען. דאן האבען זיי געשפיעלט אין קארטען, אין ווירפעל, אין דאמינא, האבען געוואונען און פערלארען קליינינקייטען, אום זייער שפיעל א געוויסען אינטערעס צוצוגעבען.

איין טאג, ווען דער אלטער הארי איז אויפגעשטאנען פריהער ווי זיין בעגלייטער, האט ער איהם א טורקע געטהאן אין זייט

און אנגעוויזענע אויף׳ן פענסטער. א בעוועגליכער דיקער, לייב־מער וואָלקענע, ווי א ווייסער שטויב, האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף זיי, ארום זיי, שטיל אָהן געוויש און האָט זיי ביסלעכווייס בעגראָבען אונטער א געדיכטער שטומער דעקע. דאָס האָט געדויערט פיער טעג און פיער נעכט. זיי האָבען געמוזט טהירען און פענסטער פריי מאַכען, א וועג איין דעם שנעע אויסגראָבען און טרעפּ אויסהאַקען, אום ארויפצוקומען פון אויבען אויף דער שנעע־דעקע, וועלכע א צוועלף שטונדיגער פראָסט האָט הארטער געמאַכט ווי די שטיינער אויף די מאַראַנען.

פון איצט אָן האָבען זיי געלעבט ווי געפאַנגענע און קוים גע־וואַגט פון זייער שטוב ארויסצוגעהן. זיי האָבען זיך איינגע־טהיילט מיט דער ארבייט און עס רעגעלמעסיג געטהאָן. אולריך קונזי האָט אויף זיך גענומען צו ריינינגען דאָס הויז, צו וואַשען די וועש, קורץ אַלעס וואָס געהערט צו ריינליכקייט. ער האָט אויך געמוזט אָנהאַקען האָלץ, בעת קאַספּאַר האַרי האָט געקאָכט און געהיט, אז דער פייער זאָל ניט אויסגעהן. זייער רעגעלמעסיגע, איינטאָניגע ארבייט האָבען זיי אונטערבראָכען דורך א לאַנגען קאָן קאָרטען אָדער ווירפעל. זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט ארומ־געקריעגט,ביידע זיינען געווען רוהיגע, פערשטענדיגע מענשען. זיי זיינען אפילו קיינמאָל ביידע ניט געוואָרען אונגעדולדיג, אונמוּ־טהיג און קיינמאָל זיינען צווישען זיי ניט פאָרגעפאַלען קיין שלעכטע רייד.

מאַנכעס מאָל האָט דער אַלטער קאַספּאַר אַראָבגענומען זיין ביקס פון וואַנט און איז אוועק אויף געיעג. פון צייט צו צייט האָט ער א ווילדען פויגעל געשאָסען און דאָן איז געווען א גרוי־סער יום טוב אין דעם גאַסט־הויז פון שוואַרענבאַך און א יום טוב׳דיגער מאָהלצייט פון פרישען פלייש.

אזוי איז ער אוועק איין מאָל א פריהמאָרגען. דער טערמאָ־מעטער אין דרויסען האָט געצייגט 18 גראַד קעלט. די זון איז נאָך ניט געווען אויפגעגאַנגען. דער יעגער האָט געהאָפט צו שי־סען חיות, וועלכע בעהאַלטען זיך אין די אָבהאַנגען פון די הויכע פעלזען.

אולריך, וועלכער איז געבליעבען אליין, איז געבליעבען ליגען אין בעט ביז אזייגער צעהן.

ער איז פון דער נאַטור אוים געווען א ביסעל א פערשלאָפענער, אבער אין דער געגענוואַרט פון דעם אלטען פיהרער, וועלכער איז שטענדיג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און האָט אימער געפונען עפּעס צו טהאָן, האָט ער ניט געוואגט ארויסצואווייזען זיין פוילקייט.

ער האָט שטיל אבגעגעסען זיין אַנבייסען צוזאַמען מיט דעם הונד סעם, וועלכער איז אויך טאָג און נאַכט ביים פייער געלעגען. דאַן איז עפּעס א אומעט אויף איהם אנגעפאלען, די איינזאַמקייט האָט איהם געשראָקען און די בעדערפעניש צו שפּיעלען א קאָן קאַרטען האָט איהם גענומען נאַגען, ווי עס טרעפט געוועהנליך מיט א מענשען, וועלכער געוואָהנט זיך צו עפּעס זעהר שטאַרק צו.

דאַן איז ער ארויסגעגאַנגען זיין אלטען פריינד אַנטקעגען, וועלכער האָט זיך געדאַרפט צוריקקעהרען אהיים א זייגער פיער.

דער שנעע האָט די גאַנצע טיעפקייט פון דעם הויכען טהאָל אויסגעפיהלט, אלע אונגלייכקייטען אויסגעגלייכט, די ביידע טייכען פערשאָטען און די פעלזען אין ווייסען איינגעוויקעלט. צווישען די מעכטיגע בערג-שפּיצען האָט זיך אויסגעשפּרייט איין איינציגער רעגעלמעסיגער, ווייסער, בלענדענדער, אייזיגער שנעעפעלד.

שוין דריי וואָכען, זייט אולריך איז ניט מעהר געגאַנגען צום ראַנד פון דעם אבגרונד, פון וואַנען ער האָט געקענט זעהן דעם דאָרף אונטען. איידער ער האָט ארויפגעקלעטערט אויף די פעלזען צו בעגעגענען זיין פריינד, האָט ער געוואָלט צוגעהן אהין. איצט איז לענק שוין אויך געלעגען בעגראָבען אונטער שנעע, און די הייזער, אונטער א בלייכען מאַנטעל בעהאַלטען, האָט מען גאָרנישט געקענט דערקענען.

דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט רעכטס צו די אייז-בערג. ער איז געגאַנגען מיט דעם לאַנגען, לאַנגזאַמען טריט פון א באַרג-שטייגער און זיין מיט אייזען בעשלאָגענער שטעקען האָט זיך אַנגעקלאַפּט אַן דעם שנעע, וועלכער איז געווען האַרט ווי שטיין און

מיט זיין שאַרפען אויג האָט ער געזוכט אַ קליינעם, שוואַרצען, בעוועגליכען פונקט אין דער ווייטקייט אויף דעם מעכטיגען, ווייסען טוך.

ווען ער איז צום אייז־באַרג צוגעקומען, איז ער שטעהן געבליעבען און זיך געפרעגט, צו דער אַלטער איז אוועק מיט דיעזען וועג. דאַן איז ער אוועק איבער די מאַראַנען מיט געאיילטע טריט און עטוואָס אונרוהיג אין האַרצען.

עס האָט אַנגעהויבען דונקעל צו ווערען. דער שנעע האָט זיך ווי מיט אַ ראָזאַווער פאַרב בעדעקט. אַ טרוקענער, אייזיגער ווינד האָט געבלאָזען איבער דער קריסטאַלענער אבערפלעכע. אולריך האָט אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפען, לאַנג־אויסגעצויגענעם געשריי. אין דער טויטער שטילקייט פון די בערג איז זיין קול פערלאָרען געגאַנגען. איבער די שטאַרע, געוואַלטיגע וועלען פון דעם אייזיגען שוים האָט ער זיך צוטראָגען ווי אַ פייגעל־געשריי איבער די כוואַליעס פון'ם ים. דערנאָך איז ער פערשטאַרבען און קיין עכאָ האָט זיך אויף איהם ניט אָפּגערופען.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אין וועג אוועקגעלאָזט.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. די בערג־שפּיצען האָבען אין איהרע לעצטע שטראַהלען געלויכטען. אָבער אונטען איז דער טהאָל שוין געווען דונקעל. און פּלוצים האָט דעם יונגען מאַן אַ פּחד אָנגעכאַפּט. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַזוי ווי די דאָזיגע טויטע שטילקייט, די דאָזיגע קעלט, די דאָזיגע איינזאַמקייט, דער גאַנצער דאָזיגער אייזיגער טויט פון די בערג וואָלטען אין איהם אַריינגעדרונגען און פאַרגליווערען זיין בלוט און לעהמען זיינע גליעדער.

און ער האָט זיך געלאָזט לויפען צום הויז צו. ער האָט געמיינט, אַז דער אַלטער האָט זיך שוין דאָרט אודאי צוריקגעקעהרט. האָט געמוזט מסתמא קומען מיט אַן אַנדער וועג און איצט זיצט ער דאָרט נעבען פייער און וואַרעמט זיך מסתמא.

באַלד האָט ער דערזעהן דאָס גאַסט־הויז. קיין רויך אָבער איז פון קוימען ניט געגאַנגען. ער האָט שנעל די טהיר געעפענט.

סעם האָט זיך איהם אנטקעגנען געוואָרפען און זיך גענומען דרעהען ארום איהם„ אבער קאספאר האַרי איז איז שטוב ניט געווען.

קונזי האָט זיך אונרוהיג ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט, טאָמער האָט זיך זיין בעגלייטער ער־נעץ אין א ווינקעלע פון הויז בעהאַלטען. דערנאָך האָט ער גע־מאַכט פייער אין אייווען, אפגעקאַכט סוף, אַלץ אין דער האָפ־נונג, אז דער אַלטער וועט קומען.

יעדע ווײַלע איז ער פון הויז ארויסגעלאָפען, כדי צו זעהן, אויב דער אַלטער קומט ניט. די נאַכט איז צוגעפאַלען, די בלייבע, מאַטע נאַכט פון די בערג, וועלכע איז נור אויף'ן האָריזאָנט מיט א געלער האַלבער לבנה בעלויכטען געווען. דערנאָך, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער געוואָרעמט הענד און פיס און געטראַכט וועגען אַלע מעגליכע סיבות, וואָס האָבען יענעם געקענט טרעפען.

אפשר האָט זיך יענער אויסגעגליטשט, זיך א פוס אויסגע־בראָכען און ליגט ערגעץ אין א לאָך אויף'ן שנעע, דערפראָרען, מיט פערצווייפלונג אין האַרצען, פערלאָרען, און שרייט אפשר מיט די לעצטע קרעפטען, רופט נאָך הילף אין דער טויטער נאַכט אריין?

אבער וואו? צעהן אדער צוואַנציג פיהרער וואָלט גענומען א גאַנצע וואָך צייט, ביז זיי וואָלטען געקענט דורכגעהן די אַלע משופּע'דיגע וועגען פון דער דאָזיגער געגענד.

אבער אולריך קונזי האָט בעשלאָסען, ווען האַרי וועט ביז איינס נאָך האַלבער נאַכט ניט זיין צוריק, וועט ער נעהמען דעם הונד און ארויסגעהן איהם זוכען.

ער האָט זיך גענומען צוגרייטען.

ער האָט אריינגעלעגט שפּייז פאַר צוויי טעג, אנגעגרייט די שטייג־אייזען, האָט אויסגעפּרובט זיין אייז־פּיקע, מיט וועלכער ער האָט טרעפּ אין דעם אייז אויסגעהאַקט, בעת ער איז געגאַנגען, און דערנאָך האָט ער גענומען וואַרטען. דאָס פייער אין אויווען האָט געברענט, דער גרויסער הונד האָט געכראַפּעט ביים שיין פון

די פלאַמען. דאָס זייגער אויף דער וואנד האָט געקלאַפּט אין זיין הילצערנעם קאַסטען רעגעלמעסיג ווי א האַרץ.

ער האָט געוואַרט, צוהערענדיג זיך צו דער שטילקייט, און אויפגעשווידערט, ווען א שטילער ווינד האָט אויף'ן דאַך אָנגעקלאַפּט.

דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף. ער האָט א ציטער געטהאָן. און אזוי ווי דער פּחד האָט איהם ניט אבגעלאָזט, האָט ער ארויפגעשטעלט אויף'ן פייער א טאָפּ מיט וואַסער, כדי זיך אָנצוטרינקען מיט הייסען קאַפּע, איידער ער געהט ארויס יענעם זוכען.

ווען דער זייגער האָט איינס געשלאָגען, האָט ער זיך אויפגעהויבען, אויפגעוועקט סעם'ען, געעפענט די טהיר און איז אוועק אין די נאַכט אריין.

פינף שטונדען נאָכאַנאַנד האָט ער געקלעטערט בארג ארויף איבער די פעלזען מיט דער הילף פון זיינע שטייג־אייזען, האָט אויסגעהאַקט טרעפּלאַך אין דעם אייז און געמוזט אָפט מיט געוואלד נאָך זיך שלעפּען דעם הונד, וועלכער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו קלעטערען אויבען. אזייגער זעקס האָט ער דערגרייכט איינעם פון די בערג־שפּיצען, אויף וועלכען דער אַלטער קאַספּאַר האָט געוועהנליך געקלעטערט.

און דאָ האָט ער גענומען וואַרטען, ביז עס וועט טאָג ווערען.

דער הימעל איבער זיין קאָפּ איז פערבלאַסט געוואָרען, און פּלוצים האָט עפּעס א מאָדנער שיין, מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען עס איז געקומען, זיך צוגאָסען איבער דער ווייטער אויסזיכט פון די ווייסע בערג שפּיצען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען אין צירקעל ארום און ארום. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער שנעע אַליין וואָלט דעם דאַזיגען ליכט אויסגעשטראַהלט, וועלכעם האָט די לאַנדשאַפט בעלויכטען. פּלוצים האָבען זיך די ווייטסטע און העכסטע שפּיצען בעפאַרבט מיט א ראָזעווען קאָליר און די רויטע זון האָט זיך בעוויזען הינטער די מעכטיגע קעפּ פון די בערנער אַלפּען.

אולריך קונזי האָט זיך ווידער געלאָזט געהן אין וועג אריין.

איינגעבויגען איז ער געגאַנגען, ווי אַ יעגער און געזוכט שפּורען אין שנעע, אונטערטרייבענדיג דערביי דעם הונד:

— זוך! זוך! זוך! סעם! סעם!

איצט איז ער ארונטערגעקומען פון בארג, האָט מיט פאַר־שעגדע אויגען געקוקט אין די אבגרונדען ארונטער און פון צייט צו צייט גערופען מיט אַ לאַנג אויסגעצויגענעם געשריי, וועלכער איז אָבער באַלד אָבגעשטאָרבען אין דער שטומער אומענדליכקייט. דאַן האָט ער צוגעלעגט דעם אויער צו דר'ערד, כדי זיך צו צוהערען. עס האָט זיך איהם גערדאכט, ווי ער הערט אַ שטימע. דאַן האָט ער אויף דאָס ניי גענומען וואנדערען, ווידער גערופען, אָבער ער האָט מעהר גאָר נישט געהערט און האָט זיך אוועקגעזעצט פארמאַ־טערט און פארצווייפעלט. ארום מיטאָג צייט האָט ער עפּעס גע־געסען און געגעבען דעם הונד צו פרעסען, וועלכער איז געווען פונקט אזוי מיעד ווי ער. דאַן האָט ער ווידער גענומען זוכען.

ווען די נאַכט איז אַנגעפאַלען, איז ער נאָך אַלץ געלאָפען. ער איז שוין אָבגעגאַנגען פופציג קילאָמעטער ווייט אין די בערג. אזוי ווי ער איז געווען צו ווייט פון הויז, אום אהין צוריק צו געהן און צו מיעד זיך ווייטער צו שלעפען, האָט ער זיך אויסגעבויערט אַ לאָך אין שנעע, אריינגעלעגט זיך אהין מיט דעם הונד און זיך איינגעוויקעלט אין אַ דעקע, וועלכע ער האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך. זיי האָבען זיך צוגעטוליעט נאָהענט איינער צום אַנ־דער'ן, דער מענש און די חיה, כדי איינער דעם אנדער'ן דעם האַלב דערפראָהרענעם לייב צו דערוואַרימען.

אולריך האָט ניט געקענט שלאָפען. אַלערהאַנד געשיכטען האָבען איהם געפיינינגט און ער האָט געציטערט פאַר קעלט.

ווען עס האָט אַנגעהויבען טאָגען, האָט ער זיך אויפגעהויבען. די פיס זיינען איהם שטייף געוואָרען, ווי אייזערנע שטאַנגען, און זיין מוטה האָט ער אזוי פערלאָרען, אז עס האָט זיך איהם געוואָלט שרייען פאַר אַנגסט. זיין הארץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און ווען עס האָט זיך איהם גערדאכט, אז ער הערט דעם קלענסטען גערויש

אין דערווייטענס, איז ער געוואָרען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז שיער ניט געפאַלען פון די פיס.

פּלוצים האָט ער אַ טראַכט געטהאָן, אַז ער וועט אויך מוזען שטאַרבען אין דער דאָזיגער איינזאַמקייט און דער שרעק פאַר'ן טויט האָט איהם געמאַכט מוט און ערוועקט זיינע קרעפטען.

ער האָט זיך איצט געלאָזט געהן צוריק צום גאַסט־הויז, איז געפאַלען, זיך ווידער אויפגעהויבען און פון הינטען איז איהם נאָכגעגאַנגען דער הונד, הינקענדיג אויף דריי פיס.

ערשט אַזייגער דריי נאָכמיטאָג זיינען זיי אַנגעקומען קיין שוואַרענבאַך. דאָס הויז איז געווען ליידיג. דער יונגער מאַן האָט געמאַכט פייער, האָט געגעסען און איינגעשלאָפען. ער איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ער האָט ניט געקענט פון קיין זאַך טראַכטען.

ער איז געשלאָפען לאַנג, לאַנג מיט אַ שטאַרקען שווערען שלאָף, אָבער פּלוצים האָט איהם אַ שטימע, אַ געשריי, דער נאָמען אולריך, אויפגעריסען פון זיין פערגליווערטקייט און ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. האָט ער געטרוימט? איז עס געווען איינער פון יענע געשרייען, וועלכע שרעקעדיגע מענשען האָבען אַ מאָל פון שלאָף? ניין, ער האָט נאָך געהערט דעם ציטערענדען געשריי, וועלכער איז איהם אין אויער אריינגעדרונגען און מעהר ניט איינגעלאָזען. אימיצער האָט געמוזט זיין דאָ, ארום הויז. ער האָט ניט געקענט צווייפלען אין דעם. ער האָט אויפגעעפענט די טהיר און אַ געשריי געטהאָן:

— ביזטו עס, קאַספּאַר? קאַספּאַר! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע לונגען.

קיין ענטפער, קיין טאָן, קיין מורמלען, קיין קרעכץ, קיין זאַך ניט. עס איז געווען נאַכט. דער שנעע האָט געגלאַנצט.

דער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען, אַ אייזיגער ווינד, וועלכער קען שטיינער צוברעכען און וועלכער צושטערט אַלדאָס לעבען אויף די דאָזיגע איינזאַמע הויכקייטען. מיט אַ מורא'דיגער קראַפט האָט ער זיך געטראָגען אין פאַראויס, געטראָגען מיט אַ הווישען איבער־

בארג און טהאָל, שרעקליבער און טויטליכער, ווי דער ברענענדיגער ווינד אין דער וויסטעניש. אולריך האָט אויף דאָס ניי גענומען רופען:

— קאספאַר! קאספאַר! קאספאַר!

דאָ האָט ער געווארט. אלעס איז געבליבען שטום אין די בערג. דאן איז א שוידער איהם איבער'ן לייב אריבער און עס האָט איהם דורכגענומען ביז צום מארך פון זיינע ביינער. מיט איין שפּרונג איז ער צוריק אין הויז אריין, פערמאַכט די טהיר און פאררוקט דעם ריגעל. דאן איז ער ציטערענדיג געפאַלען אין אַ שטוהל, פעסט איבערצייגט, אַז זיין קאמעראד האָט איהם פון דערווייטענס גערופען, בעת ער האָט זיין לעצטען אטהעם אויסגעהויכט.

אין דעם איז ער געווען זיכער, אזוי זיכער, ווי מען ווייס, אַז מען לעבט אָדער מען עסט. דער אַלטער קאספּאר הארי איז הפּנים אַבגעלעגען צוויי טעג און דריי נעכט א גוסס'ער, אין עפּעס א לאָך, אין אַ קיין מאָל ניט בעטרעטענעם שפּאַלט פון אַ אייז בארג, וועמעס ווייסקייט איז טרויעריגער, ווי די שווארצסטע פינסטערניש אין דער טיעפסטער גרוב. צוויי טעג און דריי נעכט איז ער געלעגען אין דער גסיסה און איצט איז ער אויסגעגאנגען מיט דעם געדאנק אָן זיין חבר. און ווי נאָר די נשמה איז פון קערפּער פריי געוואָרען, איז זי צום גאסט־הויז אוועקגעפלויגען, וואו אולריך האָט געשלאָפען און איהם גערופען מיט יענער געהיימניספולער, מורא׳דיגער קראַפט, וועלכע די נשמות פון די טויטע בעזיצען, אום די לעבעדיגע צו פּלאגען.

די דאָזיגע נשמה, אָהן אַ שטימע, האָט אין דער מיעדער נשמה פון דעם שלאָפעדיגען אַבגעקלונגען, זי האָט איהר לעצטען זיי געזונד, אָדער איהר פאַרוואורף, אָדער איהר קללה דעם מאַן געשיקט, וועלכער האָט ניט פלייסיג גענוג געזוכט.

און אולריך'ן האָט זיך געדאַכט, אַז ער פיהלט זי גאַנץ נאָהענט הינטער דער וואַנט, הינטער דער טהיר, וואס ער האָט נור וואָס

צוגעמאַכט. איצט האָט זי אַרומגעבלאָנדזשעט ווי אַ נאַכט־פויגעל, וועלכער שלאָגט מיט זיינע פליגעל אַנטקעגען דעם בעלויכטענעם פענסטער. און דער יונגער מאַן האָט שיער ניט גענומען רעווען אויף'ן קול פאַר שרעק. ער האָט געוואָלט אַנטלויפען און האָט ניט געוואַגט און וועט עס קיינמאָל ניט וואַגען, ווייל דער רוח איז געבליבען אין דרויסען טאָג און נאַכט, האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום הויז און וועט פון דאַנען ניט אַוועק ביז וואַנען דער טויטער קערפּער פון דעם אַלטען באַרג־פיהרער וועט ניט געפונען ווערען און צו קבורה געבראַכט ווערען אויף דער הייליגער ערד פון אַ בית עולם.

עס איז טאָג געוואָרען און קונזי האָט זיך אַנגענומען מיט אַ ביסעל מוט ביים שטראַהלען פון דער זון. ער האָט צוגעגרייט פריהשטיק, געמאַכט זופּ פאַר'ן הונד און דאַן איז ער געבליעבען זיצען אונבעוועגליך אויף אַ שטוהל אין פייניגענדע געדאַנקען פער־זונקען, מיט דעם בילד פונ'ם אַלטען פאַר די אויגען, ווי ער ליגט אין דרויסען אין שנעע.

אַזוי שנעל ווי די נאַכט איז ווידער אויף די בערג אַרונטער־געזונקען, איז אויף איהם אויף דאָס ניי אַנגעפאַלען אַן אימה. איצט איז ער אַרומגעלאָפען אין דער דונקעלער קיך, וועלכע איז שוואַך בעלויכטען געוואָרען פון אַ ליכט, הין און צוריק, פון איין עק צימער אין דעם אַנדער'ן, מיט גרויסע טריט. האָט זיך צוגע־הערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם צום דרויסען, האָט אויס־געצויגען די אויערן, צו הערט זיך ניט ווידער אין דער טויטער שטילקייט דער מורא'דיגער געשריי פון נעכטען. און דער אומ־גליקליכער האָט זיך געפיהלט אַליין, אַזוי אַליין ווי קיין מענש איז נאָך קיין מאָל ניט געווען. ער איז געווען אַליין, אין דער דאָזיגער אונענדליכער שנעע־וויסטעניש, אַליין, צוויי טויזענד מעטער איבער דער בעוואָהנטער ערד, איבער מענשליכע וואָה־נונגען, איבער דעם לעבען, וועלכער שטראַמט און ליאַרעמט און צושטערט דאָרט אונטען, אַליין אונטער דעם אייזיגען הימעל.

א מורא׳דיגע אַנגסט איז איהם בעפאַלען, עס האָט זיך איהם געוואָלט אנטלויפען וואו ניט איז, אַלץ איינס ווי אזוי, א יאָג טהאָן זיך קיין לענק, ארונטערוואַרפען זיך אין דעם טיעפען אַבגרונד ארונטער, אבי פון דאַנען אַוועק. אָבער ער האָט ניט געוואַגט צומאָל די טהיר צו עפענען, ער איז געווען זיכער, אז דער אנדערער, דער טויטער, וועט זיך אויף איהם ארויפוואַרפען, וועט איהם פארשטעלען דעם וועג אויף צוריק, כדי ער זאָל אויך ניט בלייבען אַליין דאָרט אויבען.

צום סוף, אַרום האַלבער נאכט, ווען ער איז מיעד געוואָרען פון אַנגסט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ שטוהל, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאר זיין בעט, ווי מען ציטערט פאר אַן ארט פון ניט גוטע.

און פּלוצים האָט איהם דער מורא׳דיגער געשריי פון נעכטען דעם אויער צוריסען. אזוי גריל׳צענדיג און שאַרף איז דער געשריי געווען, אַז אולריך האָט די ארעמס אויסגעשטרעקט, אום דעם רוח צו פערטרייבען, און איז מיט זיין שטוהל אויף הינטען געפאַלען.

סעם, וועלכען דער גערויש האָט אויפגעוועקט, האָט אַנגע־הויבען צו בילען, ווי פּלוצים אויפגעוועקטע הינד בילען געוועהנ־ליך און איז ארומגעלאָפען אין גרויסען צימער, זוכענדיג פון וואַנען עס קומט די געפאַהר. ווען ער איז צו דער טהיר צוגעקומען, האָט ער געגומען שמאַרען מיט דער נאָז, זיך רייבען אַן וואַנט, געזוכט מיט אַלע קרעפטען צו עפענען די טהיר און געהאַווקעט הויך, מיט אַן אויסגעצויגענעם עק און אַנגעשטעלטע האָאר.

קונזי איז אויפגעשטאַנען אַ צושראָקענער, האָט אַנגעכאַפּט דעם שטוהל פאר אַ פיסעל און אַ געשריי געטהאָן:

— בלייב אין דרויסען! בלייב אין דרויסען! ווען דו קומסט אריין, דער׳הרג׳ע איך דיך אויף טויט!

און דער הונד, וועמען דער דאָזיגער סטראַשונאָק האָט נאָך מעהר אויפגערעגט, האָט מלא רציחה געבולען אויף דעם אונ־

זיכבארען שונא, וועמען די שטימע פון זיין בעל־הבית האט גערשראָשעט.

סעם האט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט, איז געקומען צוריק און זיך אויסגעצויגען נעבען פייער. אבער ער איז געבליעבען אונרוהיג, געהאלטען דעם קאפּ אויפגעהויבען, געקוקט מיט בליסטשענדיגע אויגען ארום זיך און געסאָפּעט.

אולריך איז אויך ווידער צו זיך געקומען. אבער ער האט געפיהלט, אז ער איז זעהר אבגעשוואכט געווארען פאר שרעק און ער איז צוגעגאנגען צום שפּייז שאַפע, האט ארויסגענומען א פלאַש בראנפען און שנעל איינס נאך דאס אנדערע אויסגע־טרונקען א פּאָאר גלעזלאך. זיינע גערדאנקען זיינען צוטומעלט געווארען, ער האט ווידער מוטה געקראגען. זיין בלוט האט זיך אנגעצונדען און איז ווי א פייער דורך די אדערען געלאָפען.

אויף'ן צווייטען טאג האט ער קוים עפּעס איין מויל גענומען. דערפאר אבער האט ער זיך גוט אנגעטרונקען מיט אלקאהאל. און עטליכע טעג נאכאנאנד האט ער אזוי אבגעלעבט אין שטענדיגער שכרות. ווי נור ער האט גענומען טראכטען פון קאספּאר'ן, האט ער ווידער גענומען טרינקען און געטרונקען אזוי לאנג, ביז ער איז געפאלען צו דר'ערד אהן זינען. און אזוי איז ער געבליעבען ליגען אויף'ן פּנים, טויט שכור, די גליעדער ווי צו'הרג'עט, הויך כראַפּענדיג, מיט'ן שטערען אויף דער קאלטער ערד. אבער ווי נור די ווירקונג פון דעם ברענענדיגען שנאפּס איז אביסעל אריבער, ער האט זיך עטוואס אויסגעניכטערט, האט איהם דער זעלבער געשריי: אולריך! ווידער אויפגעוועקט, ווי א קויל וואלט איהם אין קאפּ געטראָפען. זיך וואקלענדיג אויף די פיס האט ער זיך אויפגעהויבען, געטאפּט מיט די הענד ארום זיך כדי ניט צו פאלען און גערופען סעם'ען צו הילף. דער הונד וועלכער האט געשיינט צו ווערען משוגע פונקט אזוי ווי זיין בעל הבית, האט זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער טהיר, געקראצט איהר מיט די נעגעל, געביסען מיט זיינע לאנגע ווייסע צייהן, בעת דער יונגער מאן מיט א אבגע־

וואָרפענעם קאָפּ האָט דורשטיג, ווי מען זופּט וואסער נאָך אַ לאַנג אַנלויפען זיך, געגאָסען אין זיך דעם שנאַפּס, וועלכער האָט איהם באַלד ווידער פערטויבט און בעפרייט פון דעם מורא'דיגען שרעק, פון דער עראינערונג אַן דעם שרעקליכען געשפּענסט.

אין דריי וואכען האָט ער אויסגעטרונקען דעם גאַנצען שנאַפּס, וועלכער איז געווען אַנגעגרייט אויף אַ גאַנצען ווינטער. אבער די דאָזיגע שטענדיגע שכרות האָט זיין שרעק נור איינגעשלעפערט און איצט, ווען ער האָט עס ניט געקענט מעהר בעטויבען, איז עס אויסגעבראָכען נאָך שטארקער ווי פריהער. דער דאָזיגער משוגע־נער געדאנק, וועלכער איז נאָך שטארקער געוואָרען פון דעם שטענ־דיגען טרינקען און וועלכער איז געוואַקסען אין דער איינזאַמקייט, האָט זיך אין איהם איינגעגעסען, ווי אַ פּיאַווקע. איצט איז ער ארומגעלאָפען אין צימער ווי אַ ווילדע חיה אין אַ שטייג, האָט צו־געלעגט דעם אויער צו דער טהיר, אום זיך אונטערצוהערען, אויב יענער איז נישטאַ און כדי אויף איהם כאטש דורך דער וואַנט אַ קוק צו האָן.

און ווען די מיעדקייט האָט איהם פון די פיס געוואָרפען און ער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעלייגט, האָט די שטימע ווידער גע־נומען קלינגען און ער איז אויפגעשפרונגען אין ווילדען שרעק.

צום סוף האָט ער איין נאַכט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער טהיר, ווי אַ פייגלינג וואס פּאַסט פּלוצים אַ פערצווייפעלטען בעשלוס, און האָט זי געעפענט. ער האָט געוואָלט איינמאָל פיר אַלע מאָל צווינגען יענעם וואָס האָט איהם פערפאַלגט, ער זאָל איהם צו רוה לאָזען.

דער אייזיגער ווינד האָט איהם אַ בלאָז געטהאָן אין פּנים און האָט איהם דורכגענומען ביז צו די ביינער. ער האָט צוריק צוגעמאַכט די טהיר און פארשפּארט מיט'ן ריגעל, אָבער ער האָט ניט בעמערקט, אַז סעם איז אַרויסגעלאָפען. דאָן האָט ער אַ ציטערענדער אַריינגעוואָרפען האָלץ אין פייער און זיך אוועקגע־זעצט ביים אויווען, זיך אַנצואוואַרעמען. אָבער פּלוצים האָט ער

זיך אַ טרייסעל געטהאָן און איז אויפגעשפרונגען פון ארט. עמיצער האָט גענומען רייסען די טהיר און בילען.

ער האָט אַ געשריי געטהאָן פערצווייפעלט:

— אוועק פון דאנען!

אַ לאַנגער, קלאַגעדיגער וואיען האָט איהם געענטפערט.

פאר שרעק האָט ער דעם פערשטאַנד פערלאָרען.

און ער האָט ווידער אַ געשריי געטהאָן:

— אוועק, אוועק פון דאנען! — און האָט גענומען לויפען איבער'ן צימער אין צירקעל, זוכענדיג עפּעס אַ ווינקעל, וואו ער זאָל זיך קענען בעהאַלטען. און אין דרויסען האָט דער צווייטער נאָכאַנאַנד געהאָוקעט און געבולען, ארומגעלאָפען ארום דאָס גאַנצע הויז און געקראַצט די ווענט. אולריך האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער דעמבענער שאַפע, וואָס איז געווען פול מיט שליסלען און גלעזער און שפּייז, האָט עס א הויב געטהאָן מיט אַ איבערמענשליכער קראַפט, צוגעשלעפּט ביז צו דער טהיר, אום זי צו פארבאריקאַדירען. דאַן האָט ער געכאַפּט אַלע מעבעל, וואָס האָבען זיך אין הויז געפונען: מאַטראַצען, שטרעה־זעק, שטוהלען, האָט אַלעם אַנגעוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע און האָט פערשטאָפּט די פענסטער, ווי געגען אַ שונא אין אַ אַטאַקירטען הויז.

אָבער איצט האָט דער וואיען אין דרויסען זיך דערהערט נאָך שטאַרקער, מורא'דיגער און דער יונגער מאַן האָט געענטפערט מיט דעם זעלבען געשריי.

טעג און נעכט זיינען אוועק און ביידע האָבען געשריען און גערעוועט. דער וואָס איז אין דרויסען געווען איז נאָכאַנאַנד ארומגעלאָפען ארום הויז, געקראַצט מיט זיינע נעגעל אַן די ווענט מיט אַזאַ געוואַלד, ווי ער וואָלט זי וועלען איינרייסען. צובייסען: און דער אַנדערער אינעווייניג האָט נאָכגעפּאָלגט אַלע זיינע בעוועגונגען, מיט דעם אויער צום וואַנט צוגעלייגט איז

ער ארומגעלאָפען איינגעהויקערט איבער'ן צימער און געענטפערט אויף דעם וואָיען פון דרויסען מיט א מורא'דיגען רעוועז.

איין אבענד האָט אולריך מעהר גאָר נישט געהערט און ער האָט זיך אוועקגעזעצט אזוי צובראָכען פאר מיעדקייט, אז ער איז גלייך איינגעשלאָפען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פון קיין זאך ניט געוואוסט, האָט ניט געהאַט קיין קלאָהרע געדאנקען, עפּעס אזוי ווי זיין קאָפּ וואָלט פּוסט געוואָרען בעת זיין שווערען שלאָף. ער איז געווען הונגעריג און האָט געגעסען.

— — — — — — — — — — — — — —

דער ווינטער איז אוועק. דער אראָבגאַנג איז ווידער פריי געוואָרען און די פאמיליע האוזער האָט זיך גענומען צוגרייטען ארויפצוגעהן צום גאַסט־הויז.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען אויבען ארויף, האָבען זיך די פרויען ארויפגעזעצט אויף'ן קעמעל און האָבען געדערט פון ביידע מענער, וועלכע זיי וועלען איצט ווידער זעהן.

זיי האָבען זיך געוואונדערט, פאַרוואָס איינער פון זיי איז ניט ארונטערגעקומען מיט א פּאָאר טעג צוריק, אזוי שנעל ווי דער וועג איז פריי געוואָרען, אום אָבצוגעבען א גערוס פון זייער לאַנגען ווינטער, דאָרט אויבען.

צום סוף האָט מען דערזעהן דאָס ווירטס־הויז. עס איז נאָך געווען ארומגערינגעלט און איינגעוויקעלט אין שנעע. טהיר און פענסטער זיינען געווען פערשלאָסען. פון קוימען האָט זיך געטראָגען א קליינער רויך. דאָס האָט בערוהיגט דעם אַלטען האוזער. אָבער ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער, האָט ער געזעהן שוועל דערזעהן א גרויסען, אויף א זייט ליגענדיגען, סקעלעט פון א חיה, וועמען די אָדלערס האָבען צופּרעסען און צופּליקט.

אַלע האָבען עס בעטראַכט.

— דאָס מוז זיין סעם — האָט געזאָגט די מוטער. און זי האָט אַ רוף געטהאָן:

— העי קאַספּאַר!

פון אינעווייניג האָט געענטפערט אַ געשריי, אַ גרילצענדער געשריי ווי פון אַ חיה. דער אַלטער האוזער האָט אַ רוף גע־טהאָן נאָך אַמאָל:

— העי, קאַספּאַר!

און ווידער האָט אָבגעקלונגען דער זעלביגער גרילצענדער געשריי.

דאַן האָבען די דריי מענער, דער פאָטער און ביידע זיהן פּרובירט עפענען די טהיר. עס האָט זיך ניט געלאָזען. זיי האָבען געבראַכט פון דעם ליידיגען שטאַהל אַ לאַנגע קלאָץ און דערמיט גענומען מיט אַלע קרעפטען טראַסקען אָן טהיר. דאָס האָלץ האָט געקראַכט, האָט נאָכגעגעבען, און די ברעטער האָבען גענומען פליהען אין שטיקער. דאַן האָט דורך דאָס גאַנצע הויז זיך דורכגעריסען אַ מוראַ'דיגער ליאַרם און הינטער דער אומגעשליי־דערטער שאַפע האָבען זיי דערזעהן שטעהענדיג אַ מאַן, וועמעס האָאַר זיינען אַרונטערגעהאַנגען ביז צו די שולטערען, מיט אַ לאַנגער באָרד ביז צו דער ברוסט. זיינע אויגען האָבען געברענט, זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען אויף שטיקער.

זיי האָבען איהם ניט דערקענט. אָבער לואיזע האוזער האָט אויסגערופען:

— מוטער, דאָס איז דאָך אולריך!

און די מוטער האָט צוגעגעבען אַז דאָס איז אולריך, הגם זיינע האָאַר זיינען וויס געוואָרען.

ער האָט זיי געלאָזען אריינגעהן, געלאָזען זיך בעריהרען. האָט אָבער ניט געענטפערט אויף קיין פראַגע, וואָס מען האָט איהם געשטעלט. מען האָט איהם געמוזט ברייגגען קיין לענק, וואו די דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט, אַז ער איז משוגע געוואָרען.

און קיינמאָל האָט קיינער ניט געקענט דערגעהן, וואס עס איז געוואָרען פון זיין חבר.

לואיזע האָוזער איז געשטאָרבען דעם פאָלגענדען זומער פון אזא מין אויסצעהרונג, וועלכע מען האָט צוגעשריבען צו דער קעלט אויף די בערג.

דענים.

.1

הערר מאראמבא האט געפענט דעם בריעף, וואס זיין דיענער דענים האט איהם געבראכט, און א שמייכעל געטהאן.

דענים, א פארגרעבט, אונטערטעהניג מענשעל, וועלכער האט דא אין הויז געדיענט שוין א יאהר צוואנציג און געהאט א נאמען פאר א מוסטערהאפטען דיענער, האט געפרעגט:

— דער גנעדיגער הערר איז צופריעדען, דער גנעדיגער הערר האט אפנים פרעהליכע נייעס בעקומען?

הערר מאראמבא, אן אלטער בחור, און אן אמאליגער דארפישער אפטהעקער, איז געווען ניט רייך. ער האט געלעבט אויף די פאאר גראשען, וואס ער האט מיט גרויס מיה אבגעשפארט, פארקויפענדיג מעדיצין צו די פויערים. ער האט געענטפערט:

— יא, מיין זוהן. פאטער מאלאס גיט זיך אונטער, וויל ער האט מורא פאר דעם פראצעס, מיט וועלכען איך האב איהם געסטראשעט. מארגען קריעג איך מיין געלד. פינף טויזענד פראנק איז פאר אן אלטען בחור א גרויסע סומע געלד.

און הערר מאראמבא האט זיך גענומען רייבען די הענד. ער איז געווען א מענש מיט בטחון אין גאט, גיכער אן אונמוטהיגער ווי א פרעהליכער, אהן בעזונדערער ענערגיע און גאנץ אבגעלאזען אין געשעפטליכע זאכען. ער האט לייכט געקענט מאכען בעסערע געשעפטען, ווען ער זאל אויסנוצען דעם טויט פון וועלכען ניט איז קאלעגע אין א גרעסערען ארט און זאל דארט יענעם'ס פלאץ

און יענע קונדען איבערנעהמען. אבער די מיהעביים אוועקפאה־רען פון איין פלאץ אויף'ן אנדערען און דער געראנק אז אלסדינג, וואס ער וועט דאן האבען צו בעזארגען, האט איהם אימער דערפון אבגעהאלטען. און אבגעטראכט פון אזא נסיעה צוויי טעג נאכ־אנאנד, פלעגט ער זאגען:

— עט, זאל געהן ווי עס געהט — אז אנדערס מאל. עס וועט פון מיר נישט אנטלויפען. אפשר וועל איך געפינען עפעס בע־סערס!

דעניס, פערקערט, האט זיין בעל הבית צוגעטריעבען צו א פראבע, און ווייל ער איז געווען א מענש מיט א אונטערנעהמונגס גייסט, האט ער שטענדיג גע'טענה'עט:

— מיין גאט, ווען איך זאל נור האבען אביסעל געלד, איך וואלט זיך שוין דאן ארויפגעארבייט. איינע טויזענד פראנק און איך וואלט שוין געמאכט געלד.

הערר מאראמבא האט שטום געשמייכעלט און מיט'ן בריעף אין קעשענע איז ער אין זיין קליין גערטעל אוועק. דארט איז ער א פערטראכטער מיט די הענד אויף'ן רוקען פערלעגט, געלא־פען אהין און צוריק. דעניס, האט דעם גאנצען טאג אונטערגע־זונגען שטיל, פאר זיך, ווי א מענש אהן זארג. ער איז געווען זעהר פלייסיג, האט געוואשען די פענסטער אין גאנצען הויז און אלץ נישט אויפגעהערט צו זינגען.

הערר מאראמבא האט געוואונדערט איבער זיין פלייסיגקייט און א פאאר מאל צו איהם געזאגט:

— ווען דו וועסט אזוי פיעל ארבייטען, וועט דיר אויף מאר־גען גארנישט בלייבען וואס צו טהאן.

אויף'ן צווייטען טאג, ארום ניין א זייגער אין דער פריה, האט דער בריעף־טרעגער דערלאנגט דעניס'ן פיער בריעף פאר זיין בעל הבית. איינער פון זיי איז געווען זעהר א שווערער. מיט די דאזיגע שריפטען האט זיך מאראמבא איינגעשלאסען ביי זיך אין צימער ביז צו מיטאג. דערנאך האט ער זיין דיענער איבערגע־געבען פיער בריעף, וועלכע יענער האט געזאלט אוועקטראגען

אויף דער פּאָסט; איינער איז געווען אַדרעסירט צו הערר׳ן מאַלאַם מיט דער בעמערקונג — פערלאַנגט אונבעדינגט אַ קוויטאַנציע.

דענים האָט גערעדט מיט זיין הערר. אַזוי ווי ער איז מיט אַ טאָג פריהער געווען לוסטיג און פרעהליך, אַזוי איז ער היינט געווען טרויעריג און פעראומערט.

די נאַכט איז צוגעפאַלען. הערר מאַראַמבאַ האָט זיך אין זיין געוועהנליכער צייט געלעגט אין בעט און איז איינגעשלאָפען.

אַ גאַנץ בעזונדערער גערויש האָט איהם פּלוצים אויפגעוועקט. ער האָט זיך גלייך אַ הויב געטהאָן און זיך צוגעהערט. אָבער פּלוצים האָט זיך די טהיר אַ עפען געטהאָן און דענים האָט זיך אויף׳ן שוועל בעוויזען מיט אַ ליכט אין איין האַנד און קיך־מעסער אין דער אַנדערער. ער איז געווען בלייך, ווי דער טויט, די אויגען גרויסע, גלעזערנע און די ליפּען האָט ער געהאַלטען פעסט צוזאַמענגעדריקט, ווי אין דער גרעסטער אויפרעגונג.

הערר מאַראַמבאַ׳ן האָט עס באמת פערדראָסען. ער האָט געמיינט ניט אַנדערש, נור אַז דענים איז געוואָרען אַ נאַכט־וואַנדלער, און ער איז אויפגעשפּרונגען אום זיך איהם צו וואַרפען אַנטקעגען. דאַ האָט יענער אויסגעלאָשען די ליכט און זיך אויף איהם אַ וואַרף געטהאָן. זיין הערר האָט אויסגעשטרעקט די הענד, אום זיך צו פערטהיידיגען און איז אומגעוואָרפען געוואָרען אויף׳ן רוקען. ער האָט געמיינט, אַז זיין דיענער איז משוגע געוואָרען און אין דער פינסטער האָט ער געזוכט צו כאַפּען זיין האַנד, אום אָבצוהאַלטען די שווערע קלעפּ. איין מאָל האָט איהם דער מעסער געטראָפען אין אַקסעל, אַ צווייטען מאָל אין שטערן, אַ דריטען מאָל אין ברוסט. הערר מאַראַמבאַ האָט זיך פערצווייפעלט געוועהרט, האָט געשלאָגען מיט הענד און פיס אַרום זיך און געשריען:

— דענים! דענים! ביזטו משוגע געוואָרען, דענים!

אָבער יענער האָט סאַפּענדיג זיך ווייטער געשלאָגען. און האָט איהם געטראָפען אַ שטויס מיט אַ פוס אָדער אַ האַנד, האָט ער זיינע אַנשטרענגונגען פערדאָפּעלט נאָך מיט מעהר רוגזה. הערר מאַראַמבאַ האָט געקראָגען נאָך צוויי וואונדען, איינע אין

פּוּס, די אַנדערע אין בויך. אַבער פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען א געדאַנק און ער האָט גענומען שרייען:

— דעניס, הער אויף! הער אויף! איך האָב מיין געלד נאָך גאַרנישט געקראָגען.

דעניס האָט זיך גלייך אָבגעשטעלט און דער אָפּטהעקער האָט אין דער פינסטער זיין שווערען, פּערסאָפּעטען אָטהעם געהערט.

דאַ האָט הערר מאַראַמבאַ געזאָגט שנעל:

— איך האָב גאַרנישט געקראָגען. הערר מאַלאָס האָט חרטה געהאַט. מיר וועלען זיך מוזען פּראָצעסירען. דערפאַר האָסטו דאָס די בריעף אוועקגעטראָגען אויף דער פּאָסט. לעג איבער די בריעף אויף מיין שרייב־טיש, ועסטו זעהן.

און מיט די לעצטע כוחות האָט ער א כאַפּ געטהאָן די שווע־בעלאַך פון זיין נאַכט־טישעל און אָנגעצונדען א ליכט. ער איז געווען אין גאַנצען מיט בלוט באַדעקט. די וואַנט איז געווען פער־שפּריצט, דאָס בעטגעוואַנד, די פּאַרהאַנגען — אַלעס אַרום רויט. דעניס, א פערבלוטיגטער פון קאָפּ ביז די פיס, איז געשטאַנען אין מיטען צימער.

ווען הערר מאַראַמבאַ האָט עס דערזעהן, האָט ער געמיינט, אַז ער, מאַראַמבאַ, שטאַרבט, און איז געפאַלען אין חלשות. ווען עס האָט גענומען טאָגען, איז ער געקומען צו זיך. ס'האָט גענו־מען א לאַנגע צייט ביז ער האָט זיך א קאַפּ אָטשוכעט, און דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. אַבער ביי דעם געדאַנק אַז דעם איבערפאַל און אַז זיינע וואונדען, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אזא מורא'דיגע אַנגסט, אַז ער האָט צוגעמאַכט די אויגען אום גאַרנישט צו זעהן. אין א פּאַר מינוטען אַרום איז זיין שרעק עטוואָס קלענער געוואָרען, ער האָט זיך אַביסעל בערו־היגט און גענומען נאָכדענקען. געשטאָרבען איז ער ניט, דאָס איז זיכער, צו וועט ער זיך אָבער קאָנען ערהאַלען? ער האָט זיך גע־פיהלט שוואַך, זעהר שוואַך, כאָטש קיין בעזונדערע שמערצען האָט ער ניט געליטען, נור אין עטליכע טהיילען פון זיין קערפּער האָט איהם עפּעס געשטאָכען. דאַן האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער פרירט, איז אין גאַנצען נאַס, און אַז ער ליגט אין גאַנצען

אין באנדראזשען. ער האט געטראכט אז די נאסקייט איז איהם אפנים געקומען פון דאס פערלארענע בלוט. און עס האט איהם געשווידערט פאר אנגסט ביי דעם שרעקליכען געדאנק אז דאס רויטע פליסיגקייט, וואס האט פון זיינע אדערען געשטראמט, און מיט וועלכער זיין גאנצע בעט איז איצט פארפלייצט. דער גע־דאנק דאס אלעס צו זעהן האט איהם אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט זיינע אויגען מיט געוואלד צוזאמענגעדריקט, ווי ער זאל מורא האבען, אז זיי זאלען זיך געגען זיין ווילען עפענען.

— וואו איז אהינגעקומען דענים? מסתמא איז ער אנטלאַ־פען.

הערר מאראמבא האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זאל ער אויפשטעהן? רופען אום הילף? ווען ער זאל מאכען די קלענסטע בעוועגונג, וועלען זיך דאך אלע זיינע וואונדען ווידער עפענען און ער וועט פאלען א טויטער פון בלוט פערלוסט.

פלוצים האט ער געהערט, ווי די טהיר פון זיין צימער עפענט זיך, זיין הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפען. דאס איז געווען דענים, וועלכער האט איהם אפנים געוואלט דערקאנטשען. ער האט איינגעהאלטען דעם אטהעם, אום דער מערדער זאל מיינען, אז אלעס איז שוין אויס און ער האט מעהר נישט וואס צו טהאן.

ער האט געפיהלט, ווי מען האט אויפגעהויבען זיין לייל[א]ך און איהם אויפגעזעצט. א שטעכעדיגער וועהטאג אין זייט האט איהם געמאכט, ער זאל זיך צונויפדרעהען. מען האט איהם פאר־זיכטיג געוואשען מיט קאלטע וואסער. דער מארד איז אלזא ענטדעקט געווארען און מען האט איהם איצט געהיילט. הייסט עס, מען האט איהם געראטעוועט. א גרויסע פרייד האט איהם אנגעכאפט, אבער אויס פארזיכטיגקייט האט ער ניט געוואלט ארויסווייזען, אז ער איז געקומען צו זיך און האט האלב אויפגעעפענט איין אויג, בלויז איינע און דאס מיט גרויסער פארזיכטיגקייט.

ער האט דערקענט דענים'ן, וועלכער איז געשטאנען נעבען איהם. יא, דאס איז געווען דענים אליין! אך גאט! שנעל האט ער דאס אויג ווידער צוגעמאכט.

דענים! וואס האט ער דא געטהאן? וואס האט ער געוואלט?

וואס נאך פאר א שרעקליכע אבזיכטען האט ער געהאט? וואס טהוט זיך דא? ער האט איהם איצט געוואשען, אפנים אום אלע שפורען צו פערבארגען. און אצינד וועט ער איהם בעגראבען אין גארטען, צעהן פוס אונטער דער ערד, אום מען זאל איהם נישט ענטדעקען. אדער אפשר גאר אין קעלער אונטער זיינע גוטע ווייגען!..

און הערר מאראמבא האט גענומען ציטערען מיט אלע אברים. ער האט געזאגט צו זיך אליין: „איצט בין איך א פער־פאלענער, א פערפאלענער!” און האט צוזאמענגעפרעסט פער־צווייפעלט די אויגען־לעדלאך, דעם לעצטען קלאפ ניט צו זעהן. אבער דער קלאפ איז ניט געקומען. דענים האט איהם אויפגע־הויבען, איהם פערבונדען, דאן האט ער זיך גענומען פארזיכטיג אויסוואשען די וואונד אויף'ן פוס, ווי ער האט עס אמאל אין אפטהעק געלערענט.

פאר א פאך־מענשען האט מעהר קיין צווייפעל ניט געקענט זיין: דער דיענער, וועלכער האט איהם פריהער געוואלט טויטען, האט איהם איצט פרובירט צו ראטעווען. דאן ערשט האט איהם הערר מאראמבא מיט א פערלאשענעם קול אן עצה געגעבען:

— דו מוזט די וואונדען גוט אויסוואשען מיט קארבאל!

דענים האט געענטפערט:

— דאס טהו איך, גנעדיגער הערר.

הערר מאראמבא האט געעפענטביידע אויגען. אין ערגעץ ניט, ניט אויף דער בעט, ניט אין צימער און ניט אויף דעם מערדער האט זיך געזעהן א שפור פון בלוט. דער פערוואונדעטער איז געלע־גען אויף גאנץ ריינע ליילאכער.

ביידע מענער האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן.

צום סוף האט הערר מאראמבא געזאגט וויך:

— דו ביזט בעגאנגען א גרויסען פערברעכען.

דענים האט געענטפערט:

— איך בין געקומען, עס ווידער גוט צו מאכען, גנעדיגער הערר. ווען איהר וועט מיך נישט איבערגעבען אין די הענד פון פאליציי, וועל איך ווייטער דיענען געטריי, ווי פריהער.

איצט איז נישט געווען קיין צייט, אום זיין דיענער אונצו־פריעדען צו מאכען און הערר מאראמבא האט געשטאמעלט, צו־מאכענדיג די אויגען:

— איך שווער, אז איך וועל דיך נישט ארויסגעבען!

2.

דענים האט גערעטעט זיין בעל הבית. טאג און נאכט האט ער איבער איהם געוואכט און אויף קיין איין אויגענבליק דעם קראנקענס צימער נישט פערלאזען. ער האט פאר איהם צורעכט געמאכט די רפואות, געפיהלט זיין פולס און מיט אנגסט דאס קלאפען געצעהלט, אלע ווייל'ע איהם א קוויקענדען טרונק דער־לאנגט, קורץ ער האט איהם געפפלעגט געשיקט, ווי א קראנקען־וועכטער און געטריי ווי א זוהן.

יעדען אויגענבליק האט ער געפרעגט:

— נו, גנעדיגער הערר, ווי פיעלט איהר זיך?

און מאראמבא האט געענטפערט מיט א שוואך קול:

— א דאנק, מיין זוהן, עטוואס בעסער.

ווען דער פערוואונדעטער פלעגט זיך אויפכאפען אין מיטען נאכט, האט ער אפט געזעהן, ווי זיין וועכטער אויף'ן שטוהל דארט וויינט און ווישט זיך שטיל די אויגען. קיין מאל אין לעבען איז דער אמאליגער אפטהעקער ניט געווען אזוי גוט געפפלעגט און אזוי געצערטעלט. אין אנהויב האט ער צו זיך אליין געזאגט:

— אזוי גיך, ווי איך בין געזונד, יאג איך דעם טויגעניכטס פון מיין הויז ארויס!

איצט איז איהם געווען פיעל בעסער, טראצדעם האט ער די צושיידונג מיט זיין מערדער אבגעלייגט פון טאג צו טאג. ער האט גוט געוואוסט, אז קיין מענש וועט ניט זיין אזוי אויפמערק־זאם און אזוי גוט צו איהם, און, אז דעם יונג האלט ער פעסט אין זיינע הענד, ווייל יענער האט מורא פאר דער פאליציי. און ער האט איהם געסטראשעט, אז ער האט געלאזען ביים נאטאריוס א צואה וואו ער גיט דעם דיענער איבער צום געזעץ אין פאל, אז עס זאל פארקומען א נייער אנפאל. ער האט געוואוסט, אז די דאזיגע פארזיכטיגקייט וועט איהם בעשיצען פון יעדען נייעם אנגריף.

און ער האט זיך גענומען מישב זיין, צו איז נישט אפשר בעסער דעם מענשען אין גאנצען ביי זיך צוהאלטען און איהם שארף צו בעוואכען. און ווי ער האט פריהער געטראכט און גע'ישוב'ט זיך וועגען א גרעסערע אפטהעק איבערצונעהמען, אזוי האט ער זיך איצט אויך נישט געקענט ענטשליסען, ווי אזוי צו האנדלען.

— איך האב נאך צייט! — האט ער צו זיך געזאגט.

דענים איז פערבליבען אן אויסגעצייכענטער דיענער. הערר מאראמבא איז אויסגעהיילט געווארען. דענים איז ביי איהם געבליעבען.

איין מאל אין דער פריה, ווען דער אפטהעקער איז געזעסען ביים פריהשטיק, האט ער דערהערט א גרויסען געפילדער אין קיך. ער איז אריינגעלאפען אהין. דענים האט זיך געוועהרט געגען צוויי פאליציסטען, וועלכע האבען איהם געוואלט ארעסטירען. דער וואכמייסטער האט מיט אן ערנסטער מינע געמאכט נאטיצען.

ווען דער דיענער האט דערזעהן זיין בעל הבית, האט ער אויסגערופען שלוכצענדיג:

— איהר האט מיך ארויסגעגעבען, גנעדיגער הערר. דאס איז ניט שעהן פון אייך נאכדעם ווי איהר האט מיר געגעבען א פערשפרעכען. איהר האט געבראכען אייער ווארט, הערר מאראמבא. דאס איז זעהר שלעכט פון אייך! זעהר שלעכט!

א דעשראקענער און א פערצווייפעלטער, אז מען זאל אויף איהם האבען אזא פערדאכט, האט מאראמבא אויפגעהויבען די הענד און געזאגט:

— מיין זוהן, איך שווער דיר ביי גאט, אז איך האב דיך נישט ארויסגעגעבען. איך ווייס אבסאלוט ניט פון וואנען די הערן פאליציסטען האבען געקענט דערגעהן, אז דו ביזט מיר בעפאלען און געוואלט מארדען.

דער וואכמייסטער האט זיך א כאפ געטהאן:

— איהר זאגט, אז ער האט אייך געוואלט ערמארדען הערר מאראמבא?

דער אפטהעקער האט געענטפערט צומישט:

— נו, יאַ... אַבער איך האָב איהם נישט אַרויסגעגעבען... איך האָב קיין איין וואָרט נישט געזאָגט... איך קען אויף דעם שווערען... ער איז מיר פון דאַן אַן געוועזען אַ טרייער דיענער...

דער וואַכמייסטער האָט געזאָגט שטרענג:

— פון דעם, וואָס איהר האָט מיר איצט געזאָגט, מאַך איך אַ פּראָטאָקאָל. דאָס געזעץ וועט ענטשיידען וואָס צו טהאָן מיט דער נייער אַנקלאַגע, פון וועלכער מיר האָבען ביז אהער גאָרנישט געוואוסט. איך האָב אַ בעפעהל אייער דיענער צו פערהאַפטען, ווײַלע ער האָט ביי דעם הערר דוהאַמעל צוויי ענטלאַך גע'גנב'עט. די גנבה איז פון עדות בעוויזען געוואָרען. ענטשולדיגט, הערר מאַראַמבאַ, אַבער אייער ערקלעהרונג וועל איך מוזען מעלדען.

דאַן האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיינע לייט און געגעבען אַ בעפעהל:

— פיהרט איהם אוועק.

ביידע פּאָליציסטען האָבען אַ נעהם געטהאָן דעניס'ען און איהם אוועקגעפיהרט.

3.

דער אַדוואָקאַט האָט פערטהיידיגט זיין קליענט, אַנוויזענדיג, אַז ער איז גייסטיג קראַנק. ער האָט קלאָהר בעוויזען, אַז די גנבה פון די ביידע ענטלאַך שטאַמט פון דעם זעלבען גייסטיגען צושטאַנד, ווי די אַכט שטעך מיט'ן מעסער אויף דעם הערר מאַראַמבאַ. ער האָט גאַנץ אויספיהרליך צוגליעדערט די ענטוויקלונג פון דער דאָזיגער מאָמענטאַנער משוגעת, וועלכע וואָלט בלא ספק אויסגעהיילט געוואָרען אין אַ גוטער אַנשטאַלט ביי ריכטיגע בעהאַנדלונגען אין אַ גאַנץ קורצער צייט. אין בעגייסטערטע ווערטער האָט ער גערעדט וועגען דער געטריישאַפט פון דעם עהרליכען דיענער, ווי אַזוי ער האָט געהיט און געפּפלעגט זיין בעל הבית, וועלכען ער האָט אין אַ פינסטערער מינוט פערוואונדעט.

הערר מאַראַמבאַ איז פון דער דאָזיגער ערזיינערונג געוועזען טיעף גערירט, און ער האָט געפיהלט ווי די אויגען ווערען איהם מיט טרעהרען פערלאָפען. דער פערטהיידיגער האָט עס בעמערקט, האָט פאַרנאַנדערגעפענט ברייט די אָרעמס, אַזוי דאָס זיינע לאַנ-

גע ארבעל זיינען ווי א פאאר פלעדערמייז־פליעגעל ארונטערגע־האנגען, און האט אויסגערופען מיט א בעוועגטער שטימע:

— מיינע הערן ריכטער, זעהט נור, זעהט נור די טרעהרען! וואס מעהר קאן איך זאגען צו גונסטען פון דעם אנגעקלאגטען? וואס פאר א רייד, וואס פאר א גרינדע, וואס'ערע ארימע ווערטער קאנען זיך פערגלייכען מיט די דאזיגע טרעהען פון זיין בעל הבית! זיי רעדען שטארקער פון מיר, שטארקער פון דאס געזעץ. אזוי ווי זיי וואלטען זאגען: „פערצייהט די טהאט פון א גייסטיג קראנקען!” זיי בעטען, זיי ברענגען די פערגעבונג, זיי בענשען דעם אונגליקליכען!

ער איז אנשוויגען געווארען און זיך געזעצט.

דאן האט זיך דער פארזיצענדער געווענדעט צו מאראמבא'ן. וועמעס עדות זאגען איז געווען זעהר גינסטיג פאר זיין דיענער.

— איין זאך פערשטעה איך נאך אלץ ניט — האט ער געזאגט — אויב איהר האט דעם מאן בעטראכט פאר א ניט נארמאלען, פאר א גייסטיג קראנקען, טא ווי איז עס מעגליך, וואס איהר האט איהם טראצדעם נאך ביי זיך געהאלטען? ער איז דאך געווען גע־פעהרליך אי פאר אייך, אי פאר אנדערע!

מאראמבא האט געענטפערט, ווישענדיג זיינע טרעהרען:

— אך, הערר פרעזידענט, ווייסט איהר, עס איז אזוי שווער, היינטיגע צייטען, צוקריעגען גוטע דיענער!... א בעסערען פאר איהם וואלט איך דאך סיי ווי סיי ניט געפונען.

דענים'ן האט מען פריינעשפראכען און אויף די קאסטען פון זיין בעל הבית איהם אין משוגעים־הויז געבראכט.

דאס ציערונג.

די איז געוועזן איינע פון יענע בילד - שעהנע, רייצענדע מיידלאך, וועלכע זיינען ווי דורך א טעות אין אן ארימער פאמיליע פון א קליינעם בעאמטען געבארען געווארען. זי האט ניט געהאט קיין נדן, קיין האפנונג, קיין מיטלען, אום אין דער רייכער געזעלשאפט בעקאנט צו ווערען, וואו א רייכער פארנעהמער מאן וואלט זיך אין איהר פערליעבט און זי געהייראט.

און דערפאר האט זי איינגעוויליגט צו הייראטען א קליינעם בעאמטען פון דעם בילדונגס־מיניסטעריום. זי איז געוועזן איינפאך, ווייל זי האט זיך ניט געקענט קליידען עלעגאנט און האט זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך, ווי איינע וואס איז ניט אויף איהר ריכטיגען פלאץ.

ווארים די פרוען געהערען ניט צו קיין געוויסען קלאס אדער ראסע; זייער שעהנהייט, זייער גראציע, זייער רייץ זיינען זייער געבורט־שיין, זייער פאמיליע. זייער נאטירליכע פיינקייט, זייער קענען זיך צופאסען צו אלע אומשטענדען גיט זיי דאס איינציגע רעכט צו הערשען און גלייכט אוים די פשוט'ע טאכטער פונ'ם פאלק מיט דער גרעסטער וועלט־דאמע.

זי האט געליטען אהן א ברעג, ווייל זי האט געפיהלט, אז זי איז געבארען פאר א לעבען אין לוקסוס, אין רייכטהום, אין גלאנץ. זי האט געליטען פון איהר ארימער וואהנונג, פון דעם עלענד אין איהרע פיער ווענד, פון די אבגעניצטע מעבעל, פון די העסליכע שטאפען, מיט וועלכע זיי זיינען בעצויגען געוועזן.

און די דאזיגע אלע זאכען, וועלכע אן אנדער פרוי פון איהר

קלאַס וואָלט גאָרניט בעמערקט, האָבען זי געפּייניגט און ארויס־געבראַכט פון זיך. דער אָנבליק פון איהר קליינער ברעטאַנישער דיענסט־מיידעל, האָט אין איהר ערוועקט פערצווייפעלטען בעדויערען און טרויעריגע חלומות. זי האָט געטרוימט וועגען פּאַרצימערן מיט אָריענטאַלישע טעפּיכער בעהאַנגען, וואו הויכע בראָנזענע לייכטער האָבען געברענט און וואו דיענער אין ליווּרעען האָבען געסט צוגענומען.

זי האָט געטרוימט וועגען סאַלאָנען מיט זיידענע טאַפּעטען מיט גרויסאַרטיגע מעבעל, מיט טהייערע פיגורלאַך און שעהנע קלייניגקייטען; וועגען קליינע, רייצענדע, שמעקענדיגע שיינענדיגע בודואַרען, געמאַכט ספּעציעל פאַר קליינע אונטערהאַלטונגען נאָכמיטאָג מיט די אינטימסטע פריינד, בעקאַנטע און בעדייטענדע מענער, וועמענס אויפמערקזאַמקייט אַלע פרויען ווינשען און זיינען מקנא.

ווען זי האָט זיך געזעצט עסען ביים רונדען טיש, אַנטקעגען איהר מאַן, וועלכער האָט אופגעהויבען דעם דעקעל פון דעם שיסעל און געזאָגט מיט צופריעדענער מינע:

— אָה, זופּ, דאָס איז דאָך דאָס בעסטע עסען.

דאַן האָט זי געטראַכט פון גרויסאַרטיגע דינערס אויף גלענצענדע זילבערנע געשיר אין אַ פּאַלאַץ, וואו די וועגד זיינען פערצויגען מיט גאָבעלינס, אויף וועלכע זעלטענע פויגלאַך טאַנצען ארום אין מיטען פון אַ פעען־וואַלד. זי האָט געטראַכט וועגען אויסערגעוועהנליכע, זעלטענע שפּייזען, געטראַכט וועגען די העפליכקייטען און קאָמפּלימענטען, וועלכע ווערען שטיל געפּליסטערט און וועלכע ווערען מיט אונשולדיג ביטרען שמייכעל אויסגעהערט, וועהרענד מען פערזוכט דאָס דאָזיגע פלייש פון אַ פאָרעללע אדער עפּעס אַן אַנדער געשמאַקען פויגעל.

זי האָט ניט געהאַט קיין שעהנע קליידער, קיין ציערונג, קיין זאַך נישט און דאָך האָט זי דאָס אַלעס אַזוי ליעב געהאַט, האָט זיך געפיהלט דערפאַר געשאַפען. זי האָט אַזוי געוואָלט געפעלען, אַזוי געוואָלט מען זאָל פון איהר רעדען, מען זאָל זי בעזוכען און זי געפינען שעהן, רייצענד, פערפיהעריש.

זי האָט געהאַט אַ רייכע פריינדין, מיט וועלכער זי איז צוזאַ־מען ערצויגען געוואָרען אין קלויסטער, אָבער זי האָט איהר ניט גערן בעזוכט, ווייל יעדעס מאָל, ווען זי איז פון דאָרט צוריק אַהיים געקומען, האָט זי טעג נאָכאַנאַנד געוויינט פאַר קומער, פערצווייפ־לונג און עלענד.

* * *

און איינמאָל אָן אָבענד איז איהר מאַן געקומען מיט דער מינע פון אַ זיעגער, האַלטענדיג אַ גרויסען בריעף אין האַנד.

— דאָ איז עפּעס פאַר דיר! — האָט ער געזאָגט.

זי האָט שנעל אויפגעריסען דעם קאָנווערט און דאָרט געפונען אַ געדרוקטע איינלאַדונג מיט דעם פאָלגענדען אינהאַלט:

„זיין עקסעלענץ, דער בילדונגס־מיניסטער און זיין פרוי, נעהמען זיך די עהרע, הערר און פרוי לאָיזעל צו אַ דינער מאָנטאָג דעם 18 יאַנואַר העפליכסט איינצולאַדען."

אַנשטאָט גליקליך צו זיין, ווי איהר מאַן האָט עס געהאָפט, האָט זי מיט אַ פערקרימטער נאָז אַ וואָרף געטהאָן די איינלאַדונג אויפ'ן טיש און געזאָגט:

— וואָס נוצט עס מיר?

— אָבער, מיין ליעבע, — איך האָב געדענקט אַז דו וועסט זיין גליקליך. דו האָסט קיינמאָל ניט געקענט ארויסגעהן און איצט האָסטו אַזאַ גוטע געלעגענהייט. עס איז מיר געווען שווער אָנגע־קומען די דאָזיגע איינלאַדונג צו קריגען, די גאַנצע וועלט יאָגט זיך נאָך דעם און ניט אַלע בעקומען דאָס גליק עס צו קריגען. אַלע אָפיציעלע פערזענליכקייטען וועלען דאָרט זיין.

זי האָט איהם אָנגעקוקט אָן אויפגערעגטע און געזאָגט אומגע־דולדיג:

— וואָס זאָל איך אָבער אָנטהאָן?

וועגען דעם האָט ער גאָרניט געטראַכט און ער האָט ארויס־געשטאַמעלט:

— מיין גאָט, דאָס קלייד, אין וועלכען דו געהסט אין טהעאַ־טער איז, דאַכט מיר, גאַנץ שעהן!

ער איז אָנשוויגען געוואָרען צומישט און פערצווייפעלט, ווען ער האָט דערזעהן, אַז זיין פרוי וויינט.

צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך לאַנגזאַם פון איהרע אויגען אַראָבגעקייקעלט, און ער האָט גענומען שטאַמלען:

— וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט דיר?

זי האָט מיט גוואַלד בעקעמפפט איהר פערצווייפלונג און, אָבווישענדיג איהרע נאַסע באַקען, האָט זי געזאָגט מיט אַ רוהיג קול:

— גאָרנישט! אָבער איך האָב ניט קיין קלייד און איך קען אויפ'ן באַלל ניט געהן. גיעב די איינלאַדונג אַוועק וועלכען עס איז קאָלעגע, וועמענס פרוי האָט מעהר וואָס אָנצוטהאָן ווי איך.

דאָס האָט איהם פערדראָסען און ער האָט געענטפערט:

— אָבער זיי דאָך אַ מענש, מאַטילדע. וויפיעל דאַרף דען קאָסטען אַ רעכטע קלייד, אַזאַ וואָס דו זאָלסט דערנאָך אויך קענען אָנטהאָן. זי דאַרף נור זיין גאַנץ איינפאַך געמאַכט!

זי האָט נאָכגעטראַכט אַ פּאָאָר מינוט, גערעכענט און זיך איבערלייגט וואָס פאַר אַ סומע זי זאָל פערלאַנגען, אום אום אַז דער שפּאָרזאַמער בעאַמטער זאָל גלייך ניט זאָגען ניין און זאָל ניט ווערען אויסער זיך.

צום סוף האָט זי געענטפערט עטוואָס זונזיכער:

— איך ווייס ניט גענוי, אָבער איך דענק, אַז מיט פיער הונדערט פראַנק וואָלט איך שוין געקאָנט עפּעס טהאָן.

ער איז בלייך געוואָרען, ווייל גראַד אַזאַ סומע האָט ער געוואָלט אָבלייגען אָן אַ זייט און זיך דערפאַר קויפען געוועהר. ער האָט געהאָפט צו געהן אין נאַנטער אויף געיעג דעם קומענדיגען זומער, וואו ער מיט אַ פּאָאָר פריינד האָבען געקאָנט יעדען זונטאָג גוט פערברייגען. פון דעסטוועגען האָט ער געזאָגט:

— גוט, דו וועסט קריגען פיער הונדערט פראַנק און איצט גיעב אַכטונג, אַז דו זאָלסט האָבען אַ שעהנע קלייד.

* * *

דער טאָג פון דעם באַלל האָט זיך אַלץ נעהנטער גערוקט,

אָבער פרוי לאָיזעל האָט אויסגעזעהן טרויעריג, אונרוהיג, פול אנגסט, הגם איהר טואַלעט איז שוין געווען פערטיג. און אין אַ געוויסען טאָג האָט זיך איהר מאַן צו איהר אָנגערופען:

— וואָס איז מיט דיר? זייט אַ געוויסע צייט זעהסטו אוים זעהר זאָנדערבאַר!

זי האָט געענטפערט:

— אַך, מיר איז אַזוי אונאַנגענעהם, וואָס איך האָב ניט קיין שטיקעל ציערונג, קיין שטיינדעל, גאָרנישט וואָס אָנצוטהאָן. אַ שעהן פנים וועל איך דאָרט האָבען, אַ סך גלייכער וואָלט זיין, איך זאָל גאָרנישט געהן.

ער האָט געענטפערט:

—נעהם נאַטירליכע בלומען, דאָס איז איצט זעהר אין דער מאָדע. און פאַר צעהן פראַנק קריגסטו צוויי אָדער דריי פּראַכט-פּאָלע ראָזען.

זי אָבער האָט זיך ניט געלאָזט איינרייידען:

— ניין, עס קען גאָר ניט זיין קיין גרעסערע ערניעדעריגונג, ווי זיך צו ווייזען צווישען די אַלע רייכע פרויען אַזוי אָרעם אָנגע-טהאָן!

איהר מאַן האָט איהר אַן עצה געגעבען:

— ווייסטו וואָס, געה אַריבער צו דיין פריינדין און בעט איהר, זי זאָל דיר לייהען עפּעס אַ שטיקעל ציערונג. דו ביזט דאָך מיט איהר אַזוי בעפריינדעט, זי קען דיך אַזוי לאַנג און זי וועט עס דיר זיכער טהאָן.

זי האָט אויז אַ געשריי געטהאָן פאַר פרייד. דאָס איז געווען אַ גליקליכער געדאַנק, וועגען דעם האָט זי גאָרנישט געטראַכט.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז זי אַוועק צו דער פריינדין און איהר דערצעהלט, וואָס איהר פעהלט. פרוי פאָרעסטיער איז צוגעגאַנגען צו דער גלעזערנער שאַפע, האָט פון דאָרטען אַרויסגענומען אַ גרויסען קאַסטען, האָט איהם געעפענט און געזאָגט צו פרוי לאָיזעל:

— נאַ, קלייב דיר דאָ עפּעס אויס.

פרוי לאָיזעל האָט צוערשט דערזעהן בראַסלעטען, דאַן אַ האַלז-באַנד פון פּערל, דאַן אַ ווענעציאַנישען קרייץ פון גאָלד, וואונדער-

באַר געמאַכט און אַלע די דאָזיגע שטיקלאַך ציערונג האָט זי אָנגע־מאָסטען פאַר׳ן שפּיגעל. זי האָט זיך מישב געווען, זי האָט ניט געקענט ביי זיך פּועל׳ן ארויסצולאָזען די דאָזיגע שעהנע זאכען פון איהרע הענד און זי האָט אַלץ געפרעגט:

— האָסטו נאָך עפּעס אַנדערעס?

— געוויס, אָבער קלייב זיך דיר עפּעס אויס פון דעם. איך וויים דאָך נישט וואָס דיר געפעהלט.

פּלוצים האָט זי אין אַ קעסטעלע פון שווארצען סאַטין ענט־דעקט אַ וואונדערבאַרע, דימענטענעם האַלז־באַנד און איהר האַרץ האָט גענומען קלאַפּען פאַר בענקעניש נאָך דעם. איהרע הענד האָ־בען געציטערט, ווען זי האָט דאָס ציערונג אָנגעריהרט. זי האָט עס צוגעטראָגען צום האַלז אויף דעם צוגעמאַכטען קלייד און איז געווען אויסער זיך פאַר התפּעלות.

דאַן האָט זי געפרעגט אונזיכער, פול אַנגסט:

— ווילסטו מיר דאָס לייהען? נור דאָס אַליין?

— געוויס, מיט פערגעניגען!

זי האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן דער פריינדין אויפ׳ן האַלז, זי הערצליך געקושט און דאַן אַנטלאָפען מיט איהר אוצר.

* * *

דער טאָג פון דעם באַל איז געקומען, פרוי לאָיזעל האָט גע־האָט אַ גרויסען ערפאָלג. זי איז געווען שעהנער פון אַלעמען, עלע־גאַנט, גראַציעז, האָט גליקליך געשמייכעלט און איז געווען משוגע פאַר פרייד.

אַלע הערען האָבען פון איהר זייערע אויגען ניט אָראָבגע־נומען, האָבען געפרעגט ווער זי איז און זיך פאַר איהר פאָרגע־שטעלט. אַלע יונגע בעאַמטע האָבען געוואָלט מיט איהר טאַנצען, אפילו דער מיניסטער איז געווען אויפמערקזאַם צו איהר. זי האָט געטאַנצט אַ פאַר׳שכור׳טע פון פרייד און גליק, האָט פון קיין זאַך ניט געטראַכט אין דעם טריאומף פון איהר שעהנהייט, אין דעם גליק פון איהר ערפאָלג. ווי אין אַ וואָלקען האָט זי זיך געטראָגען אין מיטען צווישען אַלע איהרע בעוואונדערער, פערשאָטען מיט קאָמפּלימענטען און שמייכלערייען, אַרומגערינגעלט פון געהיימע

וואונשען און פערלאַנגען, פאַלשטענדיג זיכער אין איהר ערפאָלג, וועלכער איז אַזוי טהייער די פרויען־הערצער.

א זייגער פיער אין דער פריה איז זי אַוועקגעגאַנגען. איהר מאַן האָט שוין זייט האַלבע נאַכט געשלאָפען אין אַ קליינעם פערלאַזענעם זאַאַל מיט דריי אַנדערע מענער, וועמענס פרויען האָבען זיך אויך גוט אונטערהאַלטען.

ער האָט איהר אַרויפגעוואָרפען דעם מאַנטעל אויף די שולטערן, אַן איינפאַכען אַלטעגליכען מאַנטעל, וועלכער האָט געשטאָכען אין דיא אויגען מיט זיין אָרעמקייט אין פערגלייך צו איהר עלעגאַנטען באַל־קלייד. זי האָט עס געפיהלט און האָט געוואָלט אַנטלויפען, אום די אַנדערע פרויען, וועלכע האָבען זיך אין טהייערע פעלצען איינגעוויקעלט, זאָלען זי ניט זעהן.

לאָיזעל האָט זי אָבגעהאַלטען:

— וואַרט אויס, וועסט זיך פערקיהלען אין דרויסען. איך וועל רופען אַן עקיפּאַזש.

אָבער זי האָט ניט געהערט וואָס ער רעדט צו איהר, און איז שנעל אַרונטערגעלאָפען פון די טרעפּ. ווען זיי זיינען אַראָב אין גאַס, האָבען זיי קיין עקיפּאַזש ניט געפונען. זיי האָבען געזוכט און גערופען די קוטשערס, וועלכע זיינען פון דערווייטענס פערבייגעפאָרען.

פריהרענדיג און פערצווייפעלט זיינען זיי אַוועק צו דער סעין און דאָרט האָבען זיי ענדליך געפונען איינע פון יענע אַלטע עקיפּאַזשען, וועלכע מען זעהט אין פּאַריז נור ביינאַכט, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך בייטאָג געשעהמט מיט זייער אָרעמקייט.

דער דאָזיגער וואָגען האָט זיי געבראַכט ביז צו זייער טהיר, און טרויעריגע זיינען זיי אויף די טרעפּ צו זייער וואָהנונג אַרויף: פאַר איהר איז שוין איצט אַלעס אויס געוועזען, און ער האָט זיך געערגערט, ווייל ער האָט מאָרגען צעהן אַ זייגער שוין געמוזט זיין אין מיניסטעריום.

זי האָט אַרונטערגענומען פון זיך דעם מאַנטעל, שטעהענדיג פאַרן שפּיעגעל, אום זיך נאָך אַ מאָל אין איהר גאַנצער שעהנהייט

צו זעהן, אָבער פּלוצים האָט זי ארויסגעלאָזען א מורא׳דיגען געשריי: דער האַלז־באַנד איז פון איהר האַלז פערשוואונדען!

איהר מאַן, וועלכער איז שוין געווען האַלב אויסגעטהאָן, האָט געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

זי האָט זיך צו איהם אַ קעהר געטהאָן אַ צושראָקענע:

— איך האָב... איך האָב דער פרוי פאָרעסטיער׳ס האַלז־באַנד פערלאָרען!

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן אויסער זיך פאַר שרעק:

— וואָס רעדסטו? ווי אַזוי? דאָס איז ניט מעגליך!

און זיי האָבען גענומען זוכען אין די פאַלדען פון׳ם קלייד, אין די פאַלדען פון׳ם מאַנטעל, איבעראַל, און האָבען גאָרנישט געפונען.

ער האָט געפרעגט:

— ביזטו זיכער, אַז דו האָסט איהם נאָך געהאַט, ווען מיר האָבען פערלאָזען דעם באַל?

— יאָ, איך האָב איהם אין פאָרצימער פון מיניסטעריום נאָך אָנגעטאַפּט מיט מיינע הענד.

— אָבער ווען דו וואָלסט איהם פערלאָרען אויף דער גאַס, וואָלטען מיר דאָך געמוזט הערען, ווי עס איז אַרונטערגעפאַלען, מיר וואָלטען דאָך געהערט אַ קלאַפּ. דאָס האָט געמוזט פּאַסירען אין דעם עקיפּאַזש.

— עס קאָן זעהר זיין. ווייסטו דעם נומער?

— האָסטו עס נישט בעמערקט?

— ניין!

דערשראָקענע אויף טויט האָבען זיי זיך אָנגעקוקט, צום סוף האָט הערר לאָיזעל זיך ווידער אָנגעטהאָן:

— איך וועל דורכגעהן דעם גאַנצען וועג, וואָס מיר זיינען געגאַנגען צופוס, טאָמער וועל איך עס דאָרט געפינען.

און ער איז אַוועק.

זי איז געבליבען זיצען אין איהר באַל־קלייד, זי האָט ניט געהאַט די קראַפט זיך צו לייגען אין בעט. זי איז געבליבען זיצען איינ־

געהויקערט אויף אַ שטוהל צומישט און פערצווייפעלט, ניט וויסענ־דיג וואָס ארום איהר טהוט זיך.

אזייגער זיעבען איז איהר מאַן צוריק אהיים געקומען. ער האָט גאָרנישט געפונען. ער איז געגאַנגען צו דער פּאָליציי, צו די צייטונגען, וואו ער האָט אָנאָנסירט און צוגעזאָגט אַ בעלוינונג; איז געווען ביי דער עקיפּאַזש געזעלשאַפט, קוריע, איבעראַל וואו עס האָט איהם געטריבען אַ שטראַהל פון האָפנונג.

זי האָט געוואַרט אַ גאַנצען טאָג אין דעם אייגענעם צוטר־מעלטען צושטאַנד, אַ דערשלאָגענע פון'ם גרויסען אונגליק. לאָי־זעל איז אין אָבענד צוריקגעקומען מיט איינגעפאַלענע באַקען, בלייך ווי דער טויט. ער האָט גאָרנישט געפונען.

ער האָט געזאָגט:

— דו מוזט דיין פריינדין שרייבען, אז דו האָסט צובראָכען דעם שלאָס און דו מוזט עס געבען פעררינכטען, אום מיר זאָלען געווינען צייט און זעהן אפשר וועלען מיר עס נאָך געפינען.

און ער האָט איהר דיקטירט דעם בריעף.

* * *

אין אַ וואָך ארום האָבען זיי שוין מעהר ניט געהאַט קיין שום האָפנונג, און לאָיזער, וועלכער איז אין די פּאָאר טעג אויף פינף יאָהר עלטער געוואָרען, האָט ערקלעהרט:

— מיר מוזען אָבקויפען אַן אנדער האַלז־באַנד.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען זיי גענומען דאָס קעסטעלע, וואו די ציערונג איז געלעגען, און זיינען אַוועק צו אַ יובעליער, וועמענס נאָמען איז דאָרט פערצייכענט געווען. ער האָט נאָכגעזעהן אין זיינע ביכער.

— גנעדיגע פרוי, איך האָב דאָס דאָזיגע שטיק ציערונג ניט פערקויפט, ביי מיר האָט מען הפּנים נור דאָס קעסטעלע געקויפט.

און זיי האָבען גענומען לויפען פון איין יובעליר צום צווייטען, האָבען אומעטום געזוכט אַן עהנליכען האַלז־באַנד, האָבען אָנגע־שטרענגט זייער געדעכעניש, ביידע קראַנקע פאַר צרות און פער־צווייפלונג.

אין א קליינעם געשעפט אין פּאַלאַץ ראָיאַל האָבען זיי געפונען א ברילׄיאַנטענעם שנירעל, וועלכער האָט זיך זיי אויסגעוויזען פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס זיי האָבען געזוכט. ער האָט געקאָסט פערציג טויזענד פראַנק, אָבער מען האָט זיי געוואָלט אָוועקגעבען פאַר זעקס און דרייסיג טויזענד.

זיי האָבען געבעטען דעם יובעליר, זיי צולאָזען דריי טעג ציים, און האָבען געשטעלט די בעדינגונג, אַז אין פאַל דער ערשטער שני־רעל זאָל זיך געפינען ביז ענדע פעברואר, זאָל דער יובעליר צונעה־מען זיינעם פאַר פיער און דרייסיג טויזענד פראַנק.

לאָיזעל האָט פערמאָגט אַכטצעהן טויזענד פראַנק, וואָס ער האָט געקראָגען ירושה פון זיין פאָטער, דאָס איבעריגע האָט ער געוואָלט לייהען. און ער האָט צוזאַמענגעליהען פון איינעם טוי־זענד, פון אַן אַנדערן פינף הונדערט פראַנק, דאָ פינף און צוואַנציג פראַנק שטיק און דאָרט דריי, האָט געשריבען וועקסלען, געמאַכט פערצווייפעלטע יעשעפטען, זיך פערבונדען מיט וואָכערניקעס און הויטשינדער פון יעדען סאָרט, האָט רואינירט זיין גאַנצע עקזיס־טענץ, אונטערגעשריבען וועקסלען און פאַפּירען, ניט וויסענדיג, אויב ער וועט ווען עס איז קענען בעצאָהלען. און דאָס אַלעס האָט ער גע־טהאָן מיט דעם געדאַנק אָן דער אָרעמקייט און עלענד, וואָס ערוואַר־טען זיי אין דער צוקונפט, מיט דער אויסזיכט אויף צרות און דחקות און געטריבען פון שרעקליכע מאַראַלישע ליידען, האָט ער ענדליך אָבגענומען דאָס נייע שטיק ציערונג און אַרויסגעלעגט זעקס און דרייסיג טויזענד פראַנק אויפ׳ן טיש פון דעם יובעליר.

ווען פרוי לאָיזעל האָט איהר פריינדין אָבגעבראַכט דאָס ציע־רונג, האָט יענע געזאָגט עטוואָס ברוגז׳לאַך:

— דו האָסט עס געמעגט פריהער אָבברייננגען, איך האָב עס דאָך געקאָנט דאַרפען האָבען!

זי האָט ניט געעפענט דאָס קעסטעלע, וואָס פאַר דעם האָט איהר פריינדין אַזוי מורא געהאַט. וואָס וואָלט זי געזאָגט, ווען זי וואָלט דערקאָנט דעם בייט? וואָלט זי זי דאַן ניט געהאַלטען פאַר א גנב׳טע?

* * *

פרוי לאָיזעל איז בעקאַנט געוואָרען מיט'ן ריכטיגען לעבען פון די אָרימע און געדריקטע. זי האָט עס אָבער אויף זיך גענומען ווי א העלדין. די וועקסלען, די מורא'דיגע וועקסלען האָבען געמוזט בעצאָהלט ווערען, און זיי וועלען זיי בעצאָהלען.

זי האָט אַוועקגעשיקט דאָס דיענסט-מיידעל, האָט גענומען אַן אַנדער וואָהנונג, אַ בוידים-שטיבעל אונטער'ן דאַך. איצט האָט זי זיך אַליין גענומען צו די גראָבע הויז-אַרבייטען, און זיך אַליין גע־שטעלט אין דער שמוציגער קיך.

זי האָט אַליין געוואַשען און האָט זיך איהרע ראָזיגע נעגעל אָן די פעטע טעפּ און שיסלען פערדאָרבען. זי האָט געוואַשען די שמוציגע וועש, די העמדער, די האַנדטיכער און זיי אויף אַ שטריק אויפגעהאַנגען טריקענען.

אין דער פריה האָט זי דעם מיסט אין גאַס ארויסגעטראָגען, אַרויפגענומען וואַסער און איז אויף יעדען טרעפּעל שטעהן געבלי־בען, אום דעם אָטהעם אָבצוזיהען. געקליידעט ווי אַן אָרימע פרוי, מיט אַ קערבעל אויפ'ן אָרעם איז זי אַליין אויפ'ן מאַרק געגאַנגען אין שפּייז קראָם, צום קצב, האָט געהאַנדעלט, זיך געדונגען, זיך געלאָזט די אויגען אויפרייסען פאַר יעדען פּפעניג...

יעדען מאָנאַט האָבען זיי געמוזט צאָהלען וועקסלען און אַנ־דערע אונטערשרייבען, אום נור צייט צו געווינען.

דער מאַן האָט אין אָבענד געפיהרט די ביכער פון א געוויסען סוחר און זעהר אָפט פלעגט ער אָבזיצען גאַנצע נעכט איבערשריי־בענדיג געוויסע פּאַפּיערען פאַר 5 סו א בלעטעל.

און דאָס דאָזיגע לעבען האָט געדויערט צעהן יאָהר לאַנג.

נאָך צעהן יאָהר האָבען זיי אויסגעצאָהלט אַלעס מיט די ציגזען און צינז-צינזען.

איצט האָט שוין מאַטילדע לאָיזעל אויסגעזעהן ווי אַן אַלטע פרוי, זי איז געוואָרען פערגרעבט און פערהאַרטעוועט, ווי א גע־וועהנליכע אָרימע פרוי. זי האָט איצט ניט געקוקט מעהר אויף איהרע האָאָר, די קליידער זיינען אויף איהר געהאַנגען אין אונ־אָרדנונג, איהרע הענד זיינען געווען רויט, זי האָט גערעדט הויך און געשייערט די פּאָדלאָגעס.

אָבער מאַנכעס מאָל, ווען איהר מאַן איז אין ביורא געווען, האָט זי זיך צום פענסטער געזעצט און וועגען יענעם אָבענד גע־טראַכט, וועגען יענעם אָבענד אויף דעם באַל, אויף וועלכען זי איז אַזוי שעהן געווען און איז אַלעמען אַזוי געפעלען געוואָרען.

וואָס וואָלט דאַן געשעהן, ווען זי וואָלט ניט פערלאָרען די ציערונג? ווער ווייס! ווי מערקווירדיג, ווי פערענדערליך איז דאָס לעבען! ווי וועניג איז נויטיג, אַז מיר זאָלען פאַלען, אָדער מיר זאָלען זיך אויפהויבען.

* * *

און איין מאָל אַ זונטאָג, ווען זי איז אַוועק אין די שאַמפּ־עליסעעס זיך אַביסעל אויסצורוהען פון דער שווערער האַרעוואַניע, פון אַ גאַנצער וואָך, האָט זי פּלוצים בעמערקט אַ דאַמע, פיהרענ־דיג אַ קינד פאַר אַ האַנד. דאָס איז געווען פרוי פאָרעסטיער, נאָך אַלץ יונג, שעהן פערפיהרעריש.

פרוי לאָיזעל איז געוואָרען שטאַרק גערידהרט, זאָל זי מיט איהר רעדען? יאָ, געוויס! איצט ווען זיי האָבען שוין אַלעס אויס־געצאָהלט, וועט זי איהר זאָגען דעם אמת. און זי איז צוגעגאַנגען צו איהר אַמאָליגער פריינדין:

— אַ גוטען טאָג, יאָהאַננאַ!

יענע האָט זי ניט דערקענט און איז געוואָרען ערשטוינט וואָס אַן אָרימע פרוי רעדט צו איהר אין אַזאַ טאָן און זי האָט אויסגע־שטאַמעלט:

— ליעבע פרוי... איך קען אייך ניט... איהר מוזט מסתמא האָבען אַ טעות.

— ניין, איך בין מאַטילדע לאָיזעל!

איהר פריינדין האָט ארויסגעלאָזט אַ געשריי:

— אַך, מיין אָרימע מאַטילדע, ווי דו האָסט זיך פערענדערט!

— יאָ, איך האָב דורכגעמאַכט זעהר שווערע צייטען, זייט איך האָב דיך ניט געזעהן און האָב זיך אָנגעליטען מיט אַ סך צרות און מען קען זאָגען אַז דאָס איז געווען פון דיינטוועגען.

— פון מיינעטוועגען? ווי אַזוי דען?

— געדענקסטו נאָך דעם דימענטענעם שנירעל, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געליהען אום צו געהן אויף דעם באַל אין מיניסטעריום?

— געוויס. אַלזאָ?

— אַלזאָ, איך האָב עס פערלאָרען.

— ווי איז עס אָבער מעגליך, דו האָסט עס מיר דאָך אָבגעבראַכט!

— איך האָב דיר געבראַכט אַן אַנדערע, פּונקט אַזאַ ווי יענע, און זייט צעהן יאָהר, אַז מיר צאָהלען עס אויס. דו קענסט זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שווערע לאַסט דאָס איז געוועזן פאַר אונז, פאַר אונז אָרימע לייט, וואָס האָבען גאָרנישט פערמאָגט. נו, איצט איז עס פאַרביי, און איך בין גליקליך, וואָס מיר האָבען עס שוין אויסגעצאָהלט.

פרוי פאָרעסטיער איז געבליבען שטעהן:

— דו זאָגסט, אַז דו האָסט אָבגעקויפט אַ דימענטענעם שנירעל, אַנשטאָדט מיינעם?

— יאָ, דו האָסט עס וואַרשיינליך גאָרנישט בעמערקט. ווייל עס איז געוועזן פּונקט דער זעלבער ווי דיינער.

און זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן מיט נאַאיווען שטאָלץ.

אָבער פרוי פאָרעסטיער האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן פאַר די הענד און טרייסלענדיג זיך פאַר אויפרעגונג, האָט זי אויסגערופען:

— אַך גאָט, אַך גאָט, מיין אָרימע מאַטילדע, מיין שנירעל איז דאָך געוועזן אַ פאַלשער! עס איז ווערט געוועזן העכסטענס פינף הונדערט פראַנק!

אונפאַרזיכטיגקייט.

אר דער חתונה האָבען זיי זיך אידעאַל געליעבט. זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען אין א רייצענדען באדע־פּלאַץ. די פרישע, יונגע מיידעל, וועלכע האָט ארומ־שפּאַצירט ארום ברעג אין איהרע ליכטיגע קליידער און מיט דעם העלען זונן שירעם, איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען: צאַרט און בלאָנד איז זי געווען מיט דעם הינטערגרונד פון שוימענדע כוואַליעס און ריעזיג גרויסען הימעל! און אַזוי האָט ער זיך אין איהר פערליעבט. דעם איינדרוק פון דער דאָזיגער נאָך קוים אויפגעבליהטער מענשען קנאָספּע, האָט אונבעוואוסט נאָך פערשטאַרקט די מעכטיגע נאַטור: די פרישע געזאַלצענע לופט, די ווייטע לאַנדשאַפט מיט איהר שטראַהלענ־דיגען זונען שיין און די רוישיגע ים כוואַליעס.

זי האָט איהם ליעב געקראָגען, ווייל ער איז איהר נאָכגעגאַנ־גען, ווייל ער איז יונג געווען, גאַנץ פערמעגליך, שעהן און ליעבעס־ווירדיג. זי האָט איהם געליעבט, ווי יעדע יונגע מיידעל ליעבט אַ יונגען מאַן, וועלכער זאָגט איהר קאָמפּלימענטען.

און אַזוי זיינען זיי אַ פיערטעל יאָהר נאָכאַנאַנד ארומגעגאַנ־גען זייט ביי זייט, אויג אין אויג און האַנד אין האַנד. און דער גוט מאָרגען, וועלכען זיי האָבען זיך פאַר'ן באָדען אין דער פריש־קייט פון דעם יונגען טאָג געוואונשען, און דער אבשיעד, וואָס זיי האָבען גענומען איינער פון אַנדערן ביים ברעג אונטער דעם אויס־געשטערענטען הימעל אין דער רוהיגער שטילער נאַכט, מיט שטילע, גאַנץ שטילע ווערטער, האָט שוין געהאַט אין זיך דעי: גע־

שמאק פון קושען, הגם זייערע ליפען האבען זיך נאך קיין מאל ניט בעגעגענט.

ווען זיי זיינען איינגעשלאפען, האבען זיי געטרוימט איינער פונ'ם אנדערן און ווען זיי האבען ערוואכט, האבען זיך זייערע געדאנקען געטראפען. נאך איידער זיי זיינען זיך אין דעם מודה געווען, האבען זיי איינער דעם אנדערן באגעהרט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט אלע זייערע חושים.

נאך דער חתונה זיינען געקומען דאס אמת'ע, דאס ווירקליכע גליק. צוערשט האבען זיי זיך געליעבט ליידענשאפטליך, ווילד, משוגע... זייערע צערטליכקייטען זיינען געווען איבערטריבען, די לאסקעס פרעך און גראב, זייערע שטיפערייען און שפיעלערייען פיינליך. זייערע בליקען האבען געהאט אין זיך עטוואס אונרייניעס, זייערע בעוועגונגען האבען דערמאהנט אן זייערע בעציהונגען בעת דער נאכט.

איצט אבער, הגם זיי האבען זיך אין דעם נאך ניט מודה געווען, אדער האבען עס נאך אליין נישט באמערקט, האבען זיי אנגעהויבען זאט ווערען איינער פון דעם אנדערן. און דאך האבען זיי זיך נאך געליעבט. אבער זיי האבען שוין ניט געהאט צו זאגען איינער דעם אנדערן קיין שום נייעס, ניט געהאט וואס צו טהאן, וואס זיי זאלען ניט האבען שוין אבגעטהאן פריהער, ניט געהאט שוין מעהר וואס צו לעהרנען איינער פון אנדערן, ניט אפילו, א נייעם ליעבעס-ווארט, א נייע בעוועגונג אדער א נייעם טאן, וואס זאל קענען אבפרישען דאס אפט איבערגע'חזר'טע.

און דאך האבען זיי זיך געמאטערט דעם שוואכער געוואָרענעם פלאקער אויף דאס ניי צו צובלאזען. יעדען טאג האבען זיי אויסגעפונען נייע צערטליכקייטען און זיך פערצווייפעלט געמאטערט אויפצוועקען אין זייערע הערצער דעם אונשטילבארען פייער פון דער ערשטער צייט, און דעם הייסען פלאם אין זייערע אדערן אנצוצינדען.

פון צייט צו צייט אויפרעגענדיג איינער דעם אנדערן, האבען זיי ווידער פערבראכט א שטונדע אין געקינצעלטער ליעבע, אבער

באַלד נאָכדעם האָט געפאָלגט אַ געפיהל פון איבערדריסיגקייט און עקעל.

זיי האָבען פּרובירט איינהאַלטען זייער געפיהל מיט טרוימען פאַר דעם שיין פון דער לבנה, מיט שפּאַציערען אין וואַרימע אָבענ־דען אין וואַלד, נעבען דעם נעבעלדיגען ברעג פון טייך, דערנאָך זיינען זיי צוזאַמען אויף בעלער געגאַנגען.

און דאָ איין מאָל אַ אין דער פריה רופט זיך אָב הענריעטטע צו פּאָול'ן:

— קום נאָר אַמאָל מיט מיר עסען אין אַ רעסטאָראַן.

— געהט עס, מיין ליעבעס קינד.

—אָבער אין אַ זעהר בעוואוסטען.

— גוט.

ער האָט זי פאַרשענדיג אָנגעקוקט. ער האָט באַמערקט, אַז זי האָט עטוואָס פערלאַנגט, וואָס זי האָט ניט געוואָלט זאָגען.

זי האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי:

— ווייסטו, אין אַ רעסטאָראַן... יאָ, ווי זאָל איך דיר דאָס ערקלעהרען... אין אַ רעסטאָראַן, וואו... וואו מען טרעפט זיך, וואו מען בעשטעלט ראַנדעוואוס.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— גוט, איך פערשטעה שוין, אין אַ גרויסען רעסטאָראַן, אַלזאָ אין „קאַבינעט פּאַרטיקיולאַר".

— יאָ, דאָרט מיין איך טאַקע! אַלזאָ אין אַ גאַנץ גרויסען רעסטאָראַן, וואו מען קען דיך. וואו דו האָסט שוין אַמאָל פער־בראַכט, ניין, איך מיין געגעסען, קורץ, דו ווייסט. פערשטעהסטו, איך וואָלט זעהר וועלען... אַך, איך קען עס דיר ניט זאָגען.

— אָבער זאָג דאָך, מיר זיינען דאָך צווישען זיך... וואָס האָסטו מורא, מיר האָבען דאָך ניט קיין געהיימניסע איינער פון אַנדערן.

— ניין, איך וואָג ניט עס צו זאָגען.

— געה, פערשטעל זיך ניט, זאָג וואָס דו ווילסט.

— גוט, אַלזאָ, איך וואָלט זעהר וועלען... איך וואָלט וועלען, מען זאָל מיר האַלטען פאַר דיין געליעבטע, און, אַז דער קעלנער,

וועלכער וויים ניט אז דו ביזט פערהייראט זאָל אויך מיינען, אז איך בין דיין געליעבטע און אז אויך דו... דו זאָלסט אין דיזען פּלאַץ, מיט וועלכען עס פערבינדען דיר וואַרשיינליך געוויסע עריי נערונגען, די ראָלע פון א געליעבטען שפּיעלען. ווייטער וויל איך גאָרנישט. און דאַן וועל איך זיך אַליין איינבילדען, אַז איך בין דיין געליעבטע. איך וועל טהאָן עטוואָס זעהר שלעכטעס: איך וועל דיך בעטריגען... אָבער שרעק זיך ניט... איך וועל עס טהאָן מיט דיר אַליין נאַטירליך! יאָ, דאָס איז זעהר ניט שעהן פון מיר, איך וויים, אָבער איך וואָלט עס אַזוי וועלען. אַלזאָ טהו דאָס פאַר מיר און מאַך מיך ניט רויט, איך פיהל שוין, אז איך ווער רויט! דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וויפיעל שפּאַס עס וועט מיר מאַכען, צו געהן מיט דיר אין וועלכען ניט איז רעסטאָראַן, וואו עס פּאַסט אייגענטליך ניט פאַר א דאַמע צו געהן אין א מין קאַ־בינעט פּאַרטיקיולאַר, וואו עס טרעפען זיך בייננאַכט די פערליעבטע פּאָאַרלאַך. דאָס איז זעהר ניט שעהן פון מיר, ניט אמת? איך זעה שוין, אז איך בין רויט, רויט ווי פייער. איך בעט דיך קוק מיך נישט אָן.

ער האָט זיך צולאַכט, די געשיכטע האָט איהם געמאַכט שפּאַס און ער האָט געענטפערט:

— גוט, מיר וועלען היינט אבענד געהן אין א שיקאַרנעם רעס־טאָראַן, וואו איך בין גוט בעקאַנט.

ארום זיעבען א זייגער זיינען זיי ארויף אויף די טרעפּ פון א גרויסען רעסטאָראַן אויף דעם בולוואַר. ער, שמייכלענדיג מיט א דרייסטען בליק, זי פערשעהמט און ענטציקט, טיעף פערשלייערט. אזוי גיך ווי זיי זיינען אריין אין א קליינעם צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען פיער שטוהלען און א גרויסע רויטע, סאַמעטענע זאָפע, האָט זיך דאָרט בעוויזען א קעלנער און אוועקגעלעגט די קאַרטע. פּאָאול האָט זי דערלאַנגט זיין פרוי:

— וואָס ווילסטו עסען?

— יאָ, איך וויים ניט, וואָס מען עסט דאָ געוועהנליך.

ער האָט אָבגעגעבען זיין ראָק דעם קעלנער און פאַר איהר

איבערגעלעזען די גאַנצע לאַנגע רייהע פון שפּייזען ביז אַרונטער. דאַן האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר בעשטעלען אַ גוטען, קרעפטיגען מאָהלצייט מיט דעסערט. וויין און סעקט זעלבסטפערשטענדליך...

דער קעלנער האָט מיט אַ שמייכעל בעטראַכט די יונגע פרוי. דאַן האָט ער גענומען די קאַרטע און געפרעגט, אָנרופענדיג דעם־בּיי פּאָול'ן ביים נאָמען, אויב ער וויל זיסען אָדער שטאַרקען סעקט.

— גאַנץ שטאַרקען... — האָט פּאָול געענטפערט.

הענריעטע איז געווען זעהר גליקליך, ווען זי האָט געהערט, אַז דער קעלנער ווייס איהר מאַן'ס נאָמען. זיי האָבען זיך געזעצט איינער נעבען צווייטען אויף דער זאָפע און גענומען עסען.

אַ דוצען ליכט האָט פאַר זיי געלויכטען. אַ גרויסער שפּיעגעל האָט מאָט אָבגעשפּיעגעלט זייערע געשטאַלטען. אין גאַנצען אַ בלינדער פון די עטליכע הונדערט נעמען, וועלכע די געסט האָבען מיט אַ דימענט אין דאָס גלאָז איינגעקריצט, האָט דער דאָזיגער שפּיעגעל אויסגעזעהן, ווי מיט שפּינוועבס פאַרצויגען.

הענריעטע האָט אין זיך נעגאָסען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, אום אין דער ריכטיגער שטימונג צו קומען, הגם זי האָט געפיהלט פון דעם ערשטען זופּ אָן, ווי דער וויין שטייגט איהר צום קאָפּ. יעָדעל אַ צוהיצטער פון אַלערליי ערינערונגען, האָט איהר יעדען אויגענבליק די האַנד געקושט. זיינע אויגען האָבען געבליסטשעט.

דער פערדעכטיגער לאָקאַל האָט אויף איהר גאַנץ בעזונדערס געווירקט. זי איז געווען אויפגערעגט, צופריעדען, הגם זי האָט זיך דאָך געפיהלט אַביסעלע אויף אַ פאַלשען פלעק. צוויי אַנדערע קעלנער זיינען געקומען און געגאַנגען שטום, שנעל און שטיל. זיי זיינען שוין געוואָהנט געוואָרען דערצו, אַלעס צו זעהן און אַלעס צו פערגעסען, און אין די מאָמענטען, ווען די פּאַרלאַך האָבען געוואָלט זיין אַליין, אין גאַנצען צו פערשווינדען...

אין מיטען פונ'ם מאָהלצייט איז הענריעטע געווען שכור, אָבער טאַקע גוט שכור. פּאָול אויך אַביסעל אָנגעסנאָסטום. האָט איהר מיט אַלע קרעפטען די קניע געדריקט. איצט האָט זי גע־

פלוידערט עטוואָס פּרייער, מיט רויטע באַקען און אַ בליסטשענ־דיגען, האַלב פערשלייערטען בליק.

— הער אויס, פּאָול, איצט מוזטו זיך פאַר מיר מודה זיין: דו ווייסט, איך מוז אַלעס וויסען.

— וואָס דען, מיין ליעבע?

— יאָ, דאָס וואָג איך דיר אָבער ניט צו זאָגען.

— זאָג, זאָג, זאָג וואָס דו ווילסט.

— האָסטו פריהער געהאַט איינע אָדער פּ'עלע געליעבטע? פאַר מיר?

ער האָט זיך דערשראָקען און אַ ווײלע געטראַכט. ער האָט ניט געוואוסט צו זאָל ער זיינע ערפאָלגען פון איהר בעהאַלטען, אָדער זיך מיט זיי באַריהמען.

זי האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי.

— אָהּ, איך בעט דיך, זאָג מיר, האָסטו פיעל פּרויען געהאַט?

— נו, יאָ, געהאַט איניגע.

— ווי פיעל?

— דאָס ווייס איך שוין אַליין ניט מעהר! אַזעלכע זאַכען ווייס מען ניט לאַנג.

— האָסטו זיי דען ניט געצעהלט?

— ניין, געוויס ניט.

— דו האָסט אַלזאָ זעהר פיעל געהאַט?

— נו, יאָ.

— וויפיעל אונגעפעהר, אַט בלויז אַן ערך?

— אָבער מיין ליעבע, דאָס ווייס איך דאָך ניט. אין מאַנכע יאָהרען פיעל אין אַנדערע אַ סך ווענינער.

— וויפיעל אַן ערך אַ יאָהר?

— אַט, מאַנכעס מאָל פון צוואַנציג ביז דרייסיג, און מאַנ־כעסמאָל בלויז פיער אָדער פינף.

— אויב אַזוי, מאַכט דאָך עס אין גאַנצען אויס מעהר ווי הונדערט.

— נו, יאָ אונגעפעהר.

— דאָס איז דאָך אָבער עקעלהאַפט.

— פארוואס דען עקעלהאפט?

— יא, ווייל עס איז עקעלהאפט, ווען מען שטעלט זיך פאר, אלע דיעזע פרויען נאקעטע און אימער, אימער... ניין, דאס איז זעהר עקעלהאפט, און מעהר ווי הונדערט!

ער איז געווען אויפגעבראכט, פאר וואס זי געפינט עס פאר עקעלהאפט און ער האט איהר נעענטפערט מיט יענער פעראכ־טונג אין שטימע, וועלכע די מענער נעהמען אן, ווען זיי ווילען די פרויען בעווייזען, אז זיי רעדען נארישקייטען:

— דאס איז אבער איינפאך לעכערליך! ווען עס איז עקעל־האפט צו האבען הונדערט פרויען דאן איז דאך גראדע אזוי עקעל־האפט צו האבען איינע.

— אך, עס הויבט זיך גארנישט אן.

— פאר וואס דען נישט?

— ווייל איין פרוי איז אן אמת'ע פערבינדונג! מיט דער פארקניפט זיך די ליעבע. אבער הונדערט פרויען, דאס איז שמוציג און אונאנשטענדיג. איך קען ניט בעגרייפען, ווי א מאן קען האבען צו טהאן מיט אזעלכע מיידלאך, וואס זיינען אזוי שמו־ציג.

— עס הייבט זיך גארנישט אן, זיי זיינען זעהר ריינליך.

— ביי אזא בעשעפטיגונג קען מען ניט זיין ריינליך.

— אין געגענטהייל, גראדע צוליעב זייער בעשעפטיגונג זיי־נען זיי ריינליך.

— פוי, צום טייפעל! ווען מען טהוט א טראכט, אז מיט א טאג צוריק האבען זיי געהאט צו טהאן מיט אן אנדערן, דאס איז העסליך.

—דאס איז דאך ניט העסליכער, ווי ווען איך טרינק פון א גלאז, פון וועלכער עמיצער האט שוין געטרונקען פאר מיר, נעכטען, היינט, אפשר מארגען, און וועלכע מען האט זיכער ניט אזוי גוט געוואשען, ווי...

— זיי רוהיג, איך בעט דיך, דאס איז שוין צופיעל.

— טא ווארום פרעגסטו מיך, אויב איך האב געהאט געליעב־טע?

— זאָג נור, זיינען אַלע דיינע געליעבטע געווען גאַסען־מיידלאַך?

— ניין, דורכאויס ניט, דוראויס ניט.

— טאַ וואָס זשע דען זיינען זיי געווען?

— עט, אַקטריסען אָדער קאָנפעקטען פערקויפערינען אָדער דאַמען פון דער געזעלשאַפט.

— וויפיעל דאַמען פון דער געזעלשאַפט?

— זעקס.

— נור זעקס?

— יאָ.

— זיינען זיי געווען שעהן?

— נו געוויס.

— שעהנער פון די אַנדערע?

— נ־יי־ן.

— ווער איז דען דיר ליעבער, די אַנדערע מיידלאַך אָדער די דאַמען פון דער געזעלשאַפט?

—די מיידלאַך.

— פוי, ווי שמוציג דו ביזט. אָבער וואָרום דען?

— ווייל איך האָב ניט ליעב קיין דילעטאַנטען.

— דאָס איז אָבער ווירקליך שוין צופיעל, דו ביזט דאָך עפּעס אַ שרעקליכער מענש, הער אויס! זאָג מיר אָקאָרשט, האָט דיר פערשאַפט פערגעניגען צו לויפען אַזוי פון איינער צו דער אַנדערער?

— אָה, יאָ.

— אַ סך פערגעניגען?

— זעהר אַ סך.

— יאָ, אָבער וואָס אַזוינס האָט דיר פערגעניגען פערשאַפט, זיינען זיי דען ניט געווען איינע ווי די אַנדערע?

— אָה ניין.

— אַך, די פרויען זיינען אַלזאָ ניט איינע ווי די אַנדערע?

— דורכאויס ניט.

— אין קיין בעציהונג?

— אין קיין בעציהונג.
— ניין, דאַס איז קאָמיש! אין וואָס אונטערשיידען זיי זיך דען?
— אין אַלעמען.
— דער קערפּער?
— נו יאָ, דער קערפּער.
— דער גאַנצער קערפּער?
— דער גאַנצער קערפּער.
— און וואָס נאָך?
— די אַרט און ווייזע צו קושען, צו רעדען, די קלענסטע קליינינקייטען צו זאָגען.
— אַזוי, עס איז אַלזאָ זעהר אַמוזאַנט צו בייטען.
— יאָ, געוויס.
— זיינען דען די מענער אויך פערשיעדען?
— דאָס ווייס איך נים.
— דאָס ווייסטו נים?
— ניין.
— זיי מוזען דאָך אויך זיין פערשיעדען!
—יאָ, אָהן צווייפעל.
זי איז געבליבען זיצען אַ פערטראַכטע מיט איהר שאַמפּאַניער גלאָז אין האַנד. עס איז געוועזן פול און זי האַט עס מיט איין ציה אַרונטערגעשלונגען. ווען זי האַט עס דערנאָך צוריק אויפ׳ן טיש געשטעלט, האַט זי אַרומגעכאַפּט איהר מאַן מיטביידע הענד און געפליסטערט הייסענדיג אויף זיין מויל:
— אַך, איך האָב דיך אַזוי ליעב.
ער האַט זי אַרומגענומען מיט פּלוצים אַנגעצונדענער לייַדענשאַפט.
אַ קעלנער, וועלכער האַט נור וואָס געוואָלט אַריינגעהן, האַט זיך גלייך געטהאָן אַ כאַפּ צוריק און פערשלאָסען די טהיר.
און אין פערלויף פון פינף מינוט איז מעהר גאַרנישט סערווירט געוואָרען.
און ווען דער קעלנער האַט זיך צום סוף בעוויזען מיט אַן

ערענסטער, ווירדיגער מינע און געבראַכט די פרוכט צום דעסערט, האָט זי ווידער געהאַלטען אַ פולע גלאָז אין האַנד, האָט אריינגע־קוקט אין די געלע, דורכזיכטיגע פליסיגקייט, ווי זי וואָלט דאַרטען נייע אונבעקאַנטע זאַכען געזעהן, און געמורמעלט מיט אַ טרוימע־רישען אויסדרוק:

— אַך, עס מוז ווירקליך זיין זעהר שעהן!

אין דער היים

דער דאמפף־טראמוואי נאך נעלי איז ערשט דורכגעפאהרען די טויערען פון מאליא און האט זיך אוועקגעטראגען מיט א געפילדער איבער א ברייטער עוועניו, וואס האט זיך געצויגען צו דער סיינע. דער קליין לאקאמאטיוו'ל, וואס איז צוגעטשעפעט געווען צום וואגאן, האט געפייפט, געשפייט מיט פארע און האט שווער געסאפעט, ווי איינער, וואס פערלירט דעם אטהעם פון שנעל לויפען.

אין דרויסען האט געשטיקט א דומפּפּע היץ פון א זומערבייטאג. קיין הויך פון א ווינטעלע האט זיך אין דער הייסער לופט געשפירט. א ווייסער שטויב, ווי צושטויסענע קרייד, א ווארימער און א שטיקענדער, האט זיך איבער'ן וועג געטראגען, האט זיך געקלעבט צו דער פערשוויצטער הויט, געגעסען די אויגען און אריינגעדרונגען אין די לונגען. אומעדום זיינען מענשען ארויס פון זייערע הייזער, אום לופט צו שעפּען.

די פענסטער אין'ם וואגאן זיינען געווען ארונטערגעלאזט און פון דעם שנעלען פאהרען האבען די פארהאנגלאך אין דער לופט געפלאטערט.

אינעווייניג זיינען געזעסען נור עטליכע פּארשוינען, ווארים אין אזעלכע הייסע טעג שטעהט מען בעסער אין דרויסען פון פארענט אדער פון הינטען אויף דער פּלאטפארמע.

צווישען די דאזיגע עטליכע פּארשוינען אינעווייניג זיינען געווען א פּאאר דיקע, לעכערליך אויסגעפּוצטע דאמען, בירגער־פרויען פון הינטער דער שטאדט, וועלכע האבען ארויסגעוויזען זעהר ווייניג געשמאק און א סך, א סך גדלות. דאן א פּאאר הערען, וועלכע

האָבען אויסגעזעהן פערמאַטערט, מיט געלע פּנים'ער, קרומע רוּ־קענס, מיט אַקסלען, איינער העכער פון דעם אַנדערען — אַ רעזולטאַט פון דעם שטענדיגען זיצען איינגעבויגען איבער'ן טיש אין די ביורא'ס, וואו זיי האָבען געאַרבייט. זייערע טרויעריגע, פערזאָרגטע אויגען האָבען דערצעהלט פון היימישע דאגות, פון שטענדיגען געלד־נויט, פון בעגראָבענע האָפנונגען ; וואָרים זיי אַלע האָבען געהערט צו יענער מענגע ארונטערגעקומענע אָרימע לייט, וועלכע האָבען שפּאָרזאַם געוואָהנט אין לוימענע, טרויעריגע הייזלאַך הינטער פּאַריז.

נעבען דער טיר איז געזעסען אַ קורצער, דיקער מאַן מיט אַן אויפגעבלאָזענעם פּנים און מיט אַ בויך, וואָס איז ביי איהם ארונטערגעהאַנגען. דער מאַן איז געקליידעט געוועזען אין אַ גאַנץ שוואַרצען אַנצוג און אויף'ן לאַטץ איז ביי איהם געהאַנגען אַ רויט באַנד מיט אַן אָרדען. ער האָט גערעדט מיט אַ הויכען, מאָגערען מאַן, וועלכער האָט געטראָגען אַ שמוציגען לייוועגדנעם אַנצוג און אַן אַלטע שטרויענע הוט.

דער ערשטער איז געוועזען העררר קאַראַוואַן, הויפּט־רעגיסטראַטאָר אין דעם מאַרינע־מיניסטעריאום. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און אונטערגעשטאַמעלט. דער צווייטער איז געוועזען אַן אַמאָליגער דאָקטאָר פון אַ האַנדעלס־שיף, וועלכער האָט זיך שפּעטער, נאָך אַ לעבען, פול פּאַסירונגען, באַזעצט אין קורבעוואָאַ און בעגליקט די דאָרטיגע אָרימע בעפעלקערונג מיט זיינע אויבערפלעכליכע מעדיצינישע קענטניסען. זיין נאָמען איז געוועזען שענע, אָדער דאָקטאָר שענע, ווי ער האָט זיך אַליין גערופען. מען האָט וועגען איהם דערצעהלט ניט קיין שעהנע זאַכען.

קאַראַוואַן האָט פון תמיד אַן געלעבט, ווי אַ ריכטיגער בעאַמטער. זייט דרייסיג יאָהר איז ער רעגעלמעסיג געקומען אין זיין ביוראָ, האָט יעדען אין דער־פריה געטראָטען אויף דעם אייגענעם וועג, בעגעגענט די זעלבינע מענשען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין זייערע געשעפטען, אויף דעם אייגענעם אָרט און אין דער זעלביגער צייט ; און יעדען אָבענד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אויף דעם

איינגענעם וועג און בעגעגענט די אייגענע פּנים׳ער, וועלכע זיינען אויף זיינע אויגען אַלט געוואָרען.

יעדען טאָג האָט ער זיך געקויפט אַ צייטונג פאַר איין סו אויף׳ן ראָג פון סענט־אַנאַר און צוויי בולקעלאַך און איז דערנאָך געגאַנגען אין זיין מיניסטעריאום, ווי אַ פערברעכער, וואָס געהט אין זיין געפענגניס.

דאָרט האָט ער זיך שנעל געזעצט ביי זיין טיש און האָט זיך אונרוהיג ארומגעקוקט. ער איז שטענדיג געווען אונרוהיג, שטענדיג האָט זיך איהם גע׳חלום׳ט, אַז ער האָט עפּעס אַ פעהלער געמאַכט.

אזוי האָט ער געלעבט פון טאָג צו טאָג, היינט ווי נעכטען, נעכטען ווי היינט. אויסער די געשעפטען, וואָס האָבען אַ שייכות געהאַט מיט זיין אַמט, האָט איהם גאָר נישט און קיין זאַך ניט אינטערעסירט. סיי אין דער־היים און סיי אין מיניסטעריאום האָט ער פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט ווי נור פון זיין דיענסט. אַלע גראַנקען, אַלע האָפנונגען, אַלע טרוימען פון זיין גייסט, וואָס איז אָפּגעטעמפּט געווען דורך דער דאָזיגער נודנער, טעגליכער ארבייט, האָבען זיך געדרעהט ארום מיניסטעריאום.

אָבער איין זאַך האָט פערביטערט זיין לעבען אין מיניסטעריום: פאַרוואָס מען האָט צוגעלאָזט די מאַרינע־קאָמיסאַרען, די מענשען מיט די בלעכלאַך, ווי מען האָט זיי גערופען, מחמת זיי האָבען געטראָגען זילבערנע שטרייפען, פאַרוואָס מען האָט די דאָזיגע מענשען, הייסט עס, צוגעלאָזט צו פערנעהמען הויכע שטעלעס פון אונטער־שעפס און זאָגאַר פון שעפס. און יעדען אָבענד ביים טיש האָט ער מיט היץ גע׳טענה׳ט צו זיין פרוי, אַ טאָכטער פון זייענעם אַן אָרימען קאָלעגע, וועלכע איז אויך געווען אזוי אויפגעבראַכט אויף יענע מיט די בלעכלאַך, ווי ער, אַז עס איז ניט רעכט צו געבען שטעלעס אין פּאַריז מענשען, וואָס זייער ריכטיגער פּלאַץ איז אויף דער פלאָטע.

איצט איז ער געווען אַלט. ער האָט גאָר ניט געמערקט, ווי זיין לעבען איז אַוועק. וואָרים באַלד ווי ער איז פון גימנאַזיאום ארויס, איז ער אין מיניסטעריאום אריין. און אַנשטאָדט וואָס ער האָט

פריהער געציטערט פאר די לעהרער, האט ער איצט פאר די שעפס געציטערט. יעדעס מאל, ווען ער האט געדארפט איבערטרעטען די שוועל פון די דאזיגע דעספאטען, האט איהם געווארפען הענד און פיס. מחמת דער דאזיגער שטענדיגער מורא האט זיך אויף זיין פנים אוועקגעלעגט א מין רחמנות'דיגער אויסדרוק און אין פער־קעהר מיט מענשען איז ער געווען ניט דרייסט און האט נערוועז אונטערגעשטאממעלט, בעת ער האט גערעדט.

ער האט געקאנט פאריז ניט מעהר ווי א בלינדער, וועלכער איז יעדען טאג פון זיין הונד געבראכט געווארען צו איינער און דער זעלביגער טיר. און ווען ער האט אין זיין בילינגען בעטעל געלעזען די טעגליכע פאסירונגען און סקאנדאלען, האבען זיי זיך איהם אויסגעוויזען ווי מעשות וועגען א נעכטיגען טאג, וואס מען האט אויסגעטראכט, צו אונטערהאלטען די קליינע בעאמטע.

ער איז געווען א מאן פון ארדנונג, א רעאקציאנער, האט אבער ניט געהערט צו קיין בעשטימטער פארטיי. א פיינד פון אלע נייע איינפיהרונגען, האט ער אלע מאל איבערגעהיפט די פאליטישע פא־סירונגען, וועלכע זיין צייטונג האט, אגב, איבערגעגעבען, ווי עס האט זיך געלוינט פאר דער פארטיי, וואס האט איהר בעצאהלט.

יעדען אבענד, בעת ער איז פערבייגעפאהרען די יעליסעער פעלדער, האט ער געקוקט אויף די ליארמענדיגע מענגע פון שפא־ציער־געהער און אויף דעם גרויסען שטראם פון די עקיפאזשען ווי א פרעמדער רייזענדער, וואס איז אנגעקומען אין אן אונבע־קאנט לאנד.

אזוי ווי מיט דיזען יאהר איז געווארען פונקט דרייסיג יאהר זייט ער איז אנגעקומען דיענען, האט ער דעם ערשטען יאנואר גע־קראגען דעם ארדען פון עהרען־לעגיאן אלס בעלוינונג פאר די אלע יאהרען פון קנעכטשאפט, אדער פאר די „טרייע דיענסטע“, ווי מען האט עס גערופען אין זיין מיניסטעריאום

די דאזיגע אונערווארטעטע אנערקענונג האט איהם הויך אויפ־געהויבען אין זיינע אייגענע אויגען און זייט דעם האט ער זיך גאר אנדערש אנגעהויבען אויפצופיהרען.

ער האט ניט געטראגען מעהר קיין העלע הויזען און קיין קא־

לירטע וועסטען, נור גאַנץ שווארצע פּאַנטאַלאָנעס און אַ לאַנגען שווארצען ראָק, אויף וועלכען זיין רויט באַנד האָט זיך בולט'ער אָפּגעשלאָגען. איצט האָט ער זיך גערעזירט יעדען אין דער־פריה, געריייניגט זיינע נעגעל און אַלע צוויי טעג האָט ער אָנגעטהאָן אַן אַנדער העמד, אַלץ אוים רעספּעקט צו דעם נאַציאָנאַלען אָרדען, וואָס ער האָט אויף זיין ברוסט געטראָגען. אין איין טאָג איז ער גאָר געוואָרען אַנאַנדער מענש, אַ רייינליכער, עסטעטישער און נאָכגי־ביגער קאַראַוואַן.

אין דער־היים האָט ער גערעדט פון זיין אָרדען ביי יעדער גע־לעגענהייט און אַזאַ עהרגייץ האָט איהם בעהערשט, דאָס ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, ווען ער האָט געזעהן אַן אַנדער אָרדען ביי אַ צווייטען. בעזאָנדערס איז ער אויפגעבראַכט געווען, ווען ער האָט געזעהן אַן אויסלענדישען אָרדען. מען האָט גדאַרפט אין פראַנקרייך — האָט ער געמיינט — אין גאַנצען פערבאָטען צו טראָגען פרעמדע אָרדענס. בשעת דעם האָט ער אין זינען געהאַט דאָקטאָר שענע, וועלכען ער האָט יעדען אבענד געטראָפען אויף'ן דאַמפּף־טראַמוואַי אַלע מאָל מיט עפּעס אַן אויסלענדיש באַנד, אַ וויים, אַ בלוים אָדער אַ גרינס.

דער געשפּרעך פון די דאָזיגע צוויי מענער איז כמעט אַלע מאָל געווען דער אייגענער. אַ פריהער האָבען זיי גערעדט וועגען די אָרטיגע סקאַנדאַלען און האָבען זיך דערביי שטאַרק געערגערט און דערנאָך האָט קאַראַוואַן גענומען ריידען וועגען זיינע פערשיע־דענע קראַנקהייטען, ווי געוועהנליך בעת מען טרעפט זיך מיט אַ דאָקטאָר, און האָט געזוכט אַזוי פון דער זייט ארויסצוקריגען פון דאָקטאָר שענע אַ פּאָאָר אומזיסטע מעדיצינישע עצות. דערצו נאָך איז ער זייט אַ געוויסער צייט געווען אונרוהיג וועגען זיין מו־טער. זי איז אָפט געפאַלען אין חלשות, און כאָטש זי איז אַלט גע־ווען העכער נייינציג יאהר, האָט מען ביי איהר בשום אופן ניט גע־קענט פועל'ן, זי זאָל זיך לאָזען קורירען.

פון איהר הויך אַלטער איז קאַראַוואַן תמיד נתפּעל געוואָרען און ער האָט גערעדט צו דאָקטאָר שענע :

— ניט אַלע דערלעבען צו אַזאַ אַלטער !

דערביי האָט ער זיך גוטמוטהיג געריבען די הענד און זיך שטארק געפרעהט, ניט אזוי, אפשר, ווייל זיין מוטער האָט דערלעבט אזא הויך אלטער, נור ווייל ער אליין האָט געהאָפט צו לעבען אזוי לאנג ווי זי.

ער האָט גערעדט ווייטער:

— אָה, אין מיין משפחה לעבט מען לאנג. איך בין זיכער, אז איך אליין וועל אויך לעבען זעהר לאנג, סיידען עפּעס א סיבה...

דער דאָקטאָר האָט מיט מיטלייד א קוק געטהאָן אויף איהם, אויף זיין רויטען פּנים, זיין פעטען האלז, אויף זיין בויך, וואָס האָט געפּייפט צווישען זיינע אומגעלומפּערטע, קורצע, דיקע פיס, אויף דעם גאנצען אויפגעבלאָזענעם גוף פון דעם דאָזיגען בעאמטען, וועל־בער האָט יעדע מינוט געקאָנט געטראָפען ווערען פון אן אפּאָפּלעק־סיע, און ער האָט שנעל ארונטערגענומען זיין הוט און געזאָגט מיט א שמייכעל:

— איהר דאַרפט ניט זיין אזוי זיכער, מיין פריינד. אייער מוטער איז א טרוקענער שפּאָן און איהר זייט אן איבערגעפילטע כלי.

קאַראוואַן האָט געשוויגען א ביסעל צומישט.

אָבער דער טראמוואי איז גראָד איצט שטעהן געבליבען נעבען דער סטאַנציאָן.ביידע מענער זיינען ארויס פון'ם וואגאָן און דאָקטאָר שענע האָט איהם איינגעלאדען, צו טרינקען מיט איהם א גלאָז ווערמוט אין דעם דערבייאיגען קאַפע־הויז גלאבוס, וועלכען זיי האָבען אָפט בעזוכט. דער בעל הבית פון'ם קאַפע־הויז, זייערער א בעקאַנטער, האָט זיי אויסגעשטרעקט איבער דעם בופעט־טיש צוויי פינגער. דערנאָך האָבען זיי זיך געזעצט נעבען דריי דאָמינאָ־שפּיעלער, וועלכע זיינען דאָרט שוין געזעסען זייט מיטאָג. זיי האָ־בען בעגריסט יענע מיט דער אונפערמיידליכער פראגע:

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

דאָרט זיינען זיי געזעסען א ווײַלע. דערנאָך האָבען זיי גע־זאָגט צו די שפּיעלער „גוט נאכט" און יעדער פון זיי איז אוועק צו זיך אהיים.

קאַראוואַן האָט געוואָהנט אין קורבעוואוא אין א צוויי־שטאָ־

קיג הייזעל. דער אונטערשטער שטאָק איז געווען פערנומען פון א באַרביער.

די גאַנצע וואָהנונג איז בעשטאַנען פון צוויי שלאָף־צימערן, אַן עס־צימער און אַ קיך. אַ פּאָאַר שטיקלאַך מעבעל, וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל צופאַלען, האָבען אָפט ארומגעוואַנדערט פון איין צימער אין׳ם אַנדערע, וואו און ווען מען האָט זיי בעדאַרפט. מאַדאַם קאַראוואַן האָט זיי נאָכאַנאַנד געווישט, ווערענד איהר צוועלף יאָהריגע טאָכטער, מאַריע־לואיזע, און איהר ניין יאָהריג אינגעל, פיליפּ־אויגוסט, זיינען ארומגעלאָפען אויף דער גאַס מיט די אַנדערע קינדער פון דער געגענד.

קאַראוואַן׳ס מוטער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין אַ צימער אויבען, אויף דער שיילקע. זי האָט געהאַט אַ נאָמען פון זעהר אַ קאַרגע און אַ שלעכטע. די שכנים האָבען אַזוי געהאַלטען פון איהר, דאָס זיי פלעגען זאָגען, אַז דער גוטער גאָט האָט זיין אייגענע קאַרגקייט בעוויזען, ווען ער האָט זי בעשאַפען.

זי איז תמיד געווען צורייצט און קיין טאָג איז ניט אוועק, זי זאָל זיך מיט עמיצען ניט צוקריגען און ניט ארויסווייזען איהר צורייצטקייט. פון איהר פענסטער האָט זי זיך געקריעגט מיט די שכנים, ווען זיי זיינען געשטאַנען נעבען זייערע טירען, מיט די גרינס־פערקויפעריגס, מיט די גאַסען־קעהרער און גאַסען־אינגלאַך, וועלכע האָבען זיך מיט איהר דערפאַר אָפּגערעכענט אויף זייער שטייגער, בעת זי האָט זיך אויף דער גאַס בעוויזען. דעמאָלט זיינען זיי איהר נאָכגעלאָפען און געשריען, אַז איהר בעט איז נאַס.

אַ קליין נאָרמאַניש הויז־מיידעל, זעהר נאַריש, האָט געפיהרט די ווירטשאַפט און געשלאָפען נעבען דער אַלטער פאַר דעם פאַל, טאָמער טרעפט עפּעס.

ווען קאַראוואַן איז געקומען אַ היים, האָט גראַד דעמאָלט זיין ווייב געריבען מיט אַ שטיק פלאַנעל די מאַהאַגאָני־מעבעל, וואָס זיינען געשטאַנען צו־וואָרפען אין די לעדיגע צימערען. רייניגען איז געווען איהר שוואַכקייט. זי האָט תמיד געטראָגען פאַדימענע האַנדשוה און אויפ׳ן קאָפּ אַ הייבעל מיט לענטעס פון אַלערליי קאָלירען.

וועלכער איז נאָכאַנאַנד ביי איהר אַרונטערגעפאָהרען אויף איין אויער.

יעדעס מאָל, ווען מען האָט זי געטראָפען, בעת זי האָט גע־ווישט, געקלאַפּט, געפּאָלירט אָדער געוואַשען, האָט זי געזאָגט:

— איך בין ניט רייך, ביי מיר איז אַלסדינג איינפאַך, אָבער ריין איז ביי מיר און דאָס איז מעהר ווערטה ווי דער גרעסטער לוק־סוס.

זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ פּראַקטישען שכל און דער מאַן איז ביי איהר געלעגען אונטער'ן פאַנטאָפעל. יעדען אָבענד האָבען זיי גערעדט וועגען די אַנגעלעגענהייטען אין דעם מיניסטעריאום, אַ פריהער ביים טיש און דערנאָך אין'ם בעט, און כאָטש זי איז גע־ווען צוואַנציג יאָהר איינגער פון איהם, האָט ער איהר פערטרויט אַלסדינג, ווי זיין בייכט־פּאָטער, און האָט געפאָלגט אַלע איהרע עצות.

שען איז זי קיינמאָל ניט געווען, איצט אָבער איז זי געווען גאָר מיאוס, זעהר קליין און זעהר מאָגער. און ווי מיאוס זי איז ניט געווען, האָט די אונפעהיגקייט זיך אָנצוטאָן זי נאָך מיאוסער געמאַכט. איהרע קליידער זיינען ביי איהר תמיד געווען פערדרעהט אויף אַ זייט. דערצו נאָך האָט זי געהאַט אַ טבע זיך צו קראַצען. האָט עס געטהאָן, בעת פרעמדע מענשען זיינען אפילו דערביי גע־ווען. דעם איינציגען פּוץ, וואָס זי האָט אויף זיך אין דער־היים געטראָגען, איז געווען דער הייבעל מיט די סך זיידענע לענטעס.

ווי נור זי האָט דערזעהן איהר מאַן, האָט זי זיך אויפגעהויבען, אַ קוש געטהאָן איהם אין די באַקען־באַרדען און געפרעגט:

— ליעבער פריינד, האָסטו ניט פערגעסען וועגען פּאָטען'ען?

אָבער ער איז געפאַלען צושראָקען אויף אַ שטול. צום פערטען מאָל האָט ער עס פערגעסען.

— עס איז שוין אַזוי בעשערט, אַזוי בעשערט — האָט ער אַרויסגעקרעכצט — איך האָב אַ גאַנצען טאָג געטראַכט וועגען דעם און פאַרנאַכט, ווען איך בין אַ היים געפאָהרען, איז עס מיר גאָר אין גאַנצען פון זינען אַרויס.

אָבער אזוי ווי ער האָט אויסגעזעהן שטארק פערצווייפעלט, האָט זי איהם געטרויסט:

— נו, ווערסטו מאָרגען שוין ניט פערגעסען. איז עפּעס דאָ נייעס אין דעם מיניסטעריאום?

— יאָ, גרויסע נייעס. א מאן מיט בלעכלאָך איז ווידער אונ־טער־שעף געוואָרען.

— אין וועלכער אבטהיילונג?

— אין דער אבטהיילונג פאר אויסלענדישע איינקויפונגען.

זי איז בייז געוואָרען:

— הייסט עס אויף ראמאָנס שטעלע, וועלכע איך האָב געוואָלט האָבען פאר דיר. און ראמאָן איז אָפּגעזאָגט?

— אָבגעזאָגט.

זי איז געוואָרען אויסער זיך. דער הייבעל איז ביי איהר אין גאנצען ארונטערגעפאָהרען אויף'ן אקסעל.

— אָט האָסטו דיר. די שטעלע אויך פערלאָרען. און ווי הייסט דער נייער אונטער־שעף?

— באנאססאָ.

זי האָט גענומען דעם מארינען־אלמאנאך, וועלכען זי האָט שטענדיג ביי דער האנד געהאט, און געזוכט.

— באנאססא — טולאָן — געבאָרען 1851 — אָנגעשטעלט אלס קאָמיסאר־געהילף 1871, אונטער־קאָמיסאר 1875.

— איז ער שוין אמאָל געוועזן אויף'ן ים?

ביי דער דאָזיגער פראגע האָט קאראוואַן גאָר גענומען שיינען און דער בויך האָט זיך ביי איהם גענומען טרייסלען פאר געלעכ־טער.

— ער איז פונקט אזוי געוועזן אויף'ן ים, ווי זיין שעף באלען.

און ער האָט צוגעגעבען, לאכענדיג נאָך שטאַרקער:

— זיי קאָנען פאָהרען אין שיפלאך אויף דער סיינע, אָבער אויף'ן ים וואָלטען זיי גאָר מורא געהאט צו פאָהרען, זיי קאָנען נאָך חלילה קריגען די זעע־קראנקהייט.

אָבער זי איז געבליבען ערענסט, אזוי ווי זי וואָלט גאָר נישט געהערט, און האָט געברומט, קראצענדיג זיך אונטער דער מאָרדע:

— ווען מיר וואָלטען געהאַט כאָטש איין דעפּוטאַט, וועמען מיר זאָלען עס קאָנען דערצעהלען, דאַן וואָלטען דעם דעפּוטירטען קאַמער קלאָר געוואָרען די אַלע סקאַנדאַלען און דער מיניסטער וואָלט שוין געפלויגען.

אויף די טרעפּ האָט זיך דערהערט אַ גוואַלדיגער געשריי. זי איז אַרויסגעלאָפען. איהרע קינדער מאַריע־לואיזע און פיליפּ־אויגוסט, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון דער גאַס, האָבען זיך אויף די טרעפּ צושלאָגען און געבריקעט איינער דעם אַנדערן מיט די פיס. די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיי מיט רציחה, אָנגעכאַפּט יעדען ביי אַן אָרם, האָט זיי גוט דורכגעטרייסעלט און זיי ביידען אַריינגעשטופּט אין שטוב.

דערזעהן דעם פאָטער, האָבען זיי זיך גלייך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם, און ער האָט זיי צערטליך געקושט, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט, גענומען זיי אויף די קניע און אָנגעהויבען מיט זיי צו שוועצען.

פיליפּ־אויגוסט איז געווען אַ שלעכט אינגעל, שמוציג פון אויבען ביז אונטען, און מיט אַ פּנים פון אַ קראַנק. מאַריע־לואיזע איז געווען צוויי טראָפּען וואַסער, איהר מאַמע, האָט גערעדט ווי זי און נאָכגעמאַכט איהרע האוואיעס. זי האָט אויך גלייך געפרעגט:

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אין דעם מיניסטעריאום?

און ער האָט געענטפערט פרעהליך:

— דיין פריינד ראַמאָן, וואָס עסט ביי אונז יעדען מאָנאַט, פערלאָזט אונז. אַ נייער אונטער־שעף וועט פערנעהמען זיין שטעלע.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר פאָטער און געזאָגט מיט רחמנות אין׳ם קול, גאָר ניט מעשה קינד:

— נאָך איינער האָט פערנומען די שטעלע פריהער פון דיר.

ער האָט מעהר ניט געלאַכט און ניט געענטפערט. דערנאָך, אום צו ריידען וועגען עטוואָס אַנדערש, האָט ער זיך אָנגערופען צו זיין פרוי:

— וואָס מאַכט די מאַמע?

זיין ווייב האָט אויפגעהערט צו רייבען, אַ קעהר געטהאָן זיך

צו איהם, האָט פעררוכט דעם הייבעל אויף'ן קאָפּ און געזאָגט מיט א ציטערענדיגער שטימע:

— נאַ, פון דיין מאַמען זאָלען מיר בעסער ניט ריידען. איך האָב פון איהר א שעהן פערגעניגען געהאַט. שטעל זיך נור פאָר, פריהער קומט אהער אריין מאַדאם לעבאַדען, דעם באַרביער'ס פרוי, האָט געוואָלט לייהען א פעקעל קראַכמעל. איך בין אין'ם שטוב ניט געווען, איז זי אוועק צו דיין מאַמען. וואָס מיינסטו? האָט דיין מאַמע זי אַרויסגעטריבען און זי נאָך גוט אָנגעזידעלט. דער־פאַר האָט דיין מאַמע פון מיר געקראָגען א גאַב. איך האָב איהר שוין פאַרגעבען. אמת, זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי הערט ניט, ווי אַלע מאָל, בעת איהר קומט אויס צו הערען פון מיר דעם אמת. אָבער זי האָט שוין גוט געהערט, א סמן האַסטו, וואָס זי איז גלייך אוועק צו זיך אין צימער.

קאַראַוואַן האָט צומישט געשוויגען. פּלוצים איז אריינגעקומען דאָס דיענסטמיידעל און האָט געמעלדעט, אַז דאָס עסען שטעהט אויף'ן טיש. דאַן, אום צו רופען זיין מוטער, האָט ער גענומען דעם בעזים, וועלכער איז אימער געשטאַנען אין'ם ווינקעל, און האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין דער סטעליע. דערנאָך איז ער אריין אין עס־צימער און זיין ווייב האָט דערוויילע, ביז די אַלטע וועט אריין, אָנגעהויבען צו גיסען די זופּ אין די טעלער. די אַלטע איז ניט געקומען און די סופּ איז קאַלט געוואָרען. זיי האָבען אָנ־געהויבען לאַנגזאַם צו עסען. ווען זיי האָבען די סופּ אויפגעגעסען און די אַלטע איז נאָך אַלץ ניט אַרונטערגעקומען, האָט מאַדאם קאַ־ראַוואַן זיך אָנגערופען מיט כעס צו איהר מאַן:

— דאָס טהוט זי מיר צו־להכעיס. אָבער דו האַלסט דאָך אי־מער מיט איהר!

ער איז נאָך מעהר צומישט געוואָרען, געפינענדיג זיך צווישען צוויי פייערען, און ער האָט געשיקט זיין מיידעל, צו רופען די באַבען, און איז געבליבען זיצען אונבעוועגליך מיט אַרונטערגעלאָזטע אוי־גען, וועהרענד זיין פרוי האָט צורייצט געקלאַפּט מיט'ן מעסער אָן דעם פּיסעל פון זיין גלעזעל.

פלוצים האָט זיך די טיר אָן עפען געטהאָן, און דאָס קינד איז אריינגעלאָפען פערסאָפּעט און בלייך און האָט געשריען:

— די באָבע איז ארונטערגעפאַלען!

קאַראוואַן איז אויפגעשפרונגען, האָט אַ וואָרף געטהאָן זיין סערוועטקע אויף'ן טיש און זיך געלאָזט לויפען אויף די טרעפּ מיט זיינע קורצע, שווערע פיס, און זיין פרוי, וועלבע האָט גערעכענט, אַז דאָס איז נור אַ נייער אָנשטעל פון דער שוויגער, איז אוועק נאָך איהם ניט איילענדיג, דריקענדיג די אַקסלען.

די אַלטע איז געלעגען אויף'ן פּנים אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג אין מיטען צימער. ווען דער זוהן האָט זי אומגעדרעהט, איז זי אַלץ געבליבען ליגען אונבעוועגליך מיט איהרע געלע קנייטשען, איהרע געשלאָסענע אויגען און צונויפגעשצימטע צייהן.

קאַראוואַן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט נעבען איהר אויף די קניע און געקרעכצט:

— מיין אָרימע מאַמע! מיין אָרימע מאַמע!

אָבער זיין פרוי האָט אַ קוק געטהאָן אויף די אַלטע און גלייך ערקלערט:

— דאָס איז גאָר נישט, גאָר נישט, זי האָט נור גע'חלש'ט. דאָס האָט זי געטהאָן אומיסטנע, אום מיר זאָלען ניט הנאה האָבען פון אונזער עסען.

מען האָט אַרויפגעלעגט דעם קערפּער אויף'ן בעט און מען האָט איהם אין גאַנצען אויסגעטאָן. און אַלע, קאַראוואַן, זיין פרוי און דאָס מיידעל, האָבען אָנגעהויבען זי צו רייבען. אָבער פיעל מען האָט איבער איהר ניט געאַרבייט, מען האָט זי ניט געקענט דערמינטערען. דאַן האָט מען אוועקגעשיקט ראָזאַליען נאָך דאָקטאָר שענע. ער האָט געוואָהנט גאַנץ ווייט און מען האָט אויף איהם לאַנג געוואַרט. צום סוף איז ער געקומען, האָט בעטראַכט, בעטאַפּט, אויסגעהערט די אַלטע און געזאָגט:

— עס איז אויס.

קאַראוואַן האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן איבער'ן קערפּער און ביטער געוויינט, האָט געקושט דעם קאַלטען פּנים פון זיין מוטער

און גרויסע טראָפּען טרערען זיינען געפאַלען פון זיינע אויגען אויף דעם פּנים פון דער טויטער ארונטער.

זיין פרוי איז אויך געווען כּלומרשט פערצווייפעלט. זי איז געשטאַנען הינטער איהר מאַן, האָט שטיל געקרעכצט און געצוואונגען געווישט זיך די אויגען.

קאַראַוואַן מיט אַן אַנגעשוואָלען פּנים און צושויבערטע, שיטערע האָאר, זעהר העסליך אין זיין אויפריכטיגען שמערץ, האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען:

—דאָקטאָר, זייט איהר אָבער זיכער, אַז זי איז טויט?

דער דאָקטאָר איז שנעל צוגעגאַנגען צום בעט און האָט בעטאַפּט די טויטע מיט דער זיכערקייט פון א סוחר, וואָס וויל ווייזען זיין סחורה:

— ליעבער פריינד, טהוט נור אַ קוק אויף איהרע אויגען!

ער האָט אויפגעהויבען דאָס אויגען-לעדעל און אונטער זיינע פינגער האָט דאָס אויג פון דער אַלטער פרוי גאָר ניט אויסגעזעהן פערענדערט, נור דער שוואַרץ-אַפּעל איז אפשר געווען אַ ביסעלע גרעסער.

קאַראַוואַן האָט דערפיהלט, אַזוי ווי עמיצער וואָלט איהם אַ האַק געטהאַן אין הארצען און אַ שרעק האָט דורכגענומען אַלע זיינע ביינער.

דאָקטאָר שענע האָט גענומען די צונויפגעקאָרטשעטע האנד, געוואָלט אויסגלייכען די פינגער און געזאָגט מיט אַ בייזען אויסדרוק, ווי צו זיינעם אַ געגנער:

— אָבער איהר זעהט דאָך די האנד. זייט רוהיג, איך האָב שוין קיינמאָל קיין טעות.

קאַראַוואַן האָט זיך אַ וואָרף געטהאַן אויפ'ן בעט מיט אַ יאָמער. זיין פרוי, ווײנענדיג איצט אַ ביסעלע מעהר, האָט גענומען צוגרייטען די נויטיגע זאכען. זי האָט צוגערוקט דעם נאַכט-טיש נעהנטער צום בעט, אויסגעשפּרייט אויף איהם אַ סערוועטקע, אוועקגעשטעלט דערויף פיער ליכט און זיי אָנגעצונדען. דערנאָך האָט זי גענומען אַ צווייגעל פון אונטער דעם שפּיעגעל, אריינגעלעגט איהם אין אַ טעלער מיט פּשוט'ן וואַסער, וואָס איז געשטאַנען צווי-

שען די ליכט, ווייל קיין געהייליגט וואסער איז ניט געווען. נאָך א קורצער איבערלעגונג, האָט זי אריינגעשאָטען אין דאָס וואסער א ביסעלע זאַלץ, מיינענדיג הפנים, אַז מיט דעם וועט זי דאָס וואַ־סער הייליגען.

ווען זי איז פארטיג געוואָרען מיט די דאָזיגע אַלע זאכען, יואָס מוזען געטהאָן ווערען לכבוד א טויטען, איז זי געבליבען שטעהן אונ־בעוועגליך. דאן האָט דאָקטאָר שענע, וועלכער האָט איהר געהאָל־פען צוגרייטען די דאָזיגע זאכען, איהר שטיל געזאָגט:

— מען דארף קאַראַוואַן'ען צונעהמען פון דאַנען.

זי האָט געענטפערט: יאָ. איז צוגעגאנגען צום מאַן, וועל־כער איז נאָך געשטאַנען אויף די קניע און האָט געוויינט נעבען דער טויטער, און האָט איהם אָנגענומען ביי איין ארם. שענע האָט איהם אָנגענומען ביים צווייטען.

צוערשט האָט מען איהם אַנידערגעזעצט אויף א שטול. זיין פרוי האָט איהם א קוש געטהאָן אין שטערן און איהם געטרייסט.

דער דאָקטאָר האָט זי אונטערשטיצט, גערעדט צו קאַראַוואַן'ען, אַז ער מוז זיין פעסט, שטארק אין זיין אונגליק. דערנאָך האָבען זיי איהם גענומען אונטער די הענד און ארויסגעפיהרט.

ער האָט געוויינט, ווי א קינד, האָט הויך געכליפעט, זיינע ארמס זיינען געהאנגען ארונטער און ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. אזוי איז ער ארונטערגעגאנגען פון די טרעפּ, האָט ניט געפיהלט, ווי ער געהט, האָט נור מעכאַניש געשלעפּט די פיס איינעם נאָך'ן אַנדערען.

מען האָט איהם אַוועקגעזעצט אין דער קרעסלאָ, וואו ער פלעגט אַלע מאָל זיצען ביים טיש, פאר זיין האלב אויסגעלעערטען טעלער, אין וועלכען דער לעפעל איז נאָך געלעגען אין דער אי־בערגעבליבענער סופּ. דאָרט איז ער געבליבען זיצען, ווי פער־שטיינערט, האָט געקוקט אויף זיין גלעזעל אזוי ניעדערגעשלאָגען, דאָס ער איז ניט אימשטאַנד געווען צו טראכטען.

זיין פרוי איז געזעסען אין א ווינקעלע און האָט גערעדט מיט'ן דאָקטאָר, זיך מיישב געווען מיט איהם וועגען פערשיעדענע איינ־

צעלהייטען, וועלכע האָבען אַ שייכות געהאַט מיט דער לויה, און געפרעגט זיין מיינונג.

צום סוף האָט דאָקטאָר שענע, וועלכער האָט, דאַכט זיך, גע־וואַרט אויף עפּעס, גענומען זיין הוט און האָט ערקלערט, אַז ער געהט, ווייל ער האָט נאָך ניט געגעסען. זי האָט אויסגעשריען:

— וואָס, איהר האָט נאָך ניט געגעסען? דאָקטאָר, בלייבט, איהר וועט עסען מיט אונז. אמת, קיין גוטע מאכלים וועט איהר ביי אונז ניט קריגען, איהר ווייסט דאָך, אַז קיין גרויסאַרטיגע טיש זיינען מיר ניט אימשטאַנד צו האַלטען.

ער האָט איהר בעדאַנקט און געוואָלט אַוועקגעהן. זי איז אָבער צו איהם צוגעשטאַנען:

— אָך, בלייבט. אין אַזוינע מינוטען איז אַ גליק צו האָבען נעבען זיך אַ פריינד. און חוץ דעם, וועט איהר אפשר קאָנען איינ־ריידען מיין מאַן, ער זאָל אויך עפּעס נעהמען אין׳ם מויל. ער האָט גאָר קיין כח ניט.

דער דאָקטאָר האָט זיך פערנייגט פאַר מאַדאַם קאַראַוואַן און אַוועקגעלעגט זיין הוט אויף אַ שטול.

— אויב אַזוי, בלייב איך. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט עפּיס געזאָגט ראָזאַליען, וועלכע איז געשטאַנען, ווי אַ גלאָמפּ פאַר שרעק, און האָט זיך דערנאָך אַליין אויך געזעצט צום טיש „דעם דאָקטאָר צוליעב" — ווי זי האָט געזאָגט.

מען האָט זיך נאָך אַ מאָל אַ נעהם געטהאָן צו דער קאַלטער סופּ. דאָקטאָר שענע האָט געבעטען אַ צווייטע טעלער. דערנאָך האָט מען דערלאַנגט אַ שיסעל מיט ליאָנער פּעטער קישקע, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער מיט אַ שטאַרקען גערוך פון ציבעלעס. מאַדאַם קאַראַוואַן האָט אויך געגעסען. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגערופען:

— פיין!

פרוי קאַראַוואַן האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— ניט אמת?

דערנאָך האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהר מאַן:

— מיין אָרימער אַלפרעד, דו פערזוך כאָטש אַ שטיקעלע, דו

האסט דאך נאך גאר נישט געגעסען. דערמאן זיך נור, דו וועסט דאך א גאנצע נאכט דארפען זיין אויף.

ער האט זי געפאלגט, פונקט ווי ער וואלט זי געפאלגט, ווען זי וואלט איהם געהייסען זיך לעגען אין'ם בעט, און ער האט אויס־געשטרעקט צו איהר זיין טעלער מיט א דערשלאגענער מינע און מיט אזא דערשלאגענער, פער'צרה'טער מינע האט ער געגעסען.

דער דאקטאר האט זיך אליין צוגעזעהן, האט דריי מאל גענומען פון דער שיסעל די קישקע און זיך אויף די טעלער געלעגט. און מאדאם קאראוואן האט פון צייט צו צייט אריינגעשטעקט דעם גאפעל אין א גרויס שטיק ברויט און עס געגעסען מיט כלומרשט א צוטראגענער מינע.

ווען מען האט דערלאנגט א סאלאט־שיסעל פון מאקאראנעס, האט דער דאקטאר ארויסגעברומט:

— אט דאס איז פיין!

אבער דאס מאל האט מאדאם קאראוואן זיך ניט געוואלט פערלאזען אויף זיין עדעלקייט און האט אליין אויסגעטהיילט יעדען זיין חלק. אפילו די קינדער האבען אויך זייערע חלקים בעקומען. זיי, די קינדער, האבען זיך איצט געפיהלט, ווי פרייע פייגלאך, האבען געטרונקען וויין ניט געמישט און זיך געבריקעוועט מיט די פיס אונטער'ן טיש.

דאקטאר שענע האט זיך דערמאנט אן דעם, ווי ראססיני האט האלד געהאט דעם דאזיגען איטאליענישען מאכל, און ער האט זיך פלוצים אנגערופען:

— ווארט, דאס גראמט זיך דאך, דאכט זיך. מען האט געקאנט א געדיכט מאכען, וואס זאל זיך אנפאנגען אזוי:

„דער גרויסער מייסטער ראססיני
האט האלד געהאט מאקאראני".

מען האט זיך ניט צוגעהערט צו איהם. מאדאם קאראוואן האט זיך פלוצים פערטראכט וועגען דער ירושה, וואס איהר שווינער'ס טויט וועט איהר אריינברענגען. איהר מאן האט געקייקעלט קיי־קעלאך פון ברויט, געלעגט זיי אויף'ן טישטוך און געקוקט אויף זיי מעשה אידיאט. און אזוי ווי ער האט פלוצים דערשפירט א ברענ־

ענדיגען דורשט, האָט ער נאָכאַנאַנד געטרונקען ווייַן, איין גלאָז נאָך א צווייטער. זיין קאָפּ, וועלכער איז שוין אָהן דעם אויך צומישט געווען פון קומער, האָט זיך איהם אין גאַנצען פערדרעהט.

דער דאָקטאָר אָבער האָט געגאָסען ווי ניט אין זיך און עס איז אַן איהם שוין קענטיג געווען, אַז ער איז שיכור. אפילו מאדאם קאראוואַן, וועלכע האָט געטרונקען נור וואסער, האָט אויך גענומען פיהלען א מין נעבעל אין'ם קאָפּ.

דאָקטאָר שענע האָט אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען אַלערליי געשיכטען וועגען טויטע, וועלכע האָבען זיך איהם אויסגעוויזען זעהר קאָמיש. וואָרים אין די דאָזיגע געגענדען אַרום פּאַריז, וואו עס וואָהנט א פּראָווינציעלע בעפעלקערונג, מערקט זיך זעהר שטארק יענע גלייכגילטיגקייט צו די טויטע, מעג דער טויטער זיין אפילו אַן אייגענער טאטע, א מאמע, יענער ניט־דרך ארץ, יענע אונבעוואוסטע גראָבקייט, וואָס מיר טרעפען ביי די פויערים אין די דערפער און גאַנץ זעלטען אין פּאַריז. ער האָט גערעדט:

— שטעלט זיך פאָר, לעצטע וואָך רופט מען מיך איינמאָל אין די רוע פּיומאַ צו א קראַנקען. איך קום צוגעהן, דער קראַנקער איז שוין טויט און נעבען זיין בעט זיצט די גאַנצע פאַמיליע און טרינקט א פלאַש סעקט, וואָס מען האָט מיט א טאָג צוריק געקויפט פאר דעם קראַנקען.

אָבער מאדאם קאראוואַן האָט גאָר ניט געהערט, וואָס ער האָט דאָרט גערעדט. זי האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגען דער ירושה. און איהר מאַן האָט קיין וואָרט ניט פערשטאַנען, אזוי צומישט איז ביי איהם געווען אין'ם מח.

מען האָט דערלאַנגט קאַפּע, עקסטרא שטאַרק געקאָכט, אום צו ערמונטערען זיך, און אין יעדער טאשע האָט מען נאָך אריינגעגאָסען א גלעזעל קאָניאַק, און דאָס האָט זיי נאָך מעהר פערשיכור'ט.

דערנאָך האָט דער דאָקטאָר פּלוצים גענומען די פלאַש קאָניאַק און אָנגעגאָסען אַלעמען „א לעצטע גלעזעלע, צום פערבייסען". קיינער האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. לאַנגזאַם האָבען זיי

אויסגעטרונקען דעם זיסען קאָניאַק, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ מין פעטען, געלען סירופּ אויף׳ן דעק פון די גלעזעלאַך.

די קינדער זיינען אַנשלאָפען געוואָרען און ראָזאַליע האָט זיי געלעגט אין בעט.

דאָ האָט קאַראַוואַן דערפיהלט אַ ברענענדיגע בעדירפניש זיך צו בעטויבען, ווי עס פיהלט אַ מאָל אַן אונגליקליכער, און ער האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזעל און נאָך אַ גלעזעל. זיין טעמפּ אויג האָט ווידער אָנגעהויבען צו לייכטען.

צום סוף האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעהויבען, אום אַוועק צו געהן, און אָנגענומען קאַראַוואַן׳ען ביים אָרם מיט די ווערטער:

— ווייסט איהר וואָס, קומט גאָר מיט. אַביסעל פרישע לופט וועט אייך ניט פערשאַדען. געגען אומעט און טרויער איז שפּאַצי־רען די בעסטע סגולה.

קאַראַוואַן האָט איהם גלייך געפאָלגט און גענומען זיין הוט און שטאָק.

זיי זיינען אַרויס, האַלטענדיג איינער דעם אַנדערן אונטער די הענד, און זיינען אַוועק צו דער סיינע צו.

דער הימעל איז געוועזען העל אויסגעשטערענט. בלומען־ריחות האָבען זיך געטראָגען אין דער וואַרימער נאַכט. וואָרים אַלע גערט־נער אין דער גאַנצער געגענד זיינען אין דער דאָזיגער צייט גע־שטאַנען אין פולער בליהונג. זייער דופט, וואָס מען האָט בייטאָג קוים געשפּירט, האָט געשיינט מיט דעם אָנקומען פון דער נאַכט צו ערוואַכען און דער נאַכט־ווינטעלע האָט איהם צוטראָגען אויף אַלע זייטען.

די ברייטע גאַס איז געווען לעדיג און שטום מיט איהרע צוויי רייהען פון גאַז־לאַנטערנעס, וואָס האָבען זיך געצויגען ביז צום אַרק דע טריאָמף. אָבער דאָרט אין דעם רויטען נעבעל האָט גע־פילדערט פּאַריז. דאָס איז געווען אַ ווילדער געפילדער, אויף וועלכען עס האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגערופען אַ פייף פון אַ צוג, וואָס איז דאָרט געפלויגען מיט פולען דאַמפּף צום ים־צו.

די פרישע לופט האָט דעם דאָקטאָר נאָך מעהר פער׳שיכור׳ט און פאַר קאַראַוואַן׳ען האָט זיך אַלסדינג געדרעהט. ער איז גע־

גאנגען ווי אין חלום, מיט אן אפגענומענעם, פאראליזירטען פער־שטאנד. ער האט קיין שמערץ ניט געפיהלט, אזוי בעטויבט איז ער געווען.

נעבען בריק האבען זיי זיך פערקירעוועט רעכטס. פון'ם טייך האט אויף זיי א ווייהע געטהאן א פרישע בריז. אומעטיג און רוהיג האט דאס וואסער געפלאסקעט צווישען הויכע פאפעל־ביימער, און די שטערנדלאך האבען זיך, דאכט זיך, אין איהם געבאדען. א פיינער, ווייסער נעבעל איז געלעגען אויף'ן צווייטען ברעג און האט אריינגעגאסען אין די ביינאכטיגע לופט א דופטענדיגע פייכט־קייט. פלוצים האט זיך קאראוואן אפגעשטעלט: דער דאזיגער נעבעל האט אויפגעוועקט אין זיין נשמה אלטע ערינערונגען פון זיינע קינדער־יאהרען.

ער האט דערזעהן זיין מאמען, ווי זי שטעהט אויף די קניע דארט אין פיקארדיע פאר זייער הויז און שווענקט גרעט אין דעם טייכעל, וואס פליסט דורך דעם גארטען. ער הערט ווי זי קלאפט די גרעט מיט איהר פריאלניק און איהר קול:

— אלפרעד, ברענג מיר די זייף!

און ער האט ווידער געפיהלט דעם זעלביגען וואסער־גערוך, דעם אייגענעם נעבעל, וואס איז אונפערגעסליך אין זיין געדעכנים גע־בליבען, געפיהלט איהם גראד היינט ביינאכט, ווען זיין מאמע איז געשטארבען.

און ווי ער איז געשטאנען אזוי, האט איהם ווידער אנגעכאפט א שרעקליכע פערצווייפלונג, אזוי ווי א בליץ וואלט פלוצים בע־לייכטעט די גאנצע גרויס פון זיין אונגליק. דער דאזיגער הויך פון'ם וואסער, וואס האט געוויייהעט אויף איהם, האט איהם אריינ־געווארפען צוריק אין דעם דונקעלען אפגרונד פון טיעפען צער. ער האט געפיהלט, ווי דאס הארץ אין איהם ווערט צוריסען איבער זיין מאמע'ס טויט, ווי זיין לעבען איז אויף צווייען צושפאלטען גע־ווארען. זיין אייגען לעבען האט איהם שוין מעהר ניט אינטערע־סירט. אלעס, וואס איז פריהער געווען, האט זיך געענדיגט; אלע ערינערונגען פון זיין יוגענד זיינען פערשוואונדען; קיינער וועט מיט איהם שוין מעהר ניט קענען ריידען וועגען זאכען, וואס

זיינען אמאָל געווען, וועגען מענשען, וועלכע ער האָט אַ מאָל גע־קאָנט, וועגען זיין היים, וועגען איהם אַליין. איין טהייל פון איהם איז היינט געשטאָרבען ; דער צווייטער וועט איצט אויך שטאַר־בען.

און ווידער האָט ער זיך דערמאָנט, און ווידער האָבען עראַי־נערונגען אין זיין גערעכנים אויפגעלעבט. ער האָט ווידער דערזעהן זיין מאַמע, אַ יונגע, אַנגעטהאָן אין די קליידער, וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געטראָגען, דאָס עס האָט זיך אויסגעדאכט, אַז זי איז צו־זאַמען מיט זיי אויסגעוואַקסען .

ער האָט זי געזעהן ביי טויזענד אַנגעלעגענהייטען, אָן וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט פערגעסען. ער האָט געזעהן איהר פּנים פאַר זיך, איהרע בעוועגונגען, איהרע מינעס, איהרע געוואָהנהיי־טען, איהרע געדאַנקען, די קנייטשען פון איהר פּנים, די בעוועגונגען פון איהרע דאַרע פינגער, אַלסדינג, וואָס האָט צו איהר געהערט און וואָס איז איצט שוין מעהר ניט געווען.

און אָנכאַפּענדיג זיך אָן דעם דאָקטאָר, האָט ער הויך אַרויס־געקרעכצט :

— מיין מאַמע ! מיין מאַמע ! מיין מאַמע !

די קניע האָבען זיך איהם אונטערגעבויגט און זיין דיקער קער־פּער האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט.

אָבער זיין שיכור'ער בעגלייטער, וועלכער האָט איצט גע־טרוימט צו פערברענגען די נאכט אין איינעם פון די פּלעצער, וואוהין ער פלעגט אַ מאָל געהן אין געהיים, איז געוואָרען אונגע־דולדיג, האָט איהם אַניעדערגעזעצט אויף'ן גראָז נעבען טייך און מיט דעם תירוץ, אַז ער דאַרף געהן צו אַ קראַנקען, האָט ער איהם איבערגעלאָזט און איז אַוועק.

קאַראַוואַן האָט געוויינט אַ לאַנגע צייט. דערנאָך, ווען ער האָט שוין מעהר קיין טרערען ניט געהאַט און ווען ער האָט זיין גאַנצען שמערץ אַרויסגעוויינט, איז איהם ווידער בעפאַלען אַ זיסע ער־לייכטערונג. אַ פּלוצימדיגע רוה האָט איהם מיט אַמאָל אַרומ־גענומען.

די לבנה איז אויפגעגאַנגען. זי האָט פערגאָסען דעם האָריזאָנט

מיט איהר רוהיגען ליכט. די גרויסע פאפעל־ביימער זיינען געשטא־נען בעזילבערט אונטער דעם ליכט פון דער לבנה, און דער נעבעל, וואס איז אויף די פעלדער געלעגען, האט אויסגעזעהן, ווי שוועבענ־דיגער שנעע. שטערענדלאך האבען זיך שוין מעהר ניט געבאדען אין'ם טייך, דאס וואסער אבער האט איצט געשימערט ווי פערעל־מוטער, און א שטיל ווינטעלע האט זיך געדרעהט איבער זיינע כוואַ־ליעס. די לופט איז געווען מילד, פול מיט געשמאקע ריחות. אי־בער דער שלעפערדיגער ערד האט זיך א זיסקייט געגאסען, און קאראוואן האט אין זיך איינגעזויגט די דאזיגע זיסקייט, ער האט זי איינגעאטהעמט טיעף, טיעף און ער האט געפיהלט, אזוי ווי א גרויסע, פרישע רוהיגקייט, א געטליכער טרייסט וואלט איהם דורכ־גענומען.

ער האט זיך געוועהרט געגען דעם דאזיגען געפיהל און גע־מורמעלט:

— מאמע ! מאמע ! מיין ארימע מאמע !

ער האט געוואלט וויינען אוים פפליכט־געפיהל, אבער ער האט עס ניט געקענט. ער איז ניט געווען מעהר אימשטאנד טרויעריג צו זיין. די געדאנקען, וואס האבען פריהער ביי איהם טרערען ארויסגעריסען, האבען איהם מעהר ניט געריהרט.

דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען, אום צו געהן אהיים, און איז אוועק לאנגזאם דורך די שטילע, שווייגענדיגע לאנדשאפט מיט רוה און פריעדען אין'ם הארצען.

ווען ער איז צוגעגאנגען צום בריק, האט ער דערזעהן די לאנ־טערנע פון דעם טראמוואי, וועלכער איז דארט געשטאנען און האט געהאלטעןביים אפפאהרען, און אהינטער איהם די בעלייכטעטע פענסטער פון קאפע־גלאבוס.

און עס האט זיך פלוצים אין איהם ערוועקט א בעדירפניש, אויסצורריידען דאס הארץ פאר וועמען, רחמנות ארויסצורופען און מאכען זיך אינטערעסאנט. ער האט אנגענומען א טרויעריגע מינע, געעפענט די טיר פון דעם קאפע־הויז און איז צוגעגאנגען צום שענק־טיש, הינטער וועלכען דער בעל הבית איז נאך אלץ געשטאנען. ער האט געהאפט, אן איינדרוק צו מאכען. ער האט געמיינט, אז אלע

וועלען זיך אויפהייבען פון זייערע ערטער, וועלען צוגעהן צו איהם, וועלען איהם די האנד געבען און פרעגען:

— וואָס פעהלט אייך? איהר זעהט אויס עפּעס...

אָבער קיינער האָט זיין טרויער ניט בעמערקט. דאן האָט ער זיך אָנגעשפּארט אָן דעם שענק־טיש, פערדעקט דעם פּנים מיט די הענד און געשטאמעלט:

— מיין גאָט! מיין גאָט!

דער בעל הבית האָט איהם אָנגעקוקט:

— איהר זייט קראנק, הערר קאראוואן?

ער האָט געענטפערט:

— ניין, ליעבער פריינד, אָבער מיין מוטער איז היינט גע־שטאָרבען.

יענער האָט צוטראָגען ארויסגערעדט:

— אַך!

און אזוי ווי א גאסט אויף דער אנדער זייט האָט גראָד דער־מאָלט געפאָדערט א גלאז ביער, האָט דער בעל הבית א געשריי גע־טהאָן הויך אויף'ן קול:

— אָט גלייך, מיין הערר!

און ער איז אוועק, אנגיסען דאָס ביער און האָט איבערגע־לאָזט קאראוואן'ען, וועלכער איז געבליבען שטעהן ווי אַן אויסגע־פּאטשטער.

די דריי דאָמינאָ־שפּיעלער, וועלכע ער האָט דאָ געטראָפען פריהער פארנאכט, זיינען נאָך איצט געזעסען נעבען דעם זעלבי־גען טיש. קאראוואן איז צוגעגאנגען צו זיי אין דער האָפנונג, ביי זיי מיטלייד צו געפינען. אָבער אזוי ווי קיינער האָט איהם ניט בעמערקט, האָט ער אליין אָנגעהויבען:

— זייט איך האָב אייך פריהער געזעהן, האָט מיר א שרעקליך אונגליק געטראָפען.

אלע דריי האָבען אין איין צייט אויפגעהויבען די קעפּ, האָבען אָבער געקוקט מעהר אויף די שטיינער, וואָס זיי האָבען אין די הענד געהאלטען, ווי אויף איהם:

— וואָס איז געשעהן?

— מיין מוטער איז געשטאָרבען.

איינער פון זיי האָט א בורטשע געטהאָן :

— אך, טייפעל !

און געמאכט דערביי בלומרשט א טרויעריגע מינע.

א צווייטער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען, האָט ער א שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ און ארויסגעלאָזט א לאנגען, הויכען פייף. דער דריטער האָט אָנגעקוקט קאראוואן׳ען מיט אזא מינע, אקוראט ווי ער וואָלט געזאָגט : „דאָס אלעס ?“ און באלד ווידער גענומען זעצען די שטיינער.

קאראוואן האָט זיך ניט גערינגט אויף אזא גלייכגילטיגקייט פון מענשען צו דעם אונגליק פון א פריינד, און ער איז אוועק א היים.

זיין פרוי האָט געוואַרט אויף איהם. זי איז געזעסען אין א נאכט-העמד אויף א שטול, נאָהענט נעבען אָפענעם פענסטער, און האָט געטראכט וועגען דער ירושה.

זי האָט זיך אָנגערופען :

— טהו זיך אויס, מיר וועלען ריידען, ווען מיר וועלען זיין אין׳ם בעט.

ער האָט פעררייסען דעם קאָפּ צום באלקען און געזאָגט :

— אָבער... דאָרט... אויבען... איז דאָך קיינער !...

— ראָזאליע איז נעבען איהר. און א זייגער דריי וועסטו זי אומבייטען. ביז דאן וועסטו קאָנען אביסעל שלאָפען.

דאָך האָט ער זיך אין גאנצען ניט אויסגעטאָן, אום פאר יעדען פאל גרייט צו זיין, האָט אָנגעטהאָן זיין נאכט-מיצעל און איז אריינגעקראָכען אין בעט.

א ווײלע זיינען זיי געזעסען איינער נעבען אנדערן אין׳ם בעט און האָבען געשוויגען. זי האָט געטראכט.

איהר הייבעל, וואָס איז אפילו איצט אויך געווען בעפּוצט מיט א רויטער לענטע, האָט זיך ביי איהר ארונטערגערוקט אויף אן אויער, ווי געוועהנליך.

פלוצים האָט זי א קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהם און גע-זאָגט :

— ווייסטו ניט, אויב דיין מאמע האָט איבערגעלאָזט א צוואה ?

ער האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— איך גלויב, אַז ניט.

זיין ווייב האָט אַ קוק געטהאָן איהם גלייך אין די אויגען און געזאָגט צורייצט:

— זעהסטו, דאָס איז אַ געמיינהייט! גאַנצע צעהן יאָהר האָבען מיר פון זיך די הויט געשונדען, אום איהר זאָל גאָר נישט פעהלען, זי האָט געוואָהנט ביי אונז, מיר האָבען איהר געגעבען עסען און טרינקען. דיין שוועסטער וואָלט עס ניט געטהאָן און איך אַליין וואָלט עס אויך ניט געטהאָן, ווען איך זאָל זיך ריכטען, אַז זי וועט מיך אַזוי בעדאַנקען! יאָ, דאָס איז אַ שמאַך און אַ חרפּה פאַר איהר אנדענקען. דו וועסט מיר אפשר זאָגען, אַז זי האָט געצאָהלט פאַר זיך, אמת; אָבער דאָס וואָס איך האָב געטהאָן פאַר איהר, דאָס קען מען ניט מעסטען מיט קיין געלד, דאָס ווערט בעלוינט אין אַ צואה נאָך׳ן טויט. אַזוי האַנדלען אנשטענדיגע לייט. און ווי אַזוי האָט זי געהאַנדעלט געגען מיר פאַר אַלע מיינע זאָרג, פאַר מיין גאַנצע מיה? זעהר שעהן! זעהר פיין!

קאַראַוואַן האָט געשטאַמעלט צושראָקען:

— ליעבינקע, טהייערינקע, איך בעט דיך, איך בעט דיך!

צום סוף האָט זי זיך בערוהיגט און ווידער אָנגענומען איהר געוועהנליכען טאָן:

— דאַרפסט טעלעגראַפירען דער שוועסטער.

— טאַקי! איך האָב גאָר פערגעסען. גלייך אין דער־פריה וועל איך איהר טעלעגראַפירען.

— ניין, דו וועסט איהר ערשט טעלעגראַפירען אַ זייגער עלף. אַ פריהער דאַרפען מיר זיך אַרומזעהן, איידער זי קומט. אין צוויי שטונדען איז זי דאָ. מיר וועלען איהר זאָגען, אַז דו ביזט אַזוי צומישט געווען, דאָס דו האָסט אפילו פערגעסען אָן איהר.

דאָ האָט קאַראַוואַן זיך אַ פּאַטש געטהאָן אין שטערן און מיט אַ צושראָקען קול, מיט אַזאַ, מיט וועלכען ער פלעגט ריידען צו זיין שעף אין דעם מיניסטעריאום, ווארים דער געדאַנק אַליין וועגען זיין שעף האָט איהם געמאכט ציטערען, האָט ער געזאָגט:

— מען מוז לאָזען וויסען אין דאָס מיניסטעריאום.

זי האָט געענטפערט :

— ניט נויטיג. ביי אַזעלכע געלעגענהייטען איז ערלויבט צו פערגעסען. זאָל טאַקי דיין שעף זיך דאָרט קאָכען, ווען דו וועסט אָבער דערנאָך קומען און איהם זאָגען, אַז דיין מוטער איז געשטאָרבען, וועט ער מוזען שווייגען.

— יאָ, דאָס איז אמת — האָט ער געזאָגט — ער וועט שרייען, זיך קאָכען, קעהרען אַ וועלט, ווען ער וועט זעהן, אַז איך בין ניטאָ. ווען איך וועל איהם אָבער שפּעטער זאָגען, פאַרוואָס איך בין ניט געווען, וועט ער בלייבען מיט אַ נאָז.

און דער בעאַמטער האָט זיך פאַר פערגעניגען די הענד געריבען, פאַרשטעלענדיג זיך די מינע, וואָס זיין שעף וועט מאַכען, בעת ער וועט עס איהם זאָגען. ער האָט גאָר אין גאַנצען פערגעסען, אַז איבער איהם ליעגט זיין מאַמע אַ טויטע.

מאַדאַם קאַראַוואַן האָט ווידער אָנגעקוקט איהר מאַן און דאָס מאָל מיט אַזאַ מינע, אַז וועלכער מען האָט זיך גלייך געקאָנט אָנשטויסען, אַז זי האָט עפּעס אין׳ם זינען, וואָס לאָזט זי ניט רוהען. צום סוף האָט זי אַרויסגערעדט :

— דיין מאַמע האָט דאָך דיר געשענקט אַ זייגער, ניט אמת ? אָט דעם זייגער מיט דער פיגור פון דער מיידעל מיט׳ן בעכער ?

ער האָט זיך דערמאָנט און געענטפערט :

— יאָ, יאָ, זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר איהם שענקען, אָבער שוין אַזוי לאַנג צוריק, ווען זי האָט צו אונז אַריינגעצויגען. זי האָט מיר דעמאָלט געזאָגט : „ווען דו וועסט מיך גוט בעהאַנדלען, וועל איך דיר דעם זייגער שענקען“.

זיין פרוי האָט זיך בערוהיגט און איהר פּנים האָט גענומען שיינען :

— אויב אַזוי, דאַרף מען דעם זייגער גלייך צונעהמען. וואָרים ווען מיר זאָלען וואַרטען, ביז דיין שוועסטער וועט קומען, קאָן זי נאָך איהם צונעהמען.

ער האָט זיך געקווענקעלט :

— אָבער... אָבער...

זי איז בייז געוואָרען :

— וואָס „אָבער“ ? קיין „אָבער“ ! מיר וועלן צונעהמען, קיינער וועט ניט וויסען און ער וועט בלייבען ביי אונז. דאָס איי־גענע מיט איהר קאָמאָדע, וועלכע איז בעדעקט מיט מאַרמאָר. די קאָמאָדע האָט זי מיר אויך אמאָל פערשפּראָכען צו שענקען, בעת זי איז געווען גוט אויפגעלעגט. מיר וועלן זי גלייך אַרונטער־טראָגען.

קאַראַוואַן האָט הפנים קיין חשק געהאַט עס צו טהאָן און ער האָט זיך אָנגערופען :

— אָבער, טהייערינקע, דאָס איז עפּעס ניט רעכט.

זי האָט אַ געשריי געטהאָן אויף איהם :

— אזוי מיינסטו ? דו וועסט זיך קיינמאָל ניט אויסמענש־לען. דו וועסט גיכער לאָזען דיינע קינדער אויסגעהן פאַר הונגער, איידער דו זאָלסט עפּעס טהאָן. פון דער מינוט אָן, וואָס זי האָט מיר פערשפּראָכען די קאָמאָדע צו שענקען, איז זי מיינע. און אויב דיין שוועסטער וועט עס ניט געפעלען, זאָל זי האָבען טענות צו מיר, צו מיר ! איך לאַך זיך אויס פון דיין שוועסטער׳ם קאָפּ ! נו, שטעה אויף ! מיר וועלען גלייך אַרונטערטראָגען די קאָמאָדע, וואָס דיין מאַמע האָט אונז געשענקט.

ציטערענדיג איז ער פון׳ם בעט אַרויסגעקראָכען. ווען ער האָט די הויזען געוואָלט אָנטהאָן, האָט זי איהם ניט געלאָזט :

— צו־וואָס דאַרפסטו זיך אָנטאָן ? דו וועסט קאָנען אַרונ־טערטראָגען די קאָמאָדע אין אונטער־הויזען אויך. איך וועל זיך אויך ניט אָנטאָן.

און ביידע זיינען אַוועק אויבען, וואו די טויטע איז געלעגען, ער אָהן הויזען און זי אין איין נאַכט־העמד, און זיי האָבען שטיל געעפענט די טיר, אריין אין דאָס צימער, וואו די פיער ליכט האָבען געברענט אַרום דעם טעלער מיט׳ן צוויג. ראָזאַליע, וואָס האָט גע־זאָלט וואַכען נעבען דער טויטער, איז געלעגען אין קרעסלאָ, די פיס אויסגעצויגען, דעם קאָפּ פערוואָרפען אויף אַ זייט, מיט אַן אָפענעם מויל און האָט געכראָפּעט.

קאַראַוואַן האָט גענומען דעם זייגער.

זיין ווייב האָט זיך אָנגערופען :

— דעם זייגער גיעב מיר און דו נעהם די מאַרמאָרנע ברעט פון דער קאָמאָדע.

ער האָט אַ זיפץ געטהאָן און מיט גרויסער מיה זיך אַרויפגע־לעגט די מאַרמאָרנע ברעט אויף׳ן אַקסעל. דערנאָך זיינען זיי אַרונ־טערגעגאַנגען. קאַראַוואַן האָט זיך איינגעבויגען אונטער דער טיר און איז אַרונטער די טרעפּ מיט ציטערענדיגע קניע. זיין פרוי איז געגאַנגען פאַר איהם הינטערווייליגעבע, האָט אין איין האנד געהאַל־טען אַ ברענענדיג ליכט און אין דער צווייטער דעם זייגער.

ווען זיי זיינען געווען אונטען ביי זיך, האָט זי אָפּגעצויגען דעם אָטהעם און געזאָגט :

— איצט ווע‍לען מיר געהן נאָך דער קאָמאָדע.

אָבער די שופלאָדען זיינען אַלע אָנגעשטאָפּט געווען מיט אַלטע שמאַטעס. דאָס אַלעס האָט מען געמוזט אַרויסנעהמען. מאַדאַם קאַראַוואַן האָט געפונען אַן עצה :

— ברענג אַקאַרשט אַרויף דעם הילצערנעם קופערט פון׳ם פּיהרהויז. ער איז סיי־ווי־סיי גאָר נישט ווערטה און מיר קאָנען איהם דאָ אַוועקשטעלען.

באַלד איז דער קופערט אַרויפגעבראַכט געוואָרען און זיי האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צום אויספּאַקען די שופלאָדען.

זיי האָבען אַרויסגענומען מאַנזשעטען, קראַגעלאַך, העמדער, הייבלאַך, דאָס האָב און גוטס פון דער פרוי, וואָס איז דאָרט גע־לעגען הינטער זיי אויסגעצויגען, און עס ריכטיג מיט אַן אָרדנונג אויסגעלעגט אין׳ם קופערט, אום אָפּצונאַרען די מאַדאַם בראַ, דאָס אַנדערע קינד פון דער פערשטאָרבענער, בעת זי וועט מאָרגען קומען.

ווען זיי זיינען מיט דעם פאַרטיג געוואָרען, האָבען זיי אַ פריהער אַרונטערגעטראָגען די שופלאָדען און דערנאָך די קאָמאָדע אין גאַנ־צען. און לאַנג האָבען זיי זיך מיישב געווען, וואו זי בעסער צו שטעלען.

צום סוף האָבען זיי די קאָמאָדע אַריינגעשטעלט אין דאָס שלאָף־צימער געגען בעט צווישען די צוויי פענסטער, און מאַדאַם קאַראַוואַן האָט זיך גלייך אַ נעהם געטהאָן, איהם אָנצופּאַקען מיט איהרע אייגענע וועש. דעם זייגער האָבען זיי אַוועקגעשטעלט אין

דעם עס־צימער אויף'ן קאמין און מאן און ווייב האבען פון איהם אנגעקוואלען.

— אן אמת'ע ציערונג פאר א הויז — האט זי געזאגט.

— יא, זעהר שעהן! — האט ער געענטפערט.

דערנאך האבען זיי זיך געלעגט שלאפען. זי האט פערלאשען דאס ליכט, און באלד איז אלסדינג אין דעם דאזיגען הויז פערזונקען געוועזען אין א פריעדליכען שלומער.

עס איז שוין געווען גרויסער טאג, ווען קאראוואן האט די אויגען געעפענט. א פריהער האט ער געוועזט גאר ניט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט, און עס האט איהם גענומען עטליכע מינוט, ביז ער האט זיך דערמאנט אן דעם, וואס אין זיין הויז האט געטראפען. און דערמאנט זיך, איז ער ווידער שטארק גערירט געווארען און האט זיך שיעור ניט צו־וויינט.

ער האט זיך גיך אנגעטהאן און איז שנעל ארויף אויבען, וואו ראזאליע איז נאך געשלאפען אין דער אייגענער פאזע ווי ביינאכט.

ער האט זי ארויסגעשיקט, אנגעצונדען נייע ליכט, דערנאך האט ער אנגעהויבען צו קוקען אויף זיין מאמע'ן און אלערליי כלומרשט טיעפזיניגע געדאנקען, רעליגיעזע און פילאזאפישע באנאליטעטען, האבען זיך אנגעפאנגען צו טראגען אין זיין מוח, ווי געוועהנליך ביי מיטעלמעסיגע מענשען, בעת זיי דערזעהן פאר זיך נאהענט דעם טויט.

אבער זיין ווייב האט איהם א רוף געטהאן און ער איז ארונטער־געגאנגען.

זי האט אנגעשריבען, וואס ער האט היינט אין דער־פריה גע־דארפט טהאן און איהם דערלאנגט א ליסטע. ער איז פערטריי־כעלט געווארען, בעת ער האט עס גענומען לעזען:

1. לאזען וויסען דעם מער.
2. ארויסנעהמען א טויטען־שיין ביי א דאקטאר.
3. באשטעלען א טרונע.
4. אריבערגעהן צום פריסט.
5. צו דער בעערדיגונגס־געזעלשאפט.
6. אין דרוק, צו באשטעלען טרויער־בריעף.

7. צום נאָטאַריוס.
8. טעלעגראַפירען צו זיין שוועסטער.

און נאָך און נאָך און נאָך. ער האָט גענומען זיין הוט און איז אַוועק.

דערווייל האָט זיך די נייעס צוטראָגען, און שכנות זיינען געקומען, צו זעהן די טויטע.

אונטען, ביים באַרביער, איז זאָגאַר אַ סצענע אַרויסגעקומען וועגען דעם צווישען באַרביער און זיין ווייב. דער מאַן האָט גע־ראַזירט אַ קונד, איז אַריינגעקומען זיין ווייב מיט אַ זאַק אין דער האַנד און געזאָגט:

— מען דאַרף געהן אַ קוק טהאָן. איך האָב זי אַפילו פיינד געהאַט. נאָך אַזאַ קאַרגע קען מען גאָר אין דער וועלט ניט געפי־נען, פונדעסטוועגען וועל איך אַרויפגעהן, אַ קוק טהאָן.

דער מאַן האָט אַרויסגעברומט, זייפענדיג דעם פּנים פון זיין קונד:

— וואָס פעלט דיר איין? וועניג האָט זי דיך געערגערט, בעת זי האָט געלעבט, דאַרפסטו, זי זאָל דיך ערגערען, בעת זי איז טויט אויך!

אָבער זיין ווייב האָט איהם ניט געוואָלט הערען:

— איך מוז אַרויפגעהן, איך מוז. אויב איך זאָל זי ניט זעהן, דאַכט זיך מיר, וועל איך מיין גאַנץ לעבען וועגען איהר טראַכטען. אָבער ווען איך וועל גוט אַ קוק טהאָן אויף איהר און זיך גוט אַריינ־נעהמען איהר פּנים אין מיין זינען, וועל איך זיך בערוהיגען.

דער באַרביער האָט אַ דריק געטהאָן די אַקסלען און זיך אָנ־גערופען צו דעם הערר, וועלכען ער האָט די באַקען געסקראָבעט:

— איהר הערט, וואָס פאַר אַ פאָלק די ווייבער זיינען! אויף אַ פערגעניגען אָנצוקוקען אַ טויטען!

אָבער זיין ווייב האָט ערקלערט:

— אומזיסט דיינע רייד, איך געה!

און זי האָט אַ וואָרף געטהאָן איהר זאַק אויף'ן טיש און איז אַוועק אויבען.

דאָרט זיינען שוין געשטאַנען צוויי שכנות און האָבען גערעדט

מיט מאַדאַם קאַראַוואַן, וועלכע האָט דערצעהלט, ווי אַזוי די אַלטע איז געשטאָרבען.

זיי זיינען אַוועק צו דער טויטער אין'ם צימער. אויף די שפּיץ־פינגער זיינען די ווייבער אריינגעטראָטען, האָבען בעשפּריצט דאָס בעט, איינער נאָך דער אַנדערער, מיט דעם זאַלץ־וואַסער, זיך אויף די קניע געשטעלט, איבערגע'צלם'ט זיך און תפילות געמורמעלט. דערנאָך זיינען זיי אויפגעשטאַנען, האָבען לאַנג, מיט אָפענע מיילער און אויסגעשצירעטע אויגען, געקוקט אויף די טויטע און די שנור האָט בעת דעם געדריקט אַ טיכעל צו די אויגען און זיך געמאַכט, ווי זי ווערט דערשטיקט פאַר געוויין.

אַז זי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, אום ארויסצוגעהן, האָט זי בעמערקט נעבען דער טיר מאַריע־לואיזע און פיליפּ־אויגוסט. ביידע זיינען געווען ניט אָנגעטאָן, אין איין העמד, און זיי האָבען נייגעריג געקוקט.

מאַדאַם קאַראַוואַן האָט פערגעסען איהר כלומרשטיגען טרויער און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף זיי מיט אַן אויפגעהויבענער האַנד.

— ארויס, מחבלים ! — האָט זי געשריען.

שפּעטער אַ ווייל‍ע, ווען זי איז צום צווייטען מאָל אריינגעקומען מיט אַנאַנדער מחנה שכנות און האָט נאָך אַמאָל בעשפּריצט דאָס בעט און נאָך אַ מאָל זיך געשטעלט אויף די קניע און תפילות געזאָגט, און נאָך אַ מאָל געוויזען די שכנות, ווי פערצווייפעלט זי איז, האָט זי ווידער דערזעהן איהרע קינדער הינטער'ן רוקען און זיי גוט אָנגעשלאָגען. אָבער דערנאָך האָט זי זיי מעהר ניט געטשעפּעט און יעדעס מאָל, ווען נייע בעזוכער זיינען געקומען, זיינען די ביידע ווידליקעס אריינגעקומען מיט זיי, האָבען זיך געשטעלט אויף די קניע און נאָכגעטהאָן אַלסדינג, וואָס זייער מאַמע האָט געטהאָן.

נאָכמיטאָג איז געקומען ווניגער עולם און באַלד האָט מען אין גאַנצען אויפגעהערט צו קומען. מאַדאַם קאַראַוואַן איז ווידער ארונטערגעגאַנגען צו זיך אונטען און האָט זיך פערנומען מיט די פּאָרברייטונגען צו דער לויה־צערעמאָניע. די טויטע איז געבליבען אַליין.

דאָס פענסטער פון איהר צימער איז געווען אָפען. א שטיקענ־דיגע היץ האָט זיך אַריינגעריסען פון דרויסען צוזאַמען מיט וואָל־קענעם שטויב. די פלאַמען פון די ליכט נעבען דער טויטער האָבען געפלאַקערט און זיך געצויגען אַהין און אַהער, און אויף דעם לייַלאַך, אויף דעם פנים, אויף די צוגעמאַכטע אויגען, אויף דיביידע אויסגעשטרעקטע הענד האָבען פליגען ארומגעטאַנצט.

מאַריע־לואיזע און פיליפ־אויגוסט זיינען ווידער אַרונטערגע־לאָפען אויף דער גאַס. באַלד האָט זיך פערזאַמעלט אַרום זיי א גאַנצע מענגע קינדער, בעזאָנדערס קליינע מיידלאַך, און זיי האָבען געפרעגט ווי ערוואַקסענע:

— דיין באַבע איז געשטאָרבען?

— יאָ, נעכטען ביינאַכט.

— ווי קוקט אוים א טויטער?

און מאַריע־לואיזע האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען די ליכט, וועגען דאָס געהייליגט וואַסער און וועגען דאָס געזיכט פון דער טויטער. אין די קינדער האָט זיך די נייגעריגקייט אויפגעכאַפּט און זיי האָבען אויך געוואָלט ארויפגעהן, זעהן די טויטע.

און גלייך האָט מאַריע־לואיזע אָרגאַניזירט די ערשטע עקס־פּעדיציאָן, פינף מיידעלאַך און צוויי אינגלאַך, די צוויי גרעסטע און שטאַרקסטע. זיי האָבען געמוזט די שיך אויסטהאָן, אום מען זאָל ניט הערען זייערע טריט. די דאָזיגע כאַפּטע האָט זיך איינגע־גנב׳עט אין דאָס הויז און זיינען אַרויף די טרעפּ אויף די שפּיץ־פינגער.

און אריינגעקומען אין דאָס צימער, האָט מאַריע־לואיזע נאָכ־געטהאָן איהר מאַמע׳ן. זי האָט זיך פייערליך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע, איבערגע׳צלם׳ט זיך, בעוועגט די ליפּען, איז ווידער אויפ־געשטאַנען, האָט בעשפּריצט דאָס בעט און וועהרענד די קינדער, צונויפגעדרענגט אין איין קופּקע, זיינען געשטאַנען נעבען דעם בעט און האָבען נייגעריג און צושראָקען און דאָך גליקלאַך געקוקט אויף דעם פנים און די הענד פון דער טויטער, האָט זי זיך געמאַכט, ווי זי כליפּעט און געדריקט דאָס קליין טיכעל צום פנים. דערנאָך, דערמאָנט זיך, אַז עס זיינען נאָך פאַרהאַן אַנדערע, וואָס וואַרטען

דאָרט אונטען, אום צו זעהן איהר טויטע באבע'ן, האָט זי די ארויס־געפיהרט און דערנאָך אריינגעבראַכט אַ צווייטע כאַפּטע קינדער און אַ דריטע און אַ פערטע, וואָרים אַלע קינדער פון דער גאַנצער געגענד, אפילו די בעטלער־קינדער, זיינען זיך צונויפגעלאָפען אויף דעם דאַזיגען בייז־וואונדער, און יעדעס מאָל האָט זי נאָכגעמאַכט איהר מאַמע'ן.

צום סוף אָבער האָט עס איהר דערעסען. אנאַנדער שפּיעל האָט די קינדער פעראינטערעסירט, און די אַלטע באבע איז געבלי־בען אַליין, פון דער גאַנצער וועלט פערגעסען.

אין'ם צימער איז געוואָרען דונקעל און אויף דעם איינגעפאַ־לענעם, צוקנייטשטען פּנים האָט געציטערט דער שיין פון די ליכט.

אַ זייגער אַכט איז קאַראַוואַן אריינגעקומען, האָט פערמאַכט דאָס פענסטער און אומגעביטען די ליכט. איצט איז ער אריינגע־קומען גאַנץ רוהיג. ער איז שוין געווען געוועהנט צו זעהן די טויטע, אַקוראַט ווי זי וואָלט חדשים לאַנג דאָרט געלעגען. ער האָט זאָגאַר בעמערקט, אַז זי האָט זיך גאָר ניט פערענדערט. דאָס האָט ער אויך געזאָגט זיין פרוי, בעת זיי האָבען זיך געזעצט ביים טיש. זי האָט געענטפערט:

— און אַז זי וועט ליגען אַ יאָהר, וועט זי זיך דען ענדערען? זי איז דאָך פון האָלץ!

ער האָט געשוויגען און די סוף געגעסען. די קינדער, וואָס זיי־נען מיעד געווען פון'ם שטיפען, זיינען איינגעשלאָפען אויף זייערע שטולען. עס איז געווען שטיל.

פלוצים האָט דער קעראָסין־לאָמפּ אַנגעהויבען אויסצוגעהן. מאַדאַם קאַראַוואַן האָט ארויסגעדרעהט דעם קנייטעל, ער האָט אָנ־געהויבען צו קנאַקען און דער לאָמפּ האָט זיך פערלאָשען. זיי האָ־בען פערגעסען קעראָסין צו קויפען. זיי האָבען געוואָלט אָנצינדען אַ ליכט, איז קיין ליכט אויך ניט געווען, אויסער יענע, וואָס האָבען געברענט אין דעם צימער אויבען, נעבען דער טויטער.

מאַדאַם קאַראַוואַן האָט געהייסען מאַריע־לואיזע'ן, זי זאָל שנעל ארונטערברענגען צוויי ליכט פון אויבען. און מען האָט גע־וואַרט אין דער פינסטערניש.

זיי האָבען דרייטליך געהערט פון אויבען די טריט פון דער מיידעל, וועלכע איז געגאנגען אויף די טרעפּ, דערנאָך איז א וויילע געוועז שטיל און דערנאָך האָט זיך דערהערט דער געלאָף פון דער מיידעל, וועלכע האָט האסטיג אַן עפּען געטהאָן די טיר און מיט א קול, נאָך מעהר צושראָקען ווי נעכטען, בעת זי האָט אָנגעזאָגט, אז די באָבע ליעגט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען:

— אוי פּאַפּא, די באָבע טהוט זיך אָן!

קאַראַוואַן האָט זיך אַזאַ הויב געטהאָן אין דער הויך, דאָס זיין שטול איז צו דער וואַנד געפלויגען און ער האָט געשטאַמעלט:

— וואָס זאָגסטו? וואָס רעדסטו?

אָבער מאריע־לואיזע האָט פאר שרעק קוים געקאָנט ריידען און זי האָט געשטאַמעלט:

— די באַ־באַ־באַ — באָבע טהוט זיך אָן. זי וועט גלייך ארונטערקומען.

אַזוי ווי א משוגענער, האָט ער זיך א וואָרף געטהאָן צו דער טיר און איז געלאָפען אויף די טרעפּ און זיין ווייב נאָך איהם. אָבער נעבען דער טיר פון יענעם צימער איז ער געבליבען שטעהן און ניט געוואגט אריינצוטרעטען, אַזאַ שרעק האָט איהם אָנגעכאַפּט. זיין ווייב איז געוועז מעהר העלד ווי ער, האָט זי א דריק געטהאָן די קליאַמקע און איז אין׳ס צימער אריין.

עס איז געוועז פינסטער, און אין מיטען צימער האָט זיך בעוועגט א הויכע, מאָגערע בעשעפעניש אהין און צוריק. די אַלטע איז ארומגעגאנגען א לעבעדיגע.

בעת זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר לעטאַרגישען שלאָף, איז איידער זי האָט זיך נאָך ריכטיג אָפּגעשוכעט, האָט זי זיך א קעהר געטהאָן, אָנגעשפּארט זיך אָן איהר עלענבויגען און אויסגעבלאָזט די דריי ליכט, וואָס האָבען געברענט נעבען איהר טויטען־בעט. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבען און געוואָלט עפּעס אַרויסנעהמען פון איהר קאָמאָדע. ווען זי האָט איהר קאָמאָדע ניט געזעהן, האָט זי זיך צוערשט דערשראָקען. אָבער ביסלעכווייז האָט זי גע

פונען אלסדינג, וואס זי האט געראפט, אין דעם קופערט און זיך רוהיג אנגעטאן.

דערנאך האט זי אויסגעטרונקען דאס וואסער פון'ם טעלער, דעם צווייג ווידער הינטער'ן שפיגעל בעהאלטען, די שטולען אויף זייערע פלעצער אוועקגעשטעלט און געוואלט שוין ארונטערגעהן, ערשט איהר זוהן און שנור זיינען אריינגעלאפען.

קאראוואן האט זיך א ווארף געטהאן צו איהר, אנגעכאפט איה־רע הענד, געקושט זי און געוויינט. זיין פרוי איז געשטאנען הינ־טער איהם און האט געמורמעלט:

— וואס פאר א גליק! אזא גליק, אזא גליק!

אבער די אלטע איז גאר ניט גוט אויפגעלעגט געווען, געשטא־נען קאלט און שטייף, ווי א שטיק האלץ, און האט געשוויגען. דער־נאך האט זי זיך אנגערופען מיט אונצופריעדענהייט אין'ם קול:

— איז דא וואס צו עסען?

דא האט קאראוואן אין גאנצען פערלארען דעם קאפ און גע־שטאמעלט:

— יא, מאמע, מיר האבען אויף דיר געווארט.

און ער האט זי א כאפ געטהאן אונטער'ן ארם, גאר ניט ווי זיין געוואהנהייט איז געווען, און זיין ווייב האט גענומען א ליכט און זיי דעם וועג בעלייכטעט, געהענדיג פון די טרעפ הינטערוויי־לעכץ, ווי זי האט עס געטהאן נעכטען ביי נאכט, בעת איהר מאן האט ארונטערגעטראגען די מארמארנע ברעט פון דער קאמאדע.

אונטען האבען זיי זיך אנגעשטויסען אן מענשען, וועלכע זיי־נען אויף די טרעפ געגאנגען. דאס איז געווען מאדאם ברא, דער אלטער'ס טאכטער, און איהר מאן, וועלכע זיינען נור־וואס אנ־געקומען.

מאדאם ברא איז געווען א שווערע, דיקע פרוי מיט א שטארק אויפגעבלאזענעם בויך, אזוי ווי זי וואלט געהאט די וואסערזוכט. אז זי האט דערזעהן איהר מאמע'ן, האט זי אויסגעשצירעט די אויי־גען און געוואלט אנטלויפען. איהר מאן, א שוסטער און א סאָ־ציאלסט, א קליינציקער, מיט א פנים אין גאנצען בעוואקסען מיט האאר, עהנליך צו אן אפפע, האט זיך גלייכגילטיג אנגערופען:

— וואָס ? זי איז גאָר אויפגעשטאַנען תחית המתים ?

דערזעהן זיי, האָט די אַלטע גענומען מאַכען צו זיי פערצווייי־פעלטע האַוואיעס. דערנאָך האָט זי געזאָגט :

— איהר זייט דאָ גאָר ? אויף אייך האָב איך זיך גאָר ניט געריכט !

אָבער מאַדאַם בראָ האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, און שטיל געשטאַמעלט :

— מיר זיינען געקומען... מיר האָבען ערהאַלטען די טעלע־גראַמע און געמיינט, אַז עס איז שוין אויס....

איהר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איהר, האָט זי אַ צופּ געטהאָן, זי זאָל ניט ריידען. מיט אַ שלעכט שמייכעל האָט ער געברומט אין דער באָרד :

— עס איז ליעבענסווירדיג פון אייך, אונז איינצולאַדען. מיר זיינען גלייך ארויסגעפאָהרען.

דערביי האָט ער געגעבען אָנצוהערעניש וועגען דער אַלטער שנאה, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט צווישען די צוויי פאַמי־ליעס. דערנאָך, אַז די אַלטע איז אַרונטערגעגאַנגען פון דעם לעצ־טען טרעפּ, האָט ער צוגעדריקט זיין האָאַריגען פּנים צו איהר באַק און אַריינגעשריען איהר אין׳ם אויער, ווייל זי איז געווען טויב :

— שוויגער, וואָס מאַכט איהר ? אַלץ נאָך אַזוי געזונד, הא ?

מאַדאַם בראָ האָט ניט געקענט קומען צו זיך פאַר איבערראַ־שונג און מורא געהאַט אַרומצונעהמען די, וועלכע זי האָט געהאַל־טען פאַר טויט. איהר גרויסער בויך האָט פערשטעלט דעם וועג און ניט געלאָזט קיינעם דורכגעהן.

די אַלטע האָט געשוויגען, האָט אָבער געקוקט מיט אונרוהיגע און פערדעכטיגע אויגען דאָ אויף איינעם און דאָ אויף דעם אַנדערן. דאַן האָט קאַראוואַן זיך אָנגערופען :

— זי איז געווען ניט געזונד, אָבער איצט איז זי ווידער גע־זונד, ניט אמת, מאַמע ?

די אַלטע האָט געענטפערט מיט איהר פערשטיקט און גע־בראָכען קול :

— איך האָב נור גע׳חלש׳ט. איך האָב די גאַנצע צייט אייך געהערט.

אַלע האָבען געשוויגען פערלעגען. זיי זיינען אריין אין דאָס עס־צימער. מען האָט זיך געזעצט עסען.

נור איין הערר ברא איז געווען רוהיג. ער האָט בייז געשמיי־כעלט און גערעדט אַזוינע צווייד״טיגע ווערטער, פון וועלכע אַלע האָבען זיך געפיהלט שטאַרק ניט־בעקוועם.

יעדע ווײַלע האָט געקלונגען דאָס טיר־גלעקעל און ראַזאַליע איז אריינגעקומען און האָט גערופען קאַראַוואַן׳ען, וועלכער איז גלייך אַרויסגעלאָפען, וואָרפענדיג זיין סאַלפעטקע. זיין שוואָגער האָט איהם זאָגאר געפרעגט, אויב ער נעהמט היינט אויף געסט ביי זיך. ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט :

— ניין, עס איז נור אזוי...

דערנאָך האָט מען אריינגעבראַכט אַ פּאַקעט. ער האָט צו־טראָגען איהם געעפענט און אַרויסגעשלעפּט אַנאַנסען וועגען טויט מיט שווארצע ראַנדען. ער איז רויט געוואָרען, פערמאַכט דעם פּאַקעט און איהם שנעל בעהאַלטען אונטער׳ן בוזים.

זיין מאַמע האָט עס ניט בעמערקט. זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף׳ן זייגער. אויף איהר זייגער, און איהר בייזער, צו־קנייטשטער פּנים, ווי ביי אַ מכשפה, האָט אויסגעזעהן נאָך בייזער. מיט אַ מאָל האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו מאַדאַם ברא און גע־זאָגט :

— מאָנטאַג זאָלסטו מיר ברענגען דיין טאָכטער, איך וויל זי זעהן.

מאַדאַם ברא איז געוואָרען גאָר מלא שמחה און האָט אויסגע־שריען :

— גוט, מאַמע !

מאַדאַם קאַראַוואַן איז אָבער ווייס געוואָרען פאַר פערדרוס און האָט שיעור ניט גע׳חלש׳ט.

דערווייל האָבען די מענער פערפיהרט צווישען זיך אַ שמועס און זיינען אַרויפגעקומען אויף דעם ענין פּאָליטיקע. ברא האָט

אויסגעדריקט אַלערליי סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע געדאַנ־קען, האָט זיך געקאָכט און געשריען:

— איינגענטהום, מיין הערר, איז גנבה, דאָס הייסט צו בע־גנב'ענען די אַרבייטער! די ערד געהערט אַלעמען. ירושה איז אַ געמיינהייט און אַ שמאָך!

און פּלוצים האָט ער זיך אונטערבראָכען, ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך, אַז ער רעדט נאַרישקייטען, און געזאָגט:

— אָבער איצט איז ניט קיין צייט צו ריידען וועגען אַזוינע זאַכען.

די טיר האָט זיך געעפענט, און דאָקטאָר שענע איז אריינגע־קומען.

צו ערשט האָט ער זיך דערשראָקען, דערנאָך האָט ער זיך בע־הערשט און איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער:

— אַזוי גאָר? איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס זיין... ערשט געהענדיג אַהער, האָב איך געוואָלט וועטען, אַז איהר זייט ווידער געזונד און שטאַרק.

און אַ קלאַפּ געטהאָן איהר אויפ'ן רוקען, האָט ער צוגעלעגט:

— זי איז שטאַרק, ווי אַ מויער, זי וועט אונז נאָך אַלעמען איבערלעבען!

ער האָט זיך געזעצט און מען האָט איהם דערלאַנגט אַ טאַשע קאַפּע. דערנאָך האָט ער זיך אריינגעמישט אין דעם געשפּרעך פון די צוויי מענער און געהאַלטען מיט בראַ'ען, וואָרים ער אַליין האָט אַמאָל אויך אַנטהייל גענומען אין דער קאָמונע.

די אַלטע אָבער האָט זיך געפיהלט מיעד און געוואָלט ארויפ־געהן צו זיך אויבען. קאַראַוואַן האָט איהר געוואָלט העלפען. פּלו־צים האָט זי איהם אַנגעקוקט מיט בייזע אויגען און ארויסגערעדט:

— גלייך זאָלסטו מיר מיין קאָמאָדע און דעם זייגער ארויפ־ברענגען.

און ביז וואַנען ער האָט ארויסגעשטאַמעלט: „גוט, מאַמע“, האָט די אַלטע גענומען איהר טאָכטער אונטער'ן אָרם און איז אוועק מיט איהר.

קאַראַוואַן און זיין פרוי זיינען געבליבען שטעהן אָהן לשון, צו־

שראָקען און דערשלאָגען. הערר בראָ האָט זיך די הענד געריבען פאַר פערגעניגען און געטרונקען זיין קאַפע.

פּלוצים איז מאַדאַם קאַראַוואַן ארויפגעפאַלען אויף איהם מיט א געשריי:

— דו אַלטער גנב, דו וואַגאַבונד דו, דו טויגעניכטס... איך שפּיי אויף דיר... איך... איך... איך...

זי האָט געזוכט ווערטער, ער אָבער האָט געלאַכט און רוהיג געטרונקען זיין קאַפע.

גראָד דעמאָלט האָט זיך זיין פרוי צוריקגעקעהרט און זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהר שוועגרין. אוןביידע ווייבער זיינען געשטאַנען איינע געגען דער אַנדערער, די דיקע, שווערע מאַדאַם בראָ מיט איהר הויכען בויך און די דאַרע עפּילעפּטישע מאַדאַם קאַראַוואַן מיט ציטערדיגע הענד, און זיי ביידע האָבען זיך מכבד געווען איינע די אַנדערע מיט גאַנצע פּאַמאַניצעס.

דאָקטאָר שענע און בראָ האָבען זיך אריינגעמישט און דער לעצטער האָט אָנגעכאַפּט זיין שווערע העלפט ביי די אַקסלען, גע־שטופּט זי צו דער טיר און געשריען:

— גייה, בהמה, גייה, וואָס האָסטו זיך אזוי צו'דרשה'נט?

און מען האָט געהערט, ווי זיי קריעגען זיך דאָרט אויף דער גאַס, געהענדיג צום וואָקזאַל.

דאָקטאָר שענע איז אויך אַוועק. די קאַראַוואַנעס זיינען געבליבען אליין.

דאַן האָט דער מאַן, בעגאָסען מיט א קאַלטען שוויים, זיך א וואָרף געטהאָן אויף א שטול און פערצווייפעלט ארויסגעקרעכצט:

— וואָס וועל איך איצט מיין שעף זאָגען?

די שפּילקעס.

— אך די פערפלוכטע פרויענצימער!

— פאַרוואָס עפּעס?

— יאָ, ווייסטו, זיי האָבען מיר נישקשה"דיג אָנגעפּייפט.

— דיר?

— יאָ, מיר.

— די פרויענצימער אָדער איין פרוי?

— צוויי פרויען.

— צוויי פרויען מיט אַמאָל?

— יאָ.

— ווי קאָן דאָס זיין?

ביידע יונגע ליים זיינען געזעסען אויף דעם בולוואַר פאַר א גרויסען קאַפע־הויז און האָבען געטרונקען ליקער מיט וואסער געמישט, איינס פון יענע געטראַנקען, וואָס זעהט אוים ווי מען וואָלט אַלע פאַרבען פון פאַרב־קאַסטען אין איהם אריינגעשפּריצט.

זיי זיינען ביידע געוועזען אין איין עלטער, א יאָהר פינף און צוואַנציג־דרייסיג אַלט. איינער פון זיי איז געוועזען בלאָנד, דער צווייטער ברונעט. אָנגעטהאָן זעהר עלעגאַנט, האָבען זיי אויסגעזעהן, ווי די ריכטיגע וואוילע יונגען, וועלכע מען זעהט, אי אויף דער בערזע, אי אין די סאַלאָנען, וועלכע מען טרעפט אומעדום און איבעראַל און וועלכע לעבען און ליעבען וואו נור זיי קומען.

דער ברונעט האָט אָנגעהויבען:

— איך האָב דאָך דיר דערצעהלט פון מיין ליעבעס געשיכטע.

דו קענסט די קליינע פרוי, וואָס איך האָב געטראָפען אין א באדע־פּלאַץ ביים ים, אין דיעפּפּ?

— יאָ, געווים.

— אַלזאָ, אַלטער פריינד, דו ווייסט וואָס דאָס איז אזוינס. איך האָב געהאַט א געליעבטע אין פּאריז, וועלכע איך האָב זעהר ליעב געהאַט, אן אלטע פריינדין מיינע, א גוטע פריינדין, מיט איין וואָרט... א געוואָהנהייט, אָהן וועלכער איך קען נאָך ביז היינט ניט אויסקומען.

— אָהן דער געוואָהנהייט קענסטו ניט אויסקומען?

— יאָ, אָהן דער געוואָהנהייט און אָהן איהר. זי איז פערהייראַט מיט א וואוילען מענשען. וועלכען איך האָב אויך זעהר ליעב... א ליעבער, אן אמת גוטער פריינד. קורץ, אין זייער הויז האָב איך זיך געפיהלט אויסגעצייכענט און געדענקט מיין גאַנץ לעבען דאָרט צו פערברענגען.

— נו?

— נו, זיי קענען אָבער ניט פערלאָזען פּאריז און דערפאר בין איך אין דיעפּפּ געווען א שטרויענער אַלמן.

— צו וואָס ביזטו דען אין דיעפּפּ געפאָהרען?

— אָט אזוי זיך, אומצוביימען די לופט. מען קען זיך דאָך שטענדיג ניט ארומטרייבען איבער די בולווארען.

— נו — און?

— נו האָב איך אין דעם באדע־פּלאַץ געטראָפען די קליינע, פון וועלכער איך האָב דיר דערצעהלט.

— דעם שעף'ס פרוי.

— יאָ. זי האָט זיך זעהר געלאַנגווייליגט. איהר מאַן איז זי אפילו געקומען בעזוכען, אָבער בלויז זונטאג און דערצו איז ער א מיאוסער יונג. מיר האָבען זיך שטאַרק בעפריינדעט, האָבען זיך אַמוזירט, צוזאַמען געטאַנצט...

— און ווייטער?...

— נו יאָ, אָבער דאָס שפּעטער... קורץ, מיר האָבען זיך גע־

טראַפען, זיינען געפעלען געוואָרען איינער דעם אַנדערען. איך האָב עס איהר געזאָגט, זי האָט מיר געהייסען איבערזאָגען עס נאָך אַמאָל און האָט מיר מעהר קיין שוועריגקייטען ניט געמאַכט.

— האָסטו זי געליעבט?

— יאָ, אַ קליין ביסעל. זי איז געווען זעהר נעט.

— און די אַנדערע?

— די אַנדערע איז געבליעבען אין פאַריז. קורץ, זעקס וואָכען נאָכאַנאַנד איז די געשיכטע געגאַנגען אויסגעצייכענט און מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט קיין פאַריז אַלס די בעסטע פריינד. קענסטו זיך פונאַנדערגעהן מיט אַ פרוי, ווען יענע האָט דיר נישט געטהאָן קיין שום שלעכטס?

— געוויס קען איך און זעהר לייכט.

— ווי אַזוי טהוסטו דאָס?

— איך וואַרף זי איינפאַך אַוועק!

— אויף וואָס פאַר אַן אופן מאַכסטו דאָס?

— איך געה מעהר נישט צו איהר.

— אָבער ווי, אַז זי קומט צו דיר?

— דאַן בין איך נישטאָ אין דער היים.

— און ווען זי קומט נאָך אַמאָל?

— דאַן זאָג איך אַז איך בין קראַנק.

— און ווען זי וויל אַרום דיר אַרומגעהן, דיך פּפלעגען?

— דאַן ווער איך צו איהר גראָב.

— און ווען זי טהוט עס טראָץ דעם?

— דאַן שרייב איך צו איהר מאַן אַנאָנימע ב ף, אום ער זאָל זי בעוואַכען אין יענעם טאָג, ווען זי וויל צו מיר קומען.

— דאָס איז ווירקליך גוט. איך אָבער קען ניט טהאָן עטוואָס אַזוינס, איך קען זיך מיט אַ פרוי ניט פונאַנדערגעהן. זיי קלייבען זיך ביי מיר אָן איינע אויף דער אַנדערער. עס זיינען ביי מיר פאַראַן אַזעלכע, וועלכע זיך זעה נור איין מאָל אַ יאָהר, אַנדערע, איין מאָל אין צעהן מאָנאַט, אַנדערע ווידער יעדע דריי חדשים און ענדליך אַזעלכע, וואָס איך טרעף נור ווען עס איז אין רעסטאָראַנט. די, פון וועלכע איך בין שוין לויז געוואָרען, אַארען מיך נישט,

אבער גאנץ אפט ווערט עס מיר זעהר שווער זיך אביזוטשעפען פון די נייע.

— נו אלזא, וואס האסטו דארט געטהאן?

— אלזא הער אויס, די קליינע פרוי פון דעם שעף איז געווען א שטיק פייער און פלאם, מען האט צו איהם גארנישט ויזקענט האבען, ווי איך האב דיר שוין פריהער געזאגט. און אזוי ווי איהר מאן זיצט א גאנצען טאג אין ביורא, האט זי אנגעהויבען מיך צו איבעראשען מיט איהרע וויזיטען. צוויי מאל האט זי זיך שיער נישט צונויפגעטראפען מיט מיין „געוואהנהייט“.

— צום טייפעל!

— יא, יא! איך האב געמוזט בעשטימען יעדער פון זיי א געוויסען טאג אום אויסצומיידען וועלכע ניט איז אונאנגענעמליכקייטען, מאנטאג און שבת די פריהערדיגע, דיענסטאג, דאנערשטאג און זונטאג די נייע.

— פארוואס עפעס די עפטער פון יענער?

— ווייל... ווייל... נו, יא ווייסטו, די נייע איז אינגער.

— האסטו אלזא נור צוויי טעג אין וואך געהאט זיך אויסצורוהען?

—דאס איז גענוג. און איצט שטעל זיך פאר, די לעבערליכסטע און נארישעסטע געשיכטע אין דער וועלט דארף זיך טרעפען גראדע מיט מיר. זייט פיער מאנאטען איז אלעס געגאנגען גלאט און שעהן; איך האב זיך געפיהלט פאלשטענדיג רוהיג און בין ווירקליך געווען גאנץ גליקליך, ערשט פלוצים פאריגען מאנטאג א קראך!...

איך האב ערווארט „מיין געוואהנהייט“ צו דער בעשטימטער צייט, א פיערטעל אויף צוויי א זייגער. זזון האב זיך גערויכערט דערביי א גוטען סיגאר.

צופריעדען מיט זיך אליין, האב איך געבלאזען דעם רויך פאר זיך אין רינגעלאך, ערשט פלוצים האב איך ענדעקט, אז די צייט, ווען זי האט געדארפט קומען, איז שוין לאנג אוועק. איך בין געווארען זעהר ערשטוינט, ווארום זי איז די גאנצע צייט געווען זעהר פינקטליך. איך האב ביי זיך געטראכט, אז עפעס א קליין צופאל

האָט זי אודאי אָבגעהאַלטען. אָבער עס איז אוועק א פּערטעל שטונדע, דאַן א שטונדע, אַנדערהאַלבען שטונדען. און איך האָב איינגעזעהן, אז עפּעס איז דאָס ניט גלאַט, א שטאַרקער קאָפּ וועה־טאָג אָדער עפּעס אַנדערש האָט זי פערהאַלטען. אזא מין געשיכטע איז זעהר לאַנגווייליג. דאָס דאָזיגע אומזיסטע וואַרטען מאַכט איי־נעם צום נאַרען און ווירקט שטאַרק אויף די נערוועז. צום סוף איז מיר איינגעפאַלען; איך וועל זיך גאַר דורכגעהן און אזוי ווי איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן, ביז איך אוועק צו איהר אהיים. זי איז געזעסען און געלעזען א ראָמאַן.

— נו ?... — האָב איך געפרעגט.

זי האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג :

— ליעבער פריינד, איך האָב ניט געקענט קומען ; עטוואָס האָט מיך פערהאַלטען.

— וואָס ?

— איך בין געוועזען בעשעפטיגט !

— יאָ, אָבער מיט וואָס זייט איהר געוועזען בעשעפטיגט ?

— איך האָב געהאַט א זעהר לאַנגווייליגען בעזוך.

איך האָב ביי זיך א טראַכט געטהאָן, אז זי וויל מיר ניט זאָגען די אמת'ע אורזאכע, אָבער אזוי ווי זי איז געוועזען זעהר רוהיג האָב איך זיך וועגען דעם מעהר נישט אויפגערעגט. איך האָב זיך גע־טרייסט דערמיט, וואָס איך האָב געהאַפּט די פערלאָרענע צייט אויף'ן צווייטען טאָג צו דעריאָגען מיט דער אַנדערער. דיענסטאַג בין איך אַלזאָ שוין געוועזען אביסעל אויפגערעגט און גאַנץ פער־ליעבט אין דער ערוואַרטונג פון דער קליינער בעאַמטעז־פרוי. איך האָב זיך זאָגאַר געוואונדערט וואָס זי קומט ניט פריהער, ווי מיר האָבען אָבגערעדט. יעדען אויגענבליק האָב איך אויף דעם זייגער געקוקט און אונגעדולדיג דעם ווייזער נאָכגעפאָלגט.

עס איז געוואָרען א פּיערטעל, דערנאָך האַלב, דאַן צוויי א זייגער. איצט האָב איך שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען און בין ארומגעלאָפען מיט גרויסע טריט אהין און צוריק איבער מיין צימער. איך האָב צוגעפּרעסט מיין שטערן צו די שויבען פון די

פענסטער, צוגעלייגט מיין אויער צו דער טהיר, אום צו הערען, אויב זי געהט נישט אויף די טרעפּ.

דערווייל איז געוואָרען צוויי, דאַן דריי אַ זייגער. איך האָב גענומען מיין הוט און זיך געלאָזט לויפען צו איהר. זי איז געזעס־סען און געלעזען, מיין ליעבער פריינד, זי האָט געלעזען אַ ראָמאַן!

— נו? האָב איך געפרעגט מיט אנגסט.

זי האָט געענטפערט פּונקט אזוי ווי „די געוואָהנהייט":

— ליעבער פריינד, איך האָב ניט געקענט קומען; עטוואָס האָט מיך פערהאַלטען.

— וואָס?

— איך בין געװעזען בעשעפטיגט.

— יאָ, אָבער מיט וואָס זייט איהר געװעזען בעשעפטיגט?

— איך האָב געהאַט אַ זעהר לאַנגווייליגען בעזוך.

דאָ איז מיר גלייך איינגעפאַלען, אז זי בײדע ווייסען אלעס. אָבער זי האָט געשיינט צו זיין אזוי רוהיג, אזוי פריעדליך, דאָס איך האָב מיין פערדאַכט געמוזט אויפגעבען און גענומען גלויבען אין עפּיס אַ לעבערליכען צופאַל, וואָס האָט מיט זיי בײדען גע־טראָפען אין איין צייט, דען איך האָב זיך דאָך ניט געקענט פאַר־שטעלען אזא מין פאַלשקייט.. און נאָכדעם ווי מיר האָבען אַ שטונ־דע נאָכאַנאַנד פריינדליך געפּלוידערט (איך מוז בעמערקען, אַז אין דער דאָזיגער צייט איז איהר קליין טעכטעריל אודאי אַמאָל צוואַנ־ציג אַריין און אַרויסגעלאָפען) האָב איך געמוזט נעהמען דעם וועג, ווי אַ נאַר.

און איצט, שטעל זיך פאַר, אויף'ן צווייטען טאָג...

— איז ווידער אזוי צוגאַנגען?

— יאָ און אויף'ן דריטען און פיערטען ווידער. און דאָס האָט אזוי געדויערט דריי וואָכען נאָכאַנאַנד אָהן אַן ערקלעהרונג, אָהן דער מינדעסטער ערקלעהרונג, וואָס זאָל מיר זייער מערקוויר־דיגע האַלטונג אַנטקעגען מיר קלאָהר מאַכען, הגם איך האָב זיך שוין אליין אָנגעשטויסען אויף דער אמת'ער אורזאַכע.

— זיי האָבען אלעס געוואוסט?

— דער טייפעל ווייסט זיי! אָבער ווי אזוי? דאָס האָט מיך

נעפּלאגט און איך האָב זיך נישט געקענט בערוהיגען, ביז איך האָב דאָס פון זיי ניט ארויסגעקראָגען.

— און ווי האָסטו עס פּאָרט ארויסגעקראָגען?

— דורך בריעף. איין טאָג האָבען זייביידע אין איינע און די זעלביגע אויסדריקען מיר אָבגעזאָגט אין זייער פריינדשאַפט.

— און?

— איצט הער ווייטער. דו ווייסט, ליעבער פריינד, אז פרויען האָבען אימער ארום זיך א גאנצען הויפען שפּילקעס. פאר האָאר־שפּילקעס האָב איך קיין מורא נישט און איך גיעב שוין אויף זיי גוט אכטונג. אָבער די אנדערע זיינען פיעל ניעדערטרעכטיגער; די דאָזיגע פערפלוכטע קליינע שפּילקעס מיט זייערע שווארצע קעפּ־לאך, וועלכע זעהן אוים אין אונזערע אויגען איינע ווי די אנדערע. גרויסע עזלען, וואָס מיר זיינען! זיי, אָבער, די פרויען קענען זיי אונטערשיידען גראדע אזוי גוט, ווי מיר אונטערשיידען א פערד פון א הונד.

ווי עס שיינט האָט מיין קליינע בעאַמטען־פרוי איינמאָל, איינם פון יענע פערדעטערישע שפּיעלקעס אריינגעשטעקט אין דער טאַפּעטע נעבען שפּיעגעל. „די געוואָהנהייט" האָט גלייך ענטדעקט דעם שווארצען פונקט, ווי א פליי די גרויס, אויף דער טאַפּעטע און ניט רעדענדיג א וואָרט, האָט זי עס ארויסגעצויגען און אויף דעם אייגענעם פּלאַץ אריינגעשטעקט איינם פון איהרע שפּילקעס, אויך א שווארצע, אָבער פון אן אנדער פאָרמע.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט די בעאַמטען־פרוי, געוואָלט צוריק־נעהמען איהר אייגענטהום און האָט גלייך דערקאָנט אז מען האָט פערביטען די שפּילקע. דאַן איז איהר איינגעפאַלען א פערדאכט און זי האָט אויף דעם זעלבען פּלאַץ אריינגעשטעקט צוויי, איינע איבער דער אנדערער ווי א קרייץ.

„די געוואָהנהייט" האָט אויף דער דאָזיגער „טעלעגראַמע" גע־ענטפערט מיט דריי שווארצע קוילען, איינע איבער דער אנדערער.

נאָכדעם ווי דער דאָזיגער פערקעהר האָט זיך איין מאָל אָנגעהויבען, האָבען זיי איהם פאָרטגעזעצט, ניט זאָגענדיג מיר דערפון קיין וואָרט, מיט דעם איינציגען צוועק איינע די אנדערע אויסצו־

שפּיאַנירען. דאַן האָט וואהרשיינליך „די געוואָהנהייט“, וועלכע איז ביטרער פון דער אַנדערער, ארומגעדרעהט א קליין שטיקעל פּאַפּיער ארום דער דרעטעל פון דער שפּילקע, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען: „פּאַסט אַפּים סי די“.

פון דאַן אָן האָבען זיי גענומען שרייבען און איך בין געוועזן פערלאָרען. דו קענסט זיך דענקען אז דערביי אליין איז עס נישט פערבליבען. מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיגקייט, מיט אלע די טויזענד שפּיצלאַך און דרעהדלאַך, וואָס זיינען נויטהיג ביי אזא מין געשיכטע, האָבען זיי זייער קאָרעספּאָנדענץ אָנגעהאַלטען. אָבער „די געוואָהנהייט“ האָט פּלוצים געמאַכט א געוואַלד שטרייך און האָט בעשטעלט מיט דער אנדערער א צוזאַמענקונפט. וואָס זיי האָבען זיך דאָרט געזאָגט, ווייס איך נישט, איך ווייס נור, אז גע־דערט האָבען זיי פון מיר. און דאָס אַלזאָ איז די גאַנצע געשיכטע.

— איז דאָס אלעס?

— יאָ, אלעס.

— האָסטו זיי שוין מעהר נישט געזעהן?

— אדרבה, איך זעה זיי נאָך היינט אויך, אלס גוטער פריינד נאַטירליך; אזוי אָבער האָבען מיר אין גאַנצען געבראָכען.

— און די פרויען, האָבען זיי זיך ווידער געזעהן?

— יאָ, מיין פריינד, זיי זיינען נאָהנטע פריינדינען געוואָרען.

— אזוי גאָר! ברענגט דיר דאָס ניט ארויף אויף אַ געדאַנק?

— ניין. וואָס מיינסטו?

— נאַר דו איינער! לאָז זיי דאָך ווידער זייערע שפּיעלקעס אין דיינע טאַפּעטען אריינשטעקען!...

צימער נומער 11.

דאָם זאָגט איהר, איהר ווייסט ניט פאַרוואָם דער וויים־פרעזידענט אמאנדאָן איז ארונטערגעזעצט געוואָרען?

— ניין, איך האָב קיין אהנונג ניט.

— אייגענטליך ווייס ער אליין אויך ניט די אורזאכע, ער האָט בשום אופן ניט געקענט דערגעהן פאַרוואָם און פאַרוועז. אָבער עס איז אין גאנצען א מערקווירדיגע געשיכטע.

— אויב אזוי, דאן מוזט איהר עס מיר דערצעהלען.

— איהר געדענקט דאָך נאָך אודאי מאַדאַם אמאנדאָן, די קליינע מאָגערע ברונעטקע, וועלכע האָט אויסגעזעהן אזוי בכבוד׳־דיג, אזוי פיין און וועלכע האָט אין פערטהוים־לע־לאנג זיך גערופען מאַדאַם מאַרגאַריטאַ.

— יא, יא, איך געדענק.

— נו, דאן הערט זיך צו. איהר ווייסט דאָך אודאי ווי געאַכטעט און געשעצט זי איז געווען, וואָם פאַר א גרויסע ראָלע זי האָט געשפּיעלט. זי איז געווען בעליעבט אין גאנצען שטאָדט. זי האָט פאַרשטאַנען ווי אזוי אויפצוגעהמען געסט, האָט געקענט מאַכען א פעסט אָדער וואָלטהעטיגקייטס באַזאַר און עס זאָל אריינברייננגען א סך געלד פאַר די אָרימע לייט און האָט געקענט צוציהען צו זיך די יונגע וועלט מיט טויזענד מיטלען.

זי איז געווען זעהר עלעגאַנט, זעהר קאָקעטיש, אָבער איהר קאָקעטעריי איז געווען א ריין פּלאַטאָנישע און איהר עלעגאַנץ הגם זעהר רייצענד איז דאָך געווען פּראָווינציאַל, קליינשטעדטעלדיג.

דען דאָס דאָזיג קליין ווייבעלע איז געווען א פּראָווינציאַלקע הגם זעהר א רייצענדע פּראָווינציאַלקע.

די שרייבער, וועלכע לעבען אין פּאַריז, בעזינגען די פּאַריזערקע אויף אלע אופנים, ווייל זיי קענען נור זי. אָבער איך וואָלט ערקלעהרט, איז די פּראָווינציאַלקע איז טויזענד מאָל מעהר ווערט, ווען זי איז נור פון ערשטען סאָרט.

די פיינע פּראָווינציאַלקע האָט א גאַנץ בעזודער'ן רייץ. זי איז פיעל בעשיידענער פון דער פּאַריזערקע, ווארפט זיך ווייניגער אין די אויגען. איהר רייץ פערשפּרעכט גאָר נישט און האלט אין זיך פיעל, בעת די פּאַריזערקע פערשפּרעכט געוועהנליך א סך און, ווען זי איז אויסגעטהאָן, האָט זי ווייניג וואָס צו געבען.

די פּאַריזערקע איז דער טריאומפף פון דעם עלעגאַנטען, פון עכען ליגען, פון נארעריי, די פּראָווינציאַלקע איז די בעשיידענע ווארהייט.

א קליינע, מונטערע, לעבעדיגע פּראָווינציאַלקע מיט דער נאַאיווער, איינפאַכער האלטונג פון א פּענסיאָן-מיידעל, מיט איהר גאָר נישט זאָגענדיגען שמייכעל, איהרע קליינע אָבער דויערהאַפטע ליידענשאַפטען, מוז אָנווענדען טויזענד מאָל מעהר כיטראַסט, מוז האָבען מעהר איינפאַלען, מעהר ערפינדונגס קראַפט, ווי אלע פּאַריזערקעס צוזאַמענגענומען. עס פאָדערט זיך פון איהר זעהר פיעל, אום זי זאָל קענען זיך נאָכגעבען איהרע ווינשע אָדער איהרע געהיימע לאַסטער און דערביי זאָל זי נים ארויסרופען קיין פערדאַכט, קיין לייטישע רייד, אָדער גאָר א סקאַנדאַל אין דעם קליין שטעדטיל, וועלכער קוקט אויף איהר מיט אלע אויגען און פון אלע פענסטער.

מאַדאַם אַמאַנדאַן איז געווען דער טיפּ פון דעם דאָזיגען זעלטענעם אָבער רייצענדען סאָרט פרוי. מען האָט אויף איהר קיין מאָל נים געהאַט דעם מינדעסטען פערדאַכט. מען וואָלט קיין מאָל נים געגלויבט, אז איהר לעבען איז נים אזוי אָפען און קלאָהר, ווי דער בליק פון איהרע אויגען, דער בליק פון איהרע ברוינע, דורכזיכטיגע, ווארימע אויגען, וועלכער איז געווען אזוי אנשטענדיג, אָט, מיר וועלען דאָך זעהן.

זי האָט אַנגעווענדעט א װאונדערבארען, געניאַלען און דאָך אַזאַ איינפאכען טריק.

אלע איהרע ליעבהאָבער האָט זי זיך אויסגעקליבען פון דער ארמעע, זי האָט זיי אַנגעהאַלטען אַ יאָהר דריי אָדער מעהר, אַזוי לאַנג ווי דער גארניזאָן איז געשטאנען אין שטאָדט. עס פער־שטעהט זיך, אַז דאָס איז ביי איהר געווען ניט קיין ליעבע, זאָנ־דערן גאַנץ פראָסטע לײדענשאַפט.

אַזוי שנעל ווי אַ נייער רעגימענט איז אנגעקומען קיין פער־טהוים־לע־לאַנג, האָט זי זיך גענומען נאָכפרעגען אויף אַלע אָפי־ציערען צווישען דרייסיג און פערציג יאָהר; ווייל אונטער דריי־סיג קען אַ מאַן נאָך ניט האַלטען די צונג און נאָך פע־ציג האָט ער אָפט שוין קיין כח ניט...

אָה, זי האָט געקענט דעם רעגימענט אַזוי גוט ווי דער פאָל־קאָווניק אַליין. זי האָט געוואוסט אַלעס. אַלע אינטימע געוואָהנ־הייטען, יעדענ'ס בילדונג, ערציהונג, פעהיגקייט; קערפּע־ליכע אייגענשאַפטען, ווידערשטאַנד פעהיגקייט געגען מיעדקייט, האָט געוואוסט, אויב איינער האָט אַ רוהיגען כאראקטער אָדער אַ הי־ציגען, אויב ער פערמאָגט געלד, איז שפּאָרזאַם אָדער איז אַן אויסברענגער. און נאָכדעם ווי זי האָט דאָס אַלעס אויסגעפונען האָט זי זיך אויסגעקליבען איינעם, וועלכער זאָל איהר אַם בעס־טען פּאַסען. זי האָט פאָרגעצויגען רוהיגע מענשען, ווייל זי אַליין איז געווען אַ רוהיגע. זיי האָבען נור געמוזט זיין שעהן. און דאַן האָט זי פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען ניט האָבען געהאַט פריהער עפּעס אַ ליעבע, אַ לײדענשאַפט, וואָס זאָל האָבען איבערגעלאָזט שפּורען און זאָל קענען פיהרען צו אַן עפענטליכען סקאַנדאַל. ווארים אַ מאַן, פון וועמעס ליעבעס־געשיכטען די וועלט ווייס, קען קיינמאָל ניט האַלטען קיין סוד.

נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעקליבען דעם יעניגען, וועלכער האָט זי געוואָלט בעגליקען אין די דריי יאָהר פון זיין אַנוועזענהייט אין גארניזאָן, האָט זי שוין מעהר גאָרנישט געהאַט צו טהאָן ווי נור איהם אַ וואָרף צו טהאָן איהר טאַשען טיכעל.

אָך, וויפיעל פרויען וואָלטען איז אַזאַ לאַגע זיך געפיהלט

פערלעגען, וואָלטען אַנגעווענדעט די געוועהנליכע מיטלען, וואָס זיי ווענדען געוועהנליך אָן, וואָלטען געלאָזט דעם געליעבטען נאָכלויפען נאָך זיך און דורכמאַכען אַלע עטאַפּען פון דער בעלאַגערונג און דעם ווידערשטאַנד. היינט וואָלטען זיי ערלויבט צו קושען די האַנד, מאָרגען דעם עלענבויגען, איבערמאָרגען די באַק, דערנאָך דעם מויל און צום סוף דאָס איבעריגע.

זי אָבער האָט געהאַט אַ שנעלערע, אַ איינפאַכערע און זיכערע מעטאָדע. זי האָט געמאַכט אַ באַל.

דער אָפיציער, וועלכען זי האָט זיך אויסגעקליבען, האָט געמוזט מיט איהר טאַנצען. און בעת זיי האָבען געטאַנצט אַ וואַלס און זיי ביידע זיינען געווען שטאַרק היגעריסען מיט דעם טאַנצען, האָט זי זיך צוגעדריקט צו איהם אַזוי ווי זי וואָלט אין גאַנצען געווען זיינע. און דערביי האָט זי איהם זאַכטאַנאַנד נערוועז געדריקט די האַנד.

ווען ער האָט דאָס אַלעס ניט פערשטאַנען, איז ער געווען אַן אָקס און זי איז אוועק צום צווייטען אָפיציער, וועלכער איז געשטאַנען אויף איהר ליסטע פערצייכענט אַלס נומער צוויי.

האָט דער פערשטאַנען וואָס זי וויל, איז די זאַך געווען געענדיגט אָהן ליאַרם, אָהן קאָמפּראָמענטירענדער ליעבעס שפּיעלעריי, אָהן איבעריגע בעזוכען.

וואָס האָט געקענט זיין נאָך איינפאַכער און פּראַקטישער!

אַלע פרויען האָבען געדאַרפט אַנווענדען אַזאַ מעטאָדע, אום אונז צו געבען צו פאַרשטעהן, אַז מיר געפעלען זיי. וויפיעל שוועריגקייטען, צווייפעל, ווערטער, בעוועגונגען, אונרוהיגקייט, אונאַנגענעהמע מינוטען און מיספערשטענדניסע וואָלט עס אונז דאַן פערשפּאָרט. ווי אָפט געהען מיר פאַרביי פאַר אַ מעגליכקייט צו זיין גליקליך און האָבען דערפון קיין אהנונג ניט. דען ווער קען דורכדרינגען דורך דעם געדיכטען שלייער פון פרעמדע געדאַנקען, ווער קען טרעפען די ניט אויסגעשפּראָכענע פערלאַנגען, די שטומע פראַגע פון'ם פלייש, אַלדאָס געהיימניספולע פון אַ פרויען זעעלע, וועמעס מויל שווייגט, וועמעס קלאָהרע אויגען בלייבען אונדורכדרינגליך.

אזוי שנעל ווי ער האָט זי פערשטאנען, האָט ער איהר געבעטען, זי זאָל האָבען מיט איהם א צוזאמענקונפט. דאן האָט זי איהם געלאָזען זיך צאפּלען נאָך פיער אָדער זעקס וואָכען און דערוויל געוואונען צייט איהם גוט צו דערקענען און זיך צו היטען אים פאַל, ער האָט עפּעס א געפעהרליכען פעהלער אָדער קראנקהייט.

אין דער דאָזיגער צייט האָט זיך יענער צושפּאָלטען דעם קאָפּ טראכטענדיג, וואו ער קאָן זיך מיט איהר טרעפען און וואָס מעהר ער האָט געטראכט, אלץ נארישערע, אלץ אונזיכערע פּלענער זיינען איהם איינגעפאלען.

זי אָבער האָט ביי עפּעס א גרויסער אונטערהאלטונג שטיל געזאגט צו איהם:

— קומט דינסטאג ארום ניין אזייגער אין אבענד אין דעם „גאָלדענעם פערדעל" אין דער פּאוציערס גאַס און פרעגט אויף פריילען קלאריססע. איך וועל אייך ערווארטען. אָבער טהוט אָן ציוויל קליידער.

שוין א יאָהר אכט ווי זי האָט געהאט געדונגען א מעבלירטעס צימער אויף א גאנץ יאָהר אין דעם דאָזיגען אונבעקאנטען איינפאָהר הויז. דאָס איז געווען אן איינפאל פון איהר ע־שטען ליעבהאָבער, און זי האָט אויסגעפונען, אז דאָס איז זעהר גוט און פּראקטיש. ווען מען האָט זיין פאָלק ארויסגעשיקט, האָט זי אָנגעהאלטען דעם נעסט פאר זיך אליין דערוויילע.

איבעריגענס איז דאָס געווען א גאנץ ביליגער נעסט. פּיער, מיט העל גרויען פאפּיער און בלויע בלומען בעשלאָגענע, ווענד, א בעט פארהאנגען מיט מאזעלין פאָרהאנגען, א פאָטעל, וועלכען דער בעל הבית האָט איינגעשאפט אויף איהר פערלאנג, צוויי שטולען און א פּאָאר פּאָרצעלייענע זאכען פאר דעם וואש־טיש. אָבער וואָס נאָך האָבען זיי געדארפט?

אויף דער וואנד זיינען געהאנגען דריי גרויסע פאָטאָגראפישע בילדער, דריי פאָלקאָווניקעס אויף פערד. די פאָלקאָווניקעס פון איהרע געליעבטע. ווארום? אזוי ווי זי האָט די בילדער פון איהרע געליעבטע אליין מורא געהאט צו האלטען, האָט זי אפשר

זייערע פאַרגעזעצטע געהאַלטען אלס אונדירעקטע ערא־ינערונג פון פריהערדיגע גליקליכע צייטען.

און איהר ווערט פרעגען: — איז זי דען קיינמאל ניט דער־קענט געוואָרען פון וועמען עס איז, געהענדיג אזוי אָפט און אזוי פיעל מאָהל אין „גאָלדענעם פערדעל“? — און דער ענטפער איז:

— ניין, קיין מאָהל ניט. קיין מענש האָט זי קיינמאל ניט דערקענט.

די מיטעל וואָס זי האָט אָנגעווענדעט זיינען געווען וואונדער־באר און זעהר איינפאך. זי האָט געגרינדעט עטליכע וואָהלטהעט־טיגקייטס פעראיינען, צו וועמעס מיטינגען זי פלעגט אַמאָל קו־מען און אמאָל ניט. איהר מאַן, וואָס האָט געוואוסט איהרע שטרעבונגען צו וואָהלטהעטיגקייט, וועלכע האָבען איהם איבריגענס גאַנץ טהייער געקאָסט, האָט ניט געהאַט דעם מינדעסטען פערדאכט.

ווען זי האָט אָבגערעדט צו האָבען אַ צוזאַמענקונפט, האָט זי ביים טיש אין דער מאָרגענוואָרט פון די דיענער געזאָגט:

— איך האָב היינט אַ מיטינג פון דעם „פעראיין צו פער־שאפען וואָלענע לייבלאך פאר געלעהמטע אלטע לייט“.

און ארום אכט אַ זייגער איז זי אַרויס פון הויז און אוועק צום מיטינג. דאָרט האָט זי פערבראכט בלויז אַ פּאָאַר מינוט און איז גלייך ווידער אוועק. ווען זי איז צוגעקומען צו אַ דונקעלער גאַס, וואו זי האָט זיך געפונען גאַנץ אליין, האָט זי אויסגעטהאָן איהר הוט, אָנגעטהאָן אַ הייבל פון אַ דיענסטמיידעל, וועלכע זי האָט מיטגעבראכט אונטער דעם מאַנטעל, אַרומגעבונדען אַ ווייסען שירץ ארום דער טאַליע און אריינגעלייגט איהר הוט און דעם מאַנ־טעל אין אַ טוך, וואָס זי האָט דאָן גענומען אויף דער האַנד דאָן איז זי אוועק מיט אַ פרעכער מינע און אַ הייַלען קאָפּ, ווי אַ קליין קאמער־מיידעל, וואָס געהט עפּעס איינקויפען. מאַנכעסמאָל האָט זי זיך זאָגאר געלאָזט לויפען, ווי זי וואָלט זיך שטארק געאיילט.

ווער וואָלט ווען עס איז דערקענט אין דער דאָזיגער שלאַנ־קער, בעוועגליכער, קליינער דינסטמיידעל די שטאָלצע פרוי פון דעם וויים־פּרעזידענט אַמאַנדאָן?

זי איז צוגעקומען צום „גאָלדענעם פערדעל“ און איז אוועק

אין איהר צימער, פון וועלכען זי האט געהאט א שליסעל. און ווען דער דיקער בעל הבית טראוועאן האט זי דאן געזעהן פארב'ילוי־פענדיג, האט ער אויסגעברומט:

— פריילען קלאריססע געהט צום ראנדעוואו.

הפנים די הארץ האט איהם געזאגט, דעם דיקען ווירטה פון'ם „גאלדענעם פערדעל". אבער ווייטער האט ער פון קיין זאך נים געוואלט וויסען. ער האט געמוזט ווערען דערשראקען אויף טויט, ווען ער האט דערהערט, אז זיין בעזוכערין איז מאדאם אמ־יינדראן — מאדאם מארגאריטא, ווי מען האט זי גערופען אין פערטההוים־לע־לאנג.

אבער איצט הערט ווי אזוי די מורא'דיגע ענטדעקונג איז פאר־געקומען.

* * *

פריילין קלאריססע איז קיינמאל ניט געקומען איין אבענד נאך דעם אנדער'ן. קיין מאל ניט, ווייל זי איז געווען צו קלוג און צו פארזיכטיג. דער דיקער בעל הבית פון'ם איינפאהר־הויז האט עס גאנץ גוט געוואוסט, ווייל אין פערלויף פון די אכט יאהר, וואס זי האט דארטען אנגעהאלטען דעם צימער, איז זי קיין איין איינציגען מאל ניט געקומען צוויי טעג איין טאג נאך'ן אנדער'ן. עס האט זאגאר אפט פאסירט, ווען ער האט ניט געהאט מעהר קיין פלאץ, אז ער האט איהר צימער אבגעגעבען אויף א נאכט צו א גאסט.

דארף זיך טרעפען איין מאל לעצטען יאהר, אז דער וויים־פרעזידענט זאל אוועקפאהרען אויף א וואך צייט. עס איז געווען אין מאנאט יולי. די פרעזידענטקע איז דאן געווען בעזאנדערס פארליעבט, און אזוי ווי זי האט נים מורא געהאט פאר קיינעם און איז געווען איבערצייגט אין איהר זיכערקייט, האט זי גע־פרעגט איהר געליעבטען, דעם שעהנעם מאיאר דע־פאראנגעללעס, איין מאל א דיענסטאג, ווען זי האט איהם פארלאזען, צו קענען זיי זיך ניט ווידער טרעפען אויף מארגען.

און זיי האבען אבגערעדט צו טרעפען זיך מיטוואך אין זעלבער צייט. זי האט שטיל געזאגט צו איהם:

— אויב דו קומסט דער ערשטער, דאן לייג זיך אין בעט און ערוואט מיך דארט.

זיי האבען זיך צוקושט און זיינען אוועק יעדער אין אן אנ־דער זייט.

אויף מארגען, א זייגער צעהן, ווען דער דיקער כרוואוועאן האט געלעזען דעם „אנצייגער פון פערטהוים", א רעפובליקאנישע צייטונג, האט ער פלוצים א געשריי געטהאן צו זיין ווייב, וועלכע האט געפליקט א הוהן אויף'ן הויף:

— די כאלעריע געהט אום אויף'ן לאנד. נעכטען איז איינער געשטארבען אין באוביגני.

שפעטער האט ער מעהר וועגען דעם ניט געטראכט. ער האט געהאט א סך געסט און געמאכט גוטע געשעפטען.

ארום מיטאג־צייט איז אנגעקומען נאך א ווייזענדער צופוס, עפעס א מין ספארט טוריסט, וועלכער האט זיך געהייסען געבען א גוטען פריהשטיק און דערנאך פערטרונקען מיט צוויי אבסינטים און אזוי ווי עס איז געווען זעהר הייס האט ער נאך אריינגעגאסען אין זיך א ליטער וויין און אודאי צוויי ליטער וואסער. דאן האט ער גע־טרונקען קאפע, געמאכט א שנאפס אדער בעסער געזאגט דריי שנאפ־סען. און אזוי ווי דער קאפ איז איהם נאכדעם געווארען אביסעל שווערליך, האט ער פערלאנגט א צימער, אום זיך צו קענען צולייגען אויף צוויי, דריי שטונדען. נור איין צימער איז געווען פריי. קלאריססעם צימער, און נאכדעם ווי דער בעל'הבית האט זיך דורכ־גערעדט מיט זיין פרוי, האט ער עס אבגעגעבען דעם נייעם גאסט.

דער מאן איז ארויף אויבען. דאן א זייגער פינף פארנאכט, ווען ער איז ניט ארונטערגעקומען צוריק, איז דער בעל הבית ארויף אוי־בען, איהם אויפצואוועקען.

אבער שטעלט אייך פאר דעם שרעק, דער גאסט איז געווען טויט

דער בעל'הבית האט זיך געלאזט לויפען צו זיין פרוי.

— הער נור, דער מאן, וועמען איך האב געגעבען דעם צימער נומער עלף, איז, דאכט זיך, געשטארבען.

זי האט פאר שרעק אויפגעהויבען די הענד און אויסגערופען:

— איז דאָס מעגליך ! אַך, מיין גאָט, דאָס איז די כאָלעריע !

דער דיקער טרואוועאַן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ :

— ניין, איך גלויב, אַז דאָס איז אַן אַפּאָפּלעקסיע, ווארום ער איז גאַנץ שווארץ.

אָבער די פרוי איז געווען זעהר דערשראָקען און האָט געזאָגט :

— נור שאַ, נור ניט מאַך קיין איבעריגע רייד ! אַז ניט וועט עס גלייך הייסען, אַז דאָס איז די כאָלעריע ! ברענג אַלעס אין אָרדנונג און שוויייג. אין מיטען נאכט דארף מען איהם צונעהמען און קיינער זאָל גאָרנישט מערקען.

ער האָט געמורמעלט :

— פריילין קלאַריססע איז דאָ נעכטען געווען, איהר צימער איז ליידיג היינט ביינאַכט.

און ער האָט גערופען דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט ערקלעהרט, אַז דער טויט איז געקומען דערפון, וואָס דער גאַסט האָט זיך צו־פיעל איבערגעגעסען און דאָס בלוט איז איהם אין קאָפּ אריין. דאַן האָבען זיי זיך דורכגערעדט מיט'ן פּאָליציי קאָמיסאַר ; און עס איז ביי זיי געבליבען, אַז ארום האַלבע נאכט זאָל מען שטילערהייד צונעהמען דעם טויטען קערפּער, אַזוי אַז אין האָטעל זאָל מען גאָר־נישט בעמערקען.

* *
*

עס איז געווען אַזייגער ניין, ווען מאַדאַם אַמאַנדאָן איז ארויפ־געלאָפען אויף די טרעפּ פון'ם „גאָלדענעם פערדעל“, קיינער האָט זי ניט געזעהן. זי איז אוועק צו איהר צימער, געעפענט די טהיר און איז אריין אינעווייניג. א ליכט האָט געברענט אויף דעם קאַמין. זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו דער בעט. דער מאַיאָר איז שוין געלעגען אינעווייניג, אָבער ער האָט די פאָרהאַנגלאַך צוגעצויגען.

זי האָט געשעפּצעט :

— איין מינוט, מיין טהייערער, איך קום גלייך.

דאַן האָט זי זיך אויסגעטהאָן מיט א פיבערהאַפטער שנעל־קייט, א וואַרף געטהאָן די שיך איבער'ן צימער, דער קאָרסעט אויף'ן פּאָטעל, דערנאָך האָט זי אָפּגעשפּיליעט איהר שווארץ קלייד און די

אונטערדעק און זיי זיינען אראבגעפאלען אין קרייז ארום איהר אויף דער ערד, זי איז ארויס פון זיי און געבליבען שטיין אין איין העמד פון רויטען זייד, ווי א נור וואס אויפגעבליהטע בלום.

אזוי ווי דער מאיאר האט נאך ניט אויסגערעדט קיין ווארט, האט זי אויסגערופען:

— דו שלאפסט, דיקער?

ער האט ניט געענטפערט. און זי האט געזאגט שמייכלענדיג פאר זיך:

— וואס זאגט מען דערצו, ער שלאפט גאר!

זי האט אויף זיך געלאזען די זאקען, דורכגעריסענע, שווארצע זיידענע זאקען; איז צוגעלאפען צום בעט און שנעל אריינגעכאפט זיך אינוויינוויג. און ארומנעהמענדיג דעם קאלטען קערפער פון דעם טויטען רייזענדען, האט זי איהם בעדעקט מיט הייסע, ברענענדיגע קושען.

א מינוט נאכאנאנד איז זי געבליבען אונבעוועגליך, צופיעל צורייצט אום עטוואס צו בעגרייפען, אבער די קעלט פון דאס טויטע אונבעוועגליכע פלייש האט אויף איהר אנגעיאגט עפעס א מאדנעם שרעק, א קאלטער, א מורא'דיגער שוידער איז איהר איבער'ן לייב אריבער נאך איידער זי האט צייט געהאט א טראכט צו טהאן וואס דא טהוט זיך מיט איהר.

מיט איין שפרונג איז זי ארויסגעלאפען פון בעט ציטערענדיג פון קאפ ביז די פיס. דאן איז זי צוגעלאפען צום קאמין, גענומען דאס ליכט, צוריקגעקעהרט זיך דערמיט צו דער בעט און אריינגעקוקט. און זי האט דערזעהן א שרעקליכען פנים, וועלכער איז איהר געווען גאנץ פרעמד, א צוקרימטען, א שווארצען, א געשוואלענעם פנים מיט צוגעמאכטע אויגען.

זי האט ארויסגעלאזען א געשריי, איינעם פון יענע לאנגע, שארפע געשרייען, וואס מען הערט פון פרויען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, האט ארויסגעלאזט דאס ליכט פון איהרע הענד, געעפענט די טהיר און זיך געלאזט לויפען א הוילע, א נאקעטע אויף די טרעפ שרייענדיג מיט בענומענע קולות.

א געשעפטס-רייזענדער איז ארויסגעלאפען פון דעם צימער

נומער פיער אין זאקען און זי געכאפט אין זיינע ארעמס. ער האט געפרעגט א צושראקענער:

— וואס איז געשעהן, מיין שעהן קינד?

— מען האט... מען האט אימיצען ערמארדעט אין מיין צי־מער.

נאך געסט האבען זיך בעוויזען, דער בעל הבית אליין איז גע־קומען צולויפען.

און פלוצים האט זיך אין קארידאר בעוויזען דיהויכע גע־שטאלט פון דעם מאיאר.

אזוי שנעל ווי זי האט איהם דערזעהן, האט זי זיך א ווארף געטהאן צו איהם און אויסגערופען:

— ראטעווע מיך, ראטעווע מיך, גאנטראן! מען האט אימיצען ערמארדעט ביי אונז אין צימער.

* *
*

עס איז געווען זעהר שווער צו ערקלעהרען וואס דא טהוט זיך. אבער טרואוועאן האט דערצעהלט דעם אמת און פערלאנגט אז מען זאל גלייך פריי לאזען פריילין קלאריססע, פאר וועלכער ער איז בערייט גוט צו זאגען.

אבער דער געשעפטס־רייזענדער אין די זאקען, וועלכער האט בעקוקט דעם טויטען קערפער, האט געשווארען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א פערברעכען און האט איינגערעדט די איבעריגע געסט, אז מען זאל פריילין קלאריססא און איהר ליבהאבער ניט אבלאזען.

זיי האבען געמוזט ווארטען ביז דער פאליציי קאמיססאר איז געקומען. יענער האט זיי בעפרייט, אבער... ער האט ניט גע־האלטען די צונג.

אין פיער וואכען ארום איז דער וויים־פרעזידענט אמאנדראז ארונטערגעזעצט געווארען פון זיין אמט.

מאדאם ליונא'ס פראצעס.

דער דיקער פריעדענס־ריכטער, מיט איין אויג איין גאנ־צען צוגעמאכט און מיט דעם צווייטען האלב פער־זשמורעט און מיט אן אונצופריעדענער מינע, הערט אוים די קלאגען. צייטענווייז לאזט ער ארוים א מין מורמעל, פון וועלכען מען קען פערשטעהן זיין מיינונג, און ברעכט אונטער דעם אנגעקלאגטען, צי דעם עדות מיט א דין קול׳כעל, ווי ביי א קינד, כדי צו שטעלען פראגען. ער האט נור־וואס ארויסגעגעבען זיין אורטהייל איבער דער קלאגע פון הערר זשאלי גענען הערר פעטיפי וועגען א צופעליג איינגעפא־לענעם זייל, וואס איז געווען דער גרענעץ צווישען זיין, זשאלי׳ס פעלד און הערר פעטיפי׳ס. הערר זשאלי האט דעם לעצטען פער־קלאגט, אז זיין, פעטיפי׳ס קנעכט, האט דעם זייל אומיסטנע אומגעווארפען, ווען ער האט אויף׳ן פעלד געאקערט.

איצט רופט ער ארוים איפפאליט לאקור, דעם גלאקען־קלינ־גער פון דער קירכע, וועלכער האט אנגעגעבען א קלאגע געגען מאדאם סעלעסטא צעזארינע ליונא, די אלמנה פון אנטיפ איזידאר.

איפפאליט לאקור איז פינף און פערציג יאהר אלט, הויך און מאגער, מיט לאנגע האאר און א געראזירטען פנים, ווי עס פאסט זיך פאר א בעאמטען פון דער קירכע. ער רעדט מיט א לאנג־זאמען, שלעפענדיגען קול.

מאדאם ליונא זעהט אויס א יאהר פערציג, איז שטארק גע־בויט, מיט זעהר ברייטע היפטען און פאלקעס און מיט א גע־וואלדיגען בוזים. אויף איהר דיקען האלז זיצט א קאפ מיט א פערגרעבטען פנים, און איהר גראבער קול לאזט ארויס קלאנגען

פון וועלכע די שויבען טרייסלען זיך. זי איז שוואנגער, שטעלט ארוים איהר הויכען בויך, ווי א בארג, און דאס שמאלע קלייד איז אויף איהר אזוי שטארק אנגעצויגען. אז עס ועט, דאכט זיך, באלד, באלד פּלאצען.

די ארויסגערופענע עדות ווארטען, ביז מען וועט זיי רופען.

דער ריכטער ווענדעט זיך צום קלעגער:

— איפּאליט לאקור, ערקלעהרט אייער קלאגע.

דער קלעגער הויבט אן:

—עס איז אזא מעשה, הערר ריכטער. אין דעם טאג פון היילינגען מיכאיל וועט ווערען ניין חדשים, ווי מאדאם ליונא איז איינמאל א פּארנאכט צו מיר געקומען, באלד ווי איך האב אפּ־געקלונגען צו א גאטעס־דיענסט, און מיר דערצעהלט איהר לאגע מכוח דעם, וואס זי האט קיין קינדער ניט.

ר י כ ט ע ר : איך בעט אייך, רעדט קלאהרער, דייטלי־כער.

א י פּ פּ א ל י ט : איך וועל עס אייך ערקלעהרען, הערר ריכטער. עס איז גאנץ פּשוט: זי האט געוואלט האבען א קינד און האט מיך געבעטען, איך זאל איהר בעהילפיג זיין. איך האב איהר געהאלפען און זי האט מיר דערפאר צוגעזאגט הונדערט פראנקס. איצט הערר ריכטער, פערלאנג איך, זי זאל האלטען איהר צוזאג.

ר י כ ט ע ר : איך פערשטעה אייך ניט. איהר זאגט, זי האט געוואלט האבען א קינד. וואס מיינט איהר? א קינד צו אדאפּ־טירען?

א י פּ פּ א ל י ט : ניין, הערר ריכטער, א גאנץ נייעם.

ר י כ ט ע ר : וואס מיינט איהר א „גאנץ נייעם"?

א י פּ פּ א ל י ט : איך מיין, הערר ריכטער, א קינד, וואס דארף ערשט געבארען ווערען, אט אזוי ווי מיר וואלטען ביידע געווען מאן און ווייב.

ר י כ ט ע ר : איך פערשטעה אייך ניט — ווי אזוי האט זי אייך געקאנט מאכען אזא אונגאטירליכען פארשלאג? וואס פיר א צוועק איז זי דערמיט אויסען געווען?

א י פ פ א ל י ט : הערר ריכטער, לכתחילה איז מיר אויך ניט קלאהר געווען, וואס זי איז דערמיט אויסען, און איך האב זיך טאקי אויך געוואונדערט. אבער איך בין א מענש, וואס טהו קיין זאך ניט, איידער איך וויים ניט אפריהער קלאר, וואס איך טהו, דערפאר האב איך געוואלט אפריהער זי זאל מיר זאגען, וואס איז זי אויסען דערמיט, און זי האט מיר געזאגט. עס איז אזא געשיכטע: איהר מאן, אנטיפ איזידאר, וועלכען איהר האט גע־קענט ווי מיך און ווי זיך אליין, איז געשטארבען מיט א וואך צו־ריק און האט איבערגעלאזען זיין גאנץ פארמעגען צו זיינע קרובים. אזוי ווי דאס האט איהר פערדראסען, איז זי אוועק צו איינעם וואס ווייסט די געזעצען, און ער האט עס איהר אן עצה געגע־בען מכוח האבען א קינד אין דער צייט פון צעהן חדשים. איך מיין צו זאגען, אז אויב אין משך פון צעהן חדשים זייט אנ־טיפ'ס טויט וועט זי האבען א קינד, וועט דאס קינד זיין דער געזעצליכער יורש פון אנטיפ'ס פערמעגען. האט זי גלייך בע־שלאסען דאס צו טהאן און איז געקומען צו מיר, ווייל איך בין, דאנקען גאט, א טאטע פון אכט קינדער, וואס זיי אלע לעבען און דער עלטסטער פון זיי האט א קראם אין קאנע, אין דעם דע־פארטמענט קאוואלדאס, און האט געזעצליך חתונה געהאט מיט וויקטאריע־יעליזאבעטא ראוואו...

ר י כ ט ע ר : די דאזיגע איינצעלהייטען זיינען ניט נוי־טיג. דערצעהלט ווייטער וועגען מאדאם ליונא.

א י פ פ א ל י ט : איך וועל אייך דערצעהלען, הערר ריכ־טער. הייסט עס, זאגט זי צו מיר: „אויב דיר וועט געראטען, וועל איך דיר געבען הונדערט פראנק, אזוי גיך ווי דער דאקטאר וועט נור ערקלעהרען, אז עס איז דיר געראטען“. און, הערר ריכ־טער, אין צוויי חדשים ארום האב איך מיט פערגעניגען זיך דער־וואוסט, אז עס איז מיר ריכטיג געראטהען. אבער ווען איך האב ביי איהר געבעטען מיינע הונדערט פראנקס, האט זי מיר געוויזען א פייג און האט מיר נאך גוט אויסגעזידעלט, געזאגט מיר, אז איך בין א קאליקע.

ה י כ ט ע ר: מאדאם ליונא, וואס ענטפערט איהר אויף דעם?

מ א ד א ם ל י ו נ א: איך ענטפער, הערר ריכטער, אז ער איז א שווינדלער.

ר י כ ט ע ר: וואס פאר א בעווייזע האט איהר פיר אייער בעהויפטונג?

מ א ד א ם ל י ו נ א: (רויט און פערסאפעט מורמעלט) בעווייזע? וואס פיר א בעווייזע? קיין קלארע בעווייזע האב איך ניט, אז עס איז ניט זיין קינד! אבער דאס קינד איז ניט זיינס, ביי דעם אנדענקען פון מיין זעליגען מאן שווער איך אייך!

ר י כ ט ע ר: וועמענ'ס דען קינד איז דאס?

מ א ד א ם ל י ו נ א: (שטאמעלט פאר כעס) וואס ווייס איך, וועמענס! ווי אזוי קען איך עס וויסען! אלעמענס, ביי גאט שווער איך אייך! אט, הערר ריכטער, זיינען מיינע זעקס עדות, פרעגט זיי, פרעגט זיי אדרבה, איהר וועט הערען...

ר י כ ט ע ר: בערוהיגט זיך, מאדאם, בערוהיגט זיך און ענטפערט רוהיג. וואס פיר א גרונד האט איהר צו גלויבען, אז דאס קינד וואס איהר טראגט אונטער'ן הארצען, איז ניט זיינער?

מ א ד א ם ל י ו נ א: וואס פיר א גרונד פרעגט איהר? ניט איין גרונד האב איך, נור הונדערט, פינף הונדערט, צעהן טויזענד, א מיליאן גרינדע! ווארום ווען איך האב איהם דעם פארשלאג געמאכט, פון וועלכען איהר ווייסט, און איהם צוגע־זאגט די הונדערט פראנקס, האב איך דערנאך זיך דערוואוסט, אז ער אליין איז גאר נישט מיט גאר נישט און אז זיינע קינדער, האט קיין פאראיבעל ניט אויף מיר, הערר ריכטער, וואס איך זאג דאס, און אז זיינע קינדער זיינען גאר ניט זיינע, קיין איינער פון זיי!

א י פ פ א ל י ט: (קאלטבלוטיג) דאס איז לשון הרע!

מ א ד א ם ל י ו נ א: (אויסער זיך) לשון הרע, הא? לשון הרע? ווי געפעהלט עס אייך! זיין ווייב האט זיך ארומגע־שלעפט מיט אלעמען, מיט דער גאנצער וועלט, איך זאג אייך, מיט דער גאנצער וועלט! אט מיינע עדות וועלען עס אייך זאגען,

הערר ריכטער. פרוענט זיי אוים!

א י פ פ א ל י ט (קאלטבלוטיג) דאס איז לשון הרע! רכילות!

מ א ד א ם ל י ו נ א : וואס זאגט מען צו אזוינע פער־שטאכענע אויגען! פון וואנען קומט צו דיינע קינדער רויטע האאר, פון וואנען, הא? דו ביזט דאך גאר א שווארצער רוח!

ר י כ ט ע ר : איך בעט אייך, איהר זאלט קיינעם ניט בעלייידיגען, אניט וועל איך מוזען זיין שטרענג געגען אייך!

מ א ד א ם ל י ו נ א : קורץ, איינצושטעלען האב איך מורא געהאט, ביז איך אוועק צו צעזאר לעניק, וועלכער איז דא איינער פון מיינע עדות, און איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכ־טע. ער האט מיר גלייך געזאגט: „מאדאם ליונא, איך בין בע־רייט אייך צו העלפען!“ און ער האט מיר געהאלפען. אבער אויף איהם אליין האב איך זיך אויך נאך ניט פערלאזען. הערר ריכ־טער, אוודאי הונדערט בעלנים האבען זיך נאכדעם געפונען, וואס האבען מיר געוואלט העלפען. אט יענער הויכער, לוקא שאנדע־ליע, האט זיך פאר מיר געשווארען, אז איך וועל בעגעהן א זינד, ווען איך וועל געבען איפפאליט׳ן די הונדערט פראנקס, ווייל ער האט דאך ניט געטהאן מעהר, ווי די אנדערע, וועלכע האבען קיין געלד ביי מיר דערפאר ניט געבעטען.

א י פ פ א ל י ט : זי האט מיר ניט געדארפט צוזאגען. איך האב זיך געריכט אויף דאס געלד, הערר ריכטער. אפגעמאכט, דארף זיין אפגעמאכט.

מ א ד א ם ל י ו נ א : (אויסער זיך) הונדערט פראנקס, הונדערט פראנקס, הונדערט פראנקס פיר דעם, דו שווינדלער! אך, דו רוצח! זיי האבען ביי מיר דערפאר גאר נישט געבעטען, קיין איינציג סו אפילו ניט! אט זיינען זיי דא, אלע זעקס. פרעגט זיי, הערר ריכטער, זיי וועלען אייך ענטפערען, זיי וועלען אייך שוין זאגען. זעקס זיינען זיי (צו איפפאליט׳ן), זעקס, דו שווינדלער! און יעדער פון זיי איז מעהר ווערט ווי צעהן אזוינע ווי דו! און איך האב געקענט קריגען ניט זעקס, נור הונדערט, צוויי הונדערט, פינף הונדערט, פיעל איך וואלט נור אליין גע־וואלט, און אומזיסט, דו רוצח!

א י פּ פּ א ל י ט : אפשר הונדערט טויזענד...

מ א ד א ם ל י ו נ א : יא, און הונדערט טויזענד, ווען איך וואָלט געוואָלט!

א י פּ פּ א ל י ט : איך וויל קיין זאך ניט וויסען: איך האב מיין זאך געטהאן — בעצאהל!

מ א ד א ם ל י ו נ א : (טהוט זיך אַ קלאַפּ איבער'ן בויך) גוט, בעוויין, אז דאס איז דיינער, נו, בעווייז, בעווייז, רוצח דו!

א י פּ פּ א ל י ט : (קאַלטבלוטיג) אפשר איז עס מיינער און אפשר איז עס אנאנדערענ'ס, דער אַפּמאַך אבער בלייבט אַפּמאַך. איהר האט מיר צוגעזאגט הונדערט פראנקס פאר דאס, וואס איך האב געטהאן. האט איהר ניט געוואלט געהן צו אנדערע. איהר האט עס ניט געדאַרפט.

מ א ד א ם ל י ו נ א : ניט אמת, רוצח! העדר ריכטער, פרעגט אויס מיינע עדות, זיי וועלען אייך זאגען.

דער ריכטער רופט אויס די עדות. זיי זיינען אַ זעקס פאַר־שווינען, זיי אלע זיינען רויט, מיט ארונטערגעלאזטע הענד און קוקען אויס צושראָקען.

ר י כ ט ע ר : לוקא שאנדעליע, דענקט איהר, אז דאס קינד, וואס מאדאם ליונא טראגט אונטער איהר הארצען, איז אייערס?

ל ו ק א ש א נ ד ע ל י ע : יא, העדר ריכטער.

ר י כ ט ע ר : סעליסטין־פּיער־סודואן, דענקט איהר, אז דאס קינד, וואס מאדאם ליונא טראגט אונטער איהר הארצען, איז אייערס?

ס ע ל י ס ט י ן־פּ י ע ר־ס ו ד ו א ן : יא, העדר ריכ־טער.

די איבעריגע עדות בעהויפּטען דאס איינענע. און דער ריכ־טער נאך אַ קורצען ישוב הדעת ערקלעהרט:

— נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז פּונקט ווי איפּפּאליט לאַקור האט אַ רעכט צו דענקען, אז ער איז דער פאַטער פון דעם קינד, וואס מאדאם ליונא האט געוואָלט האבען, קענען אויך האַ־בען די אנדערע פּערזאָנען, ווי לוקא שאנדעליע, און אפשר נאך מעהר רעכט אויף דעם ווי ער. נור אזוי ווי מאדאם ליונא איז צו

ערשט געקומען צו איפפאליט לאקור און איהם פערשפראכען דערפאר הונדערט פראנקס, און אזוי ווי פון דער אנדערער זייט, האט ער קיין רעכט ניט געהאט דאס צו טהאן, ווייל, ווי עס איז בעוואוסט איז ער, דער אנקלעגער, א פערהייראטער מאן און איז פערפליכטעט אבצוהיטען די הייליגקייט פון'ם פאמיליען־לעבען, איז מיין אורטייל, אז מאדאם ליונא זאל איהם בעצאהלען פינף און צוואנציג פראנקס פאר די געריכטס־קאסטען, וואס ער, איפפאליט לאקור, האט געהאט, פאר די צייט, וואס ער האט פערלארען און פאר אוועקרייסען איהם פון זיינע פפליכטען.

א פאמיליע.

איך האב געוואלט בעזוכען מיין אלטען פריינד סימאן ראדעוויץ, וועלכען איך האב א יאהר פופצעהן ניט געזעהן.

אמאל איז ער געוועזן מיין בעסטער פריינד, מיין בוזים־פריינד, מיט וועלכען איך האב נעכט גאנצע מיט פערגעניגען פערבראכט. ער איז געוועזן אן אינטערעסאנטער, גייסטרייכער, פרעהליכער יונג און זיין געשפרעך האט תמיד געפינקעלט מיט די צארטסטע און פיינסטע געדאנקען.

יאהרען־לאנג האבען מיר צוזאמען געלעבט, רייזען געמאכט, געדענקט און געטרוימט. מיר האבען געליעבט די זעלביגע זאכען מיט דער זעלביגער ליעבע, מיר האבען בעוואונדערט די אייגענע ביכער, זיך בעגייסטערט פאר די זעלביגע קונסט־ווערק, האבען אפט געלאכט פון די אייגענע זאכען, אזוי, דאס מיר האבען זיך פערשטאנען אויף'ן בליק.

דערנאך האט ער חתונה געהאט, ער האט זיך פלוצים איין א מיידעל פון דער פראווינץ פערליעבט, וועלכע איז געקומען נאך פאריז, זוכען א מאן.

ווי אזוי דאס האט געקענט פאסירען, אז יענע קליינע מאגערע בעשעפעניש מיט די בלייכע האאר, מיט איהרע וואסערדיג־העלע, נארעשעוואטע אויגען, מיט איהר גראב, נאריש קול זאל ארייננכאפען מיט איהרע גראבע הענד אזא פיין־פיהלענדיגען, קלוגען מענשען, — דאס פערשטעה איך נאך היינט אויך ניט. און קען מען דען אזא זאך פערשטעהן? עס קען גרייליך זיין, אז ער האט פון גליק געטרוימט, פון א שטילען, זיסען, דויערנ־

דיגען גליק אין די ארעמס פון א טרייער, גוטער פרוי און דאס אלעס האט ער געזעהן אין דעם דורכזיכטיגען בליק פון דער דאזיגער קליינער מיידעל מיט די בלייכע האאר.

עס איז איהם דעמאלט גאר ניט איינגעפאלען, אז א טיכטיגער מאן מיט א לעבעדיגער, נערוועזער נאטור קען לאנג מיט קיין זאך איז'ם לעבען ניט בלייבען צופריעדען, סיידען ער איז ביסלעכ־ווייז אזוי אבגעטעמפט געווארען, דאס ער פיהלט איבערהויפט מעהר גאר נישט.

ווי וועל איך איהם ווידער טרעפען? איז ער נאך היינט אויך אזא פרעהליכער, גייסטרייכער, ליעבער מענש ווי אמאל, אדער האט דאס לעבען אין דער פראווינץ פון איהם געמאכט אנאנ־דער מענשען? אין פופצעהן יאהר קען זיך דער מענש זעהר פיעל ענדערען.

דער צוג האט זיך אפגעשטעלט אויף א קליינעם באהן־הויף. ווען איך בין אונטערגעגאנגען, איז צו מיר צוגעלאפען א דיקער, זעהר דיקער מאן מיט רויטע באקען, האט פונאנדערגעעפענט ביידע ארימס און אויסגעשריען:

— זשארזש!

איך האב איהם ארומגענומען, אבער דערקענט האב איך איהם ניט. און איך האב זיך אנגערופען צושראקען:

— אבער ביזטו דיק געווארען, קיין עין הרע!

ער האט זיך צולאכט:

— וואס דען האסטו ערווארטעט פון גוט עסען און רעגעלמע־סיג שלאפען? עסען און שלאפען, דאס איז דער הויפט און דער איינציגער אינהאלט פון מיין לעבען.

איך האב זיך איינגעקוקט אין איהם און געזוכט אויף דעם דאזיגען פעטען פנים די אמאליגע ערדעלע שטריכען. נור זיינע אויגען זיינען געבליבען די זעלביגע, אבער איך האב ניט געפונען אין זיי דעם אמאליגען בליק און איך האב ביי זיך געטראכט: ווען עס איז אמת, אז דאס אויג איז דער שפיגעל פון דער נשמה דאן איז די נשמה אין דער דאזיגער ברוסט שוין ניט מעהר ווי יענע, וועלכע איך האב אמאל אזוי גוט געקאנט.

אבער דאך האבען זיינע אויגען געלייכטעט פול פרייד און פריינדשאפט. נור די קלארע אינטעליגענץ וועלכע רעדט ווע־גען דעם ווערטה פון א מענשען ניט ווייניגער ווי ווערטער, האַ־בען זיי מעהר ניט אויסגעדריקט.

— פלוצים האט זיך סימאן אנגערופען צו מיר:

— אט דאס זיינען מיינע צוויי עלטערע.

א מיידעל פון פערצעהן יאהר, מיט ענטוויקעלטע פארמען, כמעט אזוי ווי ביי א פרוי, און אן אינגעל פון דרייצעהן יאהר זיינען צוגעגאנגען צו מיר פערשעהמט.

איך האב געפרעגט:

— דאס זיינען דיינע?

ער האט געענטפערט:

— נו, יא.

— וויפיעל קינדער האסטו?

— פינף. נאך דריי זיינען אין דער היים.

ער האט עס געזאגט מיט א שטאלצער מינע, צופריעדען, כמעט גליקליך, און א טיעפער רחמנות, אויסגעמישט מיט א גע־וויסען סארט פערראכטונג האט זיך אין מיר ערוועקט צו דעם דאָ־זיגען עהרגייציגען און נאאיווען מענשען, וועלכער האט זיינע נעכט פערבראכט אין זיין קליין־בירגערליכען הויז, אום קינדער אויף דער וועלט צו ברענגען, ווי א ווייווערקע אין איהר נארע.

מיר האבען זיך אריינגעזעצט אין א וואגען. ער אליין האט זיך געזעצט אויף דער קעלניע און א טרייב געטהאן די פערד. מיר זיינען דורכגעפאהרען די שטאדט, א טרויעריגע, פערשלאפע־נע שטאדט. אויף די גאסען האט מען נור געזעהן א פאאר הינט און א צוויי־דריי דיענסטען.

יעדע ווייל̈ע האט א קרעמער נעבען זיין קראם זיך גענויגט צו אונז. סימאן האט געענטפערט אויף די בעגריסונגען פון די קרע־מער און האט יעדען פון זיי אנגערופען ביים נאמען, מסתמא, אום מיר צו בעווייזען, אז ער קען אלע איינוואהנער ביים נאמען.

מיר זיינען שנעל דורכגעפאהרען די שטאדט און דער וואגען האט זיך אריינגעקירעוועט אין א גארטען, כמעט א פארק, און

איז דערנאך שטעהן געבליבען פאר א הויז מיט א טהורם, וואס האט אפנים געזאלט אויסזעהן ווי א שלאס.

— דאס איז מיין היים — האט סימאן געזאגט און אפנים גע־ווארט איך זאל איהם א קאמפלימענט מאכען. איך האב גע־ענטפערט:

— דאס איז וואונדער שעהן.

אויף דער וועראנדע האט זיך בעוויזען א דאמע, וועלכע האט זיך שעהן אויסגעפוצט לכבוד דעם גאסט, זיך פריזירט לכבוד דעם גאסט און אנגעגרייט א שאק שעהנע ווערטער לכבוד דעם גאסט. דאס איז ניט געווען מעהר יענע בלאנדע, בלייכע, מאגערע מיי־דעל, וועלכע איך האב מיט פופצעהן יאהר צוריק געזעהן אין דער קירכע, נור א דיקע דאמע מיט לאקענלאך, איינע פון יענע דאמען, וואס מען וויים קיינמאל ניט ווי אלט זיי זיינען, אהן כא־ראקטער, אהן עלעגאנץ, אהן גייסט, אהן די אלע יענע איינגענ־שאפטען, וואס בעשענקען אזוי די ריכטיגע פרוי. די דאזיגע דא־מע איז געווען נור א מוטער, א געבאר־מאשין, א נקבה, א פע־טע שטיק פלייש, וועלכע האט קיין אנדערען אינטערעס אין דעם לעבען ניט געהאט, אויסער די קינדער און דאס קאך־בוך.

זי האט מיר אבגעגעבען א שעהנעם „ברוך הבא“ און מיך אריינגעפיהרט אין זאאל, וואו דריי קינדער, ווי ווערעמלאך, זיינען אוסגעשטעלט געווען און האבען געווארט אויף מיר.

איך האב זיך אנגערופען:

— אהא, דאס זיינען די אנדערע?

סימאן האט זיי יעדען אנגערופען ביים נאמען:

— אט דער איז זשאן, די — סאפיע און גונטראם.

און דערביי האט ער אזוי געשטראהלט.

די טיהר צום צווייטען צימער איז געשטאנען אפען. איך בין אהין אריין און האב דערזעהן אויף א קרעסלא עפעס ציטערענ־דיגעס, א מענשליך בעשעפעניש, אן אלטען געלעהמטען מאן.

— דאס איז מיין זיידע, ער איז זיעבען און אכציג יאהר אלט.

דאן האט זי דעם ציטערענדיגען גרייז אין דעם אויער אריינ־געשריען:

— פאפא! דאס אז סימאנ'ס א פריינד!

דער אלטער האט געפרובט מיר גוטען מארגען צו זאגען און ארויסגעבאלבעט עפעס אזוינס, וואס האט געקלונגען, ווי: קוואק־קוואק, בעת דעם האט ער די האנד בעוועגט.

איך האב געענטפערט:

— איך דאנק אייך.

און איך האב זיך געזעצט אויף א שטול.

סימאן איז אריינגעקומען און האט זיך אנגערופען צו מיר, לאכענדיג:

— אה, דו האסט זיך שוין בעקענט מיט דעם ליעבען זיידען? ער איז נישט צו בעצאהלען, ער איז די גרעסטע פרייד פיר די קינדער, און איך זאג דיר, ליעבער פריינד, ער עסט, עסט, עסט, מען קען שטארבען פאר געלעכטער, ווען מען זעהט, ווי ער עסט. דו האסט גאר קיין אהנונג, וואס ער וואלט אויפגעגעסען ווען מען זאל איהם לאזען. אבער דו וועסט זעהן, דו וועסט שוין זעהן. ער מאכט אויגעלאך צו דעם געבעקס, אזוי ווי עס וואלט געווען א יונג מיידעל. מעהר קאמישעס איז גאר אויף דער וועלט נישטא. דו וועסט שוין אליין זעהן.

דערנאך האט ער מיר אריינגעפיהרט אין מיין צימער, אום איך זאל זיך אביסעל אין ארדנונג ברענגען, ווייל באלד האט מען געדארפט צום טיש געהן. איך האב דערהערט אויף די טרעפ א טומעל און א געלאף און איך האב זיך א קעהר געטהאן צו דער טיהר. אלע קינדער האבען אריינגעמארשירט אין מיין צימער, ווי א טשערעדע גענז, אפנים לכבוד מיר.

די פענסטער פון מיין צימער האבען ארויסגעקוקט אויף א גרויסע, ברייטע, פלאכע פעלד, אויף א ים פון גראז, גערשטען און האבער, אהן א סימן פון א ביימעלע, אהן א סימן פון א בערגעלע, א סימבאל פון דעם טרויעריגען און איינטאניגען לע־בען, וואס מען האט אין דעם דאזיגען הויז געלעבט.

עס האט זיך דערהערט דאס קלינגען פון א גלאק. מען האט צום טיש גערופען. איך בין ארונטערגעגאנגען.

מאדאם ראדעווין האט מיט א פייערליכער מינע אונטער'ן

ארעם מיך גענומען און מיר זיינען אריין אין עס צימער. א דיענער האט אריינגעשטופט די קרעסלא מיט דעם אלטען, וועלכער האט באלד, ווי ער איז נור געזעסען פאר זיין טעלער, געווארפען א הונגעריגען בליק אויף'ן טיש, דערביי האט ער מיט מיה געדרעהט דעם ציטערענדיגען קאפ פון איין שיסעל צום אנדערען.

סימאן האט זיך געריבען די הענד און געזאגט:

— פאס אויף, דו וועסט באלד לאכען.

און אלע קינדער, וועלכע האבען זיך איצט אנגעשטויסען, אז מען וויל מיר וויזען, וואס פאר א פרעסער זייער זיידע איז, האבען זיך צולאכט אין איין צייט, וועהרענד די מוטער האט נור די אקסלען א ציה געטהאן.

ראדעווין האט אריינגעשריען דעם אלטען אין'ס אויער:

— היינט האבען מיר רייז מיט צוקער.

דער צוקניימשער פנים פון דעם אלטען איז ליכטיג געווארען און ער האט גענומען ציטערען שטארקער פון אויבען ביז ארונטער אום צו וויזען, אז ער האט פערשטאנען און איז צופריעדען.

מיר האבען אנגעהויבען צו עסען.

— זעה נור, זעה! — האט סימאן געפליסטערט.

די סוף האט דעם זיידען ניט געשמעקט און ער האט ניט געוואלט עסען. אבער מען האט איהם גענויט ער זאל יא עסען, און א דיענער האט מיט געוואלד איהם אין מויל געשטופט פולע לעפעל, וועהרענד דער אלטער האט געבלאזען אויף די הייסע סופ און דערביי פערשפריצט דעם טיש און די שכנים ארום איהם.

די קינדער האבען ניט געקענט איינזיצען אויף זייערע פלעצער פאר פרייד, וועהרענד זייער פאטער, העכסט צופריעדען, האט זיך אנגערופען צו מיר:

— איז דער אלטער ניט קאמיש, זאג אליין?

און אין דער גאנצער צייט פון'ם מאהלצייט האט מען זיך בעשעפטיגט נור מיט איהם. ער האט פערשלונגען מיט די אויגען די שיסלען, וואס זיינען געשטאנען אויף'ן טיש. זיינע ציטערענדיגע הענד האבען געפרובט זיי אנגעהמען און צורוקען צו זיך. מען האט זיי געשטעלט נאהענט נעבען איהם און ער האט פער־

צווייפעלט זיך בעוועגט מיט'ן גאנצען קערפער, מיט זיינע הענד, אויגען, מויל און נאז, געוואלט אננעהמען, אנכאפען די שיסלען און דאס איז איהם געווען אזוי שווער. פאר גיריגקייט האט ער פערפלוניעט זיין סערוועטקע, ארויסגעלאזט אונפערשטענדליכע טענער און די גאנצע פאמיליע האט זיך געפרעהט מיט דעם און הנאה געהאט פון די דאזיגע שרעקליכע מאטערניסען.

דערנאך האט מען איהם ארויפגעלעגט אויף'ן טעלער א קליין ביסעל, וועלכען ער האט מערקווירדיג שנעל ארונטערגעשלונגען, אום וואס גיכער צו קריגען מעהר.

ווען מען האט דערלאנגט צום טיש דעם מילך־רייז מיט צוקער, איז ער גאר ארויס פון די כלים, ער האט אזש גענומען קרעכצען פאר גיריגקייט.

סימאן האט איהם אריינגעשריען אין'ם אויער:

—דו האסט צופיעל געגעסען, דו וועסט מעהר ניט קריגען.

און מען האט זיך געמאכט, אזוי ווי מען וויל איהם מעהר ניט געבען.

דאן האט ער אנגעהויבען צו קוויטשען, האט געוויינט און געציטערט נאך מעהר און אלע קינדער האבען דערביי געלאכט.

צום סוף האט מען איהם געגעבען זיין חלק, א גאנץ קליין ביסעל, און גלייך ווי ער האט עס אריינגענומען אין'ם מויל, האט ער ארויסגעלאזט א מין לעכערליכען, פאסמאקעוועדיגען טאן און האט דערביי בעוועגט דעם האלז, ווי אן ענטעל, וואס ווערגט זיך מיט א צו גרויסען שטיק, וועלכען זי האט ארונטער־געשלונגען.

ווען ער איז פארטיג געווארען, האט ער זיך גענומען דרעהן אויף זיין קרעסלא, געוואָרט מען זאל איהם געבען נאך.

און צוזעהענדיג די יסורים פון דעם דאזיגען האלב לעבער־ליכען, אונגליקליכען אלטען, האב איך רחמנות איבער איהם גע־קראגען און זיך אנגענומען פיר איהם:

— אך, אום גאטעס ווילען — האב איך זיך אנגערופען — גיט איהם נאך אביסעל רייז.

סימאן האט געענטפערט זעהר ערענסט און אויפריכטיג:

— מען טאָר ניט ליעבער פריינד, ווען ער זאָל צופיעל עסען ביי זיין אלטער, קען עס איהם פערשאַדען.

איך האָב געשוויגען און ביי זיך האָב איך געטראַכט: אַה מאַראַל, אַה לאָגיק, אַה חכמה! ביי זיין אלטער! מען זאָגט איהם אָב דאָס איינציג פערגעניגען, וואָס ער קען נאָך האָבען, ווייל מען האָט מורא עס זאָל חלילה ניט שאַדען זיין געזונד. זיין געזונד! וואָס קען טהאָן דערמיט די דאָזיגע ציטערענדיגע איבערבלייבעכץ פון א מענשען? מען שאָנעוועט זיין געזונד, מען פערלענגערט זיין לעבען. זיין לעבען! וויפיעל טעג: צעהן, צוואַנציג, פופציג, אָדער הונדערט? צו וואָס? טאַקי, צוליעב זיינטוועגען אָדער אום נאָך לענגער צו האָבען אין דער פאַמיליע אָט דעם דאָזיגען אונגליקליכען, הילפלאָזען פרעסער, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַמוזירט.

אין דעם דאָזיגען לעבען איז איהם פערבליבען נור איין וואונש, נור איין פרייד. וואָרום זאָל מען איהם דעם דאָזיגען לעצטען וואונש ניט ערפילען, געבען איהם אַזוי פיעל עסען, ביז ער וועט זיך ניט אויף טויט איבערפרעסען?

דערנאָך האָבען מיר א לאַנגע צייט געשפיעלט אין קאַרטען און צום סוף בין איך אוועק אין מיין צימער זיך לעגען שלאָפען. מיר איז געווען אומעטיג, אומעטיג, אומעטיג.

און איך האָב זיך געזעצט ביים פענסטער. פון דרויסען האָט זיך מעהר גאָר נישט געהערט ווי א שטיל, ווייך, זיס געזאַנג פון א פייגעל, וועלכער האָט ערגעץ אויף א בוים געזונגען. דער פייגעל האָט מסתמא אַזוי דורך די נאַכט געזונגען, אום זיין ווייבעלע איינצושלאָפען, וועלכע איז דאָרט אויף איהרע אייער געזעסען.

און איך האָב זיך דערמאָנט אַז די פינף קינדער פון מיין אָרעמען פריינד, וועלכער האָט דאָרט אויבען מסתמא נעבען זיין עקעלהאַפטער פּהוי געכראָפּעט.

קעניגין הארטענזע.

אין ארזשענטיל איז זי ביי אלעמען בעקאנט געוועזן אונטער'ן נאמען „קעניגין הארטענזע". פארוואס, האט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט. אפשר ווייל זי האט גערעדט אין א בעפעהלענדען טאן ווי אן אפיציער. אפשר ווייל זי איז געוועזן הויך און ברייט און האט געהאט א שטאלצען בליק אין איהרע אויגען. אפשר ווייל זי האט געהערשט איבער א גאנצע ארמעע פון הויז־טיערען, הינט, היהנער, קעץ, קאנאריקלאך און פאפוגייען, אלץ אזוינע הויז־טיערען, וואס זיינען די ליעבלינגע פון אלטע פערזעסענע מיידלאך. אבער זי האט ניט געבאלעוועט איהרע חיות, האט זיי ניט גערופען מיט פערצויגענע נעמען און ניט ארויסגעוויזען זיי יענע קינדישע ליעבע, וואס אלטע מיידלאך ווייזען געוועהנליך ארויס זייערע קעץ און הינט. זי האט בעהערשט איהרע הויז־חיות מיט גרויסער אויטאריטעט. זי האט רעגיערט.

זי איז געוועזן אן אלטע מיידעל, איינע פון יענע, וואס האט געהאט א קוויטשענדיגע שטימע און גראבע מאנירען און א הארץ, וואס האט געשיינט צו זיין פערהארטעוועט. זי האט ניט געוואלט ליידען אז עמיצער זאל איהר ווידערשפרעכען, זאל איהר ריידען אנטקעגען, זי האט ניט געהאלטען פון פוילען זיך, פון פערברייגען די צייט מיט גאר נישט און פון האנדלען אונענטשלאסען. קיינמאל האט מען ניט געהערט, אז זי זאל זיך פאר עמיצען קלאגען. האט זי עפעס אפגעטהאן, האט זי קיינמאל אויף דעם ניט חרטה געהאט. און זי האט קיינעם ניט מקנא געוועזן. זי פלעגט זאגען מיט דער איבערציייגונג פון פאטאליזמוס: „יעדער

קריגט, וואס איהם איז בעשערט". אין קירכע איז זי ניט געגאנגען. זי האט ניט געליעבט די פריסטער און אין גאט האט זי אויך כמעט ניט געגלויבט.

א יאהר דרייסיג האט זי בעוואהנט א קליין הייזעל מיט א גארטען צו דער גאס. זי האט איהרע געוואהנהייטען קיינמאל ניט געענדערט. נור די דיענסט-מיידלאך האבען זיך ביי איהר לאנג ניט געהאלטען, ווייל ווי נור א דיענסטמיידעל איז אלט גע־ווארען איין און צוואנציג יאהר, אזוי גלייך האט קעניגין הארטענ־זע זי אוועקגעשיקט.

ווען איהרע הינט, איהרע קעץ און פייגעל זיינען געשטארבען האט זי קיין טרעהר נאך זיי ניט ארויסגעלאזט און באלד אויף זייער פלאץ געקראגען אנדערע. די טויטע הויז-חיות האט זי בעגראבען אויף א גרויסען פלאץ אין'ם גארטען, אויסגעגראבען מיט א קליין העקעל א גרוב, אריינגעווארפען אהין די טויטע חיה און איינגעטראטען דערנאך די ערד איבער'ן גרוב מיט גלייכ־גילטיגע טריט.

אין דער שטאדט האט זי געהאט אייניגע בעקאנטע, עטליכע פאמיליען פון בעאמטע. אפט האבען יענע זי איינגעלאדען אויף א גלאז טהעע. זי איז אהין געגאנגען, איז אלע מאל איינגעשלאפען ביים טיש און מען האט זי געמוזט וועקען, ווען עס איז פאר איהר צייט געווען אהיים צו געהן. דאן האט זי קיינער ניט גע־טארט בעגלייטען. האט עס געמעגט זיין ווי שפעט אין דער נאכט. זי האט קיינמאל ניט מורא געהאט, האט גאר ניט געוואוסט, וואס מורא הייסט.

קינדער, ווי עס האט געשיינט, האט זי ניט בעזאנדערס ליעב געהאט.

איהר צייט האט זי פערבראכט מיט אלערליי מאנסבילשע בעשעפטיגונגען. זי האט געהאקט און געזעגט, פעררינכט אליין איהר אלטע הויז, געשטקאטורעוועט די ווענד, ווען עס איז נויטיג געווען, און אלסדינגג אליין געטהאן אין איהר גארטען.

זי האט געהאט צוויי שוועסטער, וועלכע זיינען צוויי מאל אין יאהר צו איהר געקומען אויף בעזוך. איין שוועסטער איז גע־

ווען פערהייראט פאר הערר איים, און די צווייטע פאר הערר קאַ־
לאמבעלס. מאדאם איים האט קיין קינדער ניט געהאט און מאַ־
דאם קאלאמבעלס האט געהאט דריי: הענרי, פּוילינע און זשאַ־
זעף. הענרי איז געווען צוואנציג יאהר אלט, פּוילינע זיעבצעהן
און זשאזעף, וועלכער האט אלעמען איבערראשט מיט זיין קומען
אויף דער וועלט, ווייל קיינער האט ניט געגלויבט אז זיין מאמע
איז נאך אימשטאנד צו האבען קינדער, איז ערשט אלט געווען דריי
יאהר.

דאס אלטע מיידעל האט גאר ניט ליעב געהאט איהרע
קרובים.

אין דעם פריהלינג פון יאהר 1882 איז „קעניגין הארטענ־
זע" מיט אמאל קראנק געווארען. די שכנים האבען גערופען א
דאקטאר, אבער זי האט איהם געהייסען געהן. דערנאך איז גע־
קומען א פּריסטער, און זי איז האלב נאַקעט ארויסגעשפּרונגען
פון בעט און איהם ארויסגעווארפען.

דאס דיענסטמיידעל האט זיך געבאדען אין טרעהרען און
געקאכט פיר איהר בעל הבית'טע באבסקע רפואות. די קראנקע
איז אלץ געפעהרליכער געווארען. דער דאקטאר, וואס די קראנ־
קע האט צום סוף פּארט צו זיך צוגעלאזען, האט ערקלעהרט, אז
עס איז ניטא קיין האפנונג, זי זאל נאך לאנג ציהען, און האט
געהייסען, מען זאל שיקען נאך די שוועסטער פון דער קראנקער.

א זייגער צעהן אין דער פריה זיינען די שוועסטער צוזאַ־
מען מיט זייערע מענער אנגעקומען מיט דעם זעלבען צוג.

אז זיי זיינען אריין אין דער גארטען־טהיר, האבען זיי צו־
ערשט דערזעהן דאס דיענסטמיידעל. זי איז געזעסען אויף א
שטול ביי דער וואנד און האט געוויינט.

דער הונד איז געלעגען אויף זיין שטרוי־זאק פאר דער
אריינגאנגס־טהיר און זיך געווארעמט אונטער דער ווארעמער זון.
צוויי קעץ וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי טויט, זיינען געלעגען
אויסגעצויגען אויףביידע פענסטער־ביינקלאך מיט אויסגע־
שטרעקטע לאפּקעס און עקען.

א גרויסע קוואקטשענדיגע הוהן האט געפיהרט א גאנצען באַ־

טאליאן יונגינקע הינדלאך שפאציערען, וועלכע האבען מיט זייער געלען פוה, לייכט ווי וואטע, אין דעם קליינעם גארטען ארומגע־פיקעט. הארט ביי דער וואנד אין דרויסען, אונטער דער ווארימער פריהלינגס־זון איז געהאנגען א שטייגעל, גרין געפארבט, פון וועלכע א גאנצע מענגע פייגעל האבען ארויסגעשווישצערט. צוויי פאפוגייען זיינען געזעסען גאנץ רוהיג אויף זייער שטאק אין אנאנדער שטייגעל, וועלכע איז געבויט געווען ווי א קליין הייזעל.

הערר איים, א דיקער מאן, וועלכער האט שווער געסאפעט און וועלכער האט געהאט א טבע אומעדום דורכצושטופען זיך אין פאראויס, האט איצט אויך אפגעשטופט די אלע אנדערע אן א זייט, דעם שוואגער און די שוועגערין, ווי זיין אייגענע ווייב, און זיך צוגערוקט צו דער וויינענדיגער דיענסטמיידעל:

— וואס מאכט זי, סעלעסטינא? שטארק קראנק, הא?

דאס מיידעל האט געענטפערט מיט טרעהרען:

— זי דערקענט מיך שוין ניט מעהר. דער דאקטאר זאגט, אז זי איז פארביי...

זיי אלע האבען זיך אומגעקוקט.

מאדאם איים און מאדאם קאלאמבעל זיינען זיך געפאלען איינע דער אנדערער אין די ארעמס און האבען זיך צוקושט. דערביי האבען זיי זיך קיין איין ווארט ניט געזאגט. איין שוועס־טער איז געווען שטארק עהנליך צו דער אנדערער, און זיי ביידע האבען געטראגען די האאר גלאט געקעמט איבער די אויערען, דערצו רויטע טיכער, וואס האבען פון ווייטען ווי פייער געלויכ־טען.

איים האט זיך געווענדעט צו זיין שוואגער, א בלייכען, גע־לען, מאגערען און הינקענדיגען יונגערמאן, וועלכער האט געלי־טען אויף'ן מאגען, און געזאגט אין א ערענסטען טאן:

— שוין צייט, ניין?...

אבער קיינער פון זיי האט זיך ניט אטוואזשעט אין דאס צי־מער אריינצוטרעטען, וואו די קראנקע האט גע'גוסס'עט. צום סוף האט דער קרומער קאלאמבעל זיך מוטה אנגענומען און איז איינ־געטראטען. און געהענדיג, האט ער זיך געשאקעלט אהער און

אהין, ווי דער מאסט פון א שיף, און געקלאפט הויך מיט זיין שטאק איבער דער שטיינערנער פאדלאגע. נאך איהם האבען זיך אטוואזשעט דיביידע פרויען. איים איז אריינגעגאנגען גאר דער לעצטער.

דער קליינער זשאזעף איז געבליעבען אין דרויסען, דער הונד האט איהם אינטערעסירט.

א שטראהל פון דער זון איז געפאלען אויף דאס בעט און האט בעלויכטען די הענד פון דער אלטער מיידעל, וועלכע האבען זיך נאכאנאנד צונעמאכט און געעפענט. די פינגער האבען זיך בעוועגט, אזוי ווי זיי וואלטען אויסדריקען עפעס געוואלט. דער גאנצער איבריגער קערפער איז געלעגען אונבעוועגליך אונטער דער בעט־דעקע. דער שפיציגער פנים האט זיך ניט געריהרט, די אויגען זיינען געווען געשלאסען.

די קרובים האבען זיך ארומגעשטעלט פון ביידע זייטען בעט, געקוקט ווי די קראנקע מאטערט זיך און געשוויגען. די דיענסט־מיידעל איז אריינגעקומען. זי האט נאך אלץ געוויינט.

צום סוף האט איים זיך אנגערופען:

— וואס זאגט דער דאקטאר?

דאס מיידעל האט ארויסגעשטאמעלט:

— וואס זאל ער זאגען? ער זאגט, מען זאל זי לאזען רוהיג ליעגען, ווייל קיין אנדער הילף איז פיר איהר שוין ניטא!

אבער פלוצים האבען די ליפען פון דער אלטער מיידעל זיך אנגעהויבען צו בעוועגען. עס האט זיך אויסגעוויזען, ווי זי וואלט ווערטער אהן קלאנגען ארויסגערעדט, ווערטער, וועלכע האבען ביי איהר אין קאפ געשלומערט.

און מיט אמאל האט זי ארויסגערעדט גאנץ שטיל און ווייך, אזוי ווייך און שטיל האט מען זי נאך קיינמאל ניט געהערט רייד־דען. איהר קול האט געקלונגען ווי פון ווייטען, אפשר פון דער טיעפעניש פון איהר שטענדיג פערשלאסענעם הארצען, וואס האט זיך איצט אין די לעצטע מינוטען פון איהר לעבען געעפענט...

איים האט ניט געקענט צוזעהן איהרע ליידען, האט ער אויף די שפיץ־פינגער זיך פון'ם צימער ארויסגע'גנב'עט. קאלאמבעל'ן

האט זיין הינקעדיגע פוס וועה געטהאן, האט ער זיך צוגעזעצט. דיביידע פרויען זיינען געבליבען שטעהן.

איצט האט קעניגין הארטאנזע געפלוידערט וואס — האט קיי־נער ניט געקענט פערשטעהן. זי האט דערמאנט נעמען, א סך נע־מען און גערופען אלערליי פערזאנען פון איהר פאנטאזיע מיט די לאסצענדסטע, מיט די ליעבסטע צונעמענישען.

— קום נור אהער, פיליפעלע. קוש דיין מאמען. האסטו דיין מאמען ניט ליעב? און דו, ראזעלע, זאלסט גוט אכטונג געבען אויף דיין קליינע שוועסטעריל, ווען איך וועל אוועק. לאז זי ניט אליין. דו פערשטעהסט? און דו זאלסט זיך מיר ניט שפיע־לען מיט שוועבעלאך!

זי איז אויף א רגע אנשוויגען געווארען, דערנאך האט זי ארויסגערעדט העבער, אזוי ווי זי וואלט עמיצען גערופען:

— הענריעטטע!...

זי האט ווידער א ווילע געווארט און דערנאך ווייטער גע־רעדט:

— זאג דעם פאפא, ער זאל צו מיר אריינקומען, איידער ער געהט אוועק.

און דערנאך פלוצים:

— איך פיהל זיך היינט אביסעל ניט אין גאנצען געזונד, ליעבער מאן מיינער. דו וועסט דאך ניט קומען שפעט אהיים, נישט אזוי? דו קענסט זאגען דיין שעף, אז איך בין קראנק. דו ווייסט, עס איז געפעהרליך, די קינדער צו לאזען אליין, ווערהענד איך ליעג צו בעט. איך וועל היינט אויך קאכען רייז מיט מילך, מיט פיעל צוקער, די קינדער האבען דאס זעהר ליעב. קלארעלע וועט זיך אזוי פרעהען.

און זי האט אנגעהויבען צו לאכען מיט א הויכען, יוגענדלי־כען געלעכטער, אזוי ווי זי האט נאך קיינמאל ניט געלאכט:

— קוק נור אן זשאנעלען, ווי קאמיש ער זעהט אויס, ער האט זיך אין גאנצען אויסגעשמירט מיט פלוימען־יויך! דער קליינער מורזע! זעה נור, ווי קאמיש ער זעהט אויס!...

קאלאמבעל, וועלכער האט זיין קראנקע פוס נאכאנאנד אנ־דערש געשטעלט, האט ארויסגעמורמעלט:

— זי טרוימט, אז זי האט א מאן און קינדער. א סימן, אז די אנאניע הויבט זיך אן.

די ביידע שוועסטער זיינען דאמאלט געשטאנען און האבען זיך ניט א ריהר געטהאן. דאס דיענסטמיידעל האט זיך צו זיי אנ־גערופען:

— געהט אריין אין אנאנדער צימער, טהוט אוים די היט...

זיי זיינען שווייגענדיג ארוים אין אנאנדער צימער. קא־לאמבעל האט זיי נאכגעהונקען. די גוסס'ע איז ווידער געבליבען אליין.

די פרויען האבען ארונטערגענומען פון זיך זייערע זאכען און זיך געזעצט. דא איז פלוצים איינע פון די קעץ ארונטערגע־שפרונגען מאדאם איים אויף'ן שויס. די פרוי האט זי גענומען גלעטען. פון'ם צווייטען צימער האט זיך געהערט די שטימע פון דער קראנקער, וועלכע האט איצט, אין איהר לעצטע שטונדע, קענטיג, דורכגעלעבט די אלע טרוימען פון איהר לעבען...

איים האט זיך געשפיעלט אין גארטען מיט דעם קליינעם זשאזעף און דעם הונד. ער איז געווען לוסטיג, ווי א געזונטער דארפסמאן און האט שוין מעהר ניט געטראכט וועגען דער שטארבענדער. אבער פלוצים איז ער אריינגעקומען און האט גע־פראגט דאס דיענסטמיידעל:

— זאג נור, מיידעלע, וואס הערט זיך עפעס מכוח עסען? מיי־נע דאמען, וואס ווילט איהר עסען?

עס איז געבליבען, מען זאל מאכען א פיין־קוכען מיט גרינ־סען, ביף־סטייק מיט נייע קארטאפעל, דערצו נאך קעז און קאפע.

ווען מאדאם קאלאמבעל האט געוואלט ארויסנעהמען איהר פארטמאנע פון דער קעשענע, האט איים צו איהר א ווינק געטהאן, זי זאל דאס ניט טהאן, און זיך געווענדעט צו דער דיענסטמיידעל:

— מיידעלע, דו האסט דאך געלד?

זי האט געענטפערט:

— נעווים.

— וויפיעל?

— פופצעהן פראנק.

— נו, וועט זיין גענוג. נו מאך דאס שנעל, מיידעלע, דאס הארץ פאלט מיר ארויס.

מאדאם איים, וועלכע איז געשטאנען אין דער אפענער טהיר און ארויסגעקוקט אויף די הויכע פלאנצען, וואס זיינען ארויס־געשטעלט געווען אין מיטען הויף אונטער דער זון, און אויף'ן דאך, וואו צוויי טויבען האבען געפיקעט איינע די אנדערע מיט די שנעבעלאך, האט זיך אנגערופען:

— עס איז א שאד וואס אזא שעהנער טאג איז איבערגע־פיהרט פון אזא טרויער!...

איהר שוועסטער האט א זיפץ געטהאן. און קאלאמבעל האט זיך גענומען קלאגען אויף זיין פוס.

דער קליינער זשאזעף און דער הונד האבען געקעהרט א וועלט. איינער האט פאר פרייד געשריען און דער אנדערער האט גאר אהן אויפהער געבילט. זיי האבען זיך ארומגעיאגט איבער די בעטען משוגע'נערווייז.

די שטארבענדע האט נאך אלץ צו טהאן געהאט מיט איהרע קינדער. זי האט מיט יעדען גערעדט, יעדען פון זיי מאנירען גע־לערענט, געלאסצעט און געלערענט זיי לעזען:

— אזוי סימאן. איצט נאך אמאל: איי בי סי די — נייז, ניט אזוי! דו רעדסט עס ניט ריכטיג אוים: די! ד־ד־די! דו פערשטעהסט? איצט נאך אמאל.

איים האט זיך אנגערופען:

— מאדגע, וואס מען רעדט אין אזא צייט.

מאדאם קאלאמבעל האט א פרעג געטהאן:

— אפשר האט מען געדארפט צו איהר ארייגנעהן?

אבער איים האט זי אפגערעדט דערפון:

— וואס ווילען מיר דארט טהאן. העלפען קענען מיר ניט. איז דאך אנגענעהמער צו זיצען דא.

מעהר האט מען וועגען דעם ניט גערעדט.

אזייגער איינס האט מען זיך צום טיש געזעצט.

אזוי גיך ווי קאלאמבעל האט פערזוכט דעם וויין, וואס דאס דיענסטמיידעל האט אויף'ן טיש געשטעלט, האט ער זיך אנגע־רופען:

— זאג נור, מיידעלע, אפשר האט איהר אין קעלער בעסערען וויין? דער דאקטאר האט מיר געהייסען טרינקען נור גוטען וויין. פערשטעהסטו מיך, איך לייד שטארק אויף'ן מאגען.

— יא, מיר האבען גאנץ גוטען וויין; מיר גיבען איהם, ווען געסט קומען.

— טא טראג־זשע טאקי ארויף א דריי פלעשער פון דעם.

דאס דיענסטמיידעל האט געבראכט דריי פלעשער פון יענעם וויין, וועלכער האט גוט געשמעקט, ווייל ער איז שוין א יאהר פופצעהן אין'ם קעלער געשטאנען. איים האט בעמערקט:

— דאס איז דער ריכטיגער וויין!...

קאלאמבעל האט א גרויסען חשק געקראגען צו דעם דאזיגען וויין. ער האט זיך ווידער געווענדעט צו דער דיענסטמיידעל:

— זאג נור, מיידעלע, איז נאך עפעס פיעל פערבליבען פון דעם וויין אין'ם קעלער?

דאס מיידעל האט געענטפערט:

— כמעט אין גאנצען. די פריילין האט דאך קיינמאל ניט געטרונקען.

דאן האט קאלאמבעל זיך געווענדעט צו זיין שוואגער:

— דו ווייסט וואס, איים, דו גיב מיר דעם וויין און איך וועל דיר דערפאר געבען עפעס אנדערש. קלייב זיך אוים דא אין הויז וואס דו ווילסט. איך וועל זיך מיט דיר אויף עפעס בייטען. איך בין דאך קראנק, איים...

די הוהן די קוואקטוכע איז אריינגעקומען מיט איהרע הינד־לאך.ביידע פרויען האבען גענומען ווארפען ברויט־ברעקלאך צו זיי.

זשאזעף און דער הונד האבען זיך אויך זאט אנגעגעסען און זיינען דערנאך ווידער ארויסגעלאפען אין גארטען.

קעניגין הארטענזע האט נאך אלץ גערעדט, אבער איצט אזוי שטיל, דאס מען האט די ווערטער קוים געהערט.

דערנאך זיינען אלע אריין צו דער קראנקער, צו זעהן וואס זי מאכט. געשטאנען דארט א ווייל און באלד ווידער ארויס. זיי האבען זיך געזעצט אין גארטען אפרוהען.

פלוצים האט דער הונד זיך אנגעהויבען צו יאגען ארום די שטולען. ער האט געהאלטען עפעס אין מויל. און דאס קינד האט זיך געיאגט נאך איהם מיט אלע קרעפטען.ביידע זיינען פער־שוואונדען אין הויז.

איים האט איינגעדרימעלט אונטער דער זון.

די שטארבענדע האט ווידער אנגעהויבען צו ריידען הויך. און פלוצים האט זי ארויסגעלאזט א געשריי.

ביידע פרויען און קאלאמבעל זיינען אריינגעלאפען, צו זעהן וואס דארט איז אזוינס. איים האט זיך אויפגעכאפט, האט זיך אבער פון ארט ניט גערירט, אזוינע זאכען האט ער ניט געקענט פארטראגען.

זי האט זיך אין׳ם בעט אויפגעזעצט און געקוקט ארום זיך מיט שטארע אויגען. דער הונד איז צו איהר ארויפגעשפרונגען. אום צו אנטלויפען פון דזשאזעף׳ן, האט ער זיך פערדוקט הינטער די קישען און געקוקט פון דארט אויף זיין שפיעל־חבר מיט לייכטענדע אויגען, יעדע רגע בערייט ווידער זיך א לאז צו טהאן שפרינגען מיט איהם. אין מויל האט ער געהאלטען זיין בעל הבית׳טעס א פאנ־טאפעל, וועלכען ער האט צוריסען מיט זיינע שפיציגע צייהן, ווייל ער האט שוין מעהר ווי א שטונדע זיך מיט איהם ארומגעשפיעלט.

דאס קינד, וועז ער האט פלוצים פאר זיך דערזעהן די שריי־עדיגע בלייכע פרוי מיט׳ן שטארען בליק, איז ער שטעהן געבליבען צושראקען, ווי צוגעוואקסען צום ארט ניט ווייט פון בעט. די הוהן, וואס האט זיך אויך אין דאס צימער אריינגעריסען, איז פון דעם ליארם ווילד געווארען, האט גענומען קלאפען מיט איהרע פליעגעל אויף א שטוהל און מיט אנגסט געקוקט אויף איהרע הינ־דעלאך, וואס האבען מיט א פיפסען אריינגעלאפען צווישען די פיער פיסלאך פון שטוהל.

קעניגין הארטענזע האט געשריען מיט שרעקליכע קולות:

- ניין, ניין, איך וויל ניט שטארבען! איך וויל ניט שטארבען!

ווער וועט מיינע קינדער האָדעווען? ווער וועט אויף זיי אכטונג געבען? ווער וועט זיי ליעבען? ניין, איך וויל ניט שטאַרבען! איך וויל ניט שטאַרבען!

דאַן האָט זי א פאַל געטהאַן אויף'ן רוקען. עס איז געווען אוים.

דער הונד האָט א שפּרונג געטהאַן, איז מיט איין שפּרונג געווען אין מיטען צימער.

קאַלאַמבעל איז צוגעלאָפען צום פענסטער און א רוף געטהאַן זיין שוואָגער:

— קום אריין שנעל, איך גלויב, זי איז געשטאָרבען!

דאַן איז איים אויפגעשטאַנען, האָט זיך איבערגעוואַלד מיט מוט אנגענומען און איז אין דאָס צימער אריין.

דערביי האָט ער געמורמעלט:

— שנעלער נאָך ווי איך האָב געדאַכט...

דער גט.

הגם ער איז געווען פארבונדען מיט די מערקווירדיגסטע, אונגעוועהנליכסטע, זעלטענסטע און קאמישסטע פראצעסען, און האט זיי געוואונען אהן שום שוועריגקייטען — הגם ער האט אויסגענוצט דעם געזעץ פון גט, ווי דאס וואלט געווען א קאליפארניער גאלד גרוב, דאך האט מעטער גארוליער, דער בעריהמטער, דער איינציגער גארוליער ניט געקענט צוריקהאלטען א פערוואונדערטע בעוועגונג, א האפנונסלאזען שאקעל מיט'ן קאפ און א שמייכעל, ווען די גרעפין דע־באודעמאנט האט איהם צום ערשטען מאל ערקלעהרט איהרע פאמיליען אנגעלעגנהייטען.

ער האט נור וואס געהאט געעפענט זיין קארעספאנדענץ, און זיינע שלאנקע הענד, וועלכע ער האט אם מייסטען געפפלעגט, האבען זיך איינגעגראבען אין א הויפען פרויען בריעף. די לופט איז אזוי פול געווארען מיט פיינע פארפיומען, אז מען האט געקענט מיינען, אז מען געפינט זיך אין דעם בייכטע־צימער פון א מאדערנעם פריסטער.

גלייך אויף'ן שטעל — נאך איידער זי האט ארויסגערעדט א ווארט — האט דער אדוואקאט מיט זיין שארפען בליק פון א פראקטישען מאן, מיט דעם בליק אויף וועלכען די שעהנע מאדאם דע־סופערנאיז האט געזאגט, „אז ער נעהמט דיר דורך דאס הארץ דורך און דורך", זי אוועקגעשטעלט אין דער דריטער קאטעגאריע. די וואס ליידען זיינען אריין אין דער ערשטער קאטעגאריע, די וואס ליעבען אין דער צווייטער, און די וואס לאנגווייליגען זיך אין דער דריטער — און זי האט געהערט צו דער לעצטער.

זי איז געווען א שעהנער ווינדמיהל, וועמעס זעגלען עס האבען זיך נאכאנאנד געדרעהט און געשטראמט מיט לעבען און לוסט, און א מארך האט זי געהאט פון א פויגעלע, וואו פיער גאנצע געזונדע געדאנקען האבען זיך בשום אופן ניט געקענט איינהאלטען אויף איין ארט און וואו אלערליי טרוימען, איינפאלען און משוגעת'ן האבען זיך נאכאנאנד בעוועגט ווי א ווירבעל ווינד.

ניט פעהיג ווען צו טהאן א פליעג, פול מיט געפיהל און מיט רחמנות צו דער גאסען־מיידעל וואס פערקויפט בלומען פאר א פעני א שטיק, צו דעם פערד, וועלכען דער טרייבער עקספלואטירט, צו דער טרויעריגער לויה פון א איינזאמען בעטלער, וועמעס קערפער, ניט בעגלייט פון פריינד און קרובים, ווערט בעגראבען אין א גרויסער אלגעמיינער גרוב, האט זי געטהאן אלעס אין דער וועלט פאר פינף מינוטען פארגעניגען. עס האט איהר ניט געאארט צו זי מאכט מענער אונגליקליך אויף זייער גאנץ לעבען, און עס האט איהר פערשאפט גרויס פערגעניגען אנצוצינדען ליידענשאפטען וועלכע האבען דעם מאן אין גאנצען פארברענט. אויף'ן לעבען האט זי געקוקט ווי אויף א זאך וואס איז צו קורץ אום צו זיין עפעס אנדערש, ווי א אונאויפהערליכער בירקעל פון פרעהליכקייט און פערגעניגענס. זי האט געדענקט, אז מענשען קענען געפינען גענוג צייט פאר ערנסטע און פערנינפטיגע זאכען אין דעם אבענד פון זייער לעבען, ווען זיי געפינען זיך שוין אויף'ן שפיץ בארג און ווען זייערע שפיעגלען ווייזען זיי א צוקנייטשט פנים ארומגערינגעלט מיט ווייסע האאר.

א'ן אמת'ע פאריזעריו, נאך וועמען א מאן וואלט נאכגעלאפען, ווי א הונד ביז צום עק פון דער וועלט; א פרוי, וועמען מען פארגעטערט מיט'ן קאפ, מיט'ן הארצען, מיט אלע געפיהלען ביז משוגעת, אזוי שנעל, ווי מען האט נור איינגעאטהעמט דעם פארפיום פון איהר קלייד, פון איהרע האאר, אדער מען האט אנגעריהרט איהר הויט, אדער געהערט איהר געלעכטער. א פרוי פאר וועמען איינער וואלט זיך געשלאגען אויף א דועל און איינגעשטעלט זיין לעבען ניט א טראכט מהוענדיג אפילו; פאר ווע־

מען א מאן וואלט געשלעפּט בערג און זיין נשמה צום טייפעל פארקויפט.

זי איז וואהרשיינליך געקומען זעהן דעם דאזיגען גארוליער, פון וועמען זי האט אזוי פיעל געהערט צו די פינף אוהר טהעע פארטיעס, אום אימשטאנד צו זיין, איהם צו בעשרייבען פאר איהרע בעקאנטע דאמען אין קאמישע פראזען, אום צו קענען נאכמאכען זיין שטימע, זיינע בעוועגונגען, זיין בליק. אפשר האט זי געוואלט דורכלעבען א נייע סענסאציע און אפשר גאר כדי זיך אנצוטהאן ווי א פרוי וועלכע געהט פארקלאגען א מאן אויף א גט; און דער עפעקט וואס זי האט געמאכט, איז ווירקליך געוועזען זעהר א שעהנער. זי האט געטראגען א גרויסארטיגען מאנטעל געשטיקט מיט דזשעט, וועלכער האט צוגעגעבען כמעט אן ערנסטען אויסדרוק צו איהרע גאלדענע האאר, איהר קליין עט־וואס פאריסען נעזעל מיט די ציטערענדע נאזלעכער, — און צו איהר גרויסע אויגען פול מיט לעבעדיגקייט און לוסט. א קלייד האט זי געטראגען פון א דונקעלען שטאף, וועלכע איז געווען צו־זאמענגענומען ביים האלז מיט א סאפיר און א בריליאנטענע שפּילקע.

דער אדוואקאט האט זי ניט אונטערבראכען, אדרבא ער האט איהר געלאזט זיך אויפרעגען און רעדען און אויסרעכענען אלע איהרע קריוודעס אנטקעגען דעם ארימען גראף דע באודעמאנט, וועלכער האט זיכער ניט געהאט קיין מינדעסטע אהנונג פון זיין ווייבס נייעם שפּיצעל, און וואלט געווען שטארק פערוואונדערט, ווען אימיצער וואלט איהם אין יענעם מאמענט וועגען דעם דער־צעהלט.

ווען זי האט געענדיגט, האט ער געזאגט קאלט, ווי ער וואלט ארויפגעגאסען א עמער וואסער אויף ברענענדיגע שטרוי:

— אבער, מאדאם, עס איז ניטא קיין קלענסטע אורזאכע פאר קיין גט אין אלעס וואס איהר האט מיר דערצעהלט. די ריכטער וועלען מיר פרעגען, אויב איך האב אנגענומען דעם געריכט פאר א טהעאטער און בין געקומען פון זיי שפּאסען?

און דערזעהן ווי טרויעריג זי איז געווארען — זי האט אויס־

געזעהן ווי א קינד וועמעס געליעבטעסטע צאצקע עס איז צו־בראכען געווארען — און, אז זי איז אזוי שעהן, דאס ער וואלט מיט פערגעניגען געקושט איהרע הענד, אז זי איז וויציג און אמו־זאנט, און ווייל ער האט איבערהויפט ניט געהאט דאנגען אזעל־כע וויזיטען פון שעהנע פרויען, האט מעטער גארוליער זיך אויף א ווייל פארטראכט. ארייננעהמענדיג זיין מארדע אין האנד, האט ער געזאגט:

— אויף יעדען פאל, וועל איך וועגען דעם א טראכט טהאן; עס וועט זיך מסתמא וואו עס איז געפינען א דונקעלער פלאץ, וועלכער וועט זיך לאזען מאכען ערגער. שרייבט מיר און קומט מיך נאך אמאל זעהן.

אין פערלויף פון איהרע וויזיטען, איז דער טונקעלער פלאץ א שעהן ביסעל פערגרעסערט געווארען און מאדאם דע באודע־מאנט האט אזוי פינקטליך נעפאלגט איהר אדוואקאט'ס ראטה און האט געשפיעלט איהר ראלע אזוי קינסטלעריש, אז אין עטלי־כע מאנאטען ארום נאך א פראצעס, פון וועלכען מען רעדט נאך ביז היינטיגען טאג אין געריכט, האט דאס געזעץ זיך אויסגע־שפראכען פאר דער שעהנער מאדאם דע באודעמאנט און איהר ארויסגעגעבען א גט.

ווען דער גראף האט דערזעהן, אז איהר קאמישער שפיצעל האט זיך געענדיגט אזוי ערנסט, איז ער געווארען מורא'דיג אויפ־געבראכט, איז אוועקגעלאפען צום אדוואקאט און איהם געסטרא־שעט, אז ער וועט איהם זיינע שעלמישע אויערען ארונטערשניי־דען. אבער ווען זיין כעס איז אריבער און ער האט זיך רוהיג איבערלייגט, האט ער א ציה געטהאן מיט די אקסלען און געזאגט:

— רעכט אויף איהר, זאל זי זיך ניט שפיעלען מיט אזעל־כע זאכען!

דאן האט ער געקויפט ביי באראן סילווערסטיין די יאכטע און מיט עטליכע פריינד איז ער אוועק מאכען א רייזע איבער צעילאן און אינדיען.

די שעהנע גרעפין האט טריאומפירט און זיך געפיהלט אזוי גליקליך ווי א שוהל מיידעל וואס געהט אהיים אויף יום טוב; זי

האט אנגעהויבען דערמיט וואס זי איז בענאנגען יערע מעגליכע נארישקייט, יעדע שטיפעריי. אבער אין גיכען איז זי מיעד גע־ווארען: א אנגעזעטיגטע, האט איהר אלעס דערעסען און זי האט גענומען גענעצען און... וויינען. זי האט איינגעזעהן, אז זי האט אויפגעפפערט איהר גליק, ווי א מיליאנער, וואס איז משוגע געווארען און האט ארויסגעווארפען אלע זיינע באנק־נא־טען אין וואסער אריין; און אז זי איז ניט מעהר ווי א שוואך, פאר־בלאנדזשעט שעפעלע, וואס איז געבליעבען איינע אליין אין דער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אז זי האט ווידער חתונה געהאט, ווייל די איינזאמקייט פון איהר הויז האט אויף איהר ארויפגעווארפען א גרויסען אומעט; און אויסערדעם האט זי זיך ארומגעזעהן, אז א פרוי דארף האבען א בעגלייטער, ווען זי געהט אין געזעלשאפט, צו רייסעס און אין טהעאטער.

און אזוי איז זי געווארען א מארקיזע און האט ארויסגערעדט איהר צווייטע „יא“ אין דער געגענווארט פון עטליכע פריינד אין דעם מער׳ס ביורא. שלעכטע צינגער האבען חוזק געמאכט פון דער גאנצער געשיכטע, האבען פארגליכען איהר איצטיגען מאן צו דעם פריהערדיגען און זיינען געגאנגען זאגאר אזוי ווייט, אז זיי האבען בעהויפטעט, דאס דער מארקיז איז געווען די אורזאכע פון דעם גט.

דערווייל האט העדר דע באודעמאנט ארומגעוואנדערט איבער אלע פיער עקען פון דער וועלט און געסטארעט זיך בייצוקומען די בענקעניש נאך דער היים און צו דערשטיקען אין זיך די זעהנ־זוכט נאך ליעבע, וואס האט פארצעהרט זיין הארץ און זיין קער־פער, ווי א לאנגזאמער גיפט.

ער האט ארומגעוואנדערט אין די ווייטעסטע געגענדען, אין די שעהנסטע לענדער. ער האט פארבראכט מאנאטען און מאנא־טען אויף׳ן ים און האט זיך איבערגעגעבען צו א לעבען פול פער־שווענדערונג און הולטייסטווא. אבער ניט די רייכע פארמען אדער די שעהנע בעוועגונגען פון די באיאדערען, ניט די גרויסע קאלטע אויגען פון די קרעאלקעס, ניט די ראמאנסען מיט די ענג־

לישע מיידלאך, וועמעס האאר עס האבען דעם קאליר פון מער, ניט די נעכט פון טרוימען אונטער דעם שעהנעם בלויען הימעל און ניט די געפאהרען בשעת וועלכע א מאן דענקט, אז אלעס איז שוין פארביי און זיינע ליפען, נעגען זיין ווילען, מורמלען א גע־בעט, ווען די כוואליעס בושעוועו און דער הימעל איז חושך פינסטער... קיינער און קיין זאך האט איהם קיינמאל ניט גע־קענט מאכען פארגעסען יענע קליינע פאריזער פרוי, וועלכע האט געשמעקט אזוי זיס, אז מען האט זי געקענט אננעהמען פאר א בוקעט פון די זעלטענסטע בלומען. יענע, וואס איז געווען אזוי אינטערעסאנט, אזוי רייצענד, אזוי קאמיש; וועלכע האט קיינ־מאל ניט געהאט דעם זעלבען קאפריז, דעם זעלבען שמייכעל אדער דעם זעלבען בליק צוויי מאל און וועלכע איז ווערטה גע־ווען א סך מעהר ווי פיעלע זינדיגע און פיעלע הייליגע צוזאמענ־גענומען.

ער האט נאכאנאנד געטראכט וועגען איהר אין די לאנגע שטונדען פון זיין שלאפלאזיגקייט. ער האט געטראגען מיט זיך אויף זיין ברוסט איהר בילד — א רייצענדעס בילד אויף וועלכען זי איז געשטאנען שמייכלענדיג און געוויזען איהרע ווייסע צייהן צווישען האלב אפענע ליפען. איהרע גוטע אויגען מיט זייער מאגנעטישען בליק האבען געהאט א גליקליכען, א אפענעם אויס־דרוק, און פון איהר פריזור אליין האט מען געקענט זעהן, אז זי איז א שעהנהייט צווישען די שעהנסטע.

ער פלעגט קושען דעם פארטרעט פון דער פרוי וועלכע איז געווען זיין ווייב, ווי ער וואלט עס געוואלט אבמעקען, פלעגט אויף דעם קוקען שטונדען לאנג און זיך דאן ווארפען אויף'ן בעט און וויינען ווי א קינד. ער האט געקוקט אויף דעם גרויסען ים, וואס האט זיך געצויגען פאר איהם, און עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז ער זעהט זייער פערלארענעם גליק, די פריידען פון זייער אמאליגער ליידענשאפט און די געטליכע עראינערונגען פון זייער ליעבע אין דער מאנאטאנער וויסטעניש פון די גרינע וואס־סערן, און ער האט געזוכט זיך אליין צו בעשולדיגען אין אלעם וואס עס האט פאסירט, האט פארטריבען דעם כעס אויף איהר

פון זיין הארצען, און האט זיך געזוכט איינצורעדען, אז זיין קו־
מער איז אן איינגעבילדעטער, אז אלעס וועט ווידער גוט ווע־
רען און ניט קוקענדיג אויף קיין זאך האט ער זי נאך אלץ גע־
ליעבט און פארגעטערט.

און אזוי האט ער זיך ארומגעטריעבען איבער דער וועלט, גע־
וואנדערט אהין און אהער, ליידענדיג און האפענדיג, ער האט אליין
ניט געוואוסט אויף וואס. ער איז געלאפען אין די גרעסטע גע־
פאהרען און געזוכט דעם טויט, ווי א מאן זוכט א היים־געליעבטע.
און דער טויט איז פארבייגעגאנגען פארביי איהם, ניט אנריהרענ־
דיג איהם. אפשר האבען איהם אמוזירט זיינע ליידען און פער־
צווייפלונגען...

און ער איז ווירקליך געווען אזוי פארמאטערט און אונגליק־
ליך, ווי א שטיינהאקער; ווי איינער פון יענער ארימע מענ־
שען, וועלכע הארעווען שווער א גאנצען טאג אונטער דער ברע־
נענדיגער זון אדער דעם קאלטען רעגען. און מאריע אננע אליין
איז אויך ניט געווען גליקליך ווייל זי האט געבענקט נאך דער
פערגאנגענהייט און געדענקט זייער אמאליגע ליעבע.

סוף כל סוף האט ער זיך פארט אומגעקעהרט קיין פראנקרייך
שטארק פערענדערט, פארברענט פון דער זון, פארהארטעוועט פון
רעגען און איין גאנצען אן אנדערער.

קיינער וואלט ניט געקענט דערקענען דעם עלעגאנטען און
צארטען קלובמאן אין דעם דאזיגען ים רויבער מי די ברייטע שול־
טערן, א הויט פון בראנז קאליער, מיט זעהר רויטע ליפען
און מיט א עטוואס שאקלענדיגען גאנג. דער שווארצער פראק
האט איהם געשיינט צו שטיקען, דאך האט ער איינגעהאלטען אין
זיך די שעהנע מאניערען און די האלטונג פון א נאבעלמאן פון'ם
פערגאנגענעם יאהרהונדערט. און וואו נור ער האט זיך בעווי־
זען, האבען זיינע פריינד אויסגערופען:

— וואס! דאס זייט איהר? איך וואלט אייך קיינמאל אין
לעבען ניט דערקענט!

שיער, שיער איז ער גלייך אויף'ן שטעל ניט ווידער אוועק,
ווען ער האט דערהערט, אז מאריע אננע האט נאך אמאל חתונה

געהאט, ער האט אפילו טעלעגראפירט קיין האוור, מען זאל האל־טען גרייט זיין יאכטע צוריק ארויסצופאהרען אויף'ן ים.

ער האט זי איינמאל א דיענסטאג געזעהן פון דערווייטענס אין טהעאטער פראנסע, און ווען ער האט בעמערקט ווי שעהן, ווי ליכטיג, ווי בעגנעהרענסווערט זי איז געווען — אויסזעהענדיג אזוי מעלאנכאליש, אזוי טרויעריג, ווי א געהיימע חרטה וואלט איהר הארץ געדריקט — איז זיין בעשלוס שוואכער געווארען און ער האט אבגעלייגט זיין אברייזען פון וואך צו וואך און געווארט ניט ווויסענדיג אויף וואס. ביז צום סוף אויסגעמאטערט פון'ם קאמפף, נאכגעהענדיג איהר ווי א שאטען אומעדום וואו זי איז געגאנגען און ליעבענדיג זי מעהר ווי ווען עס איז פריהער, האט ער גענו־מען שרייבען צו איהר לאנגע משוגענע בריעף פול ליידענשאפט, פול פייער.

ער האט פארשטעלט זיין האנדשריפט, געדענקענדיג איהר אונרוהיגען גייסט און איהרע קאפריזען, האט איהר געשיקט די בלומען, וועלכע זי האט אם מייסטען ליעב געהאט, און איהר פאר־זיכערט, אז זי איז זיין לעבען, אז ער געהט אוים נאך איהר און, אז ער פארגעטערט זי.

צום סוף א פערוואונדעטע, א פאראינטערעסירטע און אפשר — ווער ווייס? — האט זי זיך אנגעשטויסען פון דעם אינסטינק־טיווען קלאפען פון איהר הארצען און איהר אלגעמיינעם געפיהל, אז דאס איז ער, ער, וועמען זי האט אזוי שטארק ווהע געטהאן, וועמעס נשמה זי האט צוריסען מיט אזא קאלטקייט, און וויסענ־דיג, אז זי קען דאס אלעס פעררילכטען און צוריקרופען זייער אמאליגע ליעבע, האט זי איהם געענטפערט און איז מרוצה גע־ווארען אויף דער צוזאמענקונפט, וועלכע ער האט געבעטען. זי איז געפאלען אין זיינע ארעמס און זיי האבען ביידע זיך צוכלי־פעט פאר גליק און פרייד. זייערע קושען זיינען געווען אזעלכע, וואס ליפען גיבען בלויז דאן ווען זיי האבען זיך פערלארען און ווידער געפונען, ווען מען פערליערט זיך איינער אין דעם צווייטענס בליקען, דורשטענדיג נאך ליעבע, צערטליכקייט און גליק.

— —

לעצטע וואך האט גראף דע באודעמאנט גאנץ רוהיג און קאלט־בלוטיג אבגענומען מאריע אננע'ן און איז מיט איהר אוועק גראדע ווי איינער ווערט צוריק בעל הבית פון זיין הויז, נאכדעם ווי ער איז געקומען פון א לאנגער רייזע און טרייבט ארויס די אונ־געבעטענע געסט, וואס האבען זיך דארט איינגענארזשעט.

און ווען מעטער גארוליער האט דערהערט פון דעם דאזיגען סקאנדאל, האט ער גענומען זיינע הענד — די לאנגע, צארטע הענד פון א זינליכען גייסטליכען — און אויסגערופען:

— דאס איז אבסאלוט לאגיש, און איך וואלט זעהר וועלען זיין אויף זייער פלאץ.

בערטא.

יין אלטער פריינד — עס טרעפט אפט, אז מיר האבען פריינד, וועלכע זיינען א סך עלטער פון אונז — מיין אלטער פריינד דאקטאר באננעט האט מיך אפט געבעטען, איך זאל פארברענגען מיט איהם א געוויסע צייט אין ריאם און איך האב זיך בעשלאסען דארט צו פאהרען דעם זומער פון דעם יאהר 1876.

איך בין אנגעקומען אהין מיט דעם פריהמארגען־צוג און דער ערשטער מענש, וועלכען איך האב דערזעהן אויף דער פלאטפארמע, איז געווען דער דאקטאר. ער איז געווען אנגעטהאן אין א גרויען גארניטור או האט געטראגען א ווייכע, שווארצע הוט מיט ברייטע ברעגעס. אט אזוי אנגעטהאן האט דער דאקטאר געמאכט דעם איינדרוק פון אן אלטען יונגען מאן מיט א מאגערען קערפער אונטער א דינעם מאנטעל און א גרויסען קאפ באדעקט מיט ווייסע האאר.

ער האט מיך ארומגענומען מיט יענעם בעזונדערן פערגעניגען, מיט וועלכען דארפישע מענשען באגעגענען זייערע לאנג ערווארטעטע פריינד און אויסשטרעקענדיג זיין ארעם האט ער געזאגט מיט שטאלץ:

— אט דאס איז אווערגנע!

איך האב פאר זיך גארנישט געזעהן אויסער א רייהע בערג, וועמעס שפיצען האבען זיך צו די וואלקענס געצויגען.

דאן אנווייזענדיג אויף דעם נאמען פון דער סטאנציאן, האט ער געזאגט:

— „ריאם" דאס פאטערלאנד פון ריכטער, דער שטאלץ פון

געזעצגעבונג, האט בעסער געדארפט זיין דער שטאלץ פון די דאק־טוירים.

— פארוואס? — האב איך געפרעגט.

— פארוואס? — האט ער געענטפערט מיט א שמייכעל — ווען איהר שטעלט איבער די בוכשטאבען, וועט איהר האבען דעם לאטיינישען ווארט „מארי“ שטארבען. אט דאס, איז די אורזאכע פארוואס איך האב זיך דא בעזעצט, מיין יוגענד־פרייד.

און בעגייסטערט פון זיין אייגענעם וויץ, האט ער מיך אוועקגעפיהרט, רייבענדיג זיך די הענד.

אזוי שנעל ווי איך האב אויסגעזופט א טאש קאפע, האט ער מיך אוועקגעשלעפט אנקוקען די שטאדט. איך האב בעוואונדערט דעם אפטהעקער'ס הויז און די אנדערע בעריהמטע הייזער, וועלכע זיי־נען אלע געווען שווארץ, אבער שעהן ווי צאצקעלאך מיט זייערע פאסאדען פון געשניצטען שטיין. איך האב בעוואונדערט די סטאטוע פון דער הייליגער, די בעשיצערין פון קצבים און ער האט מיר וועגען דעם דערצעהלט זעהר אן אמוזאנטע געשיכטע, וועלכע איך וועל דערצעהלען אן אנדערש מאל. דאן האט דער דאקטאר באננעט זיך אבגערופען צו מיר:

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען אויף אייניגע מינוטען, איך מוז געהן צו א פאציענט, דערנאך וועל איך אייך נעהמען צו דעם טשאטעל־גויאן, פון וואנען איך וועל אייך ווייזען די אויסזיכט פון דער שטאדט און אלע בערג ארום. איהר קענט אויף מיר ווארטען אין דרויסען; איך וועל בלויז ארויפגעהן אויבען און קום גלייך צוריק ארונטער.

ער האט מיך איבערגעלאזען אין דרויסען נעבען איינער פון יענע אלטע, אומעדיגע, שטילע, מעלאנכאלישע הייזער, וועלכע מען זעהט אויף דער פראווינץ. דאס דאזיגע הויז האט אויסגעזעהן בעזונדערס טרויעריג און איך האב אין גיכען ערפאהרען די אור־זאכע דערפון. אלע גרויסע פענסטער פון ערשטען שטאק זיינען געווען האלב פארשטעלט מיט הילצערנע לאדענס. בלויז דעם אויבערשטען טהייל פון זיי האט מען געקענט עפענען, עפעס אזוי ווי עמיצער וואלט פארוועהרט די מענשען, וועלכע זיינען איינגע־

שלאָסען געוואָרען אין דעם אומעדיגעם שטיינערנעם קאַסטען, ארויסצוקוקען אין גאַס ארויס.

ווען דער דאָקטאָר איז צוריק אראָבגעקומען, האָב איך איהם געזאָגט, וואָס פאַר א מאָדנעם איינדרוק דאָס הויז האָט אויף מיר געמאַכט און ער האָט געענטפערט:

— איהר זייט גערעכט; דאָס אָרימע באַשעפעניש, וואָס וואָהנט דאָרט הינטער די צוגעמאַכטע לאָדענס, טהאָר קיין מאָל ניט זעהן וואָס עס טהוט זיך אין גאַס. זי איז א משוגענע פרוי, אָדער בעסער געזאָגט א אידיאָטקע, וואָס ביי אייך גאָרמאַנער, רופט מען עס א ניננעטע. דאָס איז א שרעקליכע געשיכטע אָבער אין דער זעלבער צייט אויך א זעלטענער פּאַטהאָלאָגישער צופאַל. זאָל איך עס אייך דערצעהלען?

איך האָב איהם געבעטען ער זאָל עס טהאָן און ער האָט פאָרטגעזעצט:

— מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָבען די בעלי הבתים פון דעם דאָזיגען הויז געהאַט א טאָכטער, וועלכע האָט געשיינט צו זיין פּונקט אזוי ווי אַלע איבעריגע מיידלאַך. אָבער איך האָב אין ניי־כען ענטדעקט, אז בשעת איהר קערפּער האָט זיך גוט ענטוויקעלט איז אָבער איהר שכל געבליעבען שטעהן אויף אַן אָרט.

זי האָט גענומען ארומלויפען זעהר שנעל, האָט אָבער ניט געקענט רעדען. אין אָנהויב האָב איך גערענקט, אז זי איז טויב, אָבער דערנאָך האָב איך אויסגעפונען אז, הגם זי הערט אויס־געצייכענט, פערשטעהט זי ניט א וואָרט וואָס מען רעדט צו איהר. שטאַרקע גערוישען האָבען איהר געמאַכט אויפציטערען און זי געשראָקען, אָהן דעם אז זי זאָל פאַרשטעהן פון וואַנען זיי קומען און וואָס רופט זיי ארויס.

זי איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען א פּרעכטיג שעהנע פרוי, אָבער זי איז געבליעבען טויב צו אַלעס, וואָס פאָדערט שכל, מארך. איך האָב אויסגעפּראָבירט אַלע וועגען, כדי אַריינצור־ברענגען א שטראַהל פון פערשטאַנד אין איהר קאָפּ, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך האָב בע־מערקט, אז זי דערקענט איהר אַם, אָבער אזוי שנעל ווי מען

האט איהר אנטוואוינט, האט זי ניט געקענט דערקענען איהר מו־טער. זי האט קיין מאל ניט געקענט ארויסברענגען דאס ווארט, וועלכער איז דער ערשטער קינדערשער קלאנג און דער לעצטער, וועלכען מענער מורמלען, ווען זיי שטארבען אויף'ן שלאכטפעלד. זי האט צייטענווייז פרובירט צו רעדען אבער עס איז ביי איהר גאר־נישט ארויסגעקומען אויסער אבגעריסענע קלאנגען אהן שום צו־זאמענהאנג.

ווען דאס וועטער איז געווען שעהן, האט זי נאכאנאנד גע־לאכט, און ארויסגעלאזען א קווימשעריי, וועלכע מען האט געקענט פארגלייכען מיט דעם סווישטשען פון פויגעלאך. ווען עס האט גערעגנט, האט זי געוויינט און געקלאגט אזוי טרויעריג אזוי מורא'דיג, ווי דאס האווקען פון א הונד אין א הויז וואו א טויטער געפינט זיך.

זי האט ליעב געהאט זיך צו קייקלען אין די גראז, ווי יונגע חיות טהוען און ארומלויפען איבער די פעלדער אזוי שנעל ווי די פיס האבען זי געקענט טראגען. זי פלעגט נעהמען פרעהליך פאטשען מיט די הענד יעדען פריהמארגען ווען די זון האט צו איהר אין צימער אריינגעשטראהלט און מיט סמנים געפאדערט, מען זאל איהר גלייך אנטהאן זי זאל קענען ארויסגעהן אין דרויסען.

עס האט געשיינט, אז זי קען ניט אונטערשיידען איין מענשען פון דעם אנדערען, אז זי טהיילט ניט אב איהר מוטער פון איהר ניאנקע, איהר פאטער פון מיר, אדער דעם קוטשער פון דעם קור־כאר. איך האב ליעב געהאט איהרע עלטערען, וועלכע זיינען צוליעב איהר געווען זעהר אונגליקליך און איך פלעג געהן זי זעהן כמעט יעדען טאג. איך האב ביי זיי זעהר אפט געגעסען די־נער און דאס האט מיר מעגליך געמאכט צו בעמערקען, אז בערטא — אזוי האבען זיי איהר גערופען — האט געשיינט צו דערקענען די פערשיעדענע געריכטען און פארגעצויגען מאנכע פון זיי. אין יענער צייט איז זי געווען צוועלף יאהר אלט, אבער קערפערליך ענטוויקעלט ווי א מיידעל פון אכטצעהן, און העכער פון מיר. דאן איז מיר איינגעפאלען א געדאנק צו ענטוויקלען אין איהר דעם געפיהל פון גיערינקייט, פון האבזוכט, אפשר וועט מיר אויף

אזא וועג געלינגען אריינצובערענגען כאטש עפּעס אן אינטערעס אין איהר שלאָפעדיגען גייסט. וועט זיך מיר איינגעבען דורך די פערשיעדענע שפּייזען, די פערשיעדענע טעמים אויפוועקען אין איהר דעם אינסטינקט, וועט אפשר שפּעטער אפּעלירענדיג צו איהר אינסטינקט מעגליך זיין ביסלעכווייז אויך אויפצואוועקען דעם געדאנק.

איין טאג האב איך אוועקגעשטעלט נעבען איהר צוויי טעלער, איינעם מיט סופּ, דעם צווייטען מיט זעהר זיסען וואַנעלאַ קרים. איך האב זי געלאזט פערזוכען ביידע, איינס נאך דאס אנדערע, דאן האב איך איהר געלאזען אליין אויסקלייבען וואס זי וויל, און זי האט גענעסען דעם טעלער מיט קרים. אין א קורצער צייט האב איך זי געמאכט זעהר גיעריג, אזוי גיעריג, אז עס האט געשיינט, אז דער איינציגער געדאנק וואס געפינט זיך אין איהר קאפּ, איז דער געדאנק וועגען עסען. זי האט גוט דערקענט די פערשיעדענע געריכטען, האט אויסגעצויגען די הענד נאך די, וועלכע זי האט ליעב געהאט און זיי האסטיג צוגעכאפּט און געוויינט ווען מען האט זיי ביי איהר צוגענומען.

דאן האב איך זיך גענומען זי צוגעוואָהנען צו קומען אין עס־צימער, ווען דער מיטאג גלאק האט געקלונגען. עס האט מיר גענומען א לאנגע צייט. אבער צום סוף האט זיך עס מיר פּאַרט איינגעגעבען. אין איהר פּוסטען מוח האט זיך אויסגעארבייט עפּעס א מין צוזאמענהאנג צווישען דעם קלאנג און דעם טעם פון איהרע געליעבטע מאכלים און איך האב מיינע עקספּערימענטען געטריעבען ווייטער און האב איהר מיט א סך שוועריגקייטען אויסגעלערענט צו דערקענען די צייט פון עסען אויף׳ן פּאַדער־בלאט פון זייגער.

א לאנגע צייט איז פאר מיר געווען אוממעגליך צוצוציהען איהר אויפמערקזאמקייט צו די ווייזערס, אבער דערנאך האב איך דאך אויסגעפיהרט, אז זי זאל בעמערקען דעם גאנג און דאס קלאַפּען פון זייגער. די מיטלען וואס איך האב אנגעווענדעט זיינען געווען זעהר איינפאך. איך האב געבעטען איהרע עלטערען, זיי זאלען ניט לאזען קלינגען דעם גלאק צו אנבייסען, נור יעדער זאל

זיך אויפהויבען און זאל געהן אין עס־צימער, ווען דער קליין האמערל פון דעם זייגער וועט שלאגען צוועלף; עס איז מיר אבער אנגעקומען אונגעהייער שווער איהר אויסצולערנען צעהלען די צוועלף קלעפ. זי איז געלאפען צו דער טהיר יעדעס מאל, ווען זי האט דערהערט דעם זייגער קלאפענדיג, אבער ביסלעכווייז האט זי גענומען פארשטעהן, אז דאס קלאפען פון זייגער האט ניט אימער דיזעלבע בעדייטונג,, אז ניט יעדעס מאל וואס ער קלאפט, קריעגט מען עסען, און זי האט אפט אנגעשטעלט איהרע אויגען און אויערען אויף דעם ציפער־בלאט.

ווען איך האב עס בעמערקט, האב איך זיך געסטארעט יעדען טאג אום צוועלף און אום זעקס אזייגער, ארויפצולעגען מיינע פינגער אויף די ציפערן צוועלף און זעקס אזוי שנעל ווי דער מא־מענט אויף וועלכען זי האט געווארט איז אנגעקומען. איך האב באלד בעמערקט, אז זי האט אויפמערקזאם נאכגעפאלגט נאך דער בעוועגונג פון די קליינע ווייזערס, וועלכע איך האב אין איהר גע־גענווארט אפט ארומגעדרעהט.

זי האט פערשטאנען! אדער בעסער געזאגט זי האט געכאפט דעם בעגריעף. עס איז מיר געלונגען איהר אריינצוקלאפען אין קאפ דאס פערשטענדניס פון דער צייט פונקט אזוי ווי די פיש, וועלכע האבען געוויס ניט קיין זייגער, אבער זיי ווייסען, אז מען קארמעט זיי א געוויסע צייט יעדען טאג.

נאכדעם ווי מיר איז עס געלונגען, האבען אלע זייגערס אין הויז צוגעצויגען צו זיך איהר אויפמערקזאמקייט. זי האט איהר גאנצע צייט פארבראכט קוקענדיג אויף זיי, זיך צוהערענדיג צו זייער קלאנג און ווארטענדיג אויף דער צייט פון עסען. און איין מאל האט פאסירט עפעס זעהר קאמישעס. דער קלונג אפאראט פון דעם שעהנעם זייגער אלא לואיס 16טער איז קאליע געווארען און האט אויפגעהערט קלינגען און זי האט עס בעמערקט. זי איז געזעסען צוואנציג מינוט נאכאנאנד מיט איהרע פינגערס אויף די ווייזערס, ווארטענדיג אז עס זאל שלאגען צעהן, ווען אבער דער ווייזער איז אריבער דעם ציפער און זי האט גארנישט גע־הערט, איז זי געווארען שטארק פערוואונדערט. זי איז דערפון

געוואָרען אזוי ערשטוינט, אז זי איז געבליבען זיצען צוטומעלט, צושראָקען, ווי פון עפּעס א שרעקליכען אונגליק. זי האָט געהאָט די זעלטענע געדולד צו וואַרטען ביז עלף אזייגער כדי צו זעהן, וואָס עס וועט זיין, אָבער אזוי ווי זי האָט נאַטירליך גאָרנישט געהערט, איז זי פּלוצים געוואָרען ווילד פאַר כעס, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט אָבגענאַרט, בעטראָגען געוואָרען. זי האָט געכאַפּט דעם צוואַנג פון אויוועו און עס א זעץ געטהאָן מיט אזא אימפּעט, אז אין איין מאָמענט איז דער זייגער צובראָכען געוואָרען אויף פּיץ־פּיצלאַך.

עס איז קענטיג געווען אז איהר מוח האָט זיך בעוועגט, האָט יאָ עפּעס געזוכט צו פערשטעהן, הגם זעהר, זעהר ווייניג: דען איך האָב קיין מאָל ניט געקענט איהר אויסלערנען צו אונטערשיידען די ארומיגע מענשען, ווי זי האָט אונטערשיידעט די צייט. כדי צו ערוועקען אין איהר דעם האָזיגען בעגריעף איז נויטיג געווען צו אפּעלירען צו איהרע ליידענשאַפטען, צו איהרע אינסטינקטען און אין גיכען האָבען מיר געהאָט א בעוויז דערפון אָבער ליידער איז דער בעוויז געווען זעהר, זעהר א טרויעריגער.

. זי איז אויסגעוואקסען און איז געוואָרען א פּרעכטיג שעהנע מיידעל; א מין סאָרט שעהנע און נאַרישע ווענוס. זי איז געווען זעכצעהן יאהר, און איך האָב זעלטען בעגעגענט אזא מערקווירדיגע פיגור, אזעלכע וואונדערשעהנע פאָרמען און אזעלכע רעגעלמעסיגע געזיכטס שטריכען. איך האָב שוין געזאָגט, אז זי איז געווען א ווענוס; יאָ, א ליכטיגע, פולע, שעהנע ווענוס מיט גרויסע העלע, פּוסטע אויגען, בלוי ווי די בלומען פון פלאַקס פלאַנצען. זי האָט געהאָט א גרויסען מויל מיט פולע ליפּען. א מויל פון א ליידענשאַפטליכער נאַטור, געמאַכט אויף צו קושען. אלזאָ, איין פריהמאָרגען איז איהר פאַטער געקומען צו מיר אין קאבינעט מיט עפּעס א מאָדנעם אויסדרוק אין זיין פּנים און אפילו ניט ענטפערענדיג אויף מיין גרוס, האָט ער זיך געזעצט און געזאָגט:

— איך וויל רעדען מיט אייך וועגען זעהר אן ערנסטע זאך. וואלט עס געווען מעגליך... וואלט געווען מעגליך פאר בערטא׳ן צו הייראטען?

— בערטא זאל הייראטען! וואס רעדט איהר, דאס איז אונ־מעגליך!

— יא, איך וויים, איך וויים — האט ער געענטפערט — אבער טהוט א טראכט, דאקטאר... אפשר... דענקט איהר ניט... מיר האפען... אז ווען זי זאל האבען קינדער... וואלט עס גע־ווען א שטארקע אויפרעגונג פאר איהר אבער אויך א גרויס גליק, און ווער וויים אפשר וועט די מוטערשאפט ערוועקען אין איהר דעם פערשטאנד?

איך בין דאן געווארען שטארק צוטומעלט. ער איז געווען גע־רעכט, און עס איז געווען מעגליך אז אזא נייע לאגע און דער וואונדערבארער אינסטינקט פון מוטערשאפט, וועלכער שלאגט אין די הערצער פון נידעריגע חיות פונקט אזוי ווי אין דער הארץ פון א פרוי, וועלכע מאכט א הוהן צו שפרינגען אנטקעגען א הונד כדי צו פערטהיידיגען איהרע קורטשאטקעלאך, אז דער דא־זיגער אינסטינקט זאל מאכען א רעוואלוציאן, א גאנצע אומענ־דערונג אין איהר פוסטען מוח. און זאל דעם אונבעוועגליכען מע־כאניזם פון איהרע געדאנקען ברייגנען אין בעוועגונג. און אויסער־דעם האב איך זיך גלייך דערמאנט אן א ביישפיעל, וואס איך האב אליין בייגעוואהנט. מיט עטליכע יאהר צוריק האב איך געהאט א קליין ציינעל, וועלכע איז געווען אזוי נאריש, אז איך האב מיט איהר גארנישט געקענט טהאן, אבער ווען זי האט געהאט קליינע הינטעלאך, איז זי געווארען, אויב ניט אזוי קלוג, דאך ניט נארישער פון פיעלע אנדערע הינט, וועלכע מען האט נאך ניט גוט איינגעבראכען.

אזוי שנעל ווי איך האב פאראויסגעזעהן די מעגליכקייט דערפון, איז דער פערלאנג, אז בערטא זאל חתונה האבען, געוואק־סען אין מיר ניט אזוי פיעל צוליעב איהר און איהרע עלטערען, ווי פון וויסענשאפטליכער נייגעריגקייט. וואס וועט דא זיין? מיט

וואס וועט זיך עס ענדיגען? דאס איז געוועזן א גאנץ בעזונדערע פּראבּלעמע, און איך האב זיך אבּגערופען צו איהר פאטער:

— אפשר זייט איהר גערעכט. איהר קענט פּרובּירען...

אבער...אבער... איהר וועט קיינמאל ניט געפינען קיין מאן, וועלכער זאל איינוויליגען מיט איהר צו הייראטהען.

— איך האב שוין איינעם געפונען — האט ער געזאגט מיט א שטילען קול.

איך בין געווארען ערשטוינט און געפרעגט:

— איהר האט געפונען א פּאסענדען פּערזאן? אימיצען פון אייער אייגענעם שטאנד, א מאן פון געזעלשאפט?

— יא. — האט ער געענטפערט.

— אזוי! קען איך וויסען זיין נאמען?

— איך בין אומישנע געקומען אייך עס צו זאגען און זיך מישב צו זיין. דאס איז הערר גאסטאן דו באום דע לוצעללעס.

עס האט זיך מיר געוואלט אויסרופען: „וואס פאר א אויס־ווארף“, אבער איך האב געהאלטען מיין צונג און נאך א ווייל שווייגען, האב איך געזאגט:

— אה! זעהר גוט. איך זעה גארנישט דאגעגען.

דער ארימער פאטער האט מיר הערצליך געדריקט די האנד און געזאגט:

— איהר חתונה וועט זיין אין א מאנאט ארום.

— —

הערר גאסטאן דו באום דע לוצעללעס האט געשטאמט פון שעהנע משפחה און נאכדעם ווי ער האט פארשוועדעט אלעס וואס ער האט גע'ירשנ'ט פון זיין פאטער און האט אנגעמאכט חובות אויף אלע מעגליכע און אונמעגליכע אופנים, האט ער זיך גענומען זוכען עפּעס אן אנדער וועג ווי אזוי צו קריגען געלד. און דערפאר איז ער מרוצה געווארען אויף'ן שידוך. ער איז געוועזן א שעהנער יונגערמאן, געזונד, שטארק אבער א גרויסער הולטיי — איינער פון די געוויסע טיפּען פון קליינשטעטעלדיגע הולטייעס — ער האט מיר געשיינט צו זיין דער ריכטיגער סארט מאן, פון וועלכען מען קען שפּעטער פּטור ווערען, געבענדיג איהם א געוויסען גע־

האלט, ער איז געקומען צו זיי אין הויז, איז געווען העפליך און האט זיך ארומגעדרעהט ארום דער אידיאטישער מיידעל, וועלכע איז איהם, קענטיג, געפעלען געווען. ער האט איהר געבראכט בלומען, געקושט איהרע הענד, געזעסען ביי איהרע פיס און געקוקט אויף איהר מיט פערליעבטע אויגען; אבער זי האט ניט בעמערקט זיינע אויפמערקזאמקייטען, און האט ניט געמאכט קיין אונטערשיעד צווישען איהם און די איבעריגע מענשען אין הויז.

פון דעסטוועגען האט מען געשפיעלט א חתונה, און איהר קענט זיך פארשטעלען, ווי שטארק מיין נייגעריגקייט איז געווען, איך בין אוועק זעהן בערטא'ן באלד אויף מארגען און האב געזוכט צו דערגעהן אין איהרע אויגען, אויב עפעס א נייער געפיהל איז אין איהר ערוואכט געווארען, אבער איך האב זי געפונען פונקט אזוי ווי זי איז געווען אלע טאג, אין גאנצען פערנומען מיט דעם זייגער און מיט'ן דינער, בשעת ער האט גראדע געשיינט צו זיין אויף אן אמת פערליעבט און האט געזוכט צו וועקען זיין ווייב'ס פערשטאנד און געפיהל מיט צערטליכקייטען און לאסקעס, ווי מען טהוט עס מיט א קליין קעצעלע. ער האט בעסער ניט פערשטאנען ווי מיט איהר ארומצוגעהן.

איך בין געקומען צו דער יונגער פאאר פאלק זעהר אפט, און איך האב אין גיכען בעמערקט, אז די יונגע פרוי האט דערקענט איהר מאן און האט געקוקט אויף איהם מיט ייזיע הונגעריגע בליקען, מיט וועלכע זי האט ביז אהער בלויז געקוקט אויף געשמאקע, זיסע מאכלים.

זי האט נאכגעפאלגט נאך זיינע בעוועגונגען, האט דערקענט זיינע טריט אויף די טרעפ אדער אין די אנדערע צימערען און האט געפאטשט אין די הענד, ווען ער איז אריינגעקומען. איהר פנים האט זיך אומגעביטען און גענומען שיינען פאר גליק און פערלאנגען. זי האט איהם געליעבט מיט איהר גאנצען קערפער און מיט איהר גאנצען וועזען, ביז צו דער טיעפעניש פון איהר ארימער, שוואכער נשמה. זי האט איהם געליעבט מיט איהר גאנצען הארצען, מיט דער ארימער הארץ פון א דאנקבארער חיה. עס איז ווירקליך געווען א פריידיגע און אונשולדיגע

בילד פון פשוט'ער ליידענשאפט, ווי די נאטור אליין האט פאר־פלאנצט אין דער מענשהייט, איידער די מענשען האבען דעם דאזיגען געפיהל פארדרעהט און פארקריפעלט.

אבער איהם איז אין גיכען דערעסען געווארען דאס דאזיגע הייסע, שעהנע, שטומע באשעפעניש און ער האט ניט פארבראכט מיט איהר מעהר ווי א שטונדע א טאג, עס איז געגוג, ער פאר־ברענגט מיט איהר די נעכט, האט ער געטראכט און עס פאר־שטעהט זיך, אז זי האט גענומען ליידען דערפון. זי פלעגט וואר־טען אויף איהם פון אין דער פריה ביז בייגאכט מיט די אויגען אויף'ן זייגער אנגעשטעלט. זי האט שוין איצט אפילו ניט גע־קוקט אויף'ן עסען און איז ניט געגאנגען צום טיש, ווייל ער האט געגעסען אויסער'ן הויז, אין קלערמאנט, אין טשאטעל־גיואן, אין ראיאט, וואו עס איז, אבי ניט אין דערהיים.

זי האט גענומען איינגעהן; יעדער אנדערער געדאנק, יעדער אנדער פערלאנג, יעדער אנדער ערוואַרטונג און יעדער אנדע־רע שוואכע האפנונג איז פערשוואונדען פון איהר זינען, און די שטונדען, אין וועלכע זי האט איהם ניט געזעהן, זיינען פאר איהר געוואָרען שטונדען פון מורא'דיגע יסורים. אין גיכען איז ער אויך ביי נאכט אפט ניט געקומען אהיים; ער האט זיינע נעכט פאר־בראכט מיט פרויען אין קאסינא אין ראיאט, און איז ניט געקומען אהיים ביז עס איז טאג געוואָרען. אבער זי איז קיינמאל ניט גע־גאנגען שלאפען איידער ער איז צוריקגעקומען. זי פלעגט בליי־בען זיצען אונבעוועגליך אין א פאטעל. מיט איהרע אויגען אויף'ן זייגער אנגעשטעלט, אויף דעם פארצעלייענעם ציפערבלאט, וואו עס זיינען אויסגעמאלען געוועזן די שטונדען, וועלכע זיינען געגאנ־גען אזוי לאנגזאם, אזוי רעגעלמעסיג.

ווען זי פלעגט פון ווייטען דערהערען דעם גאלאפ פון זיין פערד, פלעגט זי זיך א כאפ טהאן און אויפזעצען. ווען ער איז אין צימער אריין, פלעגט זי זיך אויפהויבען ווי א שאטען און איהם אנ־ווייזען אויף'ן זייגער ווי איינער זאגט: „זעה ווי שפעט עס איז!"

ער האט גענומען מורא האבען פאר דער דאזיגער פערליעב־טער, אייפערזיכטיגער, האלב פעררוקטער פרוי און איז געווארען

מלא רציחה, ווי געוועהנליך גראבע מענשען. אין איין נאכט איז ער אזוי ארוים פון זיך, אז ער האט איהר געשלאגען, דאן האבען זיי געשיקט נאך מיר. ווען איך בין געקומען אהין האט זי זיך געצאַפּעלט און געשריען אין א שרעקליכען אנפאל פון שמערצען, כעס, ליידענשאפט. ווער קען איהר וויסען פון וואס? קען ווער עס איז טרעפען וואס עס געהט פאר אין אזעלכע אונענטוויקעלטע מוחות?

איך האב זי בערוהיגט דורך מארפין איינשפריצונגען, און האב איהר פערבאטען צו זעהן דעם מאן, ווייל איך האב קלאהר איינגעזעהן, אז דאס לעבען מיט איהם וועט איהר ביסלעכווייז אין גאנצען דער'הרג'ענען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאן איז זי משוגע געווארען! יא, מיין פריינד, די אידיאטקע איז פון זינען אראב. זי האלט אין איין טראכטען פון איהם, און איין ווארטען אויף איהם; זי ווארט אויף איהם א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט, ווען זי שלאפט אדער זי וואכט. אהן אויפהער, אהן א סוף, ביז דער יעצטיגער מינוט. ווען איך האב געזעהן, ווי זי געהט איין, ווערט דינער און דינער און נעהמט קיין מאל ניט אראב איהרע אויגען פון די זייגערס, האב איך זיי געהייסען צונעהמען פון הויז. אויף אזא אופן וויל איך מאכען אונמעגליך פאר איהר צו צעהלען די שטונדען און צו געדענקען אין וועלכער צייט ער פלעגט קומען אהיים. איך האף מיט דער צייט צו צושטערען אין איהר די עראינערונגען און אויסצולעשען דעם שטראהל פון געדאנק, וועלכע איך האב מיט אזוי פיעל שווערינקייטען אין איהר אנגעצונדען.

מיט א פאאר טעג צוריק האב איך פרובירט מאכען מיט איהר אן עקספערימענט. איך האב איהר פארגעשלאגען מיין זייגער. זי האט איהם גענומען און געקוקט אויף איהם א געוויסע צייט; דאן האט זי גענומען מורא'דיג שרייען, עפעס אזוי ווי דער קליינער געגענשטאנד וואלט פלוצים אויפגעוועקט אין איהר עראינערונגען, וועלכע האבען שוין גענומען אבשטארבען. זי איז איצט אזוי אויסגעדארט, אזוי מאגער, אז עס איז א רחמנות אויף

איהר צו קוקען, מיט איינגעפאלענע און בליסטשענדיגע אויגען, און א גאנצען טאג לויפט זי נאכאנאנד ארום היין און צוריק איבער איהר צימער, ווי א חיה אין איהר שטייג. איך האב געלאזט פארקלאפען די פענסטער און צושלאגען די שטוהלען צו דער ערד, כדי ביי איהר צוצונעהמען די געלעגענהייט נאכאנאנד אויף איהם ארויסצוקוקען.

אך! איהרע ארימע עלטערען! וואס זיי האבען זיך פון איהר אויסגעליטען!

מיר זיינען צוגעקומען צום שפיץ פון בארג, און דער דאקטאר האט זיך אבגערופען צו מיר:

— טהוט א קוק אויף ריאם פון דאנען.

דאס אומעדיגע שטעדטעל האט אויסגעזעהן ווי עפעס א פארצייטיגע שטאדט. הינטער איהר האט זיך געצויגען א גרינער, וואלדיגער פעלד אנגעזעצט מיט שטעדטלאך און דערפער און איינגעהילט אין א צארטען, בלויען נעבעל, וועלכער האט זיך געצויגען ווייט, ווייט אוועק, ביז ער איז פארשוואונדען אין דער ווייטקייט. ווייט אוועק, צו מיין רעכטער זייט האט זיך געפונען א גאנצע קייט הויכע בערג מיט רונדע שפיצען, אדער זעהר שפיציגע ווי דער אויבען פון טורעם, און דער דאקטאר האט אנגעהויבען אויסצורעכענען די דערפער, די שטעדטלאך, די בערגלאך און דערצעהלט זייער יעדענס געשיכטע. אבער איך האב ניט געהערט, וואס ער האט גערעדט. מיינע אלע געדאנקען זיינען פערנומען געווען מיט דער משוגע'נער פרוי און נור זי האט זיך פאר מיינע אויגען געטראגען. מיר האט זיך אויסגעדוכט אזוי ווי זי וואלט דא ארום געשוועבט, א טרויעריגער געשפענסט, און איך האב פלוצים א פרעג געטהאן:

— און וואס איז געווארען פון איהר מאן?

מיין פריינד איז אביסעל צומישט געווארען. דערנאך אבער האט ער געענטפערט:

— ער וואהנט אין ראיאט אויף דאס געלד, וואס זיי גיבען איהם, און איז גאנץ גליקליך; ער לעבט א גוטען טאג.

ווען מיר זיינען פאמעלאך געגאנגען צוריק,ביידע שווייגענדיג

און אין אַ געדריקטער שטימונג, איז אַן ענגלישער וועגעל, אין וועלכען אַ פּיין פערדעל איז איינגעשפּאַנט געווען, אַנגעפאָהרען און האָט זיך שנעל פאַרבייגעטראָגען. דער דאָקטאָר האָט מיך אַ כאַפּ געטהאָן ביים אָרם:

— אָט איז ער! — האָט ער געזאָגט.

איך האָב נור געזעהן ווי אַ גרויער פעלצענער הוט, ארונטער־געדרוקט אויף איין אויער, איבער אַ פּאָאַר ברייטע אַקסלען, טראָגט זיך דאָרט אין אַ וואָלקען פון שטויב...

דער יונג.

דער בית עולם, פול מענשען, האָט אויסגעזעהן, ווי א בליהענדעס פעלד, די מיליטערישע היט און די רויטע הויזען, די שליפּעס און די גאָלדענע קנעפּ, די שווערדען און די ליענטעס, די שנירען פון די יעגער און הוסארען האָבען געבליסטשעט צווישען די קברים, וואו ווייסע אָדער שווארצע צלמים האָבען טרויעריג זייערע אָרעמס פון אייזען, מאַרמאָר אָדער האָלץ איבער א פּאָלק פון טויטע אויסגעשפּרייט.

מען האָט נור וואָס בעגראָבען די פרוי פון דעם קאָלאָנעל. זי איז מיט צוויי טעג צוריק דערטרונקען געוואָרען ביים באָדען זיך.

די לויה האָט זיך געענדיגט, דער פּריסטער איז שוין אוועק, אָבער דער קאָלאָנעל, פון צוויי אָפיציערען אונטערגעהאַלטען, איז געבליעבען שטעהן פאַר דער גרוב, וואָס אין איהר טיעפעניש האָט ער נאָך געזעהן דעם הילצערנעם קאסטען, וואו עס איז איינגעשלאָסען געווען דער שוין צושטערטער גוף פון זיין יונגער פרוי.

דער קאָלאָנעל איז געוועזן כמעט א גרייז, הויך, מאָגער, מיט ווייסע וואָנצעס. פאַר דריי יאָהרען האָט ער געהייראַט מיט דער טאָכטער פון זיינעם א חבר, וועלכע איז נאָך דעם טויט פון איהר פאָטער געבליעבען אן עלענדע יתומה.

ביידע אָפיציערען, אויף וועלכע זייער קאָמאַנדיר האָט זיך אָנגעשפּאַרט, האָבען פּרובירט איהם אוועקרייסען פון קבר. אָבער מיט טרעהרען אין די אויגען, וועלכע ער, דער אלטער סאָלדאַט, האָט זיך געסטאַרעט צו אונטערדריקען, האָט ער שטיל געפליסטערט

— ניין, ניין. לאָזט מיך נאָך איין אויגענבליק.

ער האַט דורכאוים געוואָלט בלייבען דאָ, נעבען איהר קבר, וועלכער איז איהם פאַרגעקומען טיעף, ווי אן אָבגרונד, און אין וועל־כען עס איז בעגראָבען געוואָרען זיין הארץ, זיין לעבען און אלעס אלעס וואָס איז איהם נאָך פערבליעבען אויף דער ערד.

פלוצים איז צוגעקומען גענעראַל אַרמאַנט. ער האַט אנגענומען דעם קאָלאָנעל פאר אן ארעם און איהם כמעט מיט געוואַלד אוועק־געשלעפט:

— קומט, קומט, אַלטער קאַמעראַד! איהר טאָרט דאָ מעהר נישט פערבלייבען!

דער קאָלאָנעל האַט געפאָלגט און איז אוועק אהיים.

ווען ער האָט געעפענט די טהיר פון זיין צימער, האַט ער דערזעהן אַ בריעף אויף זיין שרייב־טיש. ער האַט איהם גענומען און איז שיער נישט צוזאַמענגעבראָכען פאַר איבעראַשונג און שרעק, דען ער האָט דערקאַנט די האנדשריפט פון זיין פרוי, דער־ביי האַט דער שטעמפעל אויף דעם בריעף געציייגט, אז ער איז ערשט היינט ארויסגעשיקט געוואָרען.

ער האַט אויפגעריסען דעם קאָנווערט און גענומען לעזען דעם בריעף:

„פאַטער!

ערלויב מיר, דיך נאָך צו רופען פאַטער אזוי ווי פריהער. ווען דו וועסט לעזען דעם דאָזיגען בריעף, וועל איך שוין זיין טויט און בעגראָבען. אפשר וועסטו מיר דאן קאָנען פערגעבען.

איך וועל ניט פרובען דיך ווייך צו מאכען, אָדער מיין פעהלער צו ענטשולדיגען. איך וועל נור מיט דער גאנצער אָפענקייט פון אַ פרוי, וועלכע פערלאָזט אין אַ שעה ארום די וועלט, דיר דעם גאַנצען, פולען אמת זאָגען.

ווען דו האָסט מיך אוים גרויסמוטה געהייראטעט, האָב איך זיך אוים דאַנקבאַרקייט דיר איבערגעבען און דיך מיט דעם [illegible]־צען פייער פון מיין יונגען מיידעלשען הארץ געליעבט. איך האָב דיך געליעבט אזוי ווי איך האָב דעם פאַפאַ געליעבט, כמעט פונקט אזוי פיעל. און איין טאָג, ווען איך בין אויף דיינע קניע געזעסען און דו האָסט מיך געקושט, האָב איך דיך ניט ווילענדיג, פאַטער

גערופען. דאָס איז געווען אַן אינסטינקטיווער פלוצומדיגער רוף פון טיעפסטען הארצען. דו ביזט ווירקליך געווען פאר מיר ווי א פאָטער... נור ווי אַ פאָטער. דו האָסט געלאַכט און געזאָגט צו מיר: "רוף מיר אימער אזוי, קינדעלע, דאָס מאַכט מיר שפּאַס"

מיר זיינען אָנגעקומען אהער, אין שטאָדט, און פערצייהע מיר פאָטער, איך האָב זיך פערליעבט. אָה, איך האָב לאַנג, כמעט צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד דעם נסיון אויסגעשטאַנען. דיינע אויגען לעזען ריכטיג: כמעט צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד. אָבער דערנאָך האָב איך זיך אונטערגעגעבען, בין געוואָרען א געפאַלענע, א פערלאָרענע פרוי.

און ער? דו וועסט ניט טרעפען, ווער ער איז. וועגען דעם בין איך גאַנץ רוהיג, וואָרום א גאַנצער דוצענד אָפיציערען, וועלכע דו האָסט מיינע צוועלף טראַבאַנטען גערופען, זיינען אימער אַרום מיר און מיט מיר געווען.

פאָטער! זוך איהם ניט צו געפינען און האָס איהם נישט. ער האָט געטהאָן דאָס, וואָס אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אויך געטהאָן. און חוץ דעם בין איך איבערצייגט, אז ער האָט מיך מיט זיין גאַנצען הארצען ליעב געהאַט.

אָבער איצט הער מיך אויס: איין טאָג האָבען מיר געהאַט א צוזאַמענקונפט אויף דעם שנעפען־אינזעל, דו ווייסט דאָך, דער קליינער אינזעל נעבען מיהל. איך האָב געוואָלט אהין אריבער־שווימען און ער האָט מיך געדאַרפט ערווארטען צווישען די בושעס. און דאָן האָט ער געוואָלט פערבלייבען דאָרט ביז אין אָבענד. אום מען זאָל איהם נישט זעהן קומענדיג. איך האָב זיך מיט איהם גע־האָט נור וואָס צוזאַמענגעטראָפען, ווען די צווייגען האָבען זיך פּלו־צים פאַרנאַנדערגעטהיילט און מיר האָבען דערזעהן דעם סאָלדאַט פיליפּ, דיין יונג, וועלכער האָט אונז איבערראַשט. איך האָב גע־פיהלט, אז מיר זיינען פערלאָרען, און האָב גענומען שרייען אויף'ן קול. דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט, ער, מיין פריינד: „שווים לאַנגזאַם ווידער צוריק, מיין ליעבע, און לאָז מיך מיט דעם סאָל־דאַט אליין".

איך בין אוועקגעשוואומען אזוי צושראָקען, דאָס איך האָב

זיך קוים דערשלעפּט צום אנדערען ברעג. און דאַן בין איך אַהיים געקומען אין דער ערוואַרטונג, אַז עטוואָס שרעקליכעס וועט געשעהן.

אין אַ שטונדע אַרום, ווען איך האָב געטראָפען פּיליפּ׳ן אין דעם קאָרידאָר נעבען זאַל, האָט ער צו מיר געזאָגט אין דער שטיל: „גנעדיגע פרוי, איך שטעה איך צו דיענסט, אויב די גנעדיגע פרוי וויל שיקען אַ בריעף, בין איך בערייט עס צו בעזאָרגען“. דאַן האָב איך פערשטאַנען, אַז ער האָט זיך פערקויפט און אַז מיין פריינד איז געוועזן דער קויפער.

און איך האָב איהם געגעבען בריעף צו בעזאָרגען... אַלע מיינע בריעף. ער האָט זיי געטראָגען פון מיר צו יענעם, און פון יענעם צו מיר ענטפערס געבראַכט.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי מאָנאַטען. מיר האָבען איהם געטרויט, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט איהם געטרויט.

און איצט, פאָטער, הער וואָס איז געשעהן. איין טאָג האָב איך אויף דעם זעלביגען אינזעל, וואוהין איך בין באַדענדיג אוועקגעשוואומען, געטראָפען דיין סאָלדאַט, אָבער דאָס מאָל איז ער געווען איינער אַליין. דער יונג האָט מיר נאָכגעשפּיאָנירט און געזאָגט אַז ער וועט דיר אַלעס אויסזאָגען, וועט דיר איבערגעבען בריעף, וועלכע ער האָט געלאָזט ביי זיך, ווען איך וועל ניט ערפילען, וועל ניט בעפריעדיגען זיין וואונש...

— אַה, פאָטער! פאָטער! עס איז אויף מיר דאַן אָנגעפאַלען אַ מורא, אַ מיאוסע פורכט. פריהער פאַר אַלץ פאַר דיר, וועלכער איז אַזוי גוט און... ווען איך האָב בעטראָגען, דאַן פאַר איהם, וואָרום דו וואָלסט איהם געטויטעט. און אפשר אויך די מורא — פאַר זיך אַליין.. איך האָב געדענקט, איך וועל איהם נאָכגעבען איין מאָל, וועט ער זיך בערוהיגען, וואָרום דער דאָזיגער אויסוואורף האָט מיך אויך געליעבט. וואָס פאַר אַ שאַנדע! וואָס פאַר אַן ערנידערונג!

מיר זיינען אַזוי שוואַך, מיר פרויען, און מיר פערלירען דעם קאָפּ אַ סך שנעלער ווי איהר. און דאַן, ווען מען איז איינמאָל געפאַלען, פאַלט מען וואָס ווייטער אַלץ טיעפער און טיעפער. איך

סען זיך קוים אליין אבגעבען רעכענונג, וואס איך האב געטהאן. איך האב נור איינגעזעהן, אז איינער פון אייךביידען און איך מוזען שטארבען. און דאן האב איך זיך אבגעגעבען צו דעם דאזיגען יונג.

דו זעהסט, פאטער, איך זוך זיך ניט צו ענטשולדיגען.

דאן, דאן... דאן איז געשעהן, וואס איך האב פריהער גע־דארפט פאראויסזעהן : ער האט גענומען פאדערן און פאדערן, ווען ער האט נור געוואלט, האלטענדיג אין איין סטראשען מיך. און אזוי, איז אויך ער געווארען מיין געליעבטער ווי דער אנדערער.. יעדען טאג... איז דאס נישט שרעקליך! איז דאס ניט שוידער־האפט, פאטער!

דאן האב איך ביי זיך בעשלאסען, אז איך מוז שטארבען. לעבעדיגערהייט האב איך זיך פאר דיר אין אזא מיאוסען סקאנדאל נישט געקענט מודה זיין, טויטערהייד וואג איך אלעס. איך האב געמוזט שטארבען. קיין זאך אין דער וועלט וואלט מיך ניט גע־קענט ריינוואשען, איך האב זיך צופיעל בעשמוצט. איך האב נישט געקענט מעהר ליעבען, ניט געקענט מעהר געליעבט ווערען. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז איך בעשמוץ די גאנצע וועלט, יעדען מענשען, וועמען איך גיעב די האנד.

איצט וועל איך געהן זיך באדען און וועל שוין מעהר ניט קומען צוריק.

דער דאזיגער בריעף געהט צו מיין געליעבטען. ער וועט איהם ערהאלטען נאך מיין טויט, וועט ניט פערשטעהן וואס ער בעדייט און וועט איהם, ערפיהלענדיג מיין לעצטען וואונש, דיר צושיקען. דו וועסט איהם לעזען, ווען דו וועסט זיך צוריקקעהרען פון בית עולם.

— אדיע, פאטער! מעהר האב איך נישט וואס דיר צו זאגען. טהו וואס דו ווילסט און פערצייה מיר.

דער קאלאנעל האט זיך אבגעווישט דעם שטערען, אויף וועל־כען עס האט ארויסגעשלאגען א שוויים. זיין גאנצע קאלטבלוטיג־קייט, יענע קאלטבלוטיגקייט, וועלכע ער האט אמאל אין די שלאכ־

מען ארויסגעצייגט, האָט זיך פּלוצים צו איהם ווידער אומגע־קעהרט.

ער האָט אָנגעקלונגען.

עס איז אריין א דיענער.

— שיקט מיר אריין פיליפּ׳ן... — האָט ער געזאָגט.

דערנאָך האָט ער געעפענט דעם שופלאָד פון זיין שרייב־טיש.

דער סאָלדאַט איז גלייך אויף׳ן שטעל אריינגעקומען, דאָס איז גע־ווען א הויכער יונג מיט רויטליכע וואָנצעס, א פרעך פּנים און א כיטרען בליק.

דער קאָלאָנעל האָט איהם אָנגעקוקט גלייך אין פּנים:

— דו וועסט מיר אָנרופען דעם נאָמען פון מיין פרויס גע־ליעבטען!

— אָבער הערר קאָלאָנעל...

פון דעם האַלב אָפענעם שופליאָד האָט דער קאָלאָנעל ארויס־גענומען זיין רעוואָלווער:

— נו, שנעל. דו ווייסט, איך שפּאַס ניט.

—... הערר קאָלאָנעל... דאָס איז דער ריטמייסטער סענט־אַלבערט.

ווי נור ער האָט דעם נאָמען אויסגערעדט, האָט איהם א פלאַם געטהאָן פייער פאר די אויגען און ער איז געפאַלען אויף׳ן פּנים... מיט א קויל אינ׳ם שטערן.

דאָס שטיקעל שטריק.

פון אלע זייטען זיינען פויערים מיט זייערע פרויען שטראָהמענווייז געגאַנגען צו נאָרדעוויל צו, וואו עס איז יענעם טאָג געווען א יריד. זיי האָבען זיך געטראָגען רוהיג, בעוועגענדיג זיך אויף זייערע לאַנגע קרומע פיס. זייערע פיגורען זיינען געווען פערקריפּעלט פון דער שווערער ארבייט, פון דעם שטענדיגען דרוק אויף דעם אַקער־אייזען, וועלכער ציהט אוים די זייטען און הויבט אויף דעם לינקען אַקסעל אין דער הויך, פון דעם דרעשען די תבואה, וועלכעס בויגט אוים די קניע און פון אלע אנדערע שווערע און אויסגעמאַטערענדיגע ארבייטען פון דעם פויער. זייערע בלויע, געקראַכמאַליעטע בלוזעס האָבען געגלאַנצט, ווי לאַקירענע. ארום קראַגען און ביי די עלענבויגענס זיינען זיי געווען איינגענומען מיט א קליינעם ווייסען זוים און האָבען זיך אויפגעבלאָזען, ווי א לופט־באַלאָן, וועלכער וויל אוועקפליהען. פון דעם דאָזיגען באַלאָן האָט ארויסגעשטעקט א קאָפּ, צוויי הענד און צוויי פיס. איינינע האָבען אויף א שטריק געפיהרט נאָך זיך א קוה אָדער א קאַלב, וועהרענד זייערע ווייבער זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטען און מיט א צווייג, אויף וועלכען עס האָבען זיך נאָך געפונען בלעטער, די בהמות אונטערגעטריבען. אויף די ארעמס האָבען זיי געטראָגען גרויסע קערב, פון וועלכע היהנער אָדער ענטלאַך האָבען די קעפּ ארויסגעשטעקט. די פרויען זיינען געגאַנגען מיט עטוואָס קירצערע און לעבעדיגערע טריט ווי זייערע מענער: זיי זיינען געווען מאַגער אָבער גלייך, ניט איינגעהויקערט, איינגעוויקעלט אין שאַלען, וועלכע זיינען געווען צוזאַמענגענומען ביי דער ברוסט. אויף'ן קאָפּ האָבען זיי געטראָגען א ווייס טיכעל און איבער דעם א הייבעל.

פון צייט צו צייט איז פארבייגעגאנגען א באנק־וואגען, געשלעפט פון אן אלטער שקאפע, און האט שטארק געטרייסעלט די צוויי מענער און די פרוי, וועלכע זיינען געזעסען פון הינטען. יענע האבען זיך אנגעכאפט אן די זייטיגע ווענטלאך, אום זיך צו בעשיצען פון זעץ, וואס זיי האבען געקראגען ביים טרייסלען זיך.

אויף'ן מארק פון גארדעוויל האט זיך א גרויסער עולם מענשען געשטופט און געשטויסען ארום אלערליי פיה און עופות. פון איבער די קעפ פון דער מאסע האבען דא און דארט ארויסגעטראטען א פאאר הערנער פון אן אקס, א הויכער, לאנגהאריגער הוט פון א רייכען פויער, אדער דאס הייבעל פון א פויערטע. אין דער לופט האט זיך געטראגען א ליארם, א געפילדער פון קוויטשעדיגע, שארפע און שניידענדיגע שטימען, און פון דעם דאזיגען הו־הא האט צייטענווייז אבגעקלונגען א הויכער, קרעפטיגער רוף פון אן אנגעשנאסקעטען פויער, אדער דער לאנג־אויסגעצויגענער מעעקען פון עפעס א קוה, וועלכע מען האט צו א הויז אנגעבונדען.

אלעם האט געשמעקט מיט שטאל, מיט מילך, דיעגאכץ, הייה: און שוויס. און דאס אלעם האט זיך אויסגעמישט מיט יענעם שארפען, עקעלהאפטען גערוך פון מענש און פיה, וועלכער עס הערט זיך געוועהנליך פון דעם דארף־מענש.

דער אלטער הויכקארן פון ברעאנט איז נור וואס אנגעקומען אין גארדעוויל און איז געגאנגען צום מארק צו. דא האט ער בעמערקט אויף דער ערד א קליין שטיקעל שטריק; הויכקארן, וועלכער איז געווען זעהר שפארזאם, ווי אן אמת'ער נארמאנער, האט א טראכט געטהאן, אז דאס קען אמאל צוניץ קומען און ער האט זיך איינגעבויגען מיט גרויס מיה, ווייל ער האט געליטען פון רעוומאטיזם. ער האט אויפגעהויבען דעם דינעם שטיקעל שטריק פון דער ערד און האט עס שוין געוואלט צוזאמענוויקלען, ווען ער האט בעמערקט מאלאנדין, דעם זאטעל מאכער, וועלכער איז געשטאנען פאר זיין הויז־טהיר און זיך צוגעקוקט. זיי האבען זיך אמאל וועגען עפעס א נארישקייט צוקריעגט און האבען נישט

גערעדט איינער מיט דעם אנדערען נאך ביז היינטיגען טאג. דער אלטער הויכקארן האט זיך עפּעס ווי פערשעהמט, וואס זיין שונא האט געזעהן ווי ער האט אויפגעהויבען א שטיקעל שטריק פון דעם שמוץ ארויס. ער האט אויף גיך בעהאלטען זיין געפינס אונ־טער דער בלוזע, און דאן עס אריינגעשטעקט אין א הויזען־קעשענע. דערנאך האט ער געמאכט א מינע, ווי ער זוכט עפּעס אויף דער ערד, וואס ער קען בלומרשט ניט געפינען, און איז ווייטער אוועק צום מארק צו מיט'ן קאפּ אויסגעבויגט אין פאראויס, — אין גאנצען א צוקרימטער פון זיין רעוומאטיזם.

דארט האט ער זיך פערלארען אונטער דעם שרייענדיגען, אהער און אהין לויפענדיגען עולם. די פויערים האבען ניט אויפ־געהערט צו האנדלען, צו דינגען זיך, צו פילדערן. זיי האבען ארומגעטאפּט די קיה, זיינען אוועקגעגאנגען און ווידער געקומען, אין דער שטענדיגער מורא אבגענארט צו ווערען, ניט וואגענדיג צו קומען צו א שלום, זוכענדיג פעהלערין אין דער סחורה און קור־קענדיג מיט פערדעכטיגע אויגען אויף דעם פערקויפער.

די פרויען האבען זייערע גרויסע קערב אויף דער ערד נעבען זיך אוועקגעשטעלט און ארויסגענומען די עופות, וועלכע זיינען איצט מיט צוזאמענגעבונדענע פיס און רויטע קאמען, אויף דער ערד געלעגען און צושראקען זיך ארומגעקוקט.

די פויערטעס האבען זיך צוגעהערט צו די פּרייזען, וואס מען האט זיי אנגעבאטען, זיינען מיט א רוהיגער און גלייכגילטיגער מינע געבליבען ביי דאס זייעריגע, אדער האבען זיך פּלוצים ענט־שלאסען ארונטערצולאזען. דערנאך האבען זיי נאכגעשריען דעם קונה, וועלכער האט זיך שטיל אבגעטראגען:

— נו, אזוי לאנג ווי דאס זייט איהר, וועל איך עס אבגעבען, אבער דאס איז נור פאר אייך אזוי ביליג.

דערנאך איז דער פּלאץ ביסלעכווייז לעדיג געווארען. עס האט געשלאגען צוועלף א זייגער. ווער עס האט געוואהנט צו ווייט, אום צו געהן אהיים עסען, איז אוועק אין שענק אריין.

ביי זשארדען איז געווען געפּאקט מיט געסט און אויף'ן גרויסען הויף זיינען געשטאנען וועגען פון די פערשיעדענסטע

סאָרטען: קאָבריאָלעטס, באַנק־וואַגענס, קליינע, אָפענע וועגע־לאַך, שווערע קאַרעטען און קאָטשעס. אויף איינינע פון זיי איז נאָך געווען דער שמוץ פון די גאַסען, אַנדערע זיינען געווען צובראָכען, אַלטע שמאַטעס. הינטער די געסט, וועלכע זיינען גע־זעסען ביים טיש, איז געשטאַנען אַ גרויסער קאַמין, אין וועלכען עס האַט געברענט אַ העל פייער, און זיי די רוקענס געוואַרעמט. דריי בראָט־שפּיזען האָבען זיך איבערן פייער געדרעהט, אויף וועל־כע היהנער און טויבען האָבען זיך געבראָטען און זאָפט האָט זיך פון זייער פאַרברוינטער הויט געגאָסען; און אַ געשמאַקער גע־רוך פון געבראָטענעם פלייש האָט זיך פון אויוועז איבער דעם גאַנ־צען הויז פערשפרעהט פון וועלכען די געסט זיינען פרעהליך געוואָ־רען און שפּייעכץ איז זיי פון מויל געלאָפען.

די גאַנצע דאָרפישע אַריסטאָקראַטיע האָט געגעסען דאָרט ביי זשאָרדענ׳ען דעם שענקער, אַ גאַנץ דורכגעטריעבענעם, ריי־כען יונג. די שיסלען זיינען אַרומגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד און זיינען לעדיג געוואָרען, פונקט ווי די מיט גאָלדענעם סיידער געפילטע קאַנען. יעדער איינער האָט דערצעהלט פון זיינע גע־שעפטען, וואָס ער האָט געקויפט און וואָס ער האָט פערקויפט. מען האָט גערעדט וועגען דער גערעטעניש אויף תבואה, און אַז דאָס וועטער איז גוט פאַר די גאַרטענס, אָבער נישט פאַר די פעלדער.

פּלוצים האָט זיך פון דרויסען דערהערט דאָס קלאַפּען פון אַ קאַלאַטקע; גלייך זיינען אַלע אויפגעשפּרונגען, אויסער איי־ניגע גאַר גלייכגילטיגע. נאָך מיט אַ פולען מויל און מיט דער סערוועטקע אין האַנד האָט מען זיך אַ לאָז געטהאָן צו דער טהיר און צו די פענסטער.

נאָכדעם ווי עס האָט אַ היבשע ווײַלע געקלאַפּט אין דער קאַ־לאַטקע האָט דער אויסרופער אויסגערופען מיט זיין געהאַקטער שטימע, בעטאָגענדיג די ווערטער גאַנץ פאַלש:

„דערמיט לאָזט מען וויסען די איינוואָהנער פון גאָדערוויל, אויך יענע, וואָס זיינען געקומען צו דעם יריד, אַז היינט אין דער פריה צווישען ניין און צעהן אַ זייגער, איז אין דער בענצעוויללער גאַס פערלאָרען געוואָרען אַ בריעף־טאַש פון שוואַרצען לעדער.

אין איהם האט זיך געפונען פינף הונדערט פראנק און געשעפטס־פאפירען. מען בעט עם גלייך אבצוגעבען צו דעם פארשטעהער פון גארדעוויל אדער צום אייגענטהימער פארטאן האלברעך אויס מאנעוויל. צוואנציג פראנק בעלוינונג פאר׳ן געפינען״.

דאן איז דער מאן אוועק ווייטער, און מען האט נאך אמאל געהערט פון ווייטען דאס דומפפע קלאפען פון דער קאלאקאטקע און די שטימע פון אויסרופען.

איצט האט מען זיך גענומען רעדען וועגען דער דאזיגער פאסירונג און וועגען די אויסזיכטען פאר פארטאן האלברעך, זיין בריעף־טאש צוריק צוקריעגען.

דער מאהלצייט האט זיך געהאלטען ביים ענדיגען.

מען האט גראד געטרונקען קאפע, ווען דער וואכמייסטער פון די זשאנדארען האט זיך בעוויזען אויף׳ן שוועל. ער האט געפרעגט:

— איז דא פאראן הערר הויכקארן פון ברעאנט?

דער אלטער הויכקארן איז געזעסען אויף׳ן אנדערען בעג טיש און ער האט געענטפערט:

— דא בין איך.

און דער וואכמייסטער האט ווייטער גערעדט:

— הערר הויכקארן, זייט אזוי גוט און קומט מיט מיר צום פארשטעהער. דער פארשטעהער וויל מיט אייך עפעס רעדען.

דער פויער האט אויסגעטרונקען פארוואונדערט און אביסעל בעאונרוהיגט זיין שנאפס, איז אויפגעשטאנען און אוועקגעגאנגען. ער איז געווען נאך מעהר צוקרימט, ווי אין דער פריה, דען יעדעס מאל, נאכדעם ווי ער האט זיך אביסעל אויסגערוהט, זיינען איהם די ערשטע פאאר טריט זעהר שווער אנגעקומען. ער האט איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאל:

— דא בין איך. דא בין איך.

ער איז נאכגעגאנגען דעם וואכמייסטער. דער ארטיגער פארשטעהער, וועלכער איז אויך געווען דער נאטאריוס פון יענער געגענד האט שוין אויף איהם געווארט, זיצענדיג אויף זיין שטוהל.

דאָס איז געווען א דיקער, בכבוד'יגער מאַן וואָס האָט גערעדט מעשה בעאַמטער. ער האָט אָנגעהויבען:

— הערט אויס, הויכקאַרן, מען האָט געזעהן, ווי איהר האָט היינט אין דער פריה אויף דער בענעצעווילער גאַס אויפגעהויבען דעם בריעף־טאַש, וועלכען פּאַרטאַן האַלברעך פון מאַנעווילל האָט פערלאָרען.

דער פויער האָט פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם פאַרשטעהער. ער האָט דערפיהלט אַן אונרוהיגקייט פון דעם פערדאַכט אַליין, וואָס אויף איהם איז געפאַלען, הגם ער האָט ניט געוואוסט פאַר־וואָס:

— איך זאָל האָבען געפונען א בריעף־טאַש?

— יאָ, איהר.

— איך קען שווערען, אַז איך ווייס פון גאַרנישט צו זאָגען.

— מען האָט אייך געזעהן.

— מען האָט מיך געזעהן? ווער האָט עס מיך געזעהן?

— דער זאַטעל־מאַכער מאַלאַנדיין.

דאַ האָט זיך דער אַלטער דערמאָנט אויף זיין פריהערדיגען געפינס, ער האָט פערשטאַנען, איז רויט געוואָרען און זיך צו־קאַכט.

— דאָס גלויב איך, אַז ער האָט מיך געזעהן, דער לומפּ, יאָ, ער האָט טאַקע געזעהן, ווי איך האָב אויפגעהויבען אָט דאָס שטריקעל, אָט איז עס, קוקט זיך איין, הערר פאַרשטעהער.

דערביי האָט ער גענומען זוכען אין קעשענע און ארויסגע־שלעפּט דאָס קליין שטיקעל שטריקעל. אָבער דער פאַרשטעהער האָט איהם ניט געוואָלט גלויבען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— הערט אויס, הויכקאַרן, איהר וועט מיר נישט איינרעדען, אַז מאַלאַנדיין, וועלכער איז א גאַנץ בעגלויבטער מענש, וועט דאָס דאָזיגע שטיקעל שטריקעל אָננעהמען פאַר א בריעף־טאַש.

דער פויער האָט בייז אויפגעהויבען די האַנד און א שפּיי גע־טהאַן אַן א זייט, צו ווייזען, ווי מען קען יענעם גלויבען.

— אָבער איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת, הערר פאַרשטעהער,

ביי גאָט, איך קען אויף דעם שווערען. מיין חלק עולם הבא ביז איך בערייט איינצולעגען.

דער פאָרשטעהער האָט געענטפערט:

— גאָכדעם ווי איהר האָט דעם געגענשטאַנד אויפגעהויבען, האָט איהר נאָך אפילו א צייט אין שמוץ געזוכט, טאָמער איז פון דאָרט א גאָלדשטיק ארויסגעפאַלען.

דאָ איז דער גוטער מאַן געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס און אנגסט:

— עס איז א חרפה און א שאַנד אויף אַן עהרליכען מענש עט־וואָס אזוינס אויסצוטראַכטען! עס איז גאָרנישט צו גלויבען.

אָבער ער האָט געקאָנט רעדען וויפיעל ער האָט געוואָלט, מען האָט איהם נישט געגלויבט.

מען האָט איהם אוועקגעשטעלט פנים לפנים מיט דעם זאָט־לער מאַלאַנדין, יענער האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס זייניגע און זיין בעשולדיגונג ווידער געמאַכט. אַ שטונדע צייט האָבען זיי גע־זידעלט און געשימפּפט איינער דעם אנדערען, צום סוף, האָט מען אויף מאַלאַנדין׳ס ראַטה דעם אַלטען הויכקאָרן ארומגעזוכט. מען האָט ביי איהם אָבער גאָרנישט געפונען. דאַן האָט איהם דער פאָר־שטעהער, פערוואונדערט אביסעל, אָבגעלאַזען און ערקלעהרט, אז ער וועט די זאַך איבערגעבען צום געריכט.

די נייעס האָט זיך שנעל פערשפּרעהט איבער׳ן גאַנצען דאָרף. ווען דער אַלטער איז ארויס פון דעם גאַלאוואַ׳ס הויז, איז ער פון אַלע זייטען ארומגערינגעלט געוואָרען און האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס אויסגעפרעגט געוואָרען, הגם קיינער האָט זיך וועגען דעם ניט בעזונדערס אויפגערעגט. און ער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין מעשה מיט׳ן שטריקעל. קיינער האָט איהם נישט געגלויבט, אַלע האָבען געלאַכט.

ער איז אוועק. אַלע האָבען איהם אָבגעשטעלט און ער פון זיין זייט האָט אויך אַלע זיינע בעקאַנטע צוגערופען און ווידער אמאָל גענומען דערצעהלען זיין מעשה, האָט אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט און אויסגעקעהרט זיינע קעשענעס, אום צו ווייזען, אז ער האָט קיין זאַך ניט גענומען. מען האָט איהם נור געענטפערט:

— אַה, דו אַלטער כיטרער קאָפּ!

ער איז געוואָרען א צוקאַכטער, האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט און איז געוואָרען אויסער זיך, פאַרוואָס מען וויל איהם ניט גלויבען. איצט האָט ער שוין ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך צו העלפען. ער האָט ווידער אויף דאָס ניי זיין געשיכטע דערצעהלט ביז עס איז נאַכט געוואָרען. ער האָט געמוזט אַהיים געהן. ער איז געגאַנגען מיט דריי שכנים, וועמען ער האָט אָנגעוויזען דעם אָרט וואו ער האָט דאָס שטיקעל שטריק אויפגעהויבען. און אין וועג האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו רעדען פון דעם וואָס מיט איהם האָט היינט פּאַסירט.

פאַרנאַכט איז ער אוועק אין דאָרף ברעאַנט, איז דאָרט געגאַנגען פון הויז צו הויז און האָט אַלע פּויערים זיין געשיכטע דערצעהלט. אָבער אומעדום וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, האָט ער נור געפונען אונגלויביגע פּנים'ער. דאָס האָט איהם אַזוי צורודערט און געערגערט, דאָס ער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אמת קראַנק.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט מאַריוּ פּאַמעלל, דער קנעכט פון דעם גוטסבעזיצער ברעטאַן פון מאַוויל אָבגעבראַכט דעם בריעף־טאַש מיט דאָס געלד, דער מאַן האָט ערקלעהרט, אַז ער האָט דעם דאָזיגען געגענשטאַנד געפונען אין גאַס, אָבער אַזוי ווי ער קען נישט לעזען, האָט ער עס מיטגענומען אַהיים און אָבגעגעבען צו זיין בעל הבית.

די דאָזיגע שטיקעל נייעס האָט זיך פערשפּרייט אין דער נאָכבאַרשאַפט. דער אַלטער הויכקאָרן האָט זיך אויך דערוואוסט וועגען דעם און גלייך האָט ער זיך געלאָזט לויפען איבער'ן דאָרף אום צו דערצעהלען זיין געשיכטע מיט דעם נייעם שלום. ער איז געווען מלא שמחה און האָט געזאָגט:

— וואָס מיך האָט אַזוי פערדראָסען, איז נישט אַזוי די געשיכטע אַליין, ווי דער בלבול! קיין זאַך קען אַ מענשען אַזוי ניט שאַדען, ווי אַן אויסגעטראַכטער בלבול אין וועלכען אַלע גלויבען.

אַ גאַנצען טאָג האָט ער געהאַלטען איז איין רעדען פון זיין צופאַל, האָט עס דערצעהלט יעדען פאַרבייגעהער אויף דער גאַס,

אלע געסט אין שענק און דעם נעכסטען זונטאג אלעמען, וואס זיי־נען פון קירכע ארויס. ער האט אבגעשטעלט פרעמדע מענשען און זיי זיין מעשה דערצעהלט. איצט איז ער שוין אפילו געווען גאנץ רוהיג, דאך האט איהם עפּעס געעגבערט און געטאטשעט, וואס, האט ער אליין אויף קלאהר נישט געוואוסט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי די מענשען וואלטען עפּעס געלאכט פון איהם, ווען ער האט גערעדט צו זיי, קיינער איז אפּנים ניט געווען אין גאנצען איבערצייגט אין זיין אונשולד און הינטער זיין רוקען האבען אלע עפּעס געמונקעלט.

דעם נעכסטען דיענסטאג, איז ער געגאנגען קיין גאָרדערוויל צום מארק, ניט ווייל ער האט געוואלט עפּעס קויפען אדער פער־קויפען, נור בלויז אום זיין געשיכטע צו דערצעהלען.

מאלאנדין איז געשטאנען פאר זיין הויז־טהיר און האט גע־לאכט, בעת ער, דער אלטער הויכקארן, איז פארביי געגאנגען. ווארום?

ער האט אבגעשטעלט א פארמער פון עריקסטאָט, אבער יענער האט איהם גארנישט געלאזט אויסרעדען, א קלאפּ געטהאן איהם פריינדליך איבער'ן אקסעל, צולאכט זיך איהם אין פּנים אריין און געזאגט:

— אה, וואס פאר אן אלטער כיטרער קאפּ איהר זייט!

דאן האט ער זיך אומגעדרעהט צו איהם מיט'ן רוקען.

דער אלטער הויכקארן איז געבליעבען שטעהן א פערוואונדער־טער. די זאך האט איהם גענומען אלץ מעהר בעאונרוהיגען. פארוואס האבען זיי אלע איהם גערופען „אלטער כיטרער קאפּ“?

ווען ער איז אין שענק געזעסען ביים טיש, האט ער ווידער גענומען דערצעהלען זיין מעשה.

א פערד־הענדלער פון א צווייטען דארף האט זיך צו איהם אנגערופען:

— נו, נו אלטער חברה־מאן, דיין מעשה מיט'ן שטריק ווייסען מיר שוין!

הויכקארן האט ארויסגעשטאמעלט:

— דעם בריעף־טאש האט מען דאך אויסגעפונען.

אבער דער אַנדערער האָט געענטפערט:
— עט, דאָס איז גאָרנישט, מיין אַלטער, איינער נעפינט זי און אַן אַנדערער ברענגט זי אָב.
דעם פֿויער האָט אַזש דער אָטהעם פֿערכאַפּט. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם. מען האָט אַפֿנים געמיינט, אַז ער האָט דעם בריעף־טאַש אַבגעשיקט מיט זיין מיטשולדיגען.
געגען אַזאַ זאַך האָט ער געוואָלט פּראָטעסטירען. אבער דער עולם ביים טיש האָט גענומען לאַכען. ער האָט זיין עסען נישט געקענט מעהר ארונטערשלינגען און פֿערלאָזען דעם שענק, וועה־רענד מען האָט איהם נאָכגעשריען אַלערליי המצאות און שטעכ־ווערטלאַך.
פֿערשעהמט און צורייצט איז ער אהיים געקומען. דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט, און בעזונדער האָט איהם צושמעטערט דעם געדאַנק, ווייל ער מיט זיין נאָרמאַנישער פֿויערשער געשיקט־קייט וואָלט אין דעם אמת'ן טאָקע געווען אימשטאַנד צו טהאָן עטוואָס אַזוינס ווי דאָס, און וואָס מען האָט איהם בעשולדיגט. אדרבה, ער וואָלט זיך נאָכדעם אפשר נאָך בעריהמט מיט זיין קלוגען, געלונגענעם שפּיצעל. ער האָט געדענקט, אַז זיין אונשולד וועט אונמעגליך זיין צו בעווייזען, ווייל אַלע ווייסען דאָך וואָס פֿאַר אַ כיטרער יונג ער איז. און די אונגערעכטיגקייט פֿון דעם דאָזיגען פֿערדאַכט האָט איהם זיין האַרץ צוריסען.
און ער האָט ווידער אָנגעהויבען זיין געשיכטע, וועלכע איז מיט יעדען טאָג אַלץ לענגער געוואָרען, איבעראַל צו דערצעהלען און יעדעס מאָל האָט ער נייע גרינדע צוגעלעגט און נייע איינצעל־הייטען. ער האָט זיך געוועהרט ענערגיש געגען דעם פֿערדאַכט, זיך געשוואָרען און אַלעמען פֿערזיכערט, אַז די מעשה מיט'ן שטריק איז דער ריינער, דער הייליגער אמת. און וואָס מעהר בע־ווייזע ער האָט אָנגעגעבען, וואָס מעהר ער האָט זיך פֿאַרטהיי־דיגט, אַלץ ווייניגער האָט מען איהם געגלויבט. און אונטער זיין רוקען האָבען אַלע גע'טענה'ט: „דאָס איז אַלעס בלויז פֿון זיין קאָפּ אויסגעטראַכט".

ער האט עס געפיהלט, זיך אויסגעגעסען א שטיק הארץ וועגען דעם און אומזיסט נור זיך געמאטערט.

דערצו איז ער קערפערליך אויך געווארען אלץ שוואכער און שוואכער, איצט האבען די לצים אנגעהויבען אויסצונוצען זיין געשיכטע מיט'ן שטריק פאר זייער פרעהליכקייט וועגען.

די זאך איז איהם אזוי דערגאנגען די יאהרען, דאס ער האט גענומען דעם פערשטאנד פערלירען.

ארום סוף דעצעמבער האט ער זיך ארייגעלעגט אין בעט און איז געשטארבען אין די ערשטע יוני טעג און ביז צו דער לעצטער מינוט האט ער אין זיין דעליריום נאך אלץ גע'טענה'ט:

— א קליינער שטריק, א קליינער שטריק, אט דא איז עס, הערר פארשטעהער...

א פיינלינג.

אין דער געזעלשאפט האבען איהם אלע גערופען דער שעהנער סיגנאלעס. זיין נאמען איז געווען גראף נאנטראן יאזעף דע סיגנאלעס. זייענדיג א רייכער מאן, האט ער געשפיעלט א גרויסע ראלע.

ער האט געהאט גוטע מאניערען, אן אנגענעהמען אויסזעהן און האט געקענט שעהן רעדען, אזוי, דאס מען האט איהם געהאלטען פאר א קלוגען יונג. פון דער נאטור איז ער געווען גראציעז און שטאלץ, האט געהאט שעהנע וואנצעס און פייערדיגע אויגען; זאכען וואס געפעהלען שטארק די ווייבער.

אין די סאלאנען האט מען איהם גערן געזעהן, ווייל ער איז געווען א גוטער טענצער און די מענער האבען פאר איהם א ביסעל מורא געהאט, ווי געוועהנליך פאר א שעהנעם און ענערגישען מאן.

א פאאר פון זיינע ליעבעס, וועלכע זיינען בעקאנט געווארען זיינע פריינד, האבען איהם פערשאפט א נאמען פון א לעבע־מאן; ער האט געלעבט פרעהלאך, רוהיג און צופריעדען. מען האט געוואוסט, אז ער איז א גוטער פעכטער און נאך א בעסערער שיסער.

— ווען איך זאל זיך אמאל שלאגען אויף א דועל — פלעגט ער זאגען — וועל איך פאדערן, מיר זאלען זיך שיסען מיט פיסטאלעטען, ווארים איך בין זיכער אין מיין שיסען.

איין מאל אן אבענד האט ער בעגלייט צוויי בעקאנטע יונגע פרויען אין טהעאטער און נאך דער פארשטעלונג האט ער זיי און זייערע מענער איינגעלאדען צו געהן מיט איהם טרינקען אייז־קרים ביי מארטאני.

ווען זיי זיינען דאָרטען געווען איינינגע מינוטען, האָבען זיי בע־מערקט אַ מאַן ביי אַ דערבייאיגען טישעל, וועלכער האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פון איינער פון די פרויען. ווי עס שיינט, איז עס איהר געווען אונאַנגענעהם, זי איז געוואָרען אונרוהיג און האָט איינגעבויגט דעם קאָפּ. צום סוף האָט זי זיך געווענדעט צו איהר מאַן:

— זעה נור, ווי יענער מאַן דאָרט קוקט מיך אָן, איך קען איהם נישט, קענסטו איהם?

דער מאַן, וועלכער האָט פריהער גאָרנישט בעמערקט, האָט אַ קוק געטהאָן אין יענער זייט און געזאָגט:

— ניין, איך קען איהם נישט!

דאַן האָט די יונגע פרוי געזאָגט האַלב אויף שפּאַס, האַלב אין בעס:

— דאָס איז אַ סקאַנדאַל, דער מענש פיהרט מיר איבער מיין גאַנצען אַפּעטיט.

איהר מאַן האָט אַ דריק געטהאָן די אַקסלען:

— שענק ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. אַז מען זאָל זיך ווע־לען אויף אַלעס און אַלעמען אַרומקוקען, וואָלט מען געהאַט אַ סך צו טהאָן.

אָבער דער גראַף איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען. ער האָט ניט געוואָלט דולדען, וואָס דער פרעמדער דערעסט זיינער אַ בעקאַנטער. ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט און געקריינקט, ווייל ער האָט עס דאָך איינגעלאַדען די פרויען צו קומען אַהער.

ער איז צוגעגאַנגען צו יענעם מאַן און געזאָגט:

— איהר קוקט אויף דער דאַמע מיט אַזעלכע אויגען, אַז זי פיהלט זיך דערפון ניט אַנגענעהם. איך וויל דאָס ניט ליידען. דאַרף איך אייך בעטען זי צו לאָזען צופריעדען!

יענער האָט געענטפערט:

— לאָזט מיך צורוה, איך בעט אייך!

דער גראַף האָט פערשצעמעט די צייהן און געזאָגט:

— נעהמט זיך אין אַכט, אַניט וועט איהר זעהן, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

דער פרעמדער האט געענטפערט בלויז איין ווארט, א שימפפ־ווארט, וועלכער האט אבגעקלונגען פון איין עק ביז'ן אנדערען איבער'ן גאנצען קאפע־הויז און אלע געסט האבען מיט איין מאהל א קעהר געטהאן די קעפּ. ווער עס איז געזעסען צום פרעמדען מיט'ן רוקען, האט זיך אומגעדרעהט, אלע אנדערע האבען אויפגעריסען זייערע אויגען; דריי קעלנער האבען זיך א דרעה געטהאן אויף די קארקעס און ביידע מיידלאך ביי'ם בופעט האבען א שפרונג געטהאן אין דער הויך, ווי צוויי אווטאמאטען, אונטער דעם דרוק פון עפעס א ספרוזשינע.

ארום און ארום איז געווארען שטיל. דאן האט פּלוצים אבגעקלונגען א הילכיגער פּאטש איבער'ן גאנצען קאפע־הויז. דאס האט דער גראף דערלאנגט זיין געגנער אין באק.

אלע האבען זיך א הויב געטהאן, אום זיך אריינצואווארפען צווישען זיי. די געגנער האבען דערלאנגט איינער דעם צווייטען זייערע וויזיט־קארטען.

* * *

ווען דער גראף איז געקומען אהיים, האט ער גענומען געהן אהין און צוריק איבער'ן צימער. ער איז נאך געווען צו אויפגערעגט, אום נאכצודענקען. נור איין איינציגער געדאנק איז איהם געבליבען שטעהן אין קאפּ: א דועל! דאך האט דער דאזיגער געדאנק ניט געמאכט אויף איהם קיין בעזונדערען איינדרוק.

ער האט געטהאן, וואס ער האט געמוזט טהאן, ער האט געהאנדעלט ווי ער האט געדארפט האנדלען. מען וועט דערפון אודאי רעדען און זיין האנדלונג לויבען. און ער האט געזאגט גאנץ הויך צו זיך אליין:

— אזא לומפּ!

דאן האט ער זיך געזעצט און גענומען טראכטען. ער מוז גלייך אין דער־פריה אויפזוכען סעקונדאנטען. וועמען זאל ער נעהמען? ער האט אין די געדאנקען אויסגעקליבען די פיינסטע פון זיינע בעקאנטע; צום סוף האט ער זיך אבגעשטעלט אויף דעם מארקיז דע־לא־טארניק און אויף קאלאנעל באודין. א פערטרעטער פון דעם הויכען אדעל און אן אפיציער.

— זייערע נעמען וועלען שטעהן אין צייטונג — איז איהם דורכגעלאפען א געדאנק.

ער האט דערפיהלט, אז ער איז דורשטיג און האט אויסגעטרונ־קען דריי גלעזער וואסער איינס נאך דאם אנדערע; דאן האט ער ווידער גענומען לויפען אהין און צוריק און זיך געפיהלט זעהר ענערגיש.

ווען ער וועט זיין שטרענג, וועט פאדערען זעהר געפעהרליכע בעדינגונגען, א דועל אויף לעבען און טויט, דאן וועט זיין געגנער זיך וואהרשיינליך דערשרעקען און וועט זיך ענטשולדיגען.

ער האט גענומען די וויזיט־קארטע, וועלכע ער האט פריהער ארויסגענומען פון קעשענע, אווארף געטהאן אויף'ן טיש און האט זי ווידער איבערגעלעזען, הגם ער האט זי נאך אין קאפע־הויז איבערגעקוקט און שפעטער ווידער אין עקיפאזש פאר דעם שיין פון יעדער לאנטערנע האט ער זי נאך אמאל און ווידער אמאל געלעזען.

„געארג לאמיל 51 רו מאנסי", מעהר איז דארט גארנישט גע־שטאנען. ער האט בעטראכט די דאזיגע צוזאמענגעשטעלטע בוכ־שטאבען, וועלכע זיינען פאר איהם געווען א גרויסע רעטעניש. גע־ארג לאמיל, ווער איז ער? וואס האט ער געטהאן? פארוואס האט ער די פרוי אזוי אנגעקוקט?

איז עס דען ניט א סקאנדאל, וואס א פרעמדער מענש, גאר א אונבעקאנטער, רייסט זיך אזוי פלוצים אריין אין אונזער לעבען, נור דערפאר, ווייל עס האט זיך איהם פערוואלט אנקוקען א פרוי מיט אן אונפערשעהמטען בליק? און דער גראף האט נאך אמאל געזאגט גאנץ הויך:

— אזא לומפ!

דאן איז ער געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך, טיעף אין גע־דאנקען פערזונקען און מיט די אויגען אין דער וויזיט קארטע איינ־געגעסען. אין איהם האט זיך ערוועקט א כעס אנטקעגען דאס דא־זיגע שטיקעל פאפיער, א בייזער צארן, צומישט מיט נאך עפעס אן אונאנגענעהמען געפיהל.

— וואס פאר א נארישע געשיכטע!

ער האט גענומען א קליין מעסעריל, וועלכער איז דא געלעגען אן אפענער און דורכגעשניטען דעם געגנערישען נאמען, ווי ער וואלט עמיצען דערשטעכען.

ער מוז זיך אלזא שלאגען. זאל ער אויסקלייבען א שווערד אדער א פיסטאלעט? ער, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר דעם בעליידיגטען האט געהאט א רעכט אויסצוקלייבען די וואפען. מיט'ן שווערד ריזיקירט ער ווייניגער, אבער די פיסטאלעטען וועלען וואהר־שיינליך צווינגען זיין געגנער צו ענטשולדיגען זיך. א דועל אויף שווערדען איז זעלטען געפעהרליך, וויילביידע געגנער היטען זיך זיי זאלען נישט קומען צו נאהענט איינער צום אנדערען, אזוי, דאס דער שפיץ פון דעם שווערד זאל זיי ניט טרעפען צו טיעף.

ביי א דועל אויף פיסטאלעטען שטעלט ער איין זיין לעבען אין קאן. ער האט זיך אבער געקענט ארויסדרעהען פון דעם גאנ־צען עסק, ארויסדרעהען זיך מיט כבוד און דער דועל זאל ניט זיין.

ער האט געזאגט צו זיך:

— מען מוז מאכען אן אנשטעל און זיין שטרענג, דער יונג וועט זיך זיכער דערשרעקען!

ער האט א ציטער געטהאן ביי דעם קלאנג פון זיין אייגענער שטימע און זיך ארומגעקוקט. ער איז געווען זעהר נערוועז, ער האט אויסגעטרונקען נאך א גלאז וואסער און זיך גענומען אויסטהאן אום צו געהן שלאפען. אזוי גיך ווי ער איז געווען אין בעט, האט ער אויסגעלאשען דאס ליכט און צוגעמאכט די אויגען. ער האט געטראכט:

— איך האב צייט מארגען א גאנצען טאג זיך צו בעשעפטיגען מיט דעם דועל, איצט מוז איך שלאפען און זיין גאנץ רוהיג.

עס איז געווארען היים אונטער דער דעקע און ער האט ניט גע־קענט איינשלאפען. ער האט זיך ארומגעווארפען אהין און אהער, זיך געלייגט אויף'ן רוקען, דערנאך אויף דער לינקער זייט און דאן אויף דער רעכטער. ער איז נאך אלץ געווען דורשטיג. ער איז אויפגעשטאנען נאך עפעס צו טרינקען. און דא איז אויף איהם אנגעפאלען א אונרוהיגקייט:

— האב איך מורא?

פארוואס האט זיין הארץ אזוי שטארק געקלאפט ביי דעם מינ־דעסטען גערויש אין זיין צימער? ווען דער זייגער האט גענומען שלאגען, איז ער אויפגעשפרונגען און האט זיך אזוי דערשראקען דאס ער איז געבליעבען שטעהן א פאר סעקונדען מיט אן אפענעם מויל סאפענדיג שווער. און ער האט גענומען טראכטען און איבער־לייגען:

— זאל עס טאקע מעגליך זיין, אז איך האב מורא?

ניין, עס קען ניט זיין, ער האט דאך אליין געוואלט דעם דועל, ער איז דאך געווען ענטשלאסען זיך צו שלאגען און ניט צו ציטע־רען דערביי...

אבער ער האט געפיהלט, אז ער איז אזוי אויפגערעגט, דאס ער האט זיך אליין געפרעגט:

— קען מען דען מורא האבען אנטקעגען דעם אייגענעם ווילען?

און עס זיינען איהם בעפאלען א צווייפעל, אונרוה און שרעק.

— ווען א שטארקערע קראפט, ווי זיין ווילען וועט איהם בע־הערשען, א קראפט וועלכע ער וועט ניט קענען ווידערשטעהן, וואס וועט דאן געשעהן? וואס וועט זיין?

— צו דעם דועל, וועלכען ער אליין האט געוואלט וועט ער שוין געהן. אבער וואס וועט זיין ווען ער וועט דארט ציטערען, ווען ער וועט פערלירען זיין פערשטאנד? און ער האט גענומען טראכטען וועגען זיין עהרע, זיין שטעלונג, זיין נאמען.

און ער האט פלוצים דערפיהלט עפעס א מאדנעם פערלאנג: אויפצושטעהן און זיך אין שפיגעל צו בעטראכטען. ער האט אנגע־צונדען פייער, און ווען ער האט אין דעם בלאנקענדיגען גלאז, זיין פנים דערזעהן, האט ער זיך קוים דערקענט. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי ער וואלט זיך קיינמאל ניט געזעהן.

זיינע אויגען זיינען געווען פערלאשען, ער איז געווען בלאס, יא בלאס, זעהר בלאס. ער איז געבליעבען שטעהן פאר'ן שפיעגעל און האט זיך ארויסגעשטעלט א צונג, ווי ער וואלט וועלען זעהן צו זיין מאגען איז אין ארדנונג. און פלוצים האט א געדאנק שנעל ווי א בליץ, איהם א קלאפ געטהאן אין קאפ:

— איבערמארגען אין דיעזער צייט בין איך שוין אפשר א טויטער!

און ווידער האט אין הארץ גענומען מורא'דיג קלאפּען:

— איבערמארגען אין דיעזער צייט בין איך שוין אפשר טויט! דער דאזיגער מענש, וועלכען איך זעה דא אנטקעגען מיר, ווען איך קוק יעצט אן אין שפּיגעל, איז דאן שוין מעהר נישטא. ווי איז דאס מעגליך? אט בין איך דא, איך קוק זיך אן, איך פיהל מיינע ליפען און אין עטלכע שטונדען ארום זאל איך ליגען אויף דעם דא־זיגען בעט טויט, מיט געשלאסענע אויגען, קאלט, אהן לעבען?...

ער האט זיך א קעהר געטהאן צו זיין געלעגער, און אין זיינע געדאנקען האט ער זיך גאנץ קלאהר דערזעהן ליגענדיג אויף די קישענס, פון וועלכע ער האט זיך נאר וואס אויפגעהויבען. ער האט געהאט אן איינגעפאלענעם פנים ווי א טויטער און קאלטע שטארע הענד, וועלכע האבען זיך מעהר ניט בעוועגט.

דאן האט ער זיך גענומען שרעקען פאר זיין בעט, און אום עס מעהר ניט אנצוזעהן, איז ער אוועק אין א צווייטען צימער. האט מעכאניש גענומען א ציגאר, עס פערראויכערט און ווידער גענומען געהן הין און צוריק.

עס האט איהם געפרארען. ער איז צוגעגאנגען צום עלעקטרי־שען גלעקעל, אום צו רופען זיין דיענער, ער איז אבער געבליעבען שטעהן מיט א אויפגעהויבענער האנד:

— דער מענש וועט בעמערקען, אז איך האב מורא!...

ער האט ניט אנגעקלונגען און אליין געמאכט פייער. זיינע הענד האבען געציטערט, אין קאפּ האט איהם געמישט, ער האט זיך געפיהלט עפּעס אין א מין טשאד, ווי ער וואלט זיך אנגעשיכורט.

און ער האט ניט אויפגעהערט צו פרעגען זיך אליין:

— וואס וועט איצט זיין? וואס וועט זיין?

זיין גאנצער קערפּער האט זיך געטרייסעלט ווי אין פיבער, א שוידער איז איהם איבער אלע גליעדער אריבער; ער איז אויפגע־שטאנען, צוגעגאנגען צום פענסטער און אויפגעהויבען די פארהאנ־גען. עס האט שוין געטאגט.

דער ברענענדיגער הימעל האט געוואָרפען א ברייטען שיין אויף

די דעבער און די מויערען, א ים פון ליכט. די ערשטע לאסקע פון דער אויפגעהענדער זון האט בעשטראהלט די ערוואכענדע וועלט, און די דאזיגע ליכטיגע, ווארימע לאסקע האט אויפגעוועקט אין גראף'ס הארצען אויך א פרעהליכע האפנונג.

איז ער דען שוין אין גאנצען משוגע זיך אזוי צו שרעקען נאך איידער וואס־ווען? איידער זיינע סעקונדאנטען האבען זיך צוזאמענגעטראפען מיט די לייטע פון דעם דאזיגען הערר געארג לאמיל? איידער ער ווייסט איבערהויפט צו ער וועט זיך שלאגען?

ער האט זיך ארומגעוואשען, זיך אנגעטהאן און מיט זיכערע טריט האט ער פערלאזען זיין וואהנונג.

* *
*

אויף'ן וועג האט ער צו זיך געזאגט:

איך מוז זיין מוטהיג, זעהר מוטהיג! איך מוז די לייטע בעוויזען, אז איך האב קיין מורא ניט.

זיינע פריינד, דער מארקיז און דער קאלאנעל, האבען איינגעוויליגט צו זיין זיינע סעקונדאנטען. נאכדעם ווי זיי האבען איהם שטארק געדריקט די האנד, האבען זיי גענומען ריידען פון די בעדינגונגען.

דער קאלאנעל האט געפרעגט:

— ווילט איהר שווערע בעדינגונגען?

דער גראף האט געענטפערט:

— זעהר שווערע!

דער מארקיז האט געפרענט:

— ווילט איהר געברויכען פיסטאלעטען?

— יא.

— וועגען דאס ווייטערע פארלאזט איהר זיך מסתמא אויף אונז?

דער גראף האט ארויסגעשטאמעלט טרוקען, און אבגעהאקטע ווערטער:

— צוואנציג טריט ווייט איינער פון אנדערען... שיסען אזוי לאנג ביז... ביז איינער וועט פאלען טויט.

דער קאלאנעל האט ערקלעהרט א צופריעדענער:

— דאס זיינען אויסגעצייכענטע בעדינגונגען. איהר זייט א גוטער שיסער, אלע שאנסען זיינען אויף אייער זייט.

און זיי זיינען אוועק. דער גראף האט זיך אומגעקעהרט אהיים און דארט געווארט אויף זיי.

זיין אויפרעגונג, וועלכע האט זיך פריהער נעהאט אביסעל איינגעשטילט, איז איצט געוואקסען פון מינוט צו מינוט. ער האט געפיהלט ווי עס ציטערען איהם הענד און פיס און ווי זיין הארץ האלט זיך אין איין צאפלען. ער האט ניט געקענט רוהען אויף אן ארט, ניט שטעהן און ניט זיצען. אין מויל איז איהם געווען טרוקען און יעדען אויגענבליק האט ער געקלאפט מיט דער צונג, וו ער וואלט די טריקעניש וועלען פון גומען אבריי‌סען. ער האט געפרובט עסען פריהשטיק, אבער ער האט ניט געקענט ארונטערשלינגען קיין איין ביסען.

דאן איז איהם איינגעפאלען עפעס צו טרינקען, אום זיך מוטה צו מאכען. ער האט געהייסען ברענגען א פלאש ראם און האט אין זיך אריינגעגאסען דריי גלאז איינס נאך דאס אנדערע.

א ווארימקייט האט זיך איהם איבער אלע גליעדער צוגאסען, איהם איז היים געווארען, ווי ער וואלט אינווענינ געברענט, און באלד האט ער זיך דערפיהלט ווי אין א נעבעל. ער האט געטראכט:

— גוט, איצט האב איך געפונען דעם ריכטיגען מיטעל, איצט וועט עס שוין געהן!

אין א שטונדע ארום האט ער שוין אויסגעטרונקען די גאנצע פלאש און זיין אויפרעגונג איז געווארען מורא'דיג גרויס. ער האט דערפיהלט א משוגע'נעם פערלאנג: זיך צו ווארפען אן דער ערד, קייקלען זיך אויף'ן פאל, שרייען, בייסען...

עס איז געווארען נאכט.

ווען עס האט אנגעקלונגען, האט ער זיך אזוי דערשראקען דאס ער האט קוים געהאט די קראפט אויפצושטעהן און זיינע פריינד אויפצונעהמען. ער האט אפילו ניט געוואגט מיט זיי צו ריידען,

זיי צו בעגריסען, ארויסצורעדען א ווארט, מורא האבענדיג, דאס זיי וועלען אין דעם טאָן פון זיין קול בעמערקען זיין אויפרעגונג.

דער קאָלאָנעל האט ערקלעהרט:

— אלעס איז אבגעמאכט געווארען נאך די בעדינגונגען, וועלכע איהר האט געשטעלט. אייער געגנער האט אפריהער בעהויפּטעט, אז ער איז דער בעליידיגטער, אבער שפּעטער האט ער נאכגעגעבען און אלעס אנגענומען.

דער גראף האט געזאגט:

— א דאנק!

דער מארקיז האט געענטפערט:

— ענטשולדיגט אונז, וואס מיר געהן גלייך ווידער אוועק, אבער מיר מוזען נאך אודאי הונדערט זאכען בעזארגען. מיר מוזען אויפזוכען א גוטען דאקטאר, ווייל דאס וועט דאך זיין א קאמפף אויף לעבען און טויט. דאן מוזען מיר בעשטימען א פּלאץ ניט ווייט פון א הויף, אום צו קענען, ווען עס וועט נויטיג זיין, אהין ברענגען דעם פערוואונדעטען, קורץ, מיר האבען נאך גענוג וואס צו טהאן אויף צוויי, דריי שטונדען.

דער גראף האט ארויסגעשטאמעלט א צווייטען מאל:

— א דאנק!

דער קאָלאָנעל האט געפרעגט:

— ווי פיהלט איהר זיך? זייט איהר רוהיג?

— אה גאנץ רוהיג, זעהר רוהיג!

אוןביידע הערען זיינען אוועק.

* *
*

ווען ער איז ווידער געבליעבען אליין, האט זיך איהם געדאכט, אז ער ווערט פערריקט. דער דיענער איז אריין, האט אנגעצונדען דעם לאמפּ, ער האט זיך געזעצט נעבען שרייבטיש שרייבען בריעף.

ווען ער האט פון אויבען איבער א בויגעלע פּאפּיער אנגעשריעבען: „מיין טעסטאמענט" האט איהם גענומען טרייסלען; ער איז

אויפגעשפרונגען און איז אנטלאפען. ער האט ניט געקענט כאפען זיינע אייגענע געדאנקען, ניט געקענט קומען צו קיין שום טאלק אדער פאסען עפעס א בעשטימטען בעשלוס.

ער וועט זיך אליין שלאגען. דאס קען מען שוין איצט ניט ענ־דערען. אבער וואס איז פארגעגאנגען אין זיין נשמה? ער האט זיך געוואלט שלאגען, ער איז געווען פעסט ענטשלאסען דערצו און דאך טראצדעם וואס ער האט מיט אלע זיינע קרעפטען אנגעשטרענגט זיין ווילען, האט ער געפיהלט, אז ניט נור וועט ער ניט קענען אויס־האלטען דעם דועל, נור ער וועט אפילו ניט האבען קיין כוח צו געהן ביז צו דעם פלאץ פון זייער צוזאמענקונפט.

ער האט זיך גענומען פארשטעלען דעם קאמפף, זיין בענעהמען זיך און די האלטונג פון זיין געגנער. פון צייט צו צייט איז איהם א שוידער איבער'ן לייב אריבער און עס האט איהם גענומען קלאַ־פען א צאהן אין א צאהן. ער האט געוואלט עפעס לעזען און גע־נומען אריינקוקען אין א ציימונג, אויף דעם פלאץ וואו עס זיינען געווען די רעגעלען פון א דועל. דאן האט ער זיך געפרעגט:

— איז מיין געגנער א גוטער שיסער? אפשר האט ער א נאַ־מען אלס שיסער? ווי זאל איך דאס וויסען?

ער האט זיך דערמאנט אן דעם בוך פון באראן באוקס איבער די בעריהמטע רעוואלווער־שיסער, און ער האט איהם איבערגעלע־זען פון אנהויב ביז'ן סוף. געארג לאמיל'ס נאמען איז דארט ניט דערמאנט געווארען. אבער ווען דער מאן וואלט ניט געווען קיין גוטער שיסער, וואלט ער דאך אזוי גיך ניט אנגענומען אזעלכע שווע־רע בעדינגונגען און אזא געפעהרליכע וואפע.

פארבייגעהענדיג האט ער פון א קאסטען ארויסגענומען צוויי פיסטאלעטען און האט אויפגעהויבען דעם ארעם. אבער ער האט געציטערט פון קאפ ביז די פיס און די פיסטאלעטען אין זיין האנד האבען ארומגעטאנצט אהין און אהער.

דאן האט ער צו זיך געזאגט:

—ניין, עס איז אונמעגליך, אזוי קען איך זיך ניט שלאגען!

ער האט בעטראכט די פיסטאלעטען, דערזעהן די שווארצע, קליינע, טיעפע לאך, פון וועלכער עס קומט דער טויט, און האט

געטראכט פון זיין פערלארענע עהרע, פון די ריידערייען אין קלוב, פון דער פעראכטונג פון די פרויען, פון די אנצוהערענישען אין די צייטונגען, פון אלע די בעליידיגונגען, וועלכע ער וועט האבען אויס־צושטעהן.

ער האט נאך אלץ בעטראכט די וואפע און פלוצים האט ער באמערקט אינעווייניג א פאטראנע, וואס איהר רויטע פאפיער האט געשיינט ווי א שטיק פייער. דער פיסטאלעט איז אלזא צופעליג געבליבען אנגעלאדען און דאס האט איהם אנגעפיהלט מיט עפעס א מאדנע, א זעלטענע פרייד.

ווען ער וועט זיך אנטקעגען זיין געגנער ניט קענען האלטען רוהיג און שטאלץ, ווי עס געהער צו זיין, דאן איז ער אויף אייביג פערלארען; דאן נעהמט ער אויף זיך אן אויביגען פלעק, וועט ווערען פעראכטעט אין דער געזעלשאפט, און יענע רוהיגע שטאלצע האלטונג, וועלכע איז אין אזא פאל נויטיג, קען ער ניט און וועט ניט האבען. דאס האט ער געפיהלט, אין דעם איז ער זיכער געווען.

און דאך איז ער געווען מוטהיג, ווארום ער האט זיך דאך גע־וואלט שלאגען. ער איז געווען מוטהיג, ווייל... ווייל....

דעם דאזיגען געדאנק, וועלכער האט זיך איהם אלץ געדרעהט אין קאפ, האט ער שוין ניט דערטראכט ביז צום סוף, ווייל ער האט פלוצים געעפענט ברייט דעם מויל, האט זיך ארייגערוקט דעם פיסטאלעט ביז אין האלז אריין און א דריק געטהאן...

ווען דער דיענער האט דערהערט דעם שאס און איז אריינגע־לאפען, האט ער איהם געפונען ליגענדיג טויט אויף דער ערד. א בלוט שטראהם האט פארגאסען דאס ווייסע פאפיער אויף'ן שרייב־טיש און געמאכט א גרויסען פלעק אונטער די צוויי ווערטער:

— מיין טעסטאמענט!

די וואַנצעס.

מאנטאג, 30טען יולי, 1883.

מיין ליעבע לוסיע!

קיין נייעס איז נישטאָ. מיר זיצען אין'ם סאַלאָן און קוקען צו ווי דער רעגען גיסט. ביי אַזא שרעקליכען וועטער קען מען ניט אויסגעהן. שפּיעלען מיר דערווייליע טהעאַטער. אָה, איך זאָג דיר די היינטיגע סאלאן־שטיקער זיינען אזוי נאַריש. אלסדינג אין זיי איז אזוי אויסגעמוטשעט, גראָב, שווער. די וויצען זיינען אזוינע שרייענדיגע, אומגעלומפּערטע, קיין גייסט, קיין אָריגינאַליטעט, קיין הומאָר, קיין עלעגאַנץ. די דאָזיגע שריפטשטעלער האָבען גאָר קיין אהנונג פון אונזער וועלט, פון אונזער לעבען. אפילו די מינדעסטע אהנונג האָבען זיי נים, ווי מיר דענקען און ריידען. פונמיינטוועגען מעגען זיי אויסלאַכען אונזערע זיטטען, אונזערע מאַנירען, אונזערע פאראורטהיילען, אָבער קענען מוזען זיי דאָך אונז. ווילען זיי זיין וויציג, זאָגען זיי אזוינע וויצען, וואָס וואָלטען זיך געפּאסט פאר א קאזארמע. ווילען זיי זיין טיעפזיניג, שמעקט זייער טיעפזיניגקייט מיט דעם גייסט פון אזוי גערופענע קינסטלער־שענקען, וואו זייט פופציג יאָהר הערט מען איינע און דיזעלבע יאַלאָווע סטודענטישע חכמות.

קורץ, שפּיעלען מיר דערווייליע טהעאטער. אזוי ווי מיר זיינען נור צוויי דאמען, מוז מיין מאַן שפּיעלען די ראָלען פון די דיענסטיידלאך. האָט ער צוליעב דעם געמוזט ארונטערנעהמען די וואָנצעס. דו האָסט גאָר קיין בעגריעף ניט, מיין ליעבע לוסיע, ווי דאָס האָט איהם פערענדערט. איך דערקען איהם גאָר ניט. מיר

ווייזט זיך אויס, ווען ער זאָל באלד ווידער די וואַנצעס ניט לאָזען אפּוואקסען, וועל איך איהם ווערען אונטריי, אזוי ניט געפעהלען איז ער מיר.

ווירקליך, א מאן אָהן וואַנצעס איז עפּעס גאָר קיין מאן ניט. א באָרד, זעהסטו, ליעב איך גראד ניט, ווייל א באָרד זעהט אויס כמעט אלע מאָהל ווילד. אָבער וואַנצעס, זיי זיינען נויטיג יעדען מאנספּערשוין. דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי וויכטיג עס איז די דאָזיגע האָאר־בערשטעלע אויף דער ליפּ פאר דאָס אויג און פאר די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי. איך האָב וועגען דעם זעהר פיעל צו זאָגען, אזוינע געדאנקען האָב איך וועגען דעם, וועלכע איך וואָג גאָר ניט דיר צו שרייבען. ווען מיר וועלען זיך זעהן, וועל איך דיר דאָס זאָגען, אָבער אין דער שטיל. עס זיינען פאַרהאַן זאכען, וואָס לאָזען זיך ניט לייכט אויסדריקען דורך ווערטער. און געוויסע צווייִדייטיגקייטען זעהען אויס אויפ׳ן פּאַפּיער אזוי גראָב, דאָס איך וואָלט זיי גאָר אין גאנצען ניט וועלען בערירהרען. און, אויסערדעם, איז דער ענין גלאט אזא שווערער, אזא דעליקאטער, דאָס מען מוז זיין א קינסטלער, אום צו קענען וועגען איהם ריידען אָפען און דערביי זאָל זיין פערשטעלט.

קורץ, פונמיינטוועגען פערשטעה מיך ניט, אָבער פּרוב דאָך לעזען אביסעלע צווישען די שורות.

יאָ, ווען מיין מאן האָט פּלוצים די וואַנצעס ארונטערגענומען, איז מיר קלאָהר געוואָרען, אז איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פערליעבען אין אן אקטיאָר, צו אין א גלח, ניט אפילו אין דעם פּריסטער דידאָ, דער שעהנסטער צווישען פּריסטער. אָבער, ווען איך בין שפּעטער מיט איהם אליין געבליבען (איך מיין מיט מיין מאן), איז מיר גאָר געוואָרען מורא׳דיג. אָה, מיין ליעבע לוסיע, א מאן אָהן וואַנצעס זאָלסטו קיינמאָל ניט לאָזען דיך קושען. די דאָזיגע קושען האָבען גאָר קיין טעם ניט, זיי פעהלט אין גאנצען דער זאלץ און פעפער פון דעם ריכטיגען, געשמאַקען קוש. די וואַנצעס זיינען נעווירץ פון דעם קוש. אויב דו ווילסט ריכטיג וויסען, וואָס פאר א טעם עס האָט א קוש אָהן וואַנצעס, זאָלסטו זיך נאָר פאָרשטעלען, אז מען האָט דיר אויף די ליפּען ארויפגע־

לעגט אַ שטיק פּייכטען פּאַרמעט, צו אפילו טרוקענעם. ניט אַזוי געשמאַק, איאַ?

דו ווייסט מיך פרעגען, ווי אַזוי קומט עס, וואָס די וואַנצעס זיינען אַזוי פערפּירעריש? איך ווייס עס. ערשטענס, קיצלען זיי אַזוי אנגענעהם. מען פּיהלט זיי פּאַר דעם מויל, און אַ געשמאַקער שוידער לויפט דורך איבער'ן גאַנצען לייב ביז צו די שפּיצען פון דיינע פינגער. לאַסשצען אמאָל די וואַנצעס, ציטערט אויף דיר די הויט, יוערען דיינע נערוועז אַנגעצויגען און דו לאָזט ארויס אַ שטיל געשריי: „האַ!" ווי פון אַ קעלט, וואָס וואָלט דיך פּלוצים בעפאַלען.

היינט אויף דעם האַלז! האָסטו אמאָל געפיהלט וואַנצעס אויף דיין האַלז? דאָס פּערדרעהט אין גאַנצען דעם קאָפּ. מען וואַרפט זיך ארום, מען דרעהט די אַקסלען, מען דרעהט אַוועק דעם קאָפּ, מען וואָלט אַנטלאָפען און מען בלייבט דאָך. אַך, דאָס רעגט אויף אַזוי, דאָס איז אַזוי שעהן, אַזוי אַנגענעהם!...

איך דענק אַזוי: אַ ליפּ אָהן וואַנצעס איז נאַקעט, ווי אַ קערפּער אָהן קליידער. און עפּעס קליידונג דאַרף אַ קערפּער אימער אויף זיך האָבען, זאָל זיין זעהר וועניג פון מיינטוועגען, אָבער עפּעס.

דער שעפּפער (קיין אַנדער וואָרט וואָלט איך ניט וועלען געברויכען, ווען איך רייד וועגען אַזוינע זאַכען). דער שעפּפער האָט זיך געמיהט, צו פּערשלייערען אַלע ווינקלען פון אונזער לייב, וואו אונזער ליעבע איז פערבאָרגען. אַ ראַזירטער מויל קומט מיר פּאָר, ווי אַ אויסגעהאַקטער וואַלד ביי אַ קוואַל, פון וועלכען מען וויל טרינקען, ביי וועלכען מען וויל זיך אָפּרוהען. דער קיהלער שאָטען פעהלט, די געהיימע דונקעלהייט, דער גאַנצער רייץ פון'ם וואַלד.

דאָס דערמאָנט מיך אָן אַ ווערטעל פון אַ געוויסען פּאָליטיקער: אָהן לאַנדווירטשאַפט איז ניטאָ קיין פּאַטריאָטיזמוס! אַזוי זאָג איך אויך: — אָהן וואַנצעס איז ניטאָ קיין ליעבע!

דאָס קלינגט אביסעל קאָמיש, ניט אמת?

די וואַנצעס זיינען נאָך אין אַנאַנדער בעציהונג וויכטיג. זיי גיבען דעם פּנים אָן אויסדרוק. זיי גיבען איהם צו עטוואָס ווײ־

בעס, צאַרטעס, האַרטעס, דרייסטעס. דער מאַן מיט אַ באָרד, וועל־
כער ראַזירט זיך נים, קען קיינמאָל נים האָבען עטוואָס פיינעס אין
זיין פּנים, דען אַלע געזיכטסציגע זיינען ביי איהם פערשטעלט.

און ווי פערשיידען די וואַנצעס קענען זיין! מאַנכע זיינען
פערדרעהט קאָקעט. מענער מיט אַזוינע וואַנצעס געפעהלען די
פרויען מעהר ווי אַנדערע. אַ סך זיינען צוגעשפּיצט, שאַרף ווי
נאָדלען. מענער מיט אַזוינע וואַנצעס האָבען ליעב וויין, פערד
און קריעג. און אַנדערע זיינען אַזוינע גרויסע, העננען אַרונטער
אַזוי מורא'דיג. אונטער די דאָזיגע וואַנצעס איז געוועהנליך פער־
באָרגען אַ גוטער כאַראַקטער, אַ גוטסקייט, וואָס גרענעצט זיך כמעט
ביז צו שוואַכקייט, אַ ווייכקייט, וואָס גרענעצט זיך כמעט ביז צו
נישט דרייסטיגקייט.

און מעהר פון אַלץ ליעב איך די פראַנצויזישע וואַנצעס, טאַקי
די עכט פראַנצויזישע. זיי שטאַמען נאָך פון אונזערע עלטערען.

זיי זיינען בעריהמעריש, גאַלאַנט און מוטהיג. אין'ם וויין
פערגעצען זיי זיך לייכט. זיי פערשטעהען ווי צו לאַכען מיט עלע־
גאַנץ.

איך דערמאָן זיך אָן עפּעס, איבער וואָס איך האָב פיעל טרעה־
רען פערגאָסען און וואָס, ערשט איצט איז עס מיר קלאָר געוואָרען,
האָט מיך בעוועגט, איך זאָל ליעב קריגען די וואַנצעס אויף די לי־
פען פון מענער.

עס איז געווען אין דער צייט פון'ם קריעג מיט די פּרייסען.
איך בין נאָך געווען אַ גאַנץ יונגע מיידעל און האָב געוואוינט ביי
פּאַפּאַ אין'ם שלאָס. איין טאָג איז פאָרגעקומען אַ געפעכט ניט
ווייט פון אונז. פון בעגינען אָן האָב איך שוין געהערט דאָס שי־
סען פון קאַנאָנען, און פאַרנאַכט איז געקומען צו אונז אין שלאָס
אַ דייטשער אָפיציער, צו קוואַרטירען. אָבער אויף מאָרגען איז
ער אוועק. מען האָט געלאָזט וויסען דעם פּאַפּאַ, אַז אויפ'ן פעלד
ליגען פיעל טויטע. ער האָט געהייסען, מען זאָל זיי אויפקלייבען
און בעגראָבען אין איין גרויסען קבר.

מען האָט זיי אויסגעלעגט איינעם נעבען אַנדערען אין צוויי
רייהען אונטער די טענענביימער און מען האָט אָנגעהייבען צו

גראַבען פאר זיי אַ גרוב. און אזוי ווי זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו פוילען, האָט מען זיי דערווייל̇ע ביז די גרויסע גרוב וועט פארטיג ווערען, מיט ערד בעדעקט. די קעפּ האָבען נור ארויס געשטעקט, אזוי ווי פון דר'ערד ארויסגעוואקסען, געל̇ און מיט צוגעשל̇אָסענע אויגען.

איך האָב געוואָל̇ט זיי זעהן. אָבער ווען איך האָב א קוק געטהאָן אויף די דאָזיגע צוויי רייהען שרעקל̇יכע פּנים'ער, האָב איך שיער ניט גע'חלש'ט. דערנאָך אָבער האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח און זיי געגומען בעטראַכטען איינעם נאָכ'ן אנדערען, געוואָל̇ט טרעפען, וואָס זיי זיינען אין'ם לעבען געווען.

די יוניפאָרמען זיינען·מיט דער ערד פערשאָטען געווען. מען האָט זיי ניט געקענט ארויסזעהן. און דאָך האָב איך פּלוצים דערקענט, יא, מיין ליעבע, איך האָב פּלוצים דערקענט די פראנצויזען נאָך זייערע וואַנצעס.

אַ פּאָאר האָבען זיך נאָך אין דעם זעל̇בען טאָג פון'ם געפעכט געראזירט, אזוי ווי זיי וואָל̇טען ביז צו דער ל̇עצטער מינוט וועל̇ען קאָקעטירען. זייערע בערד זיינען אָבער אביסעל̇ אָבגעוואַקסען, ווייל̇, ווי דו ווייסט, די האָאר וואַקסען נאָכ'ן טויט אויך. ביי אנדערע, האָט זיך אויסגעוויזען, זיינען די בערד שוין אל̇ט געוועזן עטל̇יכע טעג. אָבער זיי אל̇ע האָבען געטראָגען די פראנצויזישע וואַנצעס, וועל̇כע האָבען, דאכט זיך, גערעדט: — פערבייט מיך ניט מיט מיינע בערדיגע חברים, איך בין דיין ברודער.

און איך האָב אזוי געוויינט, נאָך מעהר, ווי איך וואָל̇ט געהאט געקענט די דאָזיגע אונגל̇יקל̇יכע טויטע!..

עס איז אַ אונרעכט, וואָס איך דערצעהל̇ עס דיר. איצט בין איך אל̇יין טרויעריג געוואָרען און קען ניט מעהר ל̇ענגער שוואַצען. זיי מיר געזונד, מיין ל̇יעבע ל̇וסיע. איך קוש דיך פון'ם גאנצען הארצען. די וואַנצעס זאָל̇ען ל̇עבען!

דער נסיון.

די באַנדעלס זיינען אַן אויסגעצייכענטע פאַמיליע, הגם עטוואס אַ קריעגערישע. מאַן און ווייב האַבען זיך אָפט געקריעגט איבער קליינינקייטען און דערנאָך ווידער שלום געשלאָסען.

באַנדעל איז אַמאָל געווען אַ געשעפטסמאַן, אָבער ווען ער האָט אָנגעקליבען גענוג געלד צו קענען לעבען רוהיג און בעקוועם נאָך זיין איינפאכען געשמאַק נאָך, איז ער ארוים פון געשעפט, האָט געדונגען אַ קליין הייזעל אין סען־זשערמען און זיך דאָרט בעזעצט מיט זיין ווייב.

ער האָט געהאַט אַ רוהיגען כאַראַקטער, אַ פעסטגעשטעלטען בליק אויף׳ן לעבען און האָט זיך זעלטען אופגערעגט. ער איז גע־ווען געבילדעט, האָט געלעזען ערנסטע צייטונגען, הגם ער האָט ליעב געהאַט דעם פראַנצויזישען שאַרפזין. בעגאַבט מיט לאָגיק, אויסגערעכענטקייט, און פראַקטישען שכל — די הויפט אייגענ־שאַפטען פון דעם פראַנצויזישען רייכען געשעפטסמאַן — האָט ער געטראַכט ווייניג, אָבער זיכער, און האָט געצויגען נור יענע שלי־סע, וועלכע זיינען געגרינדעט געווען, ווי איהם האָט זיך אויסגע־וויזען, אויף אייזען־פעסטע אויסרעכנונגען.

ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, עטוואָס גרוי, מיט אַן ערעלען אויסדרוק אויף׳ן פנים.

זיין ווייב, וועלכע האָט געהאַט גרויסע מעלות, איז געווען אויך ניט גאָר אָהן חסרונות. אַן אויפגערעגטע מיט אַ דרייסטען, אָפע־נעם כאַראַקטער, אַ שרעקליך איינגעשפאַרטע, האָט זי געקאָנט אַ צייט לאַנג טראָגען אַ כעס אויף מענשען און זיי ניט געוואָלט פער־געבען די קלענסטע בעליידיגונג. אַמאָל איז זי געווען גאָר אַ שעה־

נע, שפּעטער אָבער איז זי געוואָרען זעהר דיק און רויט, דאָך האָט זי זיך אין איהר געגענד, אין סען־זשערמען, גערעכענט פאַר אַ שעהנער פרוי, פאַר אַ מוסטער פון בליהענדיגער געזונדקייט.

די קריעגערייען צווישען מאַן און ווייב האָבען זיך, געוועהנ־ליך, אָנגעהויבען ביי'ם פריהשטיק, צוליעב עפּעס אַ אונבעדייטענ־דען געשפּרעך, און דערנאָך ביז'ן אבענד, און אָפט זאָגאר ביז אויף מאָרגען, האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו בייזערען זיך איינער אויף'ן אנדערען. אין זייער איינפאַכען, בעשרענקטען לעבען האָט די קלענסטע, אונוויכטיגסטע זאַך געהאַט אַ בעדייטונג, און איבער וואָס זיי האָבען ניט גערעדט, וועלכע טהעמא זיי האָבען ניט בעריהרט, האָט זייער געשפּרעך כמעט יעדען מאָל זיך אויסגעלאָזט מיט אַ קריעג. ניט אזוי איז געווען, ווען זיי האָבען געהאַט גע־שעפטען; דאַן זיינען זיי געווען פערטהאָן, פערהאַוועט, זייערע זאָרג האָבען זיך צוזאַמענגעשמאָלצען, זייערע הערצער האָבען גע־קלאַפּט ביידע צוזאַמען, צונויפגעצויגען מיט אַ בונד פון חבר'־שאַפט און געמיינזאמע אינטערעסען.

אין סען־זשערמען האָבען זיי געזעהן זייער גאָר ווייניג מענשען. זיי איז אויסגעקומען צו מאַכען נייע בעקאַנטשאַפטען, צו בעשאַפען זיך צווישען די פערמעדע מענשען אַ נייעם לעבען, אַ לעבען אַ פוס־טען, אַ לעדיג־געהערשען. די איינטאָניגקייט האָט זיי ביידען צור־רייצט געמאַכט — און דאָס שטילע גליק, אויף וועלכען זיי האָבען געהאָפט, צוזאַמען מיט דעם אָבגעשפּאַרטען פערמעגען, איז נישט געקומען.

איינמאָל אין דער־פריה, אין מאָנאַט יוני, ווען זיי האָבען זיך נור וואָס געהאַט געזעצט צום טיש, האָט באָנדעל פּלוצים געפרעגט:

— קאָנסטו אפשר יענע מענשען, וועלכע וואָהנען אין'ם קליי־נעם, רויטען הייזעל, אויף'ן ראָג פון דער גאַס גערסאַ?

פרוי באָנדעל איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט, זי האָט געענטפערט:

— אי יאָ, אי ניט. איך קאָן זיי, אָבער איך יאָג זיך נישט נאָך זייער בעקאַנטשאַפט.

— פאַרוואָס? זיי זעהען אויס צו זיין גאַנץ וואוילע מענשען.

— ווייל...

— איך האָב היינט באגעגענט דעם מאַן אויף דער טערראַסע און מיר זיינען זיך צוזאמען אביסעל דורכגעגאנגען.

דאָך פיהלענדיג אין דער לופט, אַז אַ שטורם קומט אָן, האָט באַנדעל צוגעלייגט:

— ער איז דער ערשטער צו מיר צוגעגאנגען און גענומען ריידען.

די פרוי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אונצופריעדענהייט און געזאָגט:

— דו האָסט איהם געדארפט אויסמיידען.

— אָבער פאַרוואָס?

— ווייל וועגען זיי געהען ארום פערשיעדענע פּלאָטקעס.

— וואָס פאַר אַ פּלאָטקעס?

— וואָס פאַר אַ פּלאָטקעס! מיין גאָט, געוועהנליכע פּלאָטקעס, וועלכע ווערען גאַנץ אָפט פערשפּרייט.

באַנדעל האָט בעגאַנגען אַ פעהלער דערמיט, וואָס ער האָט זיך פערהאַלטען דערצו אביסעלע היציג. ער האָט געזאָגט:

— מיין טהייערע, דו ווייסט, אַז איך האָס פּלאָטקעס. פאַר מיר איז גענוג צו וויסען, אַז געוויסע מענשען ווערען בארעדט, אום אַז די דאָזיגע מענשען זאָלען מיר גלייך ווערען סימפּאַטיש. וואָס אנבעלאַנגט דער דאָזיגער פאַמיליע, איז מיין פּערזענליכע מיינונג, אַז זי איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגע.

זי האָט געפרעגט מיט כעס:

— די פרוי אפשר אויך?

— מיין גאָט, עס פערשטעהט זיך, אַז די פרוי אויך, כאָטש איך האָב זי כמעט ווי ניט געזעהן.

דער שטרייט האָט אָנגעהאַלטען, איז געוואָרען אַלץ גיפטיגער, אַלץ פערביסענער און, ניט האָבענדיג קיין אנדערע מאָטיוועז, האָט ער זיך געדרעהט אַלץ ארום דער אייגענער טהעמא.

פרוי באַנדעל האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט און ניט געוואָלט זאָגען וואָס פאַר אַ פּלאָטקעס עס געהען ארום וועגען די שכנים, אייבערלאָזענדיג פאַר איהם אליין, צו פערדעכטיגען און טרעפען די

מיאוסע זאכען, וואָס מען דערצעהלט זיך אָן וועגען יענע, אָבער אליין ניט וועלענדיג אָנרופען זיי. צו סוף האָט זי זיך ניט גע־קענט איינהאלטען און אַ געשריי געטהאָן:

— נו טאַ זיי וויסען! יענער הערר ווערט בעטראָגען און ערניעדריגט פון זיין פרוי. זי איז איהם ניט טריי... אָט וואָס!

דער מאַן האָט זעהר קאַלטבלוטיג געענטפערט:

— איך זעה נישט איין, ווי אזוי דאָס קאָן ערנידעריגען אַ מאַן!

זי איז ערשטוינט געוואָרען.

— ווי? דו זעהסט ניט איין?.. זעהסט ניט?.. ניין, דאָס איז שוין ווירקליך צופיעל.... דו זעהסט נישט?.. דאָס איז דאָך אַן עפענטליכער סקאַנדאַל: ער איז דאָך פערפלעקט אין דער עפענטליכער מיינונג, אַזוי לאַנג ווי מען וויים, אַז דאָס וויב בעטריגט איהם!

דער מאַן האָט געענטפערט:

— אָך, עס הויבט זיך גאָר נישט אָן! קאָן דען אַ מענש זיין בעפלעקט דערפאר, ווייל מען נארט איהם אָב, ווייל מען בעטריגט איהם?.. אָך, געוויס ניט!.. איך וואָלט נאָך געוועזען איינפער־שטאַנען, ווען דו זאָגסט, אַז די פרוי איז בעשמוצט. אָבער דער מאַן, ער, פערשטעהט זיך, אַז נישט...

זי האָט זיך צוקאָכט:

— צו זי, צו ער — עס איז אַלץ איינס! ביידע זיינען זיי פערפלעקט, דאָס איז אַן עפענטליכע שאַנד!

באַנדעל האָט רוהיג געענטפערט:

— ערשטענס, צו איז דאָס נאָך אמת? ווער קאָן וויסען אַזאַ זאַך, אַזוי לאַנג ווי מען האָט זיי ניט געכאַפּט ביי דער האַנד אין איינעם?

פרוי באַנדעל האָט ניט געקאָנט איינזיצען אויף איהר שטוהל.

— ווי?.. שטיימש ווער קאָן וויסען? אָבער אַלע! אַלע וויסען דאָס! אַלע אָהן אויסנאַהם! מען קאָן דאָך דאָס זעהן אָן איהרע אויגען! אַלע וויסען, אַלע רעדען! ביי קיינעם איז גאָר קיין ספק נישטאָ. עס איז קלאָהר, ווי דער טאָג!

ער האָט געלאַכט:

— מענשען האָבען אַ לאַנגע צייט געדענקט, אַז די זון דרעהט זיך ארום דער ערד און האָבען געגלויבט אין אַ סך אנדערע קלאָה־רע זאַכען, וועלכע האָבען זיך דערנאָך ארויסגעוויזען אלס פאַלש. דער דאָזיגער מאַן פארגעטערט זיין פרוי; ער רעדט וועגען איהר מיט אזוי פיעל צערטליכקייט, מיט אזוי פיעל רעספּעקט. ניין, דאָס איז נישט אמת.

— דערפאַר ווייל ער ווייס גאָרנישט, דער שוטה, דער נאַר, דער בעשמוצטער מענש!

באַנדעל איז ניט אין כעס געוואָרען; ער האָט זיך די זאַך איבערלעגט.

— ענטשולדיג, — האָט ער געזאָגט — דער דאָזיגער העדר איז ניט קיין נאַר; אויף מיר האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ קלוגען, פערשטענדיגען מענשען; דו ווערסט מיר ניט מאַכען גלויבען, אַז אַ קלוגער מענש זאָל ניט בעמערקען אַזאַ מין זאַך אין זיין אייגענעם הויז, בעת שכנים, וועלכע וואהנען ניט אין זיין הויז, זאָלען וויסען די קלענסטע איינצעלהייטען פון דעם דאָזיגען ראָמאַן...

אויף פרוי באַנדעל איז אָנגעפאַלען עפּעס אַ מין נע־רוועזע פרעהליכקייט, וועלכע האָט צורייצט איהר מאַן.

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זי געלאַכט — אַלע זייט איהר גלייך, אַלע, אַלע! עס זאָל זיך כאָטש געפינען איין איינציגער מאַן אויף דער וועלט, וועלכער זאָל דאָס אליין אויסגעפינען.

דער געשפּרעך איז אוועק אָן אַ זייט; זי איז גלייך אריבער אויף דער בלינדקייט פון די געהאָרטע מענער, אין וועלכער ער האָט געצווייפעלט, אָבער אויף וועלכע זי איז בעשטאַנען מיט אַזאַ עקשנות און פעראַכטונג, דאָס סוף כל סוף איז ער אין כעס געוואָרען.

דאַן איז די קריעגעריי געוואָרען אַ היציגע; זי האָט זיך גע־שטעלט אויף דער זייט פון די פרויען, ער האָט גענומען אונטער זיין שוץ די מענער.

דערנאָך האָט ער ערקלעהרט מיט אַ בעזונדערער אייגענליעבע:

— הער אויס, איך שווער דיר, אַז ווען איך וואָלט בעטראָגען געוואָרען, וואָלט איך עס באמערקט, און דאָס גלייך אויף׳ן אָרט.

און איך וואָלט דיך דערפאַר אַזוי אָנגעלערנט, אַז קיין דאָקטאָר וואָלט דיר שוין ניט געהאָלפען.

זי האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט פאַר כעס און האָט אַ געשריי געטהאָן גלייך איהם אין פּנים אַריין:

— דו? דו! אָבער דו ביזט דאָך פּונקט אַזוי נאַריש, ווי אַלע, דו הערסט?

ער האָט געענטפערט:

— איך שווער דיר, אַז ניט.

זי האָט זיך צולאַכט איהם גלייך אין פּנים אַריין מיט אַזאַ חוצפּה, דאָס ביי איהם האָט פערקוועטשט דאָס האַרץ און אַ קעלט איז איבער זיין רוקען אַריבער.

צום דריטען מאָל האָט ער געזאָגט:

— ווען מען וואָלט מיך בעטראָגען, וואָלט איך עס גלייך דערזעהן.

זי איז אויפגעשטאַנען, און נאָך אימער לאַכענדיג אויף דעם איינענעם פּרעכען שטייגער, האָט זי געזאָגט:

— ניין, דאָס איז שוין צופיעל.

און זי איז אַרויס, אַ קלאַפּ טהוענדיג מיט דער טיר.

2

באַנדעל איז געבליבען אַליין און האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט. דער דאָזיגער פּרעכער, אַרויספאָדערנדיגער געלעכטער האָט איהם געשטאָכען, ווי דער ביס פון אַ גיפטיגער פליעג, וועלכער פיהלט זיך פון אָנפאַנג גאָרניט, אָבער וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ אונערטרעגליכער.

ער איז אַרויס פון הויז, איז געגאַנגען און געטראַכט. צוליעב דער איינזאַמקייט פון זיין נייעם לעבען איז ער געניינט געווען צו אומעטיגע, פינסטערע געדאַנקען. דער שכן, וועלכען ער האָט אין דער־פריה בעגעגנט, איז פּלוצים אויסגעוואַקסען פאַר איהם. זיי האָבען אַ דריק געטהאָן איינעם דעם צווייטען די הענד און גענומען פּלוידערן. דורכגעגערדט זיך אַ ווילע וועגען פערשיעדענע זאַכען, זיינען זיי אַריבער צו זייערע פרויען. איינער ווי דער צווייטער

האָבען, דאַכט זיך, געהאַט עפּעס צו זאָגען עפּעס וואָס איז שווער אויסצודריקען, עטוואָס אונקלאָהרעס און דריקענדעס וועגען דעם כאַראַקטער פון דער אייגענער פרוי, און דער פרויען נאַטור אין אַלגעמיין.

דער שכן האָט געזאָגט:

— אַ מאָדנע זאַך, אַמאָל קאָן מען מיינען, אַז זיי טראָגען אין הארצען אַ בעזונדערע שנאה צו זייערע מענער נור דערפאַר, ווייל יענע זיינען זייערע מענער. איך ליעב מיין פרוי. ליעב זי, שעץ און אַכט; און וואָס איז דער שלום? מאַנכעס מאָל ווייזט זי ארויס מעהר צוטרויען און סימפּאַטיע צו אונזערע פריינד, ווי צו מיר.

באַנדעל האָט גלייך אַ טראַכט געטהאָן: „אָט איז עס ארויס, דאָס ווייב איז הפּנים גערעכט געווען".

צושיידט זיך מיט דעם דאָזיגען שכן, האָט ער ווידער גענומען טראַכטען. ער האָט געפיהלט, ווי אין זיין קאָפּ מישען זיך געגענ־געזעצטע געדאַנקען, אין הארצען וואַקסט אַ נאָגעדיגער מעררדום און אין די אויערען הערט נישט אויף צו קלינגען דער פריעבער גע־לעכטער, וועלכער האָט, דאַכט זיך, גערעדט: „נאַר דו איינער, מיט דיר שטעהט די זאַך פּונקט אזוי ווי מיט אַלע אנדערע מענער".

עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ בעריה־מעריי פון איהר זייט, איינע פון יענע אונפערשעהמטע, בעריהמע־רשע סטראַשונקעס פון אַ פרוי, וועלכע וואָגט אַלעס, איז בערייט אויף אַלסדינג אבי נור צו בעליידיגען און ערנידעריגען דעם מאַן, געגען וועלכען זי איז אויפגעבראַכט.

אַלזאָ, דער דאָזיגער ארימער מענש איז הייסט עס אויך גע־ווען אַ בעטראָגענער מאַן, ווי פיעלע אנדערע. מיט וואָס פאַר אַ בענקעניש ער האָט געזאָגט: „מאַנכעס מאָל ווייזט זי ארויס מעהר צוטרויען און סימפּאַטיע צו אונזער פריינד, ווי צו מיר". דאָס אַלעס, וואָס עס בעמערקט דער דאָזיגער סענטימענטאַלער בלינדער, וועמען די וועלט רופט דער געזעצליכער מאַן. ער זעהט די בע־זונדערע אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיין ווייב שענקט פרעמדע מע־נער און מעהר גאָרנישט. יאָ, ער איז אַ בלינדער, איז עהנליך צו אַלע אנדערע... אַלע אנדערע בעטראָגענע מענער.

יאָ, און ווארום האָט עפּעס זיין ווייב, זיין אייגענע ווייב, אזוי מאָדנע געלאַכט, פארוואָס האָט זי געזאָגט: „דו ביזט אויך אזא נאַר... פּונקט ווי אלע...“ ווי ווילד און ניט פאַרזיכטיג זיינען דאָס די דאָזיגע בעשעפעניש, רופען ארויס אַ פערדאַכט אין דער נשמה פון אַ מענשען מעהר נישט נור, אום איהם צו ערניעדריגען.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זייער געמיינזאַמען לעבען און גע־נומען זוכען צווישען די אַלטע בעקאַנטע, צו האָט ניט זיין איי־גענע ווייב ארויסגעוויזען צו וועמען פון זיי מעהר צוטרויען און סימפּאַטיע, ווי צו איהם. ער איז אימער געווען אזוי רוהיג, אזוי זיכער אין איהר, האָט געפּיהלט צו איהר אזוי פיעל צוטרויען, דאָס ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט פערדעכטיגט.

יאָ, געוויס, זי האָט געהאַט אַ פריינד, אַ נאָהענטען פריינד, וועלכער איז אַ יאָהר נאַכאַנאַנד געקומען צו זיי אַ טאָג איבער אַ טאָג עסען מיטאָג. — דאָס איז געווען טאַנקרע, דער גוטער, עהר־ליכער טאַנקרע, וועמען באַנדעל האָט געליעבט ווי אַ לייבליכען ברודער, און מיט וועלכען ער האָט זיך נאָך איצט אויך אַמאָל גע־זעהן שטילערהייד פון זיין פרוי, זייט דער צייט, וואָס זי האָט זיך צוקריעגט (צוליעב וואָס האָט ער נישט געוואוסט) מיט דעם דאָ־זיגען וואוילען מענשען! ער האָט זיך אָבגעשטעלט, פערטראַכט זיך און מיט אַן אונרוהיגען בליק גענומען אריינקוקען אין דער פער־גאַנגענהייט. דערנאָך איז ער פּלוצים בייז געוואָרען אויף זיך אליין, אויף זיין פערדאַכט, זיין אייפערזוכט, זיין כעס. דערמאָהנט זיך אָן די בעזוכען און די בעהאַנדלונג פון דעם דאָזיגען פריינד, וועלכען זיין פרוי האָט פריהער אזוי געליעבט און דערנאָך אָהן שום ערנס־טען גרונד פון הויז ארויסגעיאָגט, האָט ער זיך אליין בעשולדיגט און געזידעלט פאר זיין מיסטרויען. אויף די געדאַנקען זיינען איהם ארויף נאָך אַנדערע קריעגערייען, וואָס זיינען נאָך פריהער פאָר־געקומען צווישען זיי, אַ דאַנק דעם ראַכזיכטיגען כאַראַקטער פון פרוי באַנדעל, וועלכע האָט ניט געקאָנט מוחל זיין קיין בעליידיגונג. דאַן האָט ער גענומען לאַכען פון זיך אליין, פון דעם אומעט, וואָס האָט איהם דאָס הארץ פערקוועטשט. און דערמאָהנט זיך אָן דעם בייזען פּנים, וואָס זיין ווייב פלעגט מאַכען יעדעס מאָל, ווען ער

האט איהר דערצעהלט, אז ער האט בעגעגענט דעם גוטען טאנקרע'ן, וועלכער האט זיך נאכגעפרעגט אויף איהר, האט ער זיך אין גאנ־צען בערוהיגט.

זי האט אימער געענטפערט:

— ווען דו וועסט בעגעגענען דעם דאזיגען הערר, דאן זאג איהם, איך בעט דיך, ער זאל וועגען מיר ניט זארגען. — און מיט וואס פאר א כעס, מיט וואס פאר א צורייצטען פנים זי האט ארויס־געבראכט די דאזיגע ווערטער! עס האט זיך פשוט געפיהלט, אז זי וועט איהם ניט מוחל זיין, קיינמאל וועט זי איהם ניט מוחל זיין... און ער, באנדעל, האט אויף א רגע געקאנט פערדעכטיגען... גלוי־בען אין דעם!.. מיין גאט, וואס פאר א דומהייט!

און דאך, ווארום איז זי אויף טאנקרע'ן אזוי בייז געווארען? זי האט קיין מאל ניט דערמאהנט א ווארט וועגען דער אורזאך פון דעם דאזיגען שטרייט און פון איהר כעס. און אין כעס איז זי אויף איהם געוועזען שרעקליך! מורא'דיג! און אפשר איז זי טאקע דערפאר אויף איהם אין כעס געווארען, ווייל... ווייל... אבער ניין... ניין... עס קאן ניט זיין. באנדעל האט געזאגט צו זיך אליין, אז ער איז אונגערעכט, אז ער ערנידריגט זיך, פערדעכטיגענדיג אזעל־כע זאכען.

נו, יא, געוויס ערנידעריגט ער זיך, אבער ער האט ניט גע־קענט אויפהערען וועגען דעם צו טראכטען און מיט שרעק האט ער זיך געפרעגט: שוין־זשע וועט דער געדאנק, וועלכער האט זיך איינ־געגעסען אין זיין מוח, איהם ניט אויפהערען צו עגבערען און וועט ווערען פאר איהם א קוואל פון צווייפעל און לײדען? ער האט זיך געקענט, ער האט געוואוסט, אז גראדע, ווי פריהער האט ער גאנ־צע טעג און נעכט געטראכט וועגען זיינע אונטערנעהמונגען אין געשעפט, האט געוועגען און געמאסטען יעדע קלייניגקייט, יעדען „פאר" און „דאגעגען", אזוי וועט ער איצט טראכטען און וועגען און מעסטען זיינע צווייפלען...

ער האט זיך שוין גענומען אויפרעגען, איז געגאנגען שנעלער, און האט פערלארען דעם קאנטראל איבער זיך אליין. געגען צוויי־פעל איז דער מענש מאכטלאז. מען קען זיך דערפון ניט אבטשע־

פען, מען קען עס ניט פערטרייבען און עס איז אונמעגליך עס צו טויטען.

פלוצים איז אין זיין קאפ געבארען געווארען א פלאן, אבער אזא דרייסטער, דאס אין דער ערשטער מינוט האט ער געצוויי־פעלט, צו וועט ער איהם קענען אויספיהרען.

יעדעס מאל, ווען ער האט בעגעגענט טאנקרע'ן, האט דער לעצטער זיך נאכגעפרעגט, וואס מאכט פרוי באנדעל; באנדעל האט געענטפערט: „זי איז נאך אלץ בייז אויף אייך". און מעהר גארנישט. מיין גאט... צו איז ער אויך ניט געווען פון דעם ריכ־טיגען סארט מענער? עס קאן געבען!..

און דער פלאן איז געווען אזא:

ער וועט זיך זעצען אויף'ן אייזענבאהן, וועט אוועקפאהרען קיין פאריז, וועט אויסזוכען טאנקרע'ן און איהם היינט נאך בריינגען צו זיך אהיים, פערזיכערענדיג איהם, אז דער ווייבס אונפערשטענד־ליכער כעס איז פאראיבער. איי וואס פרוי באנדעל וועט מאכען א בייז פנים... וועט איהם מאכען א סצענע... וועט זיך צוקאכען און אויפהויבען א סקאנדאל!... נו, מילא, זאל זי טהאן, וואס זי וויל, דאס וועט זיין זיין נקמה און, דערזעהענדיג ווי זיי ביידע וועלען זיך בעגעגענען אונערווארטעט, אונגעריכטערהייט, וועט ער קאנען כאפען דעם אויסדרוק פון זייערע פנים'ער, וועט בעמערקען יענע בעזונדערע אויפרעגונג, וועלכע וועט איהם אויפקלערען דעם אמת...

3

ער איז גלייך אוועק אויף דער סטאנציאן, גענומען א בילעט, געזעצט זיך אין וואגאן און, דערפיהלט, אז דער צוג טראגט איהם ארונטער פון דעם בערגעל, האט ער זיך זאגאר אביסעל דערשרא־קען און דערפיהלט, אז ביי איהם דרעהט זיך דער קאפ פאר דעם וואס ער געהט טהאן. אום זיך ניט אבצוזאגען פון זיין פלאן און קומען אהיים אליין, האט ער זיך געסטארעט וועגען דעם גאר ניט צו טראכטען און האט געזוכט זיך צו צושטרייען מיט אנדערע גע־דאנקען. ביז סאמע פאריז האט ער שטיל, פאר זיך, אונטערגעזונ־

גען שטיקלאך פון אפּערעטקעס, און שטיקלאך פון קאָנצערטען אין די קאַפעעס, אבי נור צו פערגעהמען זיינע געדאנקען.

ווי נור ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס, וואו טאנקרע האָט געוואהנט, האָט ער דערפיהלט אַ שטאַרקען פערלאנג זיך אָב־צושטעלען. ער איז זיך דורכגעגאנגען עטליכע מאָל פארביי די קראָמען, בעקוקענדיג די פּרייזען פון מאנכע זאכען, האָט זיך בלומרשט פאראינטערעסירט אין די נייע סחורות, האָט פּלוצים גאַר דערפיהלט אַ פערלאנג צו טרינקען אַ גלאָז ביער, וואָס ער האָט פריהער קיינמאָל ניט געטהאָן, און צוקומענדיג צום פריינד׳ס הויז, האָט ער מיט׳ן גאנצען הארצען געהאָפט, אז ער וועט איהם ניט טרעפען אין דער היים.

אָבער טאַנקרע איז געווען אין דערהיים. ער איז געוואָרען זעהר פערוואונדערט, איז אויפגעשפּרונגען און אויסגערופען:

— אך, דאָס זייט איהר, באַנדעל! וואָס פאַר אַ גאַסט!

און באָנדעל, עטוואָס צומישט, האָט געענטפערט:

— יאָ, מיין פריינד, איך בין צוליעב געשעפט געקומען קיין פּאַריז און בין אריין זעהן, וואָס איהר מאַכט.

— דאָס איז זעהר שעהן פון אייער זייט, זעהר שעהן! אי־בערהויפּט נאָך, ווען מען דערמאָנט זיך, אז פאַר דער לעצטער צייט האָט איהר מיך גאָר אויפגעהערט צו בעזוכען.

— וואָס קאָן מען זיך העלפען, מאַנכעס מאָל פאַלט מען ניט ווילענדיג אריין אונטער אַ פרעמדען איינפלוס; און אַזוי ווי די ווייב האָט זיך אויף אייך פאַר עפּעס געבייזערט...

— צום טייפעל... נור געבייזערט... אַ סך ערגער, ווי דאָס. זי האָט מיך פּשוט ארויסגעשמיסען דורך דער טיר.

— אָבער פאַרוואָס? איך ווייס עס נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט.

— אך, איבער אַ קליינינגקייט... איבער אַ נאַרישקייט... איבער אַ שטרייט, אין וועלכען איך האָב נישט געקענט זיין איינ־פערשטאַנען מיט איהר.

— אָבער וועגען וואָס האָט איהר געשטריטען?

— איבער אַ געוויסער דאַמע, וועלכע איהר קענט אפשר אויך, ווייסט איהר — מאַדאַם בוטען, איינע פון מיינע פריינדינען.

— אַך, ווירקליך... אָבער איך דענק, אַז מיין פרוי האָט אויפגעהערט זיך אויף איך צו בייזערן: היינט אין דער פריה האָט זי זיך גאַנץ פריינדליך נאָכגעפרעגט אויף אייך.

טאַנקרע האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און איז, קאַנטיג, געווען אַזוי איבערראַשט, דאָס אין פערלויף פון אייניגע מינוטען האָט ער ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט:

— זי האָט גערעדט וועגען מיר... אין אַ פריינדליכען טאָן...

— נו, יאָ.

— איהר זייט אין דעם זיכער?

— צום טייפעל!.. איך רייד ניט פון היץ!

— און דערנאָך?..

— און דערנאָך... איך האָב געדאַרפט פאָהרען קיין פאַריז, איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך וועל אייך פערשאַפען פערגעניגען דערמיט וואָס איך וועל אייך דאָס לאָזען וויסען...

— נו, יאָ, געוויס... עס פרעהט מיך זעהר...

באַנדעל האָט אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— הערט אויס, מיר איז איינגעפאַלען אַן אָריגינעלער געדאַנק.

— וואָס פאַר אַ געדאַנק?

— אייך אוועקצופיהרען צו אונז עסען מיטאָג.

דער דאָזיגער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופען אַ מין אונרוהיגקייט ביי דעם פאָרזיכטיגען טאַנקרע.

— אַך, איהר דענקט?.. איז עס מעגליך?.. פיליכט וואָלט זיין בעסער ניט אַרויסצרופען דערווייל... קיין איבעריגע רייד...

— אָבער ניין, וואָס פאַלט אייך איין...

— ווייל... איהר ווייסט דאָך... פרוי באַנדעל איז זעהר פערביסען!

— יאָ, דאָס איז אמת, אָבער איך פערזיכער אייך, אַז זי איז

שוין מעהר נישט אין כעס אויף אייך. איך בין זאָגאר איבערציינגט, אַז אייער אונערוואַרטעטער בעזוך וועט זי פרעהען.

— ווירקליך?

— אָ, געוויס!

— נו, אויב אַזוי, טאָ לאָמיר פאָהרען! איך אַליין ביז זעהר צופריעדען. ווייסט איהר, דער דאָזיגער ברוגז האָט מיך פערשאַפט אַ סך שמערצען.

און זיי זיינען אוועק צום וואָקזאַל סען־לאַזאר, געאַרעמט.

אויף'ן וועג האָבעןביידע געשוויגען; ביידע האָבען געשיינט צו זיין שטאַרק פערטראַכט. זיצענדיג איינער אנטקעגען דעם אַנדערען אין וואַגאָן, האָבען ביידע פריינד שווייגענדיג בעטראַכט איינער דעם צווייטען און האָבען בעמערקט, אַז ביידע זיינען בלאַס. ארויסגעהענדיג פון'ם וואַגאָן, זיינען זיי ווידער אוועק געאַרעמט, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך ביידע פאַראייניגט אנטקעגען דער געמיינזאַמער געפאַהר. אָבגעגאַנגען עטליכע מינוט, האָבען זיי, שווער אָטהעמענדיג, אָבגעשטעלט זיך פאַר באַנדעל'ס הויז.

באַנדעל האָט אריינגעפיהרט דעם פריינד אין גאַסט־צימער, האָט אַ קלונג געטהאָן דעם דיענער און געפרעגט:

— די מאַדאַם איז צו הויז?

— יאָ, מיין העררע.

— בעט איהר, זי זאָל גלייך קומען אהער!

— צו בעפעהל, מיין העררע.

ביידע האָבען געגומען ווארטען, איינגעגראָבען אין די פאָטעלען, פערפאָלגט פון איין און דעם זעלבען פערלאַנג צו אנטלויפען פון דאנען וואָס שנעלער, און וואָס ווייטער...

פלוצים האָבען זיך אויף די טרעפ דערהערט בעקאַנטע, שווערע טריט. עמיצענס אַ האַנד האָט זיך צוגעריהרט צו דער קליאַמקע, און די מענער האָבען דערזעהן, ווי עס האָט זיך אַ דרעה געטהאָן די מעשענע הענטעל. דערנאָך האָט זיך די טיר ברייט געעפענט און פרוי באַנדעל האָט זיך בעוויזען אויף'ן שוועל, סטאַרענדיג זיך פון דאָרט אויס צו דערגעהן, ווער עס איז אין צימער.

דערזעהן ווער עס געפינט זיך דאָרט, איז זי רויט געוואָרען,

האט זיך א טרייסעל געטהאן, איז אבגעטראטען עטוואס צוריק, דערנאך האט זי זיך אבגעשטעלט און איז געבליבען אונבעוועגליך, מיט פערדרויטיגטע באקען, אנהאלטענדיג זיך מיטביידע הענד פאר דער פריטעלקע פון דער טיר.

טאנקרע, א טויט־בלייבער, אזוי, דאס עס האט זיך געדאכט, אז אט־אט חלש'ט ער, איז אויפגעשטאנען פון ארט און אווארף געטהאן די הוט, וועלכע האט זיך גענומען קייקלען אויף דער ערד. ער האט גענומען שטאמלען:

— מיין גאט.... מאדאם.... דאס בין איך.... איך האב געוואגט.... דאס האט מיך אזוי געמוטשעט....

זי האט גארנישט געענטפערט, און ער האט געזאגט:

— איהר פערצייהעט מיר .. ענדליך?

און דא, ווי געטריבען פון אן אינערער קראפט, איז זי פלוצים צו איהם צוגעגאנגען און האט אויסגעשטרעקט צו איהם ביידע הענד; און ווען ער האט גענומען די דאזיגע הענד, זיי געדריקט און ניט געאיילט זיך ארויסצולאזען זיי פון זיינע, האט זי געזאגט מיט א צערטליכען, אויפגערעגטען, עטוואס געבראכענעם, פערשטיקטען קול, וועלכער איז אין גאנצען פרעמד געוועזען איהר מאן:

— אך פריינד מיינער, טהייערער... איהר האט מיך אזוי דערפרעהט!

קוקענדיג אויף זיי, האט באנדעל דערפיהלט, ווי פון קאפ ביז די פיס כאפט איהם ארום אזא קעלט, פונקט ווי מען וואלט איהם אבגעגאסען מיט אייז־וואסער.

דער פיק־ניק.

זייט פינף מאנאטען ווי זיי האבען אבגעמאכט ביי זיך אין דעם געבורטס־טאג פון מאדאם דופאיר ארויסצופאהרען אויף א פיק־ניק אין דער אומגעגענד פון פאריז. אזוי ווי אלע האבען מיט אונגעדולד געווארט אויף דער דאזיגער גרויסער אונטערנעהמונג, זיינען זיי יענעם טאג אויפגעשטאנען זעהר צייטיג.

הערר דופאיר האט ביים מילך־הענדלער געליהען א וואגען און האט איהם אליין אנגעטריעבען. דאס וועגעלע אויף צוויי רעדלאך האט אויסגעזעהן זעהר פיין. ער איז געווען א צוגעמאכטער מיט פארהאנגלאך וועלכע זיינען יעצט געווען פארצויגען, כדי מען זאל קענען זעהן די לאנדשאפט. נור דער הינטערשטער פארהאנג האט געפלאטערט פון ווינד ווי א פאהן. מאדאם דופאיר איז א שטראלענדיגע געזעסען נעבען איהר מאן אין א שרייענדיג רויטער זיידענער קלייד. פון הינטען האבען זיך געפונען די אלטע באבע און א יונגע מיידעל. פון וואגען האט נאך ארויסגעקוקט דער בלאנדער קאפ פון א יונגען מאן, וועלכער ניט האבענדיג קיין פלאץ, האט זיך צוגעמאסטשעט אויף'ן פאל צו זייערע פיס.

זיי זיינען געפאהרען איבער די שאמפס־עליזעעס, פארביי די פעסטונגען און בעטראכט די לאנדשאפט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום בריק פון נעיולי, האט זיך הערר דופאיר אבגערופען:

— גאט צו דאנקען, איצט זיינען מיר אויף'ן פרייען פעלד!

און זיין פרוי האט ביי די דאזיגע ווערטער זיינע, גלייך גענור־מען בעוואונדערען די נאטור.

אבגעפאהרען נאך א וויילע, זיינען זיי געווארען שטארק בע־גייסטערט איבער די ווייטע ווייטקייט, וואס האט זיך געעפענט פאר זייערע אויגען. פון ווייטענס רעכטס איז געלעגען ארזשאנ־טעיל, וועמעס קירכען טורעמס עס האבען זיך אויפגעהויבען הויך אין דער לופטען, איבער דעם האבען זיך אויפגעהויבען די שפיצען בערג פון סאנאנים און דער מיהל פון ארגעמאנט. אויף דער אנדערער זייט האט זיך געזעהן די טעראסע פון סיינט־זשערמאין, און גאנץ אין הינטערגרונד, ווייט הינטער די דערפער האט דאס אויג דערזעהן עפעס א דונקעלען שטריך: דעם וואלד.

די זון האט גענומען ברענען אין די פנים׳ער. דער שטויב איז נאכאנאנד געפלויגען אין די אויגען און אויףביידע זייטען וועג האט זיך געצויגען א פוסטער, שמוציגער, שטינקענדער פעלד אהן א סוף און אהן אן ענד. עס האט אויסגעזעהן ווי די לעפרא וואלט דא געבושעוועט און אלעס אויפגעפרעסען. די רואינען פון די איינגעפאלענע און פארלאזענע געביידעס אדער די קליינע הייז־לאך, וועלכע זיינען ניט פערטיג געווארען, ווייל זייערע בעל הבתים האבען ניט געהאט מעהר קיין געלד מיט וואס זיי צו ענדי־גען, האבען אויפגעהויבען זייערע פיער ווענד אהן דעכער צום הימעל.

דא און דארט האבען זיך פון דער פערטריקענטער ערד אויפגע־הויבען מעכטיגע קוימענס פון פאבריקען, די איינציגע גאנצע גע־ביידעס אויף די דאזיגע וויסטע פעלדער, פון וואנען דער פריה־לינגס ווינד האט פארטראגען א געשטאנק פון פעטראלעאום און נאך אנדערע אונאנגענעהמע רוחות.

צום סוף זיינען זיי א צווייטען מאל אריבער די סיין און אויף׳ן בריק האבען זיי פשוט אנגעקוואלען פאר פרייד. דער טייך האט גע־שטראהלט פון ליכטיגקייט. א לייכטער נעבעל האט זיך פון איהם אויפגעהויבען און איז איינגעזויגען געווארען פון דער זון. אלע האבען מיט פערגעניגען איינגעאטהעמט אין זיך די פרישע ריינע

לופט, וועלכע איז פריי געווען פון דעם געשטאנק פון די פאבריקען.

דער וואגען האט זיך אבגעשטעלט און הערר דופאיר האט איבערגעלעזען א שילד אויף א רעסטאראן:

„פאלין'ס רעסטאראן, פרישע און געבאקענע פיש, גאסט צי־מער, פארק, הוידעס''.

— וואס זאגסטו, מאדאם דופאיר, געפעהלט דיר דער פלאץ? שנעל ענטשליסען זיך!

די פרוי האט פון איהר זייט איבערגעלעזען:

„פאולין'ס רעסטאראן, פרישע און געבאקענע פיש, גאסט צי־מער, פארק, הוידעס".

דאן האט זי גוט בעטראכט דאס הויז. דאס איז געווען א העל געפארבטע קאנטרי־הויז, וועלכע האט זיך געפונען נאהענט צו דער גאס, דורך דער אפענער טהיר האט זיך געזעהן דער שענק־טיש, פאר וועלכען עס זיינען געשטאנען צוויי ארבייטער אין זונטאג־דיגע קליידער.

צום סוף האט מאדאם דופאיר זיך ענטשלאסען און געזאגט:

— גוט, איך בין צופריעדען! דער פלאץ זעהט אויס זעהר אנ־שטענדיג! און דאן האבען מיר דא א גאנץ שעהנע אויסזיכט.

דער וואגען האט זיך אבגעשטעלט הינטער דעם רעסטאראן און זיי אלע זענען ארויסגעשטיגען. דער מאן איז דער ערשטער ארויסגעשפרונגען און געעפענט די ארעמס אום אונטערצוכאפען זיין פרוי. דער טרעטער פון וואגען איז געווען אזוי הויך, אז ווען מאדאם דופאיר האט גענומען ארונטערגעהן, האט מען גע־קענט זעהן איהר אמאל צארטען פוס, וועלכער איז איצט פער־שוואומען געווארען פון פעטס.

הערר דופאיר איז פון דער פרישער לופט געווען פרעהליך געשטימט און האט א קניפ געטהאן זיין ווייב, דאן האט ער זי א כאפ געטהאן אונטער די ארעמס און זי ארונטערגעלאזען אויף דער ערד, ווי א שווערען פאק.

מאדאם דופאיר האט אבגעטרייסעלט דעם שטויב פון איהר זיידענער קלייד און זיך ארומגעקוקט.

זי איז געווען א פרוי פון א יאָהר זעקס און דרייסיג, א דיקע, א בליהענדע, א געזונדע; זי האָט געאָטהעמט שווער צוליעב איהר שטאַרק צוזאַמענגעשנורעוועטען קאָרסעט. איהר מעכטינגער בוזעם האָט זיך שטאַרק בעוועגט ארויף און אראָב.

דאָן האָט געפאָלגט דאָס יונגע מיידעל. זי האָט ארויפגעלעגט א האַנד אויף איהר פאָטערס אַקסעל און איז אַליין אראָבגעשפּרונגען אויף דער ערד. דער יונגער מאַן מיט די בלאָנדע האָאר האָט ארויפגעשטעלט א פוס אויף א ראָד און איז אויף אַזא אופן ארויסגעקראָכען און איצט האָט ער געהאָלפען הערר דופאַיר ארונטערנעהמען דער באָבען.

דערנאָך האָבען זיי אויסגעשפּאַנט דעם פערד און איהם צוגעבונדען צו א בוים. דער וואָגען איז פערבליעבען שטעהען דערביי. די מענער האָבען אויסגעטהאָן זייערע רעקלאָך און זיך געוואַשען די הענד אין א עמער וואַסער. דאָן זיינען זיי אוועק נאָך זייערע דאַמען, וועלכע האָבען זיך שוין געהאַט ארייננעזעצט אין די הוידעס.

פרייליין דופאַיר האָט פּרובירט זיך צו הוידען גאַנץ אַליין. אבער זי האָט זיך ניט געקענט גוט פאַרנאַנדערוויגען. זי איז געווען א שעהן מיידעל פון א יאָהר אכטצעהן־צוואַנציג, הויך מיט א שלאַנקער טאַליע און ברייטע היפטען, איינע פון יענע מיידלאָך, וועלכע מען בעמערקט גלייך, ווי מען טרעפט זיי אין גאַס און וועגען וועלכע מען דענקט דערנאָך א גאַנצען טאָג. זי האָט געהאַט א טונקעלע געזיכטס־פאַרב, גרויסע אויגען און זעהר שוואַרצע האָאר. אונטער איהר קלייד האָבען זיך אָבגעצייכענט איהרע פולע פעסטע פאַרמען, וועלכע זיינען נאָך שאַרפער ארויסגעטראָטען יעדעס מאָל, וואָס זי האָט געזוכט זיך פאַרנאַנדערצושאָקלען. מיט הויך אויפגעהויבענע אָרעמס האָט זי געהאַלטען די שטריק פון דער הוידע און ביי יעדען רוק איז איהר ברוסט ארויסגעטראָטען. דער ווינד האָט פון איהר אראָבגעריסען דעם הוט, וועלכער איז געלעגען הינטער איהר אויף'ן גראָז.ביידע מענער האָבען לאַכענדיג געקוקט אויף דער מיידעל און ווען דער ווינד האָט אויפגעבלאָזען איהרע קליידער און עס האָבען זיך ארויסגעזעהן איהר שעהן גע־

פּאַרעמטע פּיס ביז צו די קניע, האָט עס זיי בערוישט ווי שטאַרקער וויין.

מאַדאַם דופּאיר איז געזעסען אויף דער צווייטער הוידע און נאָכאַנאַד געבורטשעט:

— ציפּריען, טהו מיך אַביסעל אַ וויג! נו טהו דאָך אַ וויג!

צום סוף איז ער צו איהר צוגעגאַנגען, פאַרקאַשערט די אַרבעל, ווי ער וואָלט זיך געקליעבען צו טהאָן עפּעס אַ שווערע אַרבייט און מיט גרויס מיה פאַרנאַנדערגעוויגט זיין פרוי.

זי האָט זיך איינגעקלאַמערט אַן די שטריק און אויסגעצויגען די פּיס גלייך, כדי ניט אָנצוריהרען די ערד. און ביי דעם בעווע־גען זיך פון דער הוידע אהער און אהין האָט זי זיך געפיהלט עפּעס מאָדנע גליקליך. איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פאַר פער־געניגען. מיט יעדען שטויס האָט זיך די הוידע אַלץ העכער, אַלץ שנעלער בעוועגט און דאַ איז פּלוצים אויף מאַדאַם דופּאיר אָנגע־פאַלען אַ אַנגסט און עס האָט זי גענומען שווינדלען. יעדעס מאָל, ווען די הוידע איז אוועק אַביסעל אַן אַ זייט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ הויכען געשריי, אַזוי אַז גאַסען איינגלאָך זיינען זיך צוזאַמענגע־לאָפען און האָבען פאַרהילכט די גאַס אויף דער אַנדערער זייט פון'ם גאַרטען מיט זייער קלינגענדען געלעכטער.

די קעלנערין איז געקומען. מען האָט בעשטעלט פריהשטיק.

מאַדאַם דופּאיר האָט געזאָגט מיט אַ וויכטיגער מינע:

— געבאַקענע פיש פון דער סעין, אַ שעהן געבראָטענעם האָז, סאַלאַט און דעסערט!

איהר מאַן האָט צוגעלייגט:

— און דאַן ברענגט אונז צוויי ליטער געוועהנליכען וויין און אַ פלאַש בורדאָ.

דאָס יונגע מיידעל האָט זיך אָבגערופען:

— מיר וועלען עסען אין גאַרטען.

די באָבע איז געוועזען שטאַרק געריהרט, קוקענדיג אויף דער קאַץ. זי האָט זי שוין אַ מינוט צעהן פערפאַלגט און זי גערופען צו זיך מיט אַלע מעגליכע לאַסטשענדיגע נעמען. די קאַץ האָט זיך אָפּנים געפיהלט שטאַרק געשמייכעלט פון דער דאָזיגער אויפ־

מערקזאמקייט און האט זיך געהאַלטען גאַנץ נאָהענט פון דער גר־טער אַלטענקער. זי האט זיך אבער ניט געלאזט אַנריהרען אדער א גלעט טהאן, האט זיך בלויז גאַנץ רוהיג מיט א אויפגעהויבענעם עק און א גוטמוטיגען מיוקען ארומגעדרעהט ארום די בוימער און זיך געריבען אן זיי.

דער יונגער מאן מיט די בלאַנדע האאר, וועלכער האט אלעם גלייך ארומגעשמעקט, האט פּלוצים אויסגערופען :

— צום טייפעל! קוקט וואס פאר א שעהנע שיפלאך דאָרט שטעהען!

מען איז אוועק אהין, זיי אנקוקען. אונטער א קליינעם הילצער־נעם דעבעל זיינען געשטאַנען צוויי וואונדערשעהנע פיין געמאכטע שיפלאך, ווי די צאצקעס. זיי זיינען דאָרט געלעגען איינס נעבען דאס אנדערע ווי צוויי שלאַנקע מיידלאך, לאַנג, שמאל, בליסטשענ־דיג, און האבען גלייך ארויסגערופען א פערלאַנג זיך דורכצופאָה־רען אויף זיי אין א מילדען פארנאכט אדער א העלען זומערדיגען פריהמארגען.

די גאַנצע פאמיליע האט זיי בעטראכט מיט גרויס בעוואונדע־רונג. הערר דופאיר האט געזאגט מיט א וויכטיגער מינע :

— יאָ, זיי זיינען זעהר שעהן.

און ער האט זיך גענומען אויסרעכענען זייערע מעלות. אין זיינע יונגע יאהרען, האט ער געזאגט, איז ער אויך געפאָרען אויף שיפלאך. מיט אזא פאאר זאכען אין האנד — דערביי האט ער געמאכט די בעוועגונג ווי מען רודערט — וואלט ער זיך אויסגע־לאכט פון דער גאַנצער וועלט.

דאן האט ער זיך גענומען וויצלען איבער דעם ווארט „דאמען" מיט וועלכען מען בעצייכענט די פּאאר הוקס, וואו די רודערס גע־פינען זיך און האט בעמערקט, אז דערפון שטאמט דער ווערטעל, אז רודערער זיינען קיינמאל ניט אהן דאמען. צום סוף האט ער גע־זאגט אז מיט אזא שיפעל, וואלט ער אהן שום אנשטריינגונג געקענט מאכען זעקס מייל א שטונדע.

די קעלנעריז, וועלכע האט זיך בעוויזען ביים אריינגאנג אין גארטען, האט אויסגערופען :

— דאס עסען איז פערטיג.

אבער לײדער איז דער בעסטער פלאץ, װעלכען מאדאם דו־פאיר האט זיך פריהער אנגעמערקט, געװען פערנומען פון צװײ יונגע לײט. זײ זײנען אהן צװײפעל געװען די בעלי הבתים פון די צװײ שיפלאך, דען זײ האבען געטראגען מאטראזען־קלײדער.

זײ האבען זיך אויסגעצװיגען אויף זײערע שטוהלען, אזוי אז זײ זײנען כמעט געלעגען אויף זײ. זײ זײנען געװען פערברענט פון דער זון און האבען געטראגען װײסע, װאלענע טריקאיאקען, פון װעלכע עס האבען זיך אבגעצײכענט די קרעפטיגע, מוסקול־דיגע נאקעטע ארעמס. דאס זײנען געװען א פאאר הויכע שטאר־קע יונגען, שטאלץ אויף זײער קראפט, װעלכע זײ האבען ארויס־געװיזען אין יעדער בעװעגונג. דאס שטענדיגע רודערן האט זײ צוגעגעבען א בעזונדערע בײגזאמקײט און גראציע.

װען זײ האבען דערזעהן די מוטער האבען זײ א שמײכעל געטהאן אײנער צום אנדער'ן און זיך גלײך נאכאמאל איבערגע־קוקט, װען זײ האבען די טאכטער בעמערקט, און אײנער האט זיך אבגערופען:

— לאמיר זײ פארשלאגען אונזערע פלעצער, דאן װעלען מיר מיט זײ גלײך בעקאנט װערען.

דער אנדערער איז אויפ'ן שטעל אויפגעשטאנען, איז צוגע־קומען נעהענטער מיט דער מאטראסקער מיצעל אין האנד און העפ־ליך פארגעשלאגען די דאמען דעם אײנציגען פלאץ אין גארטען, װאו די זון האט ניט געבאקען. די דופאירס האבען דעם פארשלאג אנגענומען מיט דאנקבארקײט. און אום עס זאל אויסזעהן װי אן אמת'ער פיק־ניק, האט מען אבגערוקט דעם טיש מיט די שטולען אן א זײט און די גאנצע פאמיליע האט זיך אויסגעזעצט אין גראז.

בײדע יונגע לײט האבען אװעקגעטראגען זײערע טעלער אויף אן אנדער טיש דערבײ און זיך װידער גענומען צום עסען. זײערע נאקעטע ארעמס האט דער יונגער מײדעל אביסעל צומישט. זי האט געמאכט אן אנשטעל, װי זי װאלט אבגעקעהרט דעם קאפ, כדי זײ ניט צו זעהן, בעת מאדאם דופאיר, װעלכע האט געהאט מעהר מוטה און געטריבען פון א געװיסער װײבערשער נײגירדע,

האט זיי נאכאנאנד בעטראכט און זיי הפנים פערגליכען מיט די פארבארגענע העסליכקייטען פון איהר מאן.

זי האט זיך אראבגעלאזען אויף'ן גראז מיט די פיס פארלייגט איינער אויף'ן אנדער'ן ווי די שניידער זיצען און האט זיך נאכאנאנד געטרייסעלט, ווייל זי האט געזאגט אז מוראשקעס זיינען אונטער איהר ארונטערגעקראכען. הערר דופאיר איז געווארען שלעכט אויפגעלעגט צוליעב דער געגענווארט און דער פריינדליכקייט פון די פרעמדע מענער. ער האט רק געזוכט זיך אוועקצוזעצען אזוי, אז איהם זאל זיין בעקוועם, אבער ווי און וואו ער האט זיך ניט געזעצט, איז איהם אלץ ניט געפעלען. דער יונגער מאן מיט די בלאנדע האאר האט שווייגענדיג מיט גרויסע ביסענס, ווי א הונגעריגער וואלף, געגעסען זיין מאלצייט.

די דיקע פרוי האט געוואלט זיין העפליך צו די מאטראזען, וועלכע זיינען געווען צו זיי אזוי פריינדליך און זי האט פלוצים געזאגט צו איינעם פון זיי:

— א שעהנער וועטער היינט, ניט אמת?

ער האט געענטפערט:

— יא מאדאם. קומט איהר אפט אויף'ן לאנד?

— בלויז איין מאל אדער צוויי מאל א יאהר, אום צו אטהעמען אביסעל פרישע לופט. און איהר?

— איך נעכטיג אימער אויף'ן פרייען פעלד.

— אה, דאס מוז זיין זעהר שעהן.

— יא, געוויס, מאדאם.

און ער האט גענומען דערצעהלען, אביסעלע צוגעפוצט, פון זיין טעגליכען לעבען אויף דער פרייער נאטור און אין שיפעל אויף דעם אפענעם, ברייטען טייך. די שטאדט־מענשען, וועלכע זעהען א גאנץ יאהר ניט אז א קאפ גרינס און שטעהענדיג הינטער'ן קאנטער טרוימען זיי נאכאנאנד פון א פיקניק אויסער'ן שטאדט אין גרינעם וואלד, האבען זיך צו זיינע רייד צוגעהערט מיט א פארהאלטענעם אטהעם.

דאס יונגע מיידעל איז געווען שטארק בעוועגט, האט אויפגע־

הויבען דעם קאָפּ און אנגעקוקט די מאַטראַזען. הערר דופּאיר האָט זיך אבגערופען:

— יאַ, אָט דאָס הייסט אַ לעבען!

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— ווילסטו נאָך אביסעלע וויין, מיין ליעבע?

— ניין, ליעבער פריינד, אַ דאַנק!

זי האָט געזאָגט צו די יונגע לייט, אָנווייזענדיג אויף זייערע נאַקעטע אָרעמס:

— איז אייך דען גאָרנישט קאַלט?

זיי האָבען זיך ביידע צולאַכט און דערצעהלט פון די פערשיעדענע קערפּערליכע גימנאַסטיקס, וואָס זיי מאַכען, ווי זיי האָבען גענומען בעדער, בעת פון זיי האָט זיך געגאָסען שוויים און, ווי עס איז זיי אויסגעקומען צו זיין אויפ'ן וואַסער ביינאַכט אין נעבעל. די פאַמיליע האָט זיך צוגעהערט פאַרגאַפט און די מאַטראַזען האָבען זיך שטאַרק געקלאַפּט אויפ'ן האַרצען כדי צו ווייזען זיי ווי עס קלינגט.

— אָה, איהר זעהט אויס שטאַרק! — האָט געזאָגט הערר דופּאיר און ער האָט שוין איצט ניט גערעדט מעהר פון דער צייט, ווען ער האָט בעזיעגט די ענגלענדער.

דאָס יונגע מיידעל האָט זיי אָנגעקוקט פון דער זייט, און דער יונגערמאַן מיט די בלאָנדע האָאַר, ווען עפּעס איז אריין אין לינקען קעהל, האָט זיך שטאַרק צוהוסט און פאַרשפּיגען די רויטזיידענע קלייד פון דער פרוי. יענע איז געוואָרען מלא רציחה און געלאָזט ברענגען וואַסער כדי אָבצוואַשען די פלעקען.

מיט דער צייט איז די היץ געוואָרען מורא'דיג גרויס. דער בליסטשעדיגער טייך האָט אבגעשטראַהלט די פייערדיגע זון און דערצו איז נאָך צוגעקומען די ווירקונג פון'ם וויין.

הערר דופּאיר האָט גענומען שלוקערצען. ער האָט אבגעשפּילעט זיין קאָמזעלקע און די אויבערשטע קנעפּ פון די הויזען, בערט זיין פרוי, ווען עס איז געווען ענג, דערשטיקט צו ווערען, האָט ביסלאַכוויין פאַרנאַנדערגעשפּיליעט איהר קלייד. דער בלאָנדער יונגערמאַן האָט געשאָקעלט זיינע פלאַקסענע האָאַר און אויסגעלע־

דינט א גלאז נאך א גלאז. די אלטע באבע האט געפיהלט, אז זי האט אביסעלע צופיעל געטרונקען און זי איז געבליבען זיצען שטייף און פול מיט ווירדע אויף איהר פלאץ און זיך ניט געריהרט פון ארט. בעת אויף דער יונגער מיידעל האט מען גארנישט געקענט דערקע־נען. נור איהרע אויגען זיינען געווארען עטוואס לעבעדיגער און איהרע באקען אביסעלע רויטער.

זיי האבען נור וואס געהאט אויסגעטרונקען קאפע און האבען פארגעשלאגען צו זינגען. יעדער איינער האט עפעס געזונגען. אלע האבען שטארק אפלאדירט. דאן האט מען זיך אויפגעהויבען מיט גרויס מיה. און בעת ביידע פרויען זיינען געבליעבען זיצען און האבען קוים געקענט אבכאפען דעם אטהעם, האבען די מענער, וועלכע זיינען געווען טויט שיכור, גענומען מאכען גימ־נאסטיק. מיט פנים'ער רויטע, ווי די בוראקעס און איין גאנצען אומגעלומפערט, אונגעשיקט, ווי די זעק מעהל, האבען זיי זיך קוים געקענט ריהרען. אלע ווייל־ע האט זיך געדאכט, אז אט, אט פליהען זייערע העמדער פון די הויזען ארויס און נעהמען ארומפלאטערן אין דער לופט ווי א פאהן.

אין דער דאזיגער צייט האבען די מאטראזען ארונטערגע־לאזען זייערע שיפלאך אין טייך אריין און זיינען צוגעקומען צו די דאמען, כדי זיי פארצושלאגען זיך דורכצופאהרען איבער דער סעין. מאדאם דופאיר האט זיך אבגערופען צו איהר מאן:

— דופאיר, וואס זאגסטו אויף דעם?

ער האט זי אנגעקוקט מיט א שיכור'ן בליק און האט ניט פאר־שטאנען, וואס אייגענטליך זי וויל. דאן זיינען די מאטראזען צו איהם צוגעגאנגען מיט צוויי וויהודעס אין האנד. און ביי דער האפ־נונג, אז ער וועט אפשר כאפען א פיש, א לעבעדיגען, וואס איז דער העכסטער אידעאל פון יעדער קרעמערשער נשמה, האבען זיי־נע מאטע אויגען גענומען לייכטען און ער האט זיי ערלויבט אלעס וואס זיי ווילען. ער האט זיך אוועקגעזעצט מיט דער וויהו־דע אין דעם שאטען אונטער'ן בריק און האט אראבגעלאזען די פיס איבער'ן וואסער, בעת דער יונגער מאן האט זיך אויסגעצוי־גען נעבען איהם און איז אנשלאפען געווארען.

איינער פון די מאטראזען האט זיך געאפפערט און גענומען די מוטער. בעת ער איז אבגעפאהרען, האט ער אויסגערופען:

— צום וועלדעל אויף דער ענגלישער אינזעל!

דאס צווייטע שיפעל האט לאנגזאם נאכגעפאלגט. דער מאטראז האט אנגעקוקט זיין בעגלייטערין מיט אזוינע אויגען, אז ער איז געווארען שטארק אויפגערעגט און ער האט קוים געפונען קרעפטען צו רעדען.

דאס יונגע מיידעל איז געזעסען איהם אנטקעגען און זיך גע׳חיות׳ט פון דעם אנגענעהמען געפיהל, וואס דאס שיפען זיך איבער׳ן וואסער האט ביי איהר ארויסגערופען. עס האט זיך איהר געדאכט, אז אלע איהרע געדאנקען ווערען פארשוואונדען און עפעס א מחיה׳דיגע רוהיגקייט האט זיך איבער אלע איהרע גליעדער צוגאסען. זי איז געווען רויט און געאטהעמט שווער. דער ווייז און די היץ אויף׳ן פלוס, וועלכער האט געשטראמט אונטער זיי, איז איהר אין קאפ אריין און איהר האט זיך אויסגעדאכט, ווי אלע בוימער וואלטען זיך פאר זיי פארנייגט. אן אונבעשטימטער געפיהל פון גליק איז אויף איהר אנגעפאלען. דאס בלוט האט גענומען שנעלער לויפען אין די אדערן. און דאס צוזאמענזיין מיט דעם יונגען מאן אויף דעם איינזאמען טייך צווישען לעדיגע, פון מענשען פארלאזענע ברעגעס, האט זי געבראכט אין פערלעגענהיים. זי איז דעם מאטראז געפעלען געווען, זיין אויג האט נאכאנאנד געוואנדערט, ווי לאסטשענדיג, איבער איהר געשטאלט און גליהענדע פערלאנגען האבען זי געברענט, ווי די זונענשטראהלען.

זי האט ניט געקענט ארויסברענגען קיין איין ווארט, און אין וואקסענדיגער אויפרעגונג האט זי בעטראכט די ארומיגע לאנדשאפט. צום סוף האט ער זיך אנגענומען מיט מוט און געפרעגט, ווי זי הייסט.

— הענריעטע — האט זי געענטפערט.

— מערקווירדיג, און איך הייס הענריך.

דער טאן פון זייערע שטימען האט זיי אביסעל בערוהיגט און זיי האבען געקוקט אויף׳ן טייך ארום. די צווייטע שיפעל האט זיך אבגעשטעלט, ווי זי וואלט געווארט אויף זיי. דער מאטראז

האט פון דארט א געשריי געטהאן:

— מיר וועלען אייך טרעפען אין וואלד. מיר פאהרען ביז ראבינזאן. די מאדאם איז דורשטיג.

דאן האט ער זיך א לייג געטהאן אויף די וועסלעס און האט זיך אוועקגעטראגען אזוי שנעל, אז זיי האבען איהם באלד פון זייערע אויגען פערלארען.

פון ווייטען האט זיך געהערט א שטענדיגער, אונבעשטימ־טער, דומפּפער גערויש, וועלכער איז צוגעקומען אלץ נעהנטער און נעהנטער. דער גאנצער טייך האט עפּעס אזוי ווי געציטערט, אזוי ווי דער דאזיגער גערויש וואלט פון זיין טיעפעניש ארויפגעשטיגען.

— וואס איז דאס? — האט זי געפרעגט:

דאס איז דאס וואסער געפאלען איבער דעם דאמם, וועל־כער האט אויף דעם שפּיץ פון'ם אינזעל דעם טייך דורכגעשני־טען. ער האט עס איהר אנגעהויבען צו ערקלעהרען, ווען דורך דעם גערויש פון'ם וואסער פאל, האט זיך פון ווייטען דערהערט דער סוויסטשען פון פויגעל. ער האט זיך אבגערופען:

— די נאכטיגאלען זינגען ביי טאג, וויל די זי'ען בריהען אוים זייערע אייערלאך.

א נאכטיגאל! זי האט נאך קיין מאל ניט געהערט קיין נאכטי־גאל, און דער געדאנק, אז באלד וועט זי זיך צוהערען צום נאכטיגאל'ס געזאנג, האט אנגעפיהלט איהר הארץ מיט דער גרעסטער צערט־ליכקייט. א נאכטיגאל, דער אונגעזעהענער עדות פון ראמעא און יוליא'ס ליעבע, די דאזיגע מוזיק מיט וועלכע דער הימעל בע־גלייט די קושען פון די מענשען, דער דאזיגער געזאנג, אין וועלכען די קליינע, ארימע, מיידעלשע הארץ זעהט דעם אידעאל פון ראָ־מאנטישער בייגקעניש.

און זי וועט אלזא באלד הערען די טרעלען פון א נאכטיגאל.

— לאמיר ניט מאכען קיין ליארעם — האט געזאגט איהר בע־גלייטער — דאן קענען מיר אריינגעהן אין וואלד און זיך זע־צען גאנץ נאהענט.

די שיפעל איז שטיל צוגעשוואומען. עס האט זיך בעוויזען

דער אינזעל מיט די בוימער, וועלכע האבען זיך געצויגען ביז צום ברעג. זיי זיינען ארונטער אויף'ן ברעג און צוגעבונדען די שיפעל. העגריעטע האט זיך אנגעשפארט אויף הענריך'ס ארעם און זיי זיי־נען צוזאמען אוועק צווישען די געדיכטע בוימער.

— בויגט זיך אביסעל איין! — האט ער געזאגט.

זי האט זיך איינגעבויגען און זיי האבען געטראטען צווישען געדיכטע בושעס, פארצווייגטע קוסטעס און הויכע גראז. זיי זיינען צוגעקומען צו א קליינער פערבארגענער ליעטאנקע, צו וועלכער מען האט געמוזט קענען דעם וועג און וועלכע דער יונגער מאן האט לאכענדיג אנגערופען זיין „פריוואט צימער".

פונקט איבער זיי, אין די צווייגען פון א בוים, וועלכער האט זיך איבער זיי אויסגעשפרייט, איז געזעסען דער פויגעל און גע־טרילערט זיין ליעד. לאנג אויסגעצויגענע זיסע טענער האבען אנגעפילט די לופט און זיך פערלארען ערגעץ ווייט, ווייט אויף דער אנדער זייט טייך, וואו די היץ האט געברענט.

זיי האבען ניט גערעדט א ווארט, אויס מורא דער פויגעל זאל ניט אוועקפליהען. זיי זיינען געזעסען איינער נעבען אנ־דער'ן. הענריך האט לאנגזאם ארויפגעלעגט זיין ארעם אויף הענ־ריעטא'ס לייב און זי לייכט צוגעצויגען צו זיך. זי איז ניט בייז געווארען, האט נור גענומען די דרייסטע האנד און זי שטיל אב־גערוקט פון זיך יעדעס מאל, ווען זי האט זיך צו איהר צוגערוקט. אבער די דאזיגע צערטליכקייט האט זי ניט געבראכט אין פער־לעגענהייט, עס איז געווען א גאנץ נאטירליכע זאך. פונקט אזוי נאטירליך, ווי דאס וואס זי האט איהם פון זיך אבגעשטופט.

א גליקליכע האט זי זיך צוגעהערט צום געזאנג פון'ם פויגעל. זי האט דערפיהלט א אונענדליכען פערלאנג נאך גליק, א בעדער־פעניש נאך לאסקעס, נאך צערטליכקייט און אין גאנצען איז זי דורכגעדרונגען געווארען פון עפעס א וואונדערליכער פאעטישער שטימונג. איהרע נערווען זיינען געווארען אויפגערעגט, און אויף'ן הארצען איז איהר געווען אזוי גוט און אזוי אומעטיג, אז עס האט זיך איהר געוואלט וויינען, זי האט אליין ניט געוואוסט פארוואס.

איצט האט דער יונגער מאן זי צוגעדריקט צו זיך און איהר איז שוין מעהר אין זינען נים געוועז איהם צו וועהרען.

פלוצים איז דער נאכטיגאל אנשוויגען געווארען. פון ווייטען האט א שטימע אויסגערופען:

— הענריעטע!

ער האט שטיל געזאגט צו איהר:

— ענטפערט נים, דער פויגעל קען זיך נאך דערשרעקען און אוועקפליהען.

און זי האט אפילו נים געטראכט צו ענטפערען.

אזוי זיינען זיי געבליעבען זיצען א שטיק צייט. מאדאם דופאיר איז אפנים געזעסען נים ווייט פון דאנען, ווייל מען האט געהערט א אונבעשטימטען גערויש, פון צייט צו צייט א קליינעם געשריי פון דער דיקער פרוי, וועלכע האט זיך מסתמא געשפיעלט מיט צווייטען מאטראז.

דאס יונגע מיידעל האט שטיל געוויינט. ווארימע געפיהלען האבען זיך צו איהר אין הארצען אריינגעגנב'עט, איהר איז היים געווארען און א שווידער איז איהר איבער'ן לייב אריבער. הענריך'ס קאפ איז געלעגען אנגעשפארט אויף איהר אקסעל און פלוצים האט ער איהר א קוש געטהאן אין מויל. זי איז געווארען אויסער זיך, האט זיך געוואלט פון איהם ארויסדרעהען און האט זיך אווארף געטהאן אויף צוריק. אבער ער האט זיך א ווארף געטהאן אויף איהר און זי צוגעדעקט מיט זיין לייב. א צייט נאכאנאנד האט ער געזוכט איהרע ליפען, וועלכע האבען זיך פון איהם אליץ אוועקגעדרעהט, דאן האט ער זיי געפונען און צוגעדריקט זיין מויל צו זיי. דא איז אויף איהר אנגעפאלען א אונגעוועהנליכע לוסט: זי האט געענטפערט אויף זיינע קושען און איהם ליידענשאפטליך צו איהר ברוסט געדריקט. איהר גאנצער ווידערשטאנד איז געבראכען געווארען, ווי דערשטיקט פון א צו שווערע מאסע.

און ארום איז אלעס געווען שטיל. דער פויגעל האט ווידער אנגעהויבען צו זינגען, צוערשט האט ער ארויסגעלאזען דריי דורכדרינגענדע טענער ווי א ליעבעס געשריי, און דאן שוין מיט

א שוואכערען קול געגומען לאנגזאם טרילערען זיינע זיסע מעלאָ־דיען.

א לייכטער ווינטעלע האט א וועה געטהאן, די בלעטער האבען געגומען רוישען און אונטער די בוימער האבען זיך ארויסגעריסען צוויי גליהענדע הייסע זיפצען און זיך אויסגעמישט מיט דעם געזאנג פון'ם פויגעל.

דא איז דער־פויגעל געווארען ווי פאר'שיכור'ט, זיין שטימע האט געשטיגען אלץ העכער און העכער, ווי א פייער, וואס האלט אין אויפפלאמען, אדער א ליידענשאפט, וואס ברעכט אויס מיט אמאל, און עס האט געשיינט, ווי ער וואלט געגעבען די בעגלייטונג צו די שטילע קושען דארט אונטער די בוימער. דאן האבען זיך פלוצים פון זיין העלזעל געגומען גיסען הויכע, שטארקע, ליידענשאפטליכע טענער. פון צייט צו צייט איז ער אנשוויגען געווארען און זיך אבגערוהט. א צוויי דריי מאל איז זיין ליעד עפּעס ווי אבגעשטארבען און דאן גלייך ווידער אבגעלעבט און די לופט איז אנגעפיהלט געווארען מיט שטארקע, מעכטיגע טענער. א ציטערן איז דורך דעם געזאנג דורכגעגאנגען. מיט אמאל האט עפּעס ווי איבערגעריסען די הייסע ליעבעס־ליעד מיט א געשריי פון טריאומף.

פלוצים איז ער אנשוויגען געווארען. אונטער איהם האט זיך דערהערט א טיעפער זיפץ. ווי דער לעצטער אטעם צוג פון א שטערבענדען. ביסלאכווייז איז אבגעשטארבען דער דאזיגער גע־רויש און דער זיפץ איז איבערגעגאנגען אין א שלוכצען.

זיי זיינען ביידע געווען בלאס, ווען זיי האבען זייער גרינעם געלעגער פארלאזען. דער בלויער הימעל האט זיי אויסגעזעהן דונקעלער ווי פריהער. פאר זייערע אויגען איז די גליהענדע זון פארלאשען געווארען און איצט האבען זיי מיט אמאל דערזעהן די גרויסע איינזאמקייט, די טיעפע שטילקייט. איילענדיג זיך, ניט רעדענדיג א ווארט און ניט אנריהרענדיג זיך, זיינען זיי געגאנגען איינע נעבען צווייטען, ווי זיי וואלטען געווארען בלוטיגע שונאים. צווישען זיי האט זיך אוועקגעשטעלט דער עקעל און א טיעפער האס.

פון צייט צו צייט האט הענריעטא אויסגערופען:

— מאמא!

אונטער א קוסט האט מען דערהערט א גערויש און הענ־ריד'ן האט זיך געדאכט, אז ער האט געזעהן א ווייסען אונטער־ראק, וועלכען מען האט שנעל איבער א דיקען פוס ארויפגעצוי־גען. דאן האט זיך בעוויזען די פרוי, עטוואס פערלעגען, נאך דויטער ווי געוועהנליך, מיט בליסטשענדיגע אויגען און א שטארק בעוועגענדיגע ברוסט, זי איז געגאנגען אביסעל צו נאהענט צו איהר בעגלייטער. יענער האט געמוזט איבערלעבען זעהר וואונ־דערליכע זאכען, ווייל אויף זיין פנים האט געשוועבט עפעס א מאדנער שמייכעל, וועלכען ער האט זיך געמאטערט צו אונטער־דריקען.

מיט א צערטליכע מינע האט מאדאם דופאיר איהם גענומען אונטער'ן ארעם און זיי זענען אוועק צו די שיפלאך. הענריך האט שטום געטראטען פאראויס נעבען דער יונגער מיידעל און פלוצים האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט הינטער זיך א האלב פערשטיקטען קוש.

צום סוף זיינען זיי צוריק אנגעקומען קיין בעצאן.

הערר דופאיר, וועלכער האט זיך שוין געהאט אויסגעניכטערט, איז געווען אונגעדולדיג. דער יונגער מאן מיט די בלאנדע האאר האט נאך עפעס געגעסען, איידער זיי זיינען אוועק פון רעסטאַ־ראן. דער וואגען איז געשטאנען אן איינגעשפאנטער אויף'ן הויף און די באבע, וועלכע איז שוין געזעסען אינעווייניג, איז געווען אויסער זיך פאר מורא, אז זיי זאל ניט אויסקומען צו פאהרען צוריק אין דער פינסטער. די אומגעגענד פון פאריז איז ניט גע־ווען גאר זיכער.

מען האט זיך געדריקט די הענד און די דופאירס זיינען אוועקגעפאהרען.

די מאטראזען האבען זיי נאכגעשריען:

— צום ווידערזעהן!

א זיפץ און א טרעהר האבען זיי געענטפערט.

* *
*

אין צוויי מאנאטען ארום, ווען הענריך איז געגאנגען איבער דער רו־דע־מערטירס, האט ער איבער א קראם דערזעהן א צע־טעל:

„דופאיר, שניט קרעמער".

ער איז אריין אינעווייניג.

די דיקע פרוי איז געשטאנען הינטער'ן קאנטער. זיי האבען זיך גלייך דערקענט.

ער האט איהר געזאגט א סך העפליכקייטען און געפרעגט, וואס זיי מאכען:

— ווי געהט עס פריילין הענריעטא?

— א דאנק, זעהר גוט. זי האט חתונה געהאט.

— אה!

ער איז געווארען זעהר דערשראקען. עס האט איהם א צופ געטהאן ביים הארצען און ער האט ווייטער גערעדט:

— מיט וועמען?

— אט מיט דעם יונגען מאן, וועלכער איז דאן מיט אונז געוועזן אויף'ן פיק־ניק. איהר ווייסט, ער וועט שפעטער ווערען אונזער נאכפאלגער אין געשעפט.

— אה, אזוי?

ער איז אוועק פון דארט זעהר א טרויעריגער, ער האט אליין ניט געוואוסט פארוואס. פרוי דופאיר האט איהם ניט דרייסט צוריקגערופען און געפרעגט:

— וואס מאכט אייער פריינד?

— ער איז געזונד.

— גריסט איהם פון מיינטוועגען. און ווען ער איז אין אונזער געגענד, זאגט איהם, ער זאל אביסעל אריינקומען.

זי איז געווארען זעהר רויט און האט צוגעלייגט:

— זאגט איהם, אז דאס וועט מיר פערשאפען גרויס פערגעני־נען.

— איך וועל עס ניט פארגעסען. אדיע!

— גייז, צום ווידערזעהען!

* *

*

אין א יאהר ארום איז א געוויסען זונטאג ווען עס איז גע־ווען זעהר הייס, האט זיך הענריך פלוצים דערמאנט אז דער דאזי־גער געשיכטע און אלע איינצעלהייטען פון יענעם טאג האבען מיט אמאל אבגעלעבט אין זיין זכרון. עס איז איהם בעפאלען אזא בענקעניש, אז ער איז איינער אליין אוועק צו זייער „פריוואט צימער" אין וואלד אריין.

ווען ער איז צו יענעם פלאץ צוגעקומען, איז ער געבליעבען שטעהן ערשטוינט: זי איז דארט געווען. זי איז געזעסען אויף דאס גראז מיט א טרויעריגע מינע, בעת ביי איהר זייט אהן א רעקעל מיט די ארבעל פון דער העמד ארויס, איז געלעגען איהר מאן, דער יונג מיט די בלאנדע האאר און איז געשלאפען ווי אן אלטער דזשאד.

ווען זי האט דערזעהן הענריך'ן, איז זי געווארען אזוי בלאס, אז איהם האט זיך געדאכט, אז זי וועט חלש'ן. דאן האבען זיי ביידע גענומען פלוידערען, ווי צווישען זיי וואלט קיינמאל גאר־נישט פאסירט.

אבער ווען ער האט איהר דערצעהלט, אז ער האט דיעזען פלאץ זעהר ליעב, אז ער קומט אפט אהער זונטאג, אום זיך אויס־צורוהען אין גראז און זיך צו דערמאנען אן יענעם שעהנעם טאג, האט זי איהם לאנג אריינגעקוקט אין די אויגען אריין און געזאגט:

— איך דענק וועגען דעם יעדען אבענד.

אין דיעזער מינוט האט זיך איהר מאן אויפגעכאפט און גע־זאגט מיט א גענעץ:

— נו, מיין ליעבע, איך גלויב, עס איז צייט צו געהן א היים.

אנדרע'ס קראַנקהייט.

דעם נאַטאַריאוס הויז איז ארויסגעקומען מיט'ן פראַנט צו דער גאַס. פון הינטען האַט זיך געצויגען ביז צו אַ שטילער, ווייניג־בעוואהנטער געסיל, אַ לאנגער, שעהנער גאַרטען, אַן ארומגעצוימטער מיט אַ וואַנד.

דאָרט האַט די פרוי פון נאטאריאוס מאַרא מעריוו, וועלכער איז איהר שוין אַ צייט לאַנג נאָכגעלאָפען.
מעראוו, וועלכער איז איהר שוין אַ צייט לאַנג נאָכגעלאָפען.

איהר מאַן איז אוועקגעפאָהרען קיין פאריז. זי איז געווען פריי אַ גאַנצע וואָך. דער קאַפּיטאַן האַט אזוי געבעטען, איז אזוי צוגעשטאנען און האָט גערעדט אזעלכע זיסע רייד! זי איז גע־ וועז איבערציינט, אז ער ליעבט זי היים, ליידענשאפטליך און דערצו האָט זי זיך געפיהלט אזוי איינזאם, אזוי פערגעסען און פערוואָרפען צווישען די קאָנטראקטען, וועלכע איהר מאַן האָט אָבגעגעבען זיין גאנצער צייט, אַז זי האָט אוועקגעשענקט איהר האַרץ, ניט אָבגע־ בענדיג זיך קיין רעכנונג, צו זי וועט ניט אמאָל אוועקגעבען נאָך מעהר...

נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מאָנאטען־לאנג געליעבט פלאטאָניש, געדריקט זיך די הענד און ווען־ניט־ווען פער'גנב'עט אַ קוש גע כאַפּט, האַט דער קאַפּיטאַן ערקלעהרט, אַז ער פערלאָזט גלייך די שטאָדט און וועט בעטען זיינע פאָרגעזעצטע, מען זאָל איהם אוועק־ שיקען אין אַן אנדער פּלאַץ, אויב זי וועט איהם ניט בעשטעלען אַ צוזאַמענקונפט. אָבער עס מוז זיין אַ ריכטיגע צוזאמענקונפט אין דעם שאטען פון די בוימער און בעת דער מאַן וועט ניט זיין אין דער היים.

זי איז געווען שוואַך און האָט צוגעזאָגט.

און איצט האָט זי איהם ערוואַרט, שטעהענדיג אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, מיט אַ קלאַפּענדיגען הארצען און אויפציטערנדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער ביי דעם מינדסטען געריוש.

דאָ האָט זי דערהערט, ווי עמיצער קלעטערט איבער דער וואַנד. זי האָט געוואָלט אנטלויפען, טאָמער איז דאָס ניט ער, טאָמער איז דאָס גאָר אַ גנב? אָבער ניין. אַ קול האָט שטיל אויסגערופען: „מאַטילדע!" זי האָט געענטפערט: „עטיען!" און פון דער וואַנד, קלינגענדיג מיט'ן שווערד, איז ארונטערגעשפּרונגען אַ מאַן.

ער איז דאָס געוועזען און האָט זי געקושט היים.

לאַנג זיינען זיי געשטאַנען ארומגענומען, ליפּען צו ליפּען צו־געפּרעסט. אָבער פּלוצים האָט אָנגעהויבען גיסען אַ קליין רעג־גענדעל; די טראָפּענס, פּאַלענדיג פון איין בלעטעל אויף דער צווייטער, האָבען געראַשט אין דער דונקעלהייט. ווען דער ער־שטער טראָפּען איז צו איהר אויף'ן נאַקען ארונטערגעפאַלען, האָט זי זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

ער האָט געזאָגט:

— מאַטילדע, טהייערע מיינע, נשמה מיינע, לאָמיר געהן צו אייך. עס איז נאָך האַלבע נאַכט, קיין ברעקעל געפאַהר איז דערביי נישטאָ. קומט, איך בעט אייך, איך בעט אייך.

זי האָט געענטפערט:

— ניין, מיין ליעבער, איך האָב מורא. ווער ווייס וואָס מיט אונז קאָן טרעפען.

אָבער ער האָט זי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס און איהר אריינ־געשושקעט אין אויער:

— די דיענער שלאָפען אויף דעם דריטען שטאָק צום פראָנט. דיין צימער געפינט זיך אויף'ן ערשטען שטאָק צום גאָרטען צו. קיין מענש קען אונז נישט זעהן און נישט הערען. איך ליעב דיך. איך וויל דיך ליעבען פריי, אין גאַנצען פון קאָפּ ביז די פיס...

און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און איהר דעם קאָפּ צו־מישט מיט זיינע קושען.

זי האָט זיך נאָך געוועהרט צושראָקען און פערשעהמט. אָבער ער האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן ארום טאַליע, זי אויפגעהויבען אין דער

הויף און אוועקגעטראָגען אונטער דעם גוס רעגען.

די טיר איז געווען אָפען. אויף די שפּיץ־פינגער זיינען זיי אויף די טרעפּ ארויף. ווען זיי זיינען אריין אין צימער, האָט זי צוגעריגעלט די טיר, ווערענד ער האָט אָנגעריבען אַ שוועבעלע.

אַ פערמאַטערטע, צום חלש׳ן נאָהענט, האָט זי זיך ארונטערגעלאָזט אויף אַ שטוהל. ער האָט זיך געשטעלט פאַר איהר אויף די קניע און זי לאַנגזאַם אויסגעטהאָן. אָנגעהובען האָט ער פון די שיך און זאָקען, אום איהר די פיס צו קושען.

שווער אָטהעמענדיג, האָט זי געזאָגט:

— ניין, ניין, עטיען, איך בעט דיך, טהו עס נישט, לאָז מיר בלייבען אנשטענדיג... איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט פערגעסען. עס איז אזוי העסליך, אזוי גראָב! מען קאָן דאָך ליעבען אָהן דעם אויך...

מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַמער־מיידעל און דעם איילעניש פון אַ מענשען וואָס האָט קיין צייט נישט, האָט ער אָהן אַן אויפהער אָבגעשפּיליעט קנעפּלאַך, אָבגעבונדען בענדלאַך, אָבגעמשעפּעט העקלאַך, פונאַנדערגעלאָזען שנירלאַך... און ווען זי האָט געוואָלט אויפשטעהן און פון זיין פרעכהייט אנטלויפען, איז זי פּלוצים ארוים פון איהרע רעק, קליידער און וועש, ווי אַ נאַקעטע האַנד פון אַ מופטע.

אַ צושראָקענע, האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן צום בעט, אום זיך הינטער די פאָרהאַנגען צו בעהאַלטען. אַ געפעהרליכע באַהעלטעניש! ער איז אוועק נאָך איהר. אָבער ווען ער האָט אין איילעניש געוואָלט ארונטערנעהמען פון זיך דעם שווערד, איז די וואַפע מיט אַ קלינגעריי אויף דר׳ערד ארונטערגעפאַלען.

גלייך האָט זיך דערהערט פון׳ם צווייטען צימער, וואו די טיר איז געווען אָפען, אַ לאַנגער, שניידענדיגער, רחמנות׳דיגער געשריי פון אַ קינד.

זי האָט געזאָגט אין דער שטיל:

— אַך, דו האָסט אויפגעוועקט אַנדרע׳ן. איצט וועט ער שוין ניט קענען צוריק איינשלאָפען.

איהר זוהן איז אַלט געווען פופצעהן מאָנאַטען און האָט גע־

שלאפען אין א דערבייאיגען צימער, אום די מוטער זאל שטענדיג קענען אויף איהם אכטונג געבען.

אבער דער קאפיטאן האט אין זיין אויפרעגונג פון קיין זאך ניט געוואלט הערען:

— וואס געהט עס מיך אן, דאס איז ניט מיין זאך! איך ליעב דיך, דו ביזט מיינע, מאטילדע.

אבער זי האט זיך געוועהרט מיט פערצווייפלונג און שרעק:

— ניין, ניין, הער דאך, ווי ער שרייט. ער וועט אויפוועקען דאס קינדער־מיידעל. וואס וועט זיין, ווען זי וועט קומען אהער? דאן זיינען מיר דאך ביידע פערלארען. עטיען, הער אויס. ווען ער מאכט אזעלכע קולות ביינאכט, נעהמט איהם זיין פאטער אלע מאל אריין צו אונז אין בעט, אום איהם צו בערוהיגען. דאן ווערט ער גלייך שטיל, אין דער מינוט. קיין אנדער מיטעל איז נישטא. לאז מיך געהן, איהם ברענגען אהער, עטיען.

דאס קינד האט געריעוועט מיט בענומענע קולות. ווי מען וואלט איהם מיט שפיזען געשטאכען, זיינע שניידענדיגע קולות האט מען געמוזט הערען אין גאס אפילו דורך די דיקסטע ווענד.

דער קאפיטאן איז אויפגעשטאנען. מאטילדא האט זיך א ווארף געטהאן אין צווייטען צימער, געכאפט דאס קינד און עס געבראכט צו זיך אין בעט. עס איז גלייך אנשווייגען געווארען.

עטיען האט זיך אוועקגעזעצט רייטענדיג אויף'ן שטוהל און זיך געמאכט א פאפיראס. אין פינף מינוט ארום איז אנדרע אנשלאפען געווארען. די מוטער האט געמורמעלט:

— איך וועל געהן איהם צוריק אוועקטראגען.

און זי האט אזוי פארזיכטיג, ווי נור מעגליך אוועקגעלעגט דאס קינד צוריק אין וויגעל אריין.

ווען זי איז צוריקגעקומען האט זי דער קאפיטאן ערווארט מיט אפענע ארעמס.

ער האט זי א כאפ געטהאן און גענומען דריקען צו זיך מיט ווילדער ליידענשאפט. זי האט געפיהלט, אז זי איז בעזיעגט און, ארומנעהמענדיג איהם, האט זי געפליסטערט:

— עטיען, עטיען... איך ליעב דיך, אך, ווען דו וואלסט וויסען ווי... ווי...

דא האט אנדרע ווידער אנגעהויבען צו וויינען. דער קאפּיטאן, אויסער זיך פאר כעס, האט א געשריי געטהאן:

— צום טייפעל! וועט דער שרייער דארט גארנישט פערמאכען דעם מויל!..

ניין, דער שרייער האט ניט געוואלט שווייגען און גערעוועט מיט אלע קרעפטען.

מאטילדע'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז זי הערט אויבען, איבער זיך, א גערויש. הפנים, דאס קינדערמיידעל האט זיך אויפגעכאפּט און איז געגאנגען אהער. זי האט אין גרויס היילעניש געבראכט איהר זוהן אין איהר בעט און ער איז באלד ווידער שטיל געווארען.

דריי מאל נאכאנאנד האט מען איהם אריינגעלעגט אין וויעג, און דריי מאל נאכאנאנד האט מען איהם ווידער געמוזט פון דארט ארויסנעהמען.

דער קאפּיטאן סאמעריוו איז אוועק מיט גארנישט א שעה פאַרטאג, פּלוכענדיג און שימפּפענדיג, וויפיעל ער האט נור געקאנט.

אום איהם צו בערוהיגען, האט איהם מאטילדא צוגעזאגט, אז זי וועט נאך היינט ביינאכט ווידער מיט איהם צוזאמענקומען.

ער איז געקומען, ווי נעכטען, אבער נאך אונגעדולדיגער און נאך מעהר צוברענט פון דעם לאנגען ווארטען.

גאנץ פארזיכטיג האט ער אוועקגעלעגט דעם שווערד אויף די הענטלאך פון א פאטעל. האט שטיל, ווי א גנב, אויסגעטהאן די שטיוועל און גערעדט אזוי שטיל, אז מאטילדא האט איהם קוים געקענט הערען. ענדליך וועט ער זיין גליקליך, פאלשטענדיג גליקליך... פּלוצים האט עפּעס — דער פארקעט, א שטיק מעבעל אדער גאר די בעט — א סקריפּע געטהאן. עס האט זיך דערהערט א טרוקענער קלאנג, ווי עפּעס וואלט צובראכען געווארען. און גלייך אויף'ן שטעל האט איהם אבגעענטפערט א געשריי, פריהער שוואך, דערנאך הויך און שניידענדיג. אנדרע האט זיך אויפגעכאפּט.

ער האט געקווייטשעט, ווי א פוקס. אויב דאס זאל אזוי אנ־האלטען, וועט דאס גאנצע הויז זיך אויפכאפען.

די מוטער איז געלאפען און איהם שנעל געבראכט צו זיך אין בעט. דער קאפיטאן איז נישט אויפגעשטאנען. ער האט זיך גע־קאכט פאר כעס.

שטילערהייד האט ער אויסגעצויגען די האנד, אנגעכאפט מיט צוויי פינגער א שטיקעל פלייש פון דעם עופה'לע און עס א קניפ געטהאן. דאס קינד האט זיך גענומען וואַרפען, פערטויבענדיג מיט זיין געשריי. דער קאפיטאן האט ווייטער געקניפט, געקניפט נאך שטארקער מיט א ווילדער רציחה. ער האט פלינק געכאפט א שטי־קעלע פלייש, עס צוזאמענגעדריקט, דערנאך אבגעלאזען און גע־כאפט אן אנדערס דערבייי, און אזוי נאך אמאל און ווידער אמאל.

דאס קינד האט געשריען, ווי א געקוילעטער ציפליאנאקל, אדער ווי א הונד, וועלכען מען שמייסט מיט א בייטש. די צו־שראקענע מוטער האט איהם געקושט, געהאלזט, סטארענדיג זיך עס צו בערוהיגען און מיט איהרע קושען זיינע געשרייען צו פערשטיקען. אבער אנדרע איז געווארען אין גאנצען בלוי, ווי פון קרעמפפען, און האט זיך פערצווייפעלט געווארפען מיט די הענטלאך און פיס־לאך.

דער קאפיטאן האט געזאגט צערטליך:

— פרוביר איהם ברענגען צוריק אין זיין וויעג, אפשר וועט ער זיך דארט בערוהיגען.

מאטילדא האט גענומען דאס קינד אויף די הענד און איז אוועק מיט איהם אין צווייטען צימער.

אזוי שנעל, ווי ער איז פון דער מוטער'ס בעט ארויס, האט ער זיך גענומען בערוהיגען און, ווען מען האט איהם אריינגעלגט אין זיין אייגענע בעטעל, איז ער אנשוויגען געווארען און נור ווען־ניט־ווען א כליפע געטהאן.

דערנאך איז שוין די גאנצע נאכט געווען רוהיג. און דער קא־פיטאן איז געווען גליקליך...

אויף מארגען ביינאכט איז ער ווידער געקומען. ער האט גע־רעדט מיט א הויכען קול, אנדרע האט זיך אויפגעכאפט און גענומען

שרייען. די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן און איהם געבראַכט אהער, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט איהם ווידער גענומען קנייפּען אזוי שטארק און אזוי לאנג, אז דאָס קינד איז זיך פערגאנגען, האָט פערגלאָצט מיט די אויגלאַך און פון מויל האָט איהם אַ שוים ארויס־געשלאָגען.

מען האָט איהם אוועקגעלעגט צוריק אין וויעגעלע אריין און ער האָט זיך גלייך בערוהיגט.

אין פיער טעג ארום האָט ער שוין מעהר נישט געוויינט און האָט זיך שוין מעהר נישט געבעטען צו דער מוטער אין בעט.

שבת ביינאכט האָט זיך דער נאָטאריוס אומגעקעהרט צוריק אהיים און האָט ווידער פערנומען זיין פּלאַץ אין הויז און אין בעט.

מיעד פון דער רייזע האָט ער זיך געלעגט פריה שלאָפען. ווען ער איז אָבער ווידער אריין אין זיין פריהערדיגען לעבען מיט די אלטע געוואהנהייטען און נאָכדעם ווי ער האָט ערפילט זיינע פליכ־טען אלס עהרליכער און בראַווער מענש, האָט ער זיך פּלוצים גע־כאַפּט:

— אַ מאָדנע זאַך! אנדרע וויינט גאָרנישט היינט ביינאכט. ברענג איהם אהער אביסעל, מאַטילדע, איך האָב איהם ליעב צו פיהלען צווישען אונז.

די פרוי איז גלייך אויפגעשטאנען און געבראַכט דאָס קינד. אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט זיך דערפיהלט אין בעט, וואו ער האָט נאָך גאָרנישט לאנג אזוי ליעב געהאַט איינצושלאָפען, האָט ער זיך גענומען וואַרפען און דרעהען פאַר שרעק און געמאַכט אַזעלכע קולות, אז מען האָט איהם געמוזט צוריק ברענגען אין זיין וויעג.

הערר מארא האָט עס גאָר נישט געקענט פערשטעהן:

— וואָס טהוט זיך מיט איהם היינט? עפּעס איז דאָ ניט גלאַט! אפשר איז ער מיעד?

זיין פרוי האָט געענטפערט:

— די גאנצע צייט זייט דו ביזט אוועקגעפאָהרען, האָט ער זיך אזוי אויפגעפיהרט. איך האָב איהם קיין איין מאָל ניט געקענט נעהמען צו זיך אין בעט.

ווען דאָס קינד איז אויף מאָרגען אין דער פריה אויפגעשטאַ־

נען, האָט עס געשפּיעלט, געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענטלאַך.
דער נאַטאַריאוס האָט אַנגעקוואַלען קוקענדיג אויף זיין אינגעלע,
האָט איהם געקושט און אַוועקגעטראָגען אין זייער בעט אריין.
אַנדרעַ האָט געשטיפּט, געלאַכט, זיך געפּרעהט אַזוי ווי
אַלע קליינע קינדער. אָבער דאָ האָט ער דערזעהן דאָס בעט. אין
וועלכער זיין מוטער איז נאָך געלעגען, און זיין גליקליך לאַכעדיג
פּנים'ל איז מיט אַמאָל ערנסט געוואָרען, האָט זיך פערקרימט און
א מורא'דיגער געשריי האָט זיך פון זיין האַלז ארויסגעריסען, אַזוי
ווי עמיצער וואָלט איהם געפּייניגט.

ערשטוינט, האָט דער פאָטער געזאָגט:

— דעם קינד פעהלט עפּעס.

און ער האָט אויפגעהויבען אנדרעַ'ס העמדעל צו זעהן, אויב
עס טהוט איהם ניט עפּעס וועה.

דאָ האָט ער ארויסגעלאָזט אַ שרעקליכען געשריי. די פיס־
לאַך, די קניע, די זייטען, דער גאַנצער הינטען פון'ם עופה'לע איז
בעדעקט געוועזען מיט ברוינע און בלויע פלעקען, ווי אַ טאַלער די
גרויס.

דער נאַטאַריאוס האָט אַ געשריי געטהאָן:

— מאַטילדאַ, טהו נור אַ קוק, דאָס איז דאָך שרעקליך!

די מוטער איז צוגעלאָפען אַ צושראָקענע. אין מיטען פון
יעדען פלעק האָט זיך געצויגען אַ בלויער פאַס מיט פערטריקענטע
בלוט. דאָס איז אודאי געוועזען עפּעס אַ שרעקליכע קראַנקהייט, דער
אָנהויב פון אַזאַ צרעת, פון וועלכער די הויט ווערט אויפגעלאָפען
אין גאַנצען אין פּענכערס, ווי דער רוקען פון אַ זשאַבע, אָדער אין
שופּען, ווי ביי אַ קראָקאָדיל.

צושראָקען האָבען די עלטערן געקוקט איינער אויף'ן אנדערן.
דער נאַטאַריאוס האָט אויסגערופען:

— מיר מוזען גלייך שיקען נאָך'ן דאָקטאָר!

אָבער מאַטילדעַ, בלייך ווי דער טויט, האָט זיך איינגעגעסען
מיט די אויגען אין איהר צופּאַסעוועטען זוהן. פּלוצים האָט זי
ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי, אַזוי ווי זי וואָלט זעהן פאַר זיך

עמיצען, ווער עס האָט אויף איהר אַרויפגעיאָגט אַ שרעק. און האָט אַרויסגעקריצט:

— אַך, וואָס פאַר אַ לומפּ!

הערר מאָרא האָט געפרעגט ערשטוינט:

— וואָס? פון וועמען רעדסטו? ווער איז אַ לומפּ?

זי איז רויט געוואָרען ביז צו די וואָרצלען פון די האָאר און האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— גאָרנישט... דאָס איז... דו ווייסט.. איך שטויס זיך אָן.... מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר.... די לומפּיגע קינדער־מיידעל קנייפּט מסתמא אַזוי דאָס קינד, אום עס זאָל שווייגען.

דער נאָטאַריאוס איז געוואָרען אויסער זיך. ער האָט אַריינגעשלעפּט דאָס מיידעל און זי שיער נישט צו׳הרג׳עט. יענע האָט אונפערשעהמט געלייקענט, אָבער מען האָט זי גלייך אַרויסגעיאָגט.

איהר שלעכטע אויפפיהרונג אַנטקעגען קינד איז געמעלדעט געוואָרען אין דער פּאָליציי און דאָס האָט איהר געשטערט צו קריגען אַן אַנדער פּלאַץ.

דער דערטרונקענער

אין גאנץ פעקאן איז ניט געווען קיין איין מענש, וועלכער זאָל ניט וויסען די געשיכטע פון דער אלמנה פאַטען. מיט איהר מאַן איז די אַלטע קיין מאָל ניט געווען גליקלאַך, ווייל ער האָט זי זיין גאנץ לעבען לאנג געדראָשען, ווי קאָרן אין שייער.

ער האָט פערמאָגט אַ'ן אייגענע פישער־שיפעל און האָט מיט איהר אַמאָל געהייראַט פאַר איהר שענקייט, כאָטש זי איז געווען אָרים.

פאַטען, אַ'ן אויסגעצייכענטער מאַטראָז, אָבער אַ גראָבער נפש, האָט אָפט בעזוכט דעם שענק פון פעטער אָבאָן, וואו ער פלעגט אין געוועהנליכע טעג אויסטרינקען פיער־פינף גלעזלאַך בראַנפען, און ווען ער האָט אַ סך פיש געכאַפּט, אכט אָדער צעהן און אַמאָל נאָך מעהר, עס האָט זיך געווענדט אָן דעם, ווי ער איז אויפגעלעגט געווען.

בראַנפען האָט דעם פאַטער אָבאָן'ס בעזוכער דערלאַנגט זיין טאָכטער, אַ שענע ברונעטקע, וועלכע האָט מיט איהר שעהנעם אויסזעהן צוגעצויגען די מענשען צום שענק. קיין שלעכט וואָרט האָט אָבער קיינער אויף איהר ניט געזאָגט.

ווען פאַטען איז געקומען אין שענק, איז ער געווען גערן זי צו זעהן און האָט איהר געזאָגט אַ פּאָאַר פריינדליכע, העפליכע ווערטער אויף אַ רוהיגען, אַנשטענדיגען אופן. נאָך דער ערשטער גלעזעל האָט זי זיך איהם שוין אויסגעוויזען אַ סך שענער; נאָך דער צווייטער האָט ער צו איהר צוגעוואונקען מיט אַ'ן אויגעל, נאָך דער דריטער האָט ער געזאָגט: „ווען איהר זאָלט נור וועלען, פריילען דעזירע...“ און האָט קיינמאָל ניט געענדיגט די פראַזע; נאָך

דער פיערטער האָט ער פּרובירט אָנכאַפּען זי פאַר'ן קליידעל און א קוש טהאָן, און ווען ער איז געקומען צו דער צעהנטער גלעזעל, האָט פעטער אַבאַן איהם אַליין אָנגעגאָסען די איבעריגע.

דער אַלטער שענקער, וועלכער האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען זיין געשעפט, האָט זיך בענוצט מיט דער טאָכטער, אום צו צווינגען זיינע געסט צו טרינקען וואָס מעהר. דעזירע, וועלכע איז ניט אומזיסט געווען די טאָכטער פון איהר פאָטער, איז ארומגעלאָפען צווישען די טרינקער, האָט זיך מיט זיי געוויצעלט, געלאכט, געשפּיעלט מיט די אויגען.

טרינקענדיג א גלעזעל נאָך א גלעזעל, איז פאַטען אזוי צוגעוואָהנט געוואָרען צו דעזירע'ס פּנים, דאָס ער האָט איהם ניט אויפגעהערט צו זעהן אַפילו אויף'ן ים. ער האָט געטראַכט וועגען איהר, ווען ער האָט פערוואָרפען די נעצען אין אָפענעם ים, האָט געטראַכט אין שטורעמדיגע און אין שטילע נעכט, ביים לבנה שיין און אין נעבעל. האָט געטראַכט וועגען איהר, שטעהענדיג ביים רודער פון שיפעל, און אין דער צייט, ווען זיינע פיער חברים זיינען געשלאָפען, מיט די הענד פערלייגט הינטער די נאַקענס. ער האָט זי געזעהן, ווי זי שמייכעלט צו איהם און גיסט איהם אָן דעם גלעזעל בראַנפען מיט עפּעס אזא מין לייכטער בעוועגונג פון דער האַנד און דאַן זאָגט זי פאַר'ן אָוועקגאַנג:

— אָט אזוי. נו, איצט זייט איהר שוין צופריעדען?

און ווייל ער האָט זי שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען און זי איז איהם פון די געדאַנקען ניט ארויס, האָט איהם אָנגעכאַפּט אזא לוסט זי צו הייראַטען, דאָס ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען און איהר געמאַכט אַ'ן אַנטראַג.

ער איז געווען רייך, האָט געהאַט אַ'ן אייגענע שיפעל, אייגענע נעצען און א הייזעל אונטען אין דעם טהאָל. וועהרענד דער פעטער אבאַן איז געווען אָרים און האָט גאָרנישט געהאַט. זיין אַנטראַג איז גלייך אָנגענומען געוואָרען און די חתונה איז געשפּיעלט געוואָרען אזוי שנעל ווי מעגליך, ווייל ביידע צדדים האָבען זיך שטאַרק געאיילט, הגם מחמת פערשיעדענע טעמים.

אָבער אין דריי טאָג ארום נאָך דער התונה האָט שוין פאַטען

ניט געקענט בעגרייפען, ווי אזוי ער האט געקאנט זעהן אין דעזירע'ן מעהר, ווי אין אלע אנדערע מיידלאך. ער איז דאך טאקע אויף א'ן אמת געוועזן א פרא אדם זיך אנצוהענגען אויף'ן האלז א ווייב, וועלכע האט ניט קיין גראשען ביי דער נשמה. זי האט איהם הפנים בע'כישופ'ט מיט דעם בראנפען, אין וועלכען זי האט זיכער עפעס אריינגעטהאן.

און ער האט זיך געזידעלט און געשאלטען, זייענדיג אויף'ן ים, האט צוביסען די ליולקע מיט די צייהן, געקריעגט זיך מיט די מאטראסען... אויסגיסענדיג זיין גרים צארן אויף אלע און אלעמען ארום. האט ער דעם רעשט פון זיין כעס אויסגעלאזען צו די פיש, וועלכע ער האט אייכציגווייז פון זיין נעץ ארויסגענומען און זיי געווארפען אין קערב אריין, בעגלייטענדיג עס מיט א גאנצען האגעל פון זידלערייען און שימפפ־ווערטער.

דערנאך, ווען ער איז אהיים געקומען צו זיין ווייב, האט ער זיך גלייך גענומען בעגעהן מיט איהר, ווי מיט דער ערגסטער פרויענצימער. אזוי ווי זי, זייענדיג געוואוינט צו'ם פאטער'ס צארן, האט איהם אויסגעהערט אונטערטהעניג, האט איהם איהר רוהיג־קייט נאך מעהר אויפגעבראכט און איין מאל, אין אן אבענד, האט ער זי געשלאגען. פון דאן אן איז דאס לעבען ביי איהם אין הויז געווען שרעקליך.

צעהן יאהר נאכאנאנד האט מען אין דארף פון קיין אנדער זאך ניט גערעדט, ווי נור פון די קלעפ, מיט וועלכע פאטען איז מכבד זיין ווייב און פון די זידלערייען און קללות, וואס ער גע־ברויכט רעדענדיג מיט איהר. און שילטען און זידלען זיך האט ער געקאנט, ווי קיין אנדער מענש אין פעקאן. ווי נור זיין שיפעל האט זיך בעוויזען נאהנט צום ברעג, אומקעהרענדיג זיך פון א פיש־פאנג, האבען אלע אויף'ן ברעג געווארט אויף דעם ערשטען אויס־גוס פון שימפפווערטער, וועלכען ער וועט פון זיין שיפעל א שליי־דער טהאן ארוים אויף'ן ברעג, ווי נור ער וועט דערזעהן דעם ווייסען מטעפיק פון זיין ווייב.

שטעהענדיג פון הינטען און ניט אראבנעהמענדיג די אויגען פון דער נאז און די זעגלען, האט ער די שיפעל געפיהרט. און טראץ

דעם ברויזענדען ים, דער שווערקייט פון דעם ענגען דורכגאנג, טראָץ די וועלען, וואָס האָבען זיך ווי הויכע בערג אויפגעהויבען, האָט ער געזוכט מיט די אויגען צווישען די פרויען, וועלכע האָבען ביי'ם ברעג אונטער'ן שפּריצען פון די וועסלעס זייערע מענער ערוואַרט, זיין ווייב, די אויסוואורף, די טאָכטער פון פעטער אַבאַן.

ווי נור ער האָט זי דערזעהן, האָט ער, איבערשרייענדיג דעם געריוש פון ווינד און וועלען, איהר אנטקעגען געשיקט אזא שטראָם מיט שימפּפעריייען, דאָס אלע האָבען זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער, הגם זיי האָבען שטאַרק בעדויערט די ארימע פרוי. דערנאָך, ווען די שיפעל איז שוין צוגעקומען צום ברעג, האָט ער צוזאַמען מיט די פיש אויך אויסגעלאָדען דעם רעשט פון זיינע קללות און זידלערייען, אזוי, דאָס ארום זיין שיפעל פלעגען זיך שטענדיג פערזאַמלען אלע לעדיג־געהער און פוסט און פאַסניקעס פון דאָרף.

די שימפּפערייען זיינען ביי איהם ארויס פון האלז, דאָ קורצע און שרעקליכע ווי דאָס שיסען פון קאַנאָנען, און דאָ לאַנגע און הילבענדע, ווי שטאַרקע דונערן, וועלכע האָבען אין פערלויף פון פינף מינוט זיך געשאָטען אין אַ שטראָם פון גראָבע רייד.

דערנאָך, ווען ער האָט זיין שיפעל פערלאָזען און איז געשטאַנען מיט איהר פּנים לפנים אין מיטען פון א נייגעריגען עולם, מיט די פישערשע ווייבער ארום, האָט ער ווידער אמאָל אויסגעשאָטען א נייעם שטראָם מיט גראָבקייטען און שימפּפווערטער; אזוי האָט ער זי בעגלייט ביז דער היים, זי פאַראויס, ער נאָך איהר, זי וויינענדיג מיט ביטערע טרערען, ער שילטענדיג מיט טויטע קללות.

אזוי שנעל ווי די טיר האָט זיך הינטער זיי צוגעמאַכט, האָט ער זי געשלאָגען אָהן רחמנות במעט גאָר אָהן א פאַרוואָס. די קלענסטע קלייניגקייט איז געווען גענוג, אז ער זאָל אויפהייבען אויף איהר זיינע הענד, און האָט ער זי איינמאָל גענומען שלאָגען, האָט ער זיך שוין ניט געקענט אָבשטעלען, געוואָרפען איהר אָפען אין פּנים אריין די אורזאַך פון זיין האסס און ביי יעדען קלאַפּ, ביי יעדען פּאַטש בייז געליאַרמט:

— אך, דו קבצן'טע! אך, דו באָרפוסע שלעפּערקע דו! ווען ניט איך, וואָלסטו דאָך פאַר הונגער קראַפּירט... נישקשה, א שעהן

שטיקעל ארבייט האָב איך אָבגעטהאָן יענעם טאָג, ווען, אָנגע־שיכורט פון דיין טאַטענס סם המות, האָב איך זיך צו דיר גע־שדכנ'ט!

די אונגליקליכע פרוי האָט איצט איין געלעבט אין איין ציטערניש, אין שטענדיגער מורא פאר נייע בעליידיגונגען און נייע קלעפּ.

אַזוי זיינען אַוועק גאַנצע צעהן יאָהר. זי איז געווען אַזוי פערמוטשעט, דאָס בעת זי פלעגט ריידען מיט מענשען, פלעגט זי זיך טרייסלען. און איצט האָט זי שוין פון קיין זאַך מעהר ניט געטראַכט, ווי אויסער פון די קלעפּ, וואָס שטעהען איהר פאָר. פאר דער צייט איז זי געוואָרען אויסגעדאַרט, געל און צוטריקענט, ווי א גערויכערטער פיש.

2.

איינמאָל ביינאַכט, בעת איהר מאַן איז אויפ'ן ים אוועק, איז זי פּלוצים אויפגעוועקט געוואָרען פון יענעם בעזונדער'ן מין וואָיען פון'ם ווינד, ווען עס דאכט זיך, אַז דאָס וואָיעט א הונד, אַן אראָב־געריסענער פון קייט. זי האָט זיך אויפגעהויבען אין בעט א צו־שראָקענע, אָבער ניט הערענדיג מעהר קיין זאַך, האָט זי זיך ווידער געלייגט. אין דער אייגענער מינוט האָט זיך אין קאָמין דערהערט א מורא'דיגער טראַך, וועלכער האָט אויפגעטרייסעלט דאָס גאַנצע הויז; הילכענדיגע דונערס האָבען זיך גענומען קייקלען איבער'ן הימעל, ווי אַ גאַנצע סטאַדע ווילדע חיות וואָלטען זיך איבער איהם געטראָגען מיט אַ בענומענעם סאָפּען און רעווען.

דאַן איז זי אויפגעשפּרונגען און אוועקגעלאָפען צו'ם ברעג. אַהין זיינען שוין געלאָפען אַנדערע פרויען, מיט לאַנטערנעס אין די הענד. עס זיינען געלאָפען פישער, און אַלע האָבען אריינגעקוקט אין דער פינסטערניש אויפ'ן ים און געזעהן, ווי איבער די קעפּ פון די כוואַליעס האָט געקאָכט אַ ווייסער שוים.

דער שטורם האָט אָנגעהאַלטען פופצעהן שעה. עלף מאַטראָ־סען האָבען זיך ניט צוריקגעקעהרט אהיים, און צווישען זיי אויך פּאַטען.

ביי דיעפּפּ האָט מען געפונען די חורבות פון „דער יונגער

אמעליא" — אזוי האָט זיך גערופען זיין שיפעל. נעבען סען וואַ־לער, האָט מען געפונען די טויטע קערפּערס פון די מאטראָסען, אָבער פּאטען׳ס קערפּער איז צווישען זיי ניט געווען. אזוי ווי זיין שיפעל איז איבערגעהאקט געוואָרען אויף צוויי, האָט זיין ווייב אַ צייט לאַנג געוואַרט און מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צוריק־קעהרען. אויב עס איז געווען אַ צוזאַמענשטויס, איז מעגליך, אַז די שיף, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסען אָן זיין שיפעל, האָט איהם ארויפגענומען צו זיך און אוועקגעפיהרט אין ווייטע מקומות.

ביסלאַכווייז האָט זי זיך צוגעוואָהנט צו איהר לעבען אַלס אַלמנה, און האָט זיך יעדעס מאָל געטרייסעלט, ווען אַ שכנה, צי אַ׳ן אָרימאַן, אָדער אַ פאַרבייפאָהרענדיגער הענדלער זיינען פלוצים צו איהר אין הויז אריין.

איין מאָל, נאָך האַלבען טאָג, פיער יאָהר נאָך איהר מאַן׳ס פערשווינדען, געהענגדיג איבער דער אידישער גאַס, האָט זי זיך אָב־געשטעלט פאַר דאָס הויז פון׳ם אַלטען קאַפּיטאַן. דער דאָזיגער קאַפּיטאַן איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבען און אין הויז האָט מען אויספערקויפט זיינע מעבעל.

אין דיעזער מינוט האָט מען פערקויפט אַ פּאַפּוגאַי, אַ גרינעם מיט אַ בלויען קאָפּ; דער פויגעל האָט זיך ארומגעקוקט אויף דעם אָנגעקליעבענעם עולם מיט כעס און אונרוה.

— דריי פראַנק — האָט אויסגערופען דער פערקויפער; — דער פויגעל רעדט ניט ערגער פון דעם בעסטען אדוואָקאַט — דריי פראַנק!

אַ חבר׳טע פון פּאטען׳ס אַלמנה האָט זי אַ שטורכע געטהאָן אין עלענבויגען:

— איהר האָט געדאַרפט קויפען דעם פויגעל, איהר זייט דאָך רייך. אייך וועט ניט זיין אזוי אומעדיג און איהר וועט האָבען אַ צושטרייאונג; דער פויגעל איז אַ מציאה אפילו דרייסיג פראַנק אויך. צו יעדער צייט וועט איהר איהם קענען פערקויפען פאַר־צוואַנציג, פינף און צוואַנציג פראַנק!

— פיער פראַנק, מיינע דאַמען, פיער פראַנק! — האָט גע־האַלטען אין איין טענה׳ן דער פערקויפער — דער פויגעל זינגט

דאָס אבענד געבעט און דרשהנט ניט ערגער פון א גלח ! דאָס איז א'ן אונגעוועהנליכע ערשיינונג... א זעלטענהייט !

פאטען'ס אלמנה האָט געהעכערט נאָך פופציג סאנטים, און מען האָט איהר אָבגעגעבען דעם פויגעל מיט דעם אויסגעקרימטען שנאָבעל, און זי האָט איהם אין א קליין שטייגעל צו זיך אהיים אוועקגעטראָגען. זי האָט עס אוועקגעשטעלט ביי זיך אין צימער ; אָבער ווען זי האָט געעפענט די טירעל אוועקצושטעלען וואסער, האָט דער פויגעל איהר אזא ביס געטהאָן אין פינגער, אז ער האָט איהר צושניטען די הויט ביז בלוט.

— אך, וואָס פאר א שלעכטער ער איז ! — האָט געזאָגט די פרוי.

דאָך האָט זי איהם אָנגעשאָטען קערנדלאך קאָנאָפּליעס און קוקורוזע און געקוקט, ווי ער גלעט זיך ברייטלאך זיינע פעדערן און בעטראכט דערביי ביטרע זיין נייע היים און די נייע בעל־הבית'טע.

אויף מאָרגען, ווי נור עס איז טאָג געוואָרען, איז פאטענ'ס אלמנה אויפגעוועקט געוואָרען פון א הויכען, קלינגענדיגען, דייט־ליכען קול, פון פאטענ'ס קול, וועלכער האָט געשריען :

— שטעה אויף, ניעדערטרעכטיגער אויסוואורף !

זי האָט זיך אזוי דערשראָקען, אז זי האָט געכאפּט און בע־האַלטען דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע ; יעדען פריה־מאָרגען, ווי נור ער האָט די אויגען געעפענט, האָט דער פערשטאָרבענער איהר די דאָזיגע ווערטער געשריען אונטער'ן סאמע אויער, און זי האָט זיי גוט געדענקט.

צוטרעטענדיג מיט'ן גאנצען קערפּער, האָט זי זיך צונויפגע־דרעהט, ווי א בייגעל, אונטערגעשטעלט דעם רוקען אונטער די ערוואַרטעטע קלעפּ, דעם פּנים אין קישען בעהאַלטען און געמור־מעלט :

— רבונו של עולם, גאָטעניו, ער איז דאָ ! גאָט מיינער, ער האָט זיך צוריקגעקעהרט ! גאָט מיינער, העלף מיר !

די מינוטען זיינען געלאָפען ; קיין איין קלאַנג האָט ניט גע־שטערט די שטילקייט פון'ם צימער. דאַן, טרייסלענדיג זיך נאָך אַלץ, האָט זי אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון אונטער דער קלאָדרע,

זייענדיג ביי זיך גאנץ זיכער, אז איהר מאַן איז אין'ם צימער און וועט זיך גלייך אַ וואָרף טהאָן אויף איהר מיט די פויסטען.

זי האָט אָבער גאָרנישט געזעהן אויסער אַ דינעם שטראהל פון דער זונן, וואָס האָט זיך דורכגעריסען דורך'ן פענסטער צו איהר אין צימער אריין, און זי האָט אַ טראַכט געטהאָן:

— ער האָט זיך אודאי בעהאַלטען!

זי האָט לאַנג געוואַרט, דערנאָך האָט זי זיך אַביסעל בערו־הינט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— דאָס האָט זיך מיר מסתמא אויסגעוויזען, אזוי לאַנג, ווי ער בעווייזט זיך ניט.

זי האָט פערמאַכט די אויגען און געוואָלט צוריק איינשלאָפען, ערשט פלוצים האָט זי נאָהנט נעבען זיך ווידער דערהערט דעם דונערענדיגען קול פון דעם דערטרונקענעם, וועלכער האָט געשריען:

—דער טייפעל זאָל דאָס נעהמען! אַ פלוך אויף דיר! וועסטו אויפשטעהן צו ניט, אויסוואורף דו!...

זי איז אויפגעשפרונגען פון בעט מיט דעם געפיהל פון אַ גע־האַרכזאַמער, פאַסיוועה, דערשלאָגענער פרוי, וועלכע געדענקט נאָך אין פיער יאָהר ארום און וועט אימער געדענקען און פאָלגען דעם דאָזיגען קול... זי האָט ארויסגערעדט:

— איך בין דאָ, פאַטען; וואָס פערלאַנגסטו?

פאַטען האָט ניט געענטפערט.

דאַן, אַ צומישטע, האָט זי גענומען זוכען איבעראַל — אין די שאַפעס, אין קאַמין, אונטער'ן בעט — און, ניט געפינענדיג קיינעם איז זי צולעצט אַ פערצווייפעלטע געפאַלען אויף אַ שטול. זי האָט פערלאָרען דעם קאָפּ פאַר שרעק און איז געווען איבערצייגט, אַז פאַטענס נשמה האָט זיך צו איהר בעוויזען, אום זי צו מאַטערן.

פלוצים האָט זי זיך דערמאַנט אָן דעם בוידעם, אויף וועלכען מען קאָן ארויפקריכען פון'ם הויף, איבער אַ בעזונדערן לייטער. ער האָט זיך מסתמא דאָרט בעהאַלטען, אום צו זעהן, וואָס זי טהוט, און אום צו קאָנען אָנפאַלען אויף איהר אונערוואַרטערהייד. מסתמא איז ער דאָרט ערגעץ געפאַנגען געווען פון עפּעס ווילדע ברואים, האָט אַ צייט לאַנג געלעבט צווישען זיי און ביז אַהער ניט געקענט ארויס־

רייסען זיך פון זייערע הענד. איצט האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך ווילדער, נאָך בייזער, ווי פריהער. אין דעם איז זי געווען זי־כער, אין דעם האָט זי קיין איין מינוט ניט געקענט צווייפלען, נאָכ־דעם ווי זי האָט געהערט דעם קלאַנג פון זיין שטימע. אויפהוי־בענדיג דעם קאָפּ צו׳ם באַלקען, האָט זי געפרעגט:

— דו ביזט דאָרט אויבען, פאַטען?

פאַטען האָט ניט געענטפערט.

דאַן איז זי ארויסגעלאָפען פון הויז אין גרויס שרעק און, ציי־טערענדיג מיט׳ן גאַנצען קערפּער, איז זי ארויפגעקראָכען אויף׳ן לייטער, האָט געעפענט דעם בוידעם פענסטער, אריינגעקוקט אינעװייניג, און, אז זי האָט קיינעם ניט געזעהן, איז זי אריין, האָט ארומגעזוכט דעם גאַנצען בוידעם און קיינעם ניט געפונען.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בינטעל שטרוי, און גענומען וויינען. און בעת זי האָט געיאָמערט, בעפאַלען פון אַ שאַרפער, איבערנאַטירליכער אימה, האָט זי דערהערט אונטער זיך, אין שלאָפ־צימער, פאַטענס קול, וועלכער האָט שוין איצט אביסעל רוהיגער גערעדט:

— אַ העסליך וועטער! אַ משוגענער ווינד! אַ מיאוס וועטער! צום טייפעל, איך האָב נאָך נישט געגעסען קיין פריהשטיק!

זי האָט ארונטערגעשריען פון דעם בוידעם:

— איך בין דאַ, פאַטען; איך וועל באַלד צורעכט מאַכען זופּ. בייזער זיך ניט, איך געה!

און זי האָט זיך געלאָזט לויפען פון לייטער ארונטער.

אין׳ם צימער איז קיינער נישט געווען.

זי האָט דערפיהלט אזא שוואכקייט, דאָס זי האָט געמיינט, איהר טויט קומט אָן און האָט זיך שוין געקליעבען רופען צו הילף די שכנים, ערשט מיט אמאָל האָט דער קול אויסגערופען איבער איהר סאַמע אויער:

— צום טייפעל, איך האָב נאָך ניט געגעסען קיין פריהשטיק!

דער פּאָפּוגאַי, אין שטייגעל האָט געקוקט אויף איהר מיט זיין רונדען, ביטרען און בייזען אויג.

זי, א צומישטע, האָט אויך אַ קוק געטהאָן אויף איהם און אַרויסגעשטאַמעלט :

— אַך, דאָס ביזטו !

דער פויגעל האָט ווייטער גערעדט, דרעהענדיג מיט'ן קאָפּ :

— וואַרט, וואַרט, איך'ל דיר שוין אָנלערנען, ווי צו פוילענצען!

וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין איהר נשמה ? זי האָט גע־פיהלט, האָט פערשטאַנען, אַז דער דערטרונקענער האָט זיך צו איהר אומגעקעהרט... אַז ער איז געקומען אין דער געשטאַלט פון דעם דאָזיגען פויגעל, אום איהר ווידער צו מאַטערן... איז גאַנצענע טעג וועט ער ווידער, ווי פריהער, זי זידלען, בייסען און שילטען, פערקלייבענדיג אַרום די שכנים, וועלכע וועלען זיך דערפון אמו־זירען. דאַן האָט זי זיך אַ וואַרף געטהאָן צום שטייגעל, האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם פּאַפּוגי און גענומען איהם שטיקען... דער פוי־געל האָט זיך פערטהיידיגט, האָט זיך געוועהרט און געביסען און געריסען פון איהר שטיקער פלייש מיט זיין שנאָבעל און נעגעל. אָבער זי האָט איהם געהאַלטען פעסט מיט ביידע הענד און אַ וואַרף טהוענדיג זיך מיט איהם אויף דר'ערד, האָט זי איהם געשטיקט און געריבען אונטער זיך מיט דער צורייצטקייט פון אַ משוגענער... צום סוף, האָט זי איהם דערשטיקט, צוריבען איהם אין איין שטיק־פלייש, אין איין גרינעם קייקעל, וועלכער האָט זיך שוין מעהר ניט בעוועגט און מעהר נישט גערעדט... זי האָט איהם איינגעוויקעלט אין אַ שמאַטע, ווי אין תכריכים, איז אַרויס פון הויז אין איין העמד, אַ באָרפוסע, איז אַוועק צום ברעג, אָן וועלכען דער ים האָט זיך געקלאַפּט מיט זיינע קורצע כוואַליעס, און אויפטרויסלענדיג די שמאַטע, האָט זי אַ וואַרף געטהאָן ווייט אין וואַסער אַריין דעם טויטען פויגעל, וועלכער איז איצט עהנליך געווען צו אַ הויפען גראָז. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעקעהרט אהיים, איז געפאַלען אויף די קניע פאַר דער לעדיגער שטייגעל, און אַ פערציטערטע פון דעם, וואָס זי האָט געטהאָן, האָט זי, שלוכצענדיג, געבעטען ביי גאָט מחילה, אַזוי ווי זי וואָלט בעגאַנגען אַ שרעקליכען פערברעכען.

ביכער

קאטאלאג

פון

„פארווערטס“

אויסגאבען:

„די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער בעוועגונג“, ארויסגעגעבען פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען. פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

ז. ליבין. „געוועהלטע ווערק“. 1טע און 2 טע בענדער. פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

ז. ליבין. „געוועהלטע ווערק“. (3טע און 4טע בענדער). פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

אב. קאהאן. „היסטאריע פון די פעראייניגטע שטאאטען“. 1טער באנד. פרייז—1 דאל., פארטא 30 ס.

אב. קאהאן. „היסטאריע פון די פעראייניגטע שטאאטען“. 2טער באנד. פרייז—1 דאל., פארטא 30 ס.

מאררים ראזענפעלד. „געוועהלטע ווערק“. 3 בענדער. פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

אב. קאהאן. „נשמה יתירה“ און „פעני׳ס חתנים“ פרייז 75 סענט. פארטא 15 סענט.

אויגוסט בעבעל. „די פרוי און דער סאציאליזמוס“, איבערזעצט פון ב. פייגענבוים. פרייז — 60 סענט, פארטא 15 סענט.

שלום אש. „מאטקע גנב“. פרייז— 75 סענט, פארטא 15 סענט.

גיו דע מאפאסאן. „געזאמעלטע ערצעהלונגען“, איבערזעצט פון לעאן קאברין. 1טער באנד. פרייז— 65 סענט, פארטא 15 סענט.

גיו דע מאפאסאן. „געזאמעלטע ערצעהלונגען“, איבערזעצט פון לעאן קאברין. 2טער באנד. פרייז— 65 סענט, פארטא 15 סענט.

גיו דע מאפאסאן. „געזאמעלטע ערצעהלונגען“, איבערזעצט פון לעאן קאברין. 3טער באנד. פרייז— 65 סענט, פארטא 15 סענט.

גיו דע מאפאסאן. „געזאמעלטע ערצעהלונגען“, איבערזעצט פון לעאן קאברין. 4טער באנד. פרייז— 65 סענט, פארטא 15 סענט.

גיו דע מאפאסאן׳ס בעריהמטער ראמאן „דער שעהנער פריינד“, איבערזעצט פון לעאן קאברין. (5טער באנד). פרייז — 65 סענט, פארטא 15 סענט.

עמיל זאלא. „די צוויי פיסיגע חיה“. ראמאן. איבערזעצט פון מ. זאמעטקין. פרייז—50 ס., פארטא 15 ס.

א ליטווין. „יודישע נשמות“, (ליטא) 1טער באנד. פרייז — 75 סענט, פארטא 15 סענט.

א ליטווין. „יודישע נשמות“, (ליטא). 2טער באנד. פרייז—75 סענט, פארטא 15 סענט.

א. ליטווין. „יודישע נשמות“. (גאליציען). 3טער באנד. פרייז—75 ס., פארטא 15 סענט.

שלום אש׳ס בעריהמטער ראמאן „מערי“. פרייז — 75 סענט, פארטא 15 סענט.

שלום אש׳ס בעריהמטער ראמאן „דער וועג צו זיך“. פרייז—75 ס., פארטא 15 סענט.

שלום אש. „ערצעהלונגען“. (3 בענדער, צווישען זיי „א שטעדטעל“, „קיין אמעריקא“, א. ז. וו.). פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

דר. א גינזבורג. „די ענטשטעהונג פון קריסטענטהום“. פרייז — 75 סענט, פארטא 15 סענט.

הלל ראגאף. „סיוויקס“. ווי אזוי אמעריקא ווערט רעגיערט. פרייז — 1 דאלאר, פארטא 30 סענט.

מיר האבען אויך פיעלע אנדערע ביכער און בראשורען.
שרייבט און מיר וועלען אייך שיקען א ליסט.

צו שיקען א בוך אדער ביכער דורך פאסט פערגעסט ניט צו שיקען די פארטא, ווי אנגעדייטעט אין דיזען קאטאלאג. שיקט היינט נאך די ביכער וואס איהר ווילט. אדרעסירט:

Forward Publishing Dep't, 173-175 East Broadway, New York.